STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00969

GEKLIBENE VERK

F. Bimko

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Burt E. & Betty Schear
in memory of
the Gantse Mishpokhe*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. בימקאָ

געקליבענע ווערק

אַכטער באַנד

נאָוועלן

פ. בימקאָ פאַרלאַג ניו יאָרק 1941

אין דער הייך
און אין דער נידער

געזעצט און געדרוקט אין צוועלף הונדערט און פופציק עקזעמפלאַרן,
אין דער דרוקעריי פון פאַזי־שאָולזאָן, 19 וועסט 21טע גאַס, אין דעם
יאָר ניינצן הונדערט איין־און־פערציק, ניו־יאָרק.

Copyright, 1941, by F. Bimco
62 East 3rd Street, New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

255

ערשטער טייל

צווישן האַמער
און קאָוואַדלע

I

דער שאַפּ,
עליע רבילע
און די יידלעך זיינע

I

אַז דער שאַפּ איז געלעגן אויף איינע פון די צעקרימטע געסלעך אין וויליאַמסבורג, האָבן זיינוול, פּיוול, דזשעק און די אַנדערע, — נישט געוואוסט, אַז זיי אַרבעטן אין אַ שאַפּ. דאָס נידריקע אָפּגעקראָכענע הויז האָט פון דרויסן גיכער אויסגעזעגן ווי עפּעס אַן אַלטע, צעפאַלענע חורבה, וואָס שטייט אויף הינערשע פיסלעך; און וואָס דאַרף נישט מער ווי ס׳זאָל עמיצער, מיט אַ כוסע אין קאָפּ, פאַרבייגייענדיק, — אַ בריקע טאָן אין ד ע ם מיטן פוס, איינמאָל און נאָך אַמאָל, אַז די ווענט זאָלן זיך צעפאַלן, דער דאַך אונטערגעבן און אַראָפּזעצן אויף דער ערד; נאָר אַזוי ווי ס׳האָט זיך אָבער אַזאַ שכור נישט געמאַכט, און אויב יאָ, — איז אים די האַלב צעפאַלענע חורבה, ווי אַ סך אַנדערע אויף דעם געסל, — קנאַפּ אַנגעגאַנגען, האָט עליע רבילע, דער בעל־הבית פון דער שאַפּקע, פאַרדאָס שוין געזען, — אַז ס׳זאָל דאָ אינווייניק, צווישען די פּוסטע, רויטע, אָפּגעריבענע ווענט קיין שאַפּ נישט זיין, יעדנפאַלס, — זיין שאַפּ נישט.

— עליע, וואָס ברענסטו אַזוי אויף די שאַפּקע דיינע? — כאַפּט אים אָן זיינוויל, איינער פון די בעלי־מלאכות זיינע, — אזא שלעכטס האָט זי דיר געטאָן? אזוי פיל בזיונות שוין פון איר געהאַט?

— ס׳א שאַפּ? — קאָכט זיך אויף עליע רבילע, וואָס מ׳פרעגט עס ביי אים, — אַ שטאַל!

— טאַקע נישט קיין שאַפּ, — רופט זיך אָן געלאַסן פּיוול, אַ צווייטער בעל־מלאכה, נישט קוקנדיק וואָס דער בעל־הבית זיינער צערייצט זיך, — אָבער פון ערגעץ אַנדערש נעמסטו דאָך אויף דעם

אַלעם נישט אַרויס, וואָס דו ברויכסט פאַרן הויז דײַנעם, — ווי פון איר?

עליע רבילען האָט עס נישט בחנם פאַרוואָרפן: ס׳איז טאַקע קיין שאָף נישט געווען נאָר אַ שטאָל. און כאָטש זיינוול, פּיוול, דזשעק און די אַנדערע האָבן דאָס אויך געוואוסט, און געווען זיכער: דאָס, אויב ס׳זאָל זיי אויסקומען אָפּצוזיצן דאָ נאָך אַ פּאָר יאָר, וועלן זיי אַרויסגיין פון אים אָן לונגען, אָדער אין בעסטן פאַל, — מיט אַסטמע; ווייל אויף קיין זון האָט מען, לכתחילה, ווי מ׳האָט גע־שטעלט דאָס הויז, נישט אויסגערעכנט, — זי זאָל אין דעם אַריינקומען. מ׳האָט נאָך, אפנים, דענסטמאָל געקענט ליגן בריות אין דרויסן און זיך באָקן אויף איר, — צו וואָס האָט מען זי ווידער נייטיק באַדאַרפט אינווייניק האָבן? און די נעציקייט פון די ווענט האָט געצויגן אין די פיס, אין רוקן, אין די זייטן, און וואו נישט? האָבן זיי אים פונדעסטוועגן דאָס נישט געוואָלט צוגעבן, זייער עליען; און יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיך אויף איר געוואָרפן ווי אַ גזלן: „זי ברויך נאָר קומען אויף אַ פייער, די שטאָל!“, — אים געזוכט אַראָפּצוקלאָפּן:

— דאָס וואָס זי איז נישט מער ווי אַ שטאָל, — ליגט דיר אפילו נישט אין דער לינקער פאה; ס׳גריבלט דיך נאָר, וואָס דו קענסט נישט מ ע ר מאכן; און ווילסט דיך נישט באַניגן לאָזן מיט דער שאַפקע, ווייל זי איז קליין, אַ פיצל, — אַזוי זוכסטו דיך אין עפּעס איינצוהילן, אונטער וואָס צו פאַרשטעלן, און אויסשטעכן מיט דעם די ציין: זי איז אַ שטאָל, א חורבה, אַ פינסטער לאָך...

— מ׳ווייסט, עליע...

— און וויפיל דו זאָלסט דיך נישט וועלן צלמען, וועט מען דיר אַלץ אַרויסזען די כשרע חזיר־פיסלעך דיינע...

ביז וואָס און ווי לאַנג זיינוול, פּיוול, דזשעק און די אַנדערע האָבן געצויגן אַהער, צווישן די רויטע אָפּגעקראָכענע ווענט, — האָבן זיי פאַר איר געהאַלטן שטאָל־און־אייזן; און אויב ס׳האָט זיי יאָ עפּעס אָנגערירט ביים געזונט, — זיך פאַר דאָס געזוכט אויסצורעדן:

— אַז ווי טייער ס׳שטיקעלע געזונט זאָל נישט זיין, לוינט נאָך אַלץ צו פאַרקוקן אַ האַרעלע, אַ פינטעלע, — אַבי נישט צו פילן דעם טעם פון אַ ריכטיקן שאָפּ...

זיצנדיק אינווייניק, אין די קליינע ברעקלעך שטיבלעך, האָט זיך זיי נאָר אויסגעדאַכט, ווי זיי וואָלטן געזעסן ביי זיך אין דער היים, אין היימישן ווערקשטעל, צו וועלכן זיי זענען געווען צוגעפלאָסן פון קינדווייז־אָן; געדריווועלט דעם ביינוול: אַ צי, אַ שלעפּ און אַ שטאָך... אַ צי, אַ שלעפּ און אַ שטאָך... אָן באַזונדערן געאייל, און אַזוי ווי נישט געשפּירט קיין רוט איבער זיך... עליע רבילע האָט גלייך מיט זיי יעדן אין דער פרי אַראָפּגעוואָרפן ס׳רעקל, פאַרשאַרצט די אַרבל פונעם העמד, און מיט אַלע אינאיינעם זיך געפּאָרקעט. און אויב ס׳איז ביי זייִנוול'ען, פּיוולען, דזשעקן, צי ביי וועלכן פון די אַנדערע, — אַוועק אַהיים דער קאָפּ: „מאָזלען, אַ ברוסט, גאָלשטיינער, צי עפּעס אַנדערש דאָרטן...״ און ס׳זענען דאָ אין שאָפּ נישט מער געבליבן ווי די בלויזע פאָר פּיס, אַראָפּהענגען; אַ פּלייצע, וואָס האָט זיך אַזוי מסוכן־ווייט אַריבערגעבויגן, ווי דער טיש וואָלט געשטאַנען אָפּגערוקט אויף אַ גוטע אייל; און די הענט געווען דרויסן פון אַלעם, נישט געטאָן גאָר...

האָט זיך אפילו אַזאַ שלימויז ווי עליע רבילע, ווען ער זאָל נאָר קיין גאָל נישט האָבן, — געקענט אויפכאַפּן און גאַנץ שיין אויף זיי אויפרייטן:

— מ׳שלאָפט ביי אים אין שאָפּ; מ׳שלאָפט־אָפּ ביי אים די יאָרן.

פלעגט ביי עמיצן פון די בעלי־מלאכות אויפלייכטן שיין ס׳פּנים:

— שלאָף אויכעט, עליע; ווער לאָזט דיך נישט? אינאיינעם אריין וועט זיין געשמאַקער...

און עליע רבילע, — זיך צעפלאַקערן ווי אַ שטרוי:

— אַ שאָפּ איז ביי אים, — אַ חדר, נישט קיין שאָפּ; אַ מושב זקנים.

צעלאַכן זיי זיך שוין ברייטער, די יידעלעך זיינע:

— דאָס איז דאָך די גאַנצע חכמה, וואָס סאַי קיין שאָפּ נישט; ס׳זאָל זיין אַ שאָפּ, אַ באָס, אַ פאָרמאַן, מיט אַלע זיבן גליקן, — וואָלט מען דאָ אין אים געזעסן? און אויב מ׳נעמט פאַר ליב די

שטאָל, די רויט־פֿאַרשמירטע ווענט, איז, ווייל מ׳גייט אין איר אַריין און אַרויס ווי ביי זיך אין דער היים...

אַ שטיק דעריבער האָט אויך עליע רבילע אָוועקגעקוקט: „וואו וועט ער זיך דאָ באַלד צוקלויבן פֿרישע הענט, כאָטש ס׳איז שווער און ביטער אין גאַס אַ פּעני אויפֿצוהייבן, — אין דעם גרוב אַריין?”, און ווען די נאָדל האָט אַן אַנדערש מאָל ביי וועלכן־ס׳איז, צוליב די אייגענע שטובּיקע פֿאַרטאָגנקייט, — אויפֿגעהערט נייען; ס׳געוואָנט זיך נישט געריררט, האָט ער שוין נישט איבערגעהאַקט, עליע רבילע, נאָר יענעם אַזוי געלאָזט פֿאַרקריכן, זיך אַנהאַלטן אין דעם דינעם שנירעלע פֿון דער מערקבאַרע מחשבה, וואָס האָט געציטערט ווי אַ דין זילבערן אומבאַרירט הערעלע, און באַדאַרפֿט פֿון זיך אַליין אַרויס־פֿאַלן ווי ביי אַן איבערגעוואַקסענע און איבערגעשטאַנענע אַלטע באָרד.

מ׳האָט דאָ זייער געמיטלעך געאַרבעט ביי עליע רעבילען אין דער שאַפּקע: אַ צי, אַ שלעפּ און אַ שטאָך... געשלעפּט די טעג ווי דעם ביינוול דורכן לאָך פֿון דער נאָדל, — נישט קיין חילוק, ווען זיי האָבן זיך דאָרט אַנגעהייבן: אַ ביסל פֿריער צי דער־נאָך, און ס׳רוב, נאָכן וועטער נאָך: איז שיין געווען אין דרויסן, די זון האָט געשמייכלט, כאָטש מיט אַ פּיצינקע שמייכעלע, אַ פּישטש, האָבן די גערינצלטע פּנימער ביי זיינוולען, פּיוולען, דזשעקן און די אַנדערע, — זיך געלייטערט און געהייטערט; די קערפּערס געוואָרן יונג־אַנגעהויבט, און די הענט זיך מער זיכערער געלייגט צום טאָן. קוים אָבער איז דער הימל אין דרויסן, איבער וויליאַמסבורג, אויס־געגאַנגען (אַ זאַך, וואָס סע טרעפֿט!), געוואָרן אויס הימל, און ס׳האָבן זיך גלאַט, נישט צו פֿאַרשטיין, — געקלעפּט שטיקער רויך מיט בלאָטע, אַנגעטראָגן מיט די שלעפּ־שיפֿן, פֿונעם „איסט־ריווער”, וואָס דרייען זיך ווי די ווערים צווישן די שטאָל־פֿאַבריקן אויפֿן ברעג פֿון דעם וואָסער, — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — אין אַזאַ טאָג, וואָס איז אַן אַ הימל איבערן קאָפּ, און אַ בלויזע האַנט איז שווערער ווי צוויי פּיס אַן אַנדערש מאָל, —

גייט עליע רבילע ארום אַן אַ קאַפּ, דערקענט נישט קיין מענטשן, און וואו צווישן צוויי ווערטער וואַרטשעט ער:

— ער וועט שוין היינט האָבן אַ ברכה אין דער נאָז! די אַרבעט וועט זיך נישט רירן פונעם אָרט, און בלייבן ליגן ווי אַ שטיין.

און אַז מ׳פרעגט אים:

— וואָס ווייסן זיי אין קבר: צי ס׳רעגנט אין דרויסן אָדער ס׳איז שיין, — אַז קיין זון קומט דאָרט נישט צו?

ענטפערט עליע רבילע:

— אַז די ביינער זענען שוין אַזוי אויסגעקרענקט ביי זיי, דאָס ווי ס׳מאַכט זיך נאָר אַ שטיקל רעגנדל, — קריכט ער גלייך צו זיי אַריין ווי דורך אַ הינטער־טיר, אפילו אין גרוב ליגנדיק; עסט זיך איין און רייסט ביי יעדן אין אַן אַנדער אבר, צעקרימט אים, — און זיי ווערן ביי אים אויס מענטשן.

II

ליינוול, פּיווּל, דזשעק און די אַנדערע, האָבן זיך אַלע נאָנט געהאַלטן, אין שכנות פון דער שאַפּקע, און נישט געברויכט פאָרן, לויפן, פון זיך אַרויסיאָגן די קישקעס מיט די געדערים. אַרויס־פאַלן פון בעט גלייך אין דער שאַפּקע; און מיט נישט אויסגעשלאָפענע אויגן, האַלב אַראָפּגעלאָזט די טונקעלע ברעמען, — זיך אַוועקזעצן ציפּן, דריוולען, נייען, און דערוויילע דערשלאָפן וואָס מ׳האָט אוועק־געכאַפּט און אַוועקגעריסן ביים שלאָף, ליגענדיק אין בעט.

און אַז עליע רבילע דערפילט די שלעפעריקייט, ווי זי נידערט אַראָפּ ווי אַ וואָלקן איבער אַלעם, — גיט ער זיך אַ טרייסל־אויף אַ פאַרלאָרענער: „די ברויטגעבער זיינע,“ און ס׳נעמט זיך פון זיין געבייזער נאָכגיכער ערגעץ אויפכאַפּן אַ מאשינדל, אַרויסקריכן פון דער הויט, און לאָזט זיך לויפן ווי אַ צעטומעלטע ציג, וועלכע מ׳האָט אומגערנוויליק דערלאַנגט מיט אַ ליפּע האַלץ איבערן קאָפּ; אויף יענעם קוקענדיק כאַפּט זיך אויף נאָך איינס, אויף זיי ביידן קוקענדיק, — אַ דריטס, אַ פערטס, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעמונטערט פון אַ מין חלשות, און נעמען אינאיינעם גיין, גיין האָפּערדיק:

— אַט אַזוי נייען מיר, אַז מ׳וויל.

— אַט אַזוי נייען מיר, אַז מ׳האָט חשק.

— אַט אַזוי נייען מיר, אַז ס׳שטייט אונדז אָן.

דאָס האַלט אָבער אויך נישט לאַנג אָן; ווייל צוליב זייער געדיכט קלאַפּן, די מאַשינדל־עכס, — מוזן זיי אויך: זיינוויל, פּיוול, דזשעק און די אַנדערע, — רעדן העכער פון דעם וואָס זיי האָבן, געוויינטלעך, צווישן זיך ביי דער אַרבעט צו רעדן. פּראָסט: איבערשרייען די מאַשינדלעך, איינער זאָל דעם אַנדערן קענען הערן.

דזשעק:

— וואָס זאָגסטו נישט צו אַזאַ טאָג ווי ס׳איז אין דרויסן, אַ? זיינוול!

זיינוול:

— כ׳זאָג: אַז ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס מ׳ברויך אים דאָ באַ־גראָבן, אין דער שטאָל, אַ? פּיוול!

פּיוול:

— אודאי איז בעסער צו זיצן אין דרויסן, אויף דער פּלאַזע, אַ? דזשעק!

— ער איז נישט דער ערשטער און אויך נישט זיין דער לעצטער, וואָס מ׳באַגראָבט דאָ, — באַמקעט צו איינער פון די אַנדערע.

עליען בריט דאָס, געפּערל־עך: „אַז ס׳רעגנט נישט נאָר ס׳איז שיין אין דרויסן, — וועט ער אויך ביי זיי זיין אין דר׳ערד מיט די ביינער?“ און דאָס איינגעזייפּטע שמייכעלע ביי אים אויפן פּנים מוז פאַרשטערט ווערן:

— האָבן זיי זיך שוין יאָ דערמאָנט עפּעס צו טאָן, — מוזן זיי דאָס ערשט באַרעדן...

אָנהייבן און אוועקצולייגן די אַרבעט אין דער דאָזיקער שאַפּקע, האָט מען געוואוסט, — ווען דער קוימען פון דער שטאָל־פאַבריק, האָט גענומען פּייפן; די שאַפּקע האָט איר אייגענעם זייגער נישט פאַרמאָגט, און זיך מיט דעם אינגאַנצן פאַרלאָזט אויפן קוימען:

— אַז דער קוימען וועט זיי ביידן נישט פאַרפירן.

עליע רבילע איז אויך איינגעגאַנגען אויפן קוימען, נאָר ס׳האָט אים עפּעס אַנדערש, וואָס ס׳האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָכן קוימען, —

געברענט: „וואָס אַריינצוקומען אין דער שאַפּקע ווען דער קוימען פּייפט, — זענען זיי ווייט הינטערשטעליק מיט די שטאָל־אַרבעטער, און אַהיימגיין עסן ווילן זיי גלייך מיט יענע, כאָטש ס'פעלט זיי היבש אויס פון פאַרנט און פון הינטן..." פונדעסטוועגן האָט ער אים אפילו מיט דער נאָכשלעפּעניש, געקענט אַלץ אַראָפּשלינגען. וואָרן אויפן זייגער, אַז זיי האָבן געאַרבעט, זענען זיי יאָ אין דער פרי געקומען צו דער מינוט און צו דער רגע? און צוועלף, אַלצאַיינס, נישט געגומען זיך אַרויסשאָרן? וואָס איז ווידער די נפקא מינה? דאָס זעלביקע שוואַרץ יאָר! אַז ער האָט געהאַט דעם זייגער הענגען, — איז מיט אים נאָך ערגער געוואָרן. די יידלעך האָבן זיך זעלטן געפונען איבערן טאָג אינאיינעם וואו ער האָט גע־האַנגען; איז אויסגעקומען, דאָס יעדע רגע איז איינער פון זיי געקומען צוקריכן פון ערגיץ אנדערש וואו (ער האָט דאָך נישט געקענט האָבן קיין זייגער אין יעדע שטוב באַזונדער, און יעדער זאָל נאָך אים אַרבעטן, נאָר איין זייגער פאַר אַלע!), און זיך דאָ אוועקגעשטעלט קוקן. איז גוט געווען, אַז יענער איז פונקט אַריין, ווען די צוויי ווייזערס זענען זיך געהאַט צונויפגעקומען אויף דער צוועלף; און אַז ער האָט אָבער געטראָפן מיט דריי, פיר, אָדער גאַנצע פינף מינוט דערנעבן, — האָט ער זיך שוין מער נישט אומגעקערט צו זיין מלאכה, נאָר געבליבן שטיין, זיי איבערוואָרטן: „צונויפדריין דעם אַרבל פונעם העמד, א הויז אויסגלייכן," — ווי אַזוי צו דערהרגענען די פּאָר מינוט האָט יעדער איינער לייכט געקענט אונטער דער האַנט געפינען...

און אַזוי ווי דאָס האָט אים נישט זייער איבריק געשמעקט, עליע רבילע, האָט ער אים איינגעפּאַקט, דעם זייגער: „ער קען דאָך, נאָך אַלעם, — נישט בדיל הדל ווערן ביי אים!" איז ווידער יעדערער געבליבן ביי זיין קליין זייגערל, וואָס אינעם וועסטל־קעשעניקל. ווי קען מען דאָס אַרבעטן בלינד, און זיין אינגאַנצן אָן אַ שטיקל זייגער? האָבן זיי זיך אָבער געמאַכט אַ טבע, און נאָך אַ פּאַסקודנע דערצו, — זיך אַלץ אינאיינעם אַ כאַפּ צו טאָן ביים בוזים; אויפהערן נייען און אָנטאַפּן ביים וועסטל, ווי ס'וואָלט זיי דאָרטן באַזונדער עפּעס געקיצעלט; און אַזוי ווי זיי האָבן דאָך אַלע נישט געקענט האָבן צו טאָן מיטן האַרץ, ווי זיי האָבן אים

דאָס געוואָלט איינרעדן, האָט עליע רבילע, וועלכן מ׳האָט קיין פינגער אין מויל אריין נישט געברויכט לייגן, — זיך גלייך געכאַפּט, אז דאָס קיצעלט יענעמן דאָס זייגערל אינעם וועסטל־קעשעניקל, ער זאָל מוזן דאַרויף אַ קוקטאָן. און האָט איינער אַרויסגעשלעפּט די „ציבעלע״ זיינע, האָט זיך דער צווייטער נישט באַנוגענט מיט איר, נאָר זיך אויך געמוזט באַווייזן מיט זיינע; א דריטער נישט געקענט אָפּשטיין פון דיביידע, — און אויך נעמען סכלי זיינס אין דער האַנט אריין; און אזויערנאָך איז אַ סך מאָל אויסגעקומען צו זען, ווי זיי האָבן אַלע אויפגעהערט נייען, האַלטן זייגערלעך אין די אויסגעשטרעקטע הענט, און ס׳גייט אוועק אַזאַ שמועס:

— ווי שפּעט איז ביי דיר, דזשעק?

— אַ פערטל נאָך עלף, פּייוול.

— ווי שפּעט איז ביי דיר, זיינוול?

— צוואַנציק נאָך עלף, פּייוול.

— און ביי דיר, פּייוול?

— אין איין האַלבע מינוט, וועט זיין זיבן און פופציק מינוט אַרום עלף, דזשעק.

ביז עליע רבילע האָט געזען, אַז ער קען דאָ אויך נישט אויסקומען, און אָפּגעשאפט די זייגערלעך פון די וועסטל־קעשעניקלעך: נישט געוואָלט מער אַנעמען דאָס קיצלען זייערס פאַר האַרץ־פּעלערס, און, אַז ס׳זאָל זיין גוט פאַר זיי און פאַר אים, — באַשטאַנען, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אויפן פייפער פונעם קוימען: אויב ער קען פייפן פאַר דער שטאָל־פאַבריק, זאָל ער אויך פייפן פאַר אים, — ווען אפילו זיי קלויבן זיך אין דער פרי צונויף עטוואָס שפּעטער, און אויפהערן מעדיקן מיט די זייגערס:

— כ׳האָב מיינעם אַנגעשטעלט מיט דער וועסטערן־יוניע...

— מיינער גייט צוגלייך מיטן מעטראָפּאָליטן...

און זענען, נאָכאַלעם, געטרוקט איינער פונעם אַנדערן מיט עטלעכע מינוט.

— —

נאָכן האַלבן טאָג גייט איטלעכער אַהיים צו זיך, אין זיין שטוב, וואו ס׳איינענע ווייב האָט שוין, געוויינטלעך, צוגעגרייט אויפן טיש פון אַ האַלבן „גריי־פרוט״, א ברעקל שמאַלץ־הערינג, א שוואַרץ שטיקל

פריש ברויט, ווייס ברויט, עטלעכע בייגל, א פלעצל מיט ציבעלעס, — אויב ס'וועט אָנשטעקן; צווייערליי קעז, — געדיכטע זויערע סמעטענע, וואָס מ'קען שניידן מיט אַ מעסער; און יעדער עסט, ווי איבערגעקליבן, פון דעם וואָס ס'שמעקט אים בעסער, — במנוחה, אומ־געאײַלט, אַזוי, דאָס ס'פעלט נישט מער אויס ביים טיש ווי די זמירות, אַז ס'זאָל זיין ווי אין אַ שבתדיקן טאָג. אַ צווייטער ברומט זיך טאַקע אונטער, וואָס אַרט עס אים? און טוט דערביי אַ קניפּ דעם ווייב אין הינטן מיט גרויס מתיקות: „ס'איז גאָרנישט צו באַ־צאָלן פאַר די היימישע געריכטסן!", און נאָכדעם זיך ווידער צונויפ־טרעפן, נאָך איידער מ'האָט זיך אומגעקערט אין דער שאַפּקע, צערעכט מאַכן דעם אַנדערן האַלבן טאָג, — אויף דער פלאַזע; דאָ, אויף דער ברייטער פלאַזע זיך פאַרוקן צווישן די ווייבער און קינדער וועגעלעך; און זיצענדיק אַזוי, אָטעמען מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָפענע מיי־לער, אַז די פולע נאָכמיטאָקדיקע רייפע זון, זאָל באַקן און גליען זייערע גלידער, וואָס זענען פון דער שאַפּקע טוכלע און צוגעלעגן; נישט האָבנדיק גאָר אונטער דער צונג, — תמיען מיט אָפענע פנימער, ווי מ'וואָלט אויפגענומען ד י וועלט מיט י ע נ ע וועלט, איינ־איינעם; רעדן לאָזן ארום זיך און צווישן זיך די ווייבער, קינדער, אין זייער הויך גערעדעריי, מיט וועלכע די פלאַזע האָט זיך דאָן איבערגעוואויגן, מיט אנגסטן ארויסגעקריגן פון די ארומיקע פאַר־דריפּעטע הייזער:

— שאָקלט אייך אָפּ פון זיי אצינד, — דאָ איז יעדעס ברעקל ווינטעלע א שטיק געזונט פארן אויסגעבלייכטן פיצל קינד.

ביז עליע רבילע פלעגט אין איין אָטעם אָנלויפן, און נעמען מאַכן מיט די הענט, שפּריצן מיטן מויל:

— אַרבעטאָרער מיינע! כ'וועל האָבן פון זיי ברויט צו עסן! זינט דער קוימען האָט שוין געפיפן, — און זיי זיצן נאָך אַלץ אין דער הינערפלעט אויף דער פלאַזע.

אַז דער קוימען פון דער שטאָל־פאַבריק האָט אויפ־געריסן די אויגן ביי זיינוולעז, וואָס האָט שוין געברויכט זיין אין שאָפּ, אים קוים ארויסגענומען פון שלאָף, און אַרויסגעטריבן איבערס

גוואַלט פון שטוב, — האָט ער ערשט געטראָפן די שאַפקע צוגעשלאָסן. האָט דאָס אים היבשלעך געשטאָכן: „אַלמאַי וואָלט ער די פּאָר מינוט נאָך צוגעלעגן אין בעט?" ווייל גראָד, ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי, — האָט ער י אָ געברויכט הערן דעם פייפער, און עליע רבילע נ י ש ט, — און זיך געמוזט אַוועקשטעלן (נאָר צוריקגיין זיך אריינלייגן אין בעט?), ברייט, בעל־הבתיש, די הענט אויף הינטן, — וואַרטן, ביז יענער וועט זיך אויסגראַבלען, טראַכטענדיק: „ער וועט שוין כאַפּן ביי אים דעם ריכטיקן פּסק, עליע רבילע!".

א קליין ביסל דערנאָך איז אויך פּיוול, ווי געוויינטלעך, געקומען צוקריכן אַ פאַרשפּעטיקטער, און אַז ער האָט דערזען דאָס שלאָס אויף דער טיר, געבליבן שטיין א נאַר: „הע? מה יום מיומים? וואָס איז היינט דערמער מיט אים פאר אלעמאָל?" שפּעטער לויפט אויך אָן דזשעק, א פאַרסאָפּעטער, נאָר־נאָר אריינצופאַלן אין דער אָפענער טיר, ווי ער איז עס פון אלעמאָל געוואוינט: „וואַ־וואַ, — אזוי צו פאַרשלאָפן!", און בלייבט שטיין, ווי דאָס שלאָס וואָלט פאַר אים געווען אַ גליק, — ער זאָל קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. קוקענדיק, קומען־אָן די אַנדערע, און ווי געוויינטלעך, נ אָ ך דער צייט, און שטעלן זיך, באַין־ברירה, אָפּ אין דרויסן, וואו זיי שטייען באַרוטע, אזוי ווי ס'וואָלט זיי גאָרנישט אָנגעהויבן צו אַרן, וואָס דער פייפער האָט שוין פון אזוי לאַנג געפּיפן... די שטאָל־פאַבריק זיך צעהילכט און שפּייט מיט וואָלקנס רויך אין הימל אריין... איינס און צוויי זענען אַלע געשטאַנען, דאָס גאַנצע געזעמל, און גאָרנישט ווי ארום א פאַרמאַכטע טיר פון א שאָפּ, וואו מ'ברויך אריינגיין ארבעטן, נאָר גיכער עפּעס ווי ביי א טיר פון א הויז, וואו מ'האָט זיך אויפגעקליבן צו א לויה. שטיל, אָן איין וואָרט, אזוי ווי ס'איז שוין נישטאָ איבער גאָר מער צו רעדן, און ווען נאָך אין מויל אריין צו נעמען. דאָס שלאָס אויף דער טיר איז ביי זיי אַלע א גרויסער חידוש: ווייל פאַר זייער צייט, ווי לאַנג דער זכרון טראָגט אויס, איז, ווען מ'האָט נישט געזאָלט צוקומען: איין שעה פריער, צוויי שעה, — שוין די טיר געשטאַנען אָפן, און די שאַפקע האָט זיי אָפּגעוואַרט נאָר אריינצונעמען; און זיי האָבן עליען צוליב דעם אריינגעלייגט אין א מיאוסן שם: „אז ער מוז גאָר קיינמאָל נישט אהיימגיין שלאָפן, נאָר נעכטיקט איבער די נעכט זיינע אין דער שאַפקע." שטייענדיק אזוי

האָט זיך ביי זיי צעשפּילט א שמייכל: „דאָס אַזאַ שיך פּנים ווי זיי האָבן אַצינד, אַז דער שאָפּ איז פאַרמאַכט, — מוז אויך עליע רבילע האָבן אַ גאַנץ גייענדיק יאָר, ווען דער שאָפּ איז אָפן און זיי לאָזן אויף זיך וואַרטן..." און דערמיט ווי אליין געשטעלט אויף זיין צד, עליע רביל'עס, זיך אליין אַנגעדרייט אן אויער: „מ'ברויך נישט זינדיקן קעגן פּייפּער..." און אַז מ'שטייט נאָך א ביסל, זעט אויף דער גאַס ביי זיי אלץ אויס, צו דער צייט, ווען זיי זענען תמיד אינווייניק, — ווי א חידוש... כע־כע... זיי האָבן ארום ניין אין דער פרי כמעט נישט געזען די גאַס גאַנצע צוואַנציק יאָר פאַר זייערע אויגן. ס'איז ביי זיי א נייס דער גראָסערימאַן, וואָס צעטראָגט פון ברויט, פון צוקער, פון טיי, אין די הייזער... זיי האָבן געהערט דערפון, אָבער געזען? און אויך די מאַמעס, וואָס האָבן צוגעפירט זייערע קינדער אין סקול, — ווי זיי גייען צוריק מיט די ליידיקע הענט, נאָר אָנצו־הענגען אויף זיי שווערע קאָרבן מיט אלעם גוטן; די מילכלייט מיט די מילכוועגענער, אייזמענער, קוילנמענער, לאָנדרימענער, און נאָך אלערליי מענער... און מ'נעמט אומגעדולדיק שלעפּן די געשוואָ־לענע זייגערס פונעם וועסטל־קעשעניקל, איצט מעג מען דאָך, — און מ'קוקט אויף די ווייזערלעך ווי זיי רוקן זיך:

— ווי שפּעט איז ביי דיר, זיינוול?

— אַ פערטל נאָך ניין, פייוול.

— און ביי דיר, פייוול?

— זיבעצן מינוט נאָך ניין, דזשעק.

און ער דערלעבט נאָך אַלץ נישט ארויסצוקומען, אויפמאַכן; דאָס שלאָס וויל נישט אראָפּ פון דער טיר, — אזוי לאָזן זיי שווער אַראָפּ די קעפּ, און קוקן פאַרטרויערט צו דער ערד. כאָטש א באָס, — אויב ס'האָט דאָ עפּעס נישט געטראָפן מיט אים: „מ'לעבט דאָך, נאָך אַלעם, אין א מדינה, וואו דער מענטש איז קיינמאָל נישט זיכער מיט זיך, און קען נישט וויסן, וואָס ס'וועט זיך טאָן מיט אים א רגע פריער צי דערנאָך..." און מ'נעמט זיך אלע צונויף, מ'גייט אינאיינעם אַוועק, אָן שום מיין און הינטערשיסעלעך, — צו אים. וואוינט ער דאָך דאָ אויך, אויף דער קופּע, אין איינע פון די האַלב איינגעפאַלענע הייזער: ארונטער, אַהער, אין מיטן און אין צווישן זיינוועלן, פייוולען, דזשעקן און די אַנדערע, — וואָס ברויך מען זיך שוואכן דעם

קאַפּ? ס׳האָט זיך דאָ קיין איינער נישט מיט וואָס צו באַנעמען קעגן דעם אַנדערן, אין גרויסן צו האַלטן: „זיינוול, — עליע; עליע, — פּיוול, אָדער די אנדערע...״ און מ׳קלאַפּט־אָן דרייסט ביי אים אין דער טיר:

— גוט־מאָרגן, עליע! וואָס אַזעלכעס האָט דיך דאָ באַגעגנט, וואָס דו קענסט נישט ארויסגיין אויפמאכן די שאַפּקע?

— אויך דאָס אייגענע וואָס סע טרעפט מיט יעדן איינעם פון אונדז, ער מוז אמאָל לענגער איבערבלייבן אין הויז, — ווייל ס׳ווייב האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף דער לינקער זייט, און קרייסט אויף א געשוואָלענע באַק?

— אויב אזוי, גיב אהער דעם שליסל פון דער שאַפּקע, עליע, — און מ׳וועט זיך אַוועקזעצן דריפּען אַן דיר; מ׳ברויך דיך דען האָבן דערצו?...

איז עליע פון דער צעפּראַלטער אָפּנהאַרציקייט געבליבן א גע־פּלעפּטער. ס׳האָרץ אים געגומען קלאַפּן ווי ביי אַ דזיימישן גנב, וואָס מ׳כאַפּט ביי דער האַנט, און מ׳זוכט אים נאָך אויסצורעדן מיט א שמייכל, — ער זאָל נישט בלייבן פאַרשעמט. ער איז אָבער גיך געקומען צו זיך, געגומען אויף זיך די ריכטיקע הויט, וואָס ער האָט נאָכאַנאַנד געזוכט צו פאַרדעקן; און מיט דעם וואָס ס׳האָט אין אים אַזוי לאַנג געבורזשעט, — געמוזט ארויספּלאַצן:

— ער וועט איר נישט ארויסגיין מער אויפמאַכן, — זאָגט ער טרוקן, הארט, און שאָקלט זיך דערביי צו, — ווייל די שאַפּקע גייט ארויס אויף דער אָפענער וועלט, קיין ניו־יאָרק, אין די העכערע גאַסן... ער קען איר דאָ מער נישט אויפהאַלטן אונטער דעם פאַר־רויכערטן הימל פון וויליאַמסבורג, — און זי ווערט מגולגל אין א גרויסן שאַפּ...

און דערזעענדיק ווי די יידלעך ווערן טויט אונטער די אויערן, זיי גלייך געזוכט אויפצומונטערן:

— איר האָט זיך גאַרנישט וואָס צו שרעקן, ווייל איר גייט־מיט מיט דער שאַפּקע; זי איז דאָך מיט אייך געבוירן געוואָרן, מיט אייך אויפגעמאכט די אויגן, און דאָרט קומען פאַרענדיקן אין איר; א גרויסע נפקא מינה אייך, וואו? אזוי ווי ס׳וועט זיך נאָר איינשטעלן,

אלץ זיין צוגעגרייט, וועט מען איך צו וויסן טאָן, — איר זאָלט אריבערקומען צו דער מלאכה...

זיינוול, פּיוול, דזשעק און די אַנדערע, האָבן זיך ערשט גענומען אומבייגן, — יענער צו דעם, דער צו יענעם; און אויסדריקן, גרימאַסן, האָבן פריער פאַר אַלעם, נאָך איידער די מחשבה האָט זיך פאַר־קליבן און באַקומען לשון אונטער דער צונג, — פאַרנומען אַ רחבותדיק אָרט ביי יעדן אויפן פּנים. זיי זענען אַזוי געשטאַנען, פונקט ווי ס׳פאַלט פאַר איינעם אַראָפּ אַ שטיק געזעמס פון אַ וואַנט, און דהאַרט צו די פיס, וואָס מיט אַ האָר, אַ קוק, אַ ווענד מיטן אויג, — האָט ער אויך געקענט פאַלן איבערן קאָפּ, און ס׳זאָל נישט בלייבן קיין שריד ופּליט פון געביין. עפּעס האָט זיך דאָ אויפ־געהויבן פאַר זיי, אַ ווינט, — זיך אַ דריי געטאָן פאַר די אויגן אין אַ רעדל, ווי ער דרייט זיך אַמאָל צונויף אויפן וועג, בלייבט אריינ־געקלעמט פון אַרום און אַרום, און שטעלט זיך אויף ווי אַ שטאַרץ צום הימל, פון גאַרנישט; ס׳איז זיך עפּעס צעפאַלן: אַ הויז, אַ געהייז, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך יאָרן און מיט גרויס מסירת־נפש, און וואָס מ׳האָט געהאַלטן און מ׳וואָלט דערפאַר געגאַנגען ביז אין בלוט, ווי פאַר אַ באַשטענדיקע און אייביקע זאַך; און ס׳איז ראַפּטום צעפלויגן געוואָרן אויף שטיק־שטיקלעך... ס׳איז ניט געווען דאָס, וואָס מ׳ברויך, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן יונג, מיט כח, מיט גבורה, — איצט אויפסניי אָנהייבן גיין אין חדר אריין, אויף דער לער: „מע מוז אַמאָל איבער אַ נאַכט דאָ קענען ווערן פון אַ בעקער אַ קוימענקערער, — נישט געפּער־לעך!", נאָר ווי דאָס איבערקערן דעם דאַרשלאַק מיטן בוידעם אַראָפּ: אַרויס פון די אייגענע פיר איילן, — ווערן צעשיידט מיטן הויז, זיין אָפּגעריסן פון דעם און פאַרפאַלן; נישט האָבן מער די שאַפּקע אונטער דער נאָז, און אַרויספאַלן פונעם בעט גלייך אין איר; עסן צוועלף בייטאָג די באַשמעקטע מאכלים, וואָס ס׳אייגענע ווייב וועט צוגרייטן און צוטראָגן: „עס, און ס׳זאָל דיר וואויל באַקומען!", נאָר אויסגעכאַפּט ווערן ערגיץ, ווערן געטראָגן פון אונטערדערדיקע און הענגלבאַנען, און אוועקלייגן ס׳געזונט מיטן לעבן, אַזוי ווי זיי וואָלטן עס נאָך געהאַט? און עס נישט אוועקגעלייגט אין דער שאַפּקע? אין דער ענגעניש און שפּאַרעניש, נאָך איידער מ׳וועט זיך

ברויכן אריינלייגן אויף א גאַנצן טאָג אינעם שאָפּ, ארבעטן; און ס'איז שוין נישט אזוי די ארבעט, מ'האָט אין דער שטאָל אויך נישט געקליבן קיין ניסלעך, — נאָר ווי דאָס זיין פּאַרוואָרפן און פאַרשפּארט אין דער גרויסער שטאָט, צווישן ווענט פון שטאָל און גראַניט; און דאָרטן שטעקן, הייסט, — זיין מיט אלעם באַשטאָט, איינגעמויערט; און זאָל זיך אין דער היים אלץ מעגן איבערקערן, ס'ביסל בעביכעס ווערן צעריבן, — דו ביסט נישט מער איר מענטש, קערסט דיך דערמיט גאָרנישט אָן, אזוי ווי ס'וואָלט נישט געווען מיט דיין היים און אזוינע גאָרנישט געהאָט; סיי, ווען א בייז באשריגעניש זאָל, נישט דאָ געדאַכט, זיך דאָרטן אָ צעשפּילטאָן איבער דיין האָב און גאָב, אָ ראָד פון אן אויטאָמאָביל ווענען פון דיין הויזגעזינט צערעכט מאַכן, און די גאַנצע גאָס זיין שוואַרץ פון מענטשן, די גוואַלטן שפּאַלטן די הימלען, — וועט מען דיך אָוועקרופן אָן א זייט, זיין צו דיר אזוי מילד, כמעט גענעדיק, און מיט אזוי פיל באַדויערן דיר זאָגן:

— מ'ברויך דיך האָבן פון דער היים.

עליע רבילע האָט זיך געכאַפּט, אַז ווי ער האָט זיי נישט געזאָלט אויסרעדן, — האָט ער דאָ דערהרגעט די פּאָר יידלעך זיינע, נישט ערגער ווי אָ גזלן אין וואַלד מיט אָ האַק אָדער מיט עפּעס אַן אַנדער טעמפּ שטיק אייזן, און, אַז ער זאָל בלייבן גערעכט, — זיך געזוכט אויסצוקויפן אין זייערע אויגן:

— אויב ער זאָל וועלן זיין אַן עקשן און לענגער מאַכן שבת פאַר זיך; זיך נישט אוועקשטעלן מיטן שאָפּ מיט אלע גרויסע שעפּער צוגלייך, דאָרטן וואו זיי זענען, אויף דער אָפּענער וועלט, — וועלן זיי אים סיי־ווי פאַרשפּילן; וועט ער אויסטאָגן פון זיך אליין, און ממילא נישט האָבן צו וואָס מער ארויסצוגיין; נו, ברויך ער אויסקוקן ביז דער טויט וועט קומען פון זיך אליין, און אים פאַרטיק מאַכן, דעם שאָפּ, — אַז ער קען פאַרלויפן דעם וועג, און דאָס פאַר־היטן; אליין און מיט די אייגענע הענט צומאַכן, און זיך אוועק־שטעלן, ווי לאַנג ר'קען נאָך, גלייך מיט אַלע אינאיינעם: „ברוך הבא, — כ'בין אויכעט דאָ!" און, פאַר איין וועג, טאַקע גיין גרויס! אויב אָנהאַלטן, שטיין אויף די פיס, איז, פאַר די אייגענע מי און מאַטער, — כאָטש זיין ביי וואָס; און נישט קריכן פויל, נישט האָבן

אין מויל, שלעפן ווי אַ היימישער פויער ס׳פערד און וועגעלע, נאָר פליען, ווי דער שטייגער דאָ איז, — אין אן אויטאָמאָביל . . . און טויזנטער זאָלן בליצן פאַר די אויגן... רעק זיך אָנלייגן ווי דער ווינט לייגט־אָפּ יעשן די בלעטער פון די ביימער, — הויפּנס מיט רעק...

האָט זיך עפּעס דערווייל דערוועקט ביי זיינוולן, פּיוולען, דזשעקן און די אַנדערע, — זייער איגן בלוט דערוועקט; דערכאַפּט, אָפּגעמינטערט, אזוי ווי נאָכדעם ווי ס׳באַפאַלט א צרה אומגעריכט און ס׳נעמט אביסל ביז מ׳קען זיך געפינען און פאַסן, וויסן וואו מ׳האָט זיך; און ס׳האָט זיך, אנשטאָט צוצושאָקלען גאַנץ ערנסט מיט די קעפּ, — צעפלאַקערט א פייער ביי זיי, אַ לעבעדיק פייער:

— מ׳גלייבט אים נישט, עליע רבילע, — ער זאָל זיך אפילו אָנשווערן די ביינער; דאָס וואָלט אַלץ ריכטיק געווען, אז ער זאָל דערלייגן דעם קאָפּ אין דער שאַפקע, מילא, — פון אַ שלעכט געשעפט האַקט מען אָפּ; נאָר צוואַנציק יאָר און מער, האָט ער געצויגן און געזויגן דערפון, אויף אזוי פיל בריתן, — געהרגעט זאָל ער ווערן! חתונות, אויסגעגעבן קינדער אין פריידן, און מיט איינמאָל איז פון דעם גאַנצן קוואַל געוואָרן אַ פוסטע שטאַל? אויסגעטריקנט? ס׳איז נישט מער, ווי ער וויל זיך נוקם זיין און אָפּרעכענען מיט זיי פאַר זייער, ווי ער וואַרפט זיי אלעמאָל אפיר, — צעקראָכנקייט; און כאָטש ער האָט צו זיי די באָבעס ירושה נישט דערלייגט, ברענט אים און קען נישט פאַרטראָגן (אים יאָ און זיי, — אַ מכה, א?), וואָס זיי האָבן זיך אַזוי גוט ביי אים. מ׳שטיינס געזאָגט: גוט, אז קיין פאַר הונדערט טאָלער הינטערן קישן, ס׳זאָל זיין אויף א רעגנדיקן טאָג, — האָט קיין איינער פון זיי נישט אויפגעקליבן פון זייער גאַנצן דריפּען! נישט מער, דאָס בלויזע ביסל עסן, — האָבן זיי דערפאַר באצאָלט מיט אַ שטאַל, וואָס וואָלט זיי סוף־כל־סוף דערקירצט די יאָרן. און דאָס איינע ברעקעלע פּאַרגעניגן זייערס: ס׳קראַצן זיך, — לאָזט אים, אפנים, אויך נישט איינרוען, עליען, און ער האָט זיך אויף זיי פאַרנומען מיט א האַק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אין דעם זעלביקן נאָכמיטאָק, ווי לאַנג דער כעס האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָפּגעלאָשן צו אים, צו עליע רבילען, — וואָס

ער האָט זיי אָנגעזעצט; האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעמאַכט, יד־אחת, — מ׳זאָל אַ י ם איינפּאַקן; און אָנשטאָט וואָס ער זאָל דערנאָך מיט זיי ארומדרייען, — זאָל מען מיט אים, עליען, איצט שלאָגן כפרות, און אַפּשיקן אין דר׳ערד אריין.

III

מ׳האָט זיך נאָכדעם גערדרייט אויף דער פּלאַזע, אויס־געלאָשענע, געקומען יעדן טאָג אָפּזיצן אויף איר, שטיל, אָן איין וואָרט, ווי מ׳וואָלט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער, און נישט מער דערמאָנט זיין טרפהנעם נאָמען, עליע רבילעס, — געשטאָרבן עליע רבילע! ברוך דיין אמת! נישט די אַלטע שטאָל, עליה השלום, ווי זי וואָלט קיינעם מער נישט געקומען צו חלום, און אפילו נישט דעם נייעם שאָפּ וואָס שטעלט זיך ערגעץ איין, גרויס צי קליין, און וועט זיי אויך ברויכן געבן ארומצוגריזשען א ביין... גאָרנישט... פּונקט ווי מיט אן אַלטן בחור, ער לעבט־אָפּ אַ לעבן און מאַכט אַ שטאַרב, און ס׳ווערט אָפּגעמעקט מיט זיין טויט יעדער זכר פון אים, אויסגעראָטן ביזן גרונט, אזוי ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געווען. געקומען זיך אָנקוקן: „ביזט דאָ, פּיוול!" „און דו, זיינוול, ביזט אויכעט דאָ?, ווי לאַנג מ׳דרייט זיך נאָך אַזוי און לעת עתה ארום אויף רתולה ארץ, און מ׳וועט צוריק ווערן אויס־געכאַפּט צו עפּעס־וואָס, אן ארבעט, מער נישט זיין, אוועקקומען און זיך נישט קענען מער, ווי מיט צוואַנציק יאָר אהער, איידער מ׳האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָל, און ס׳איז אָנגעוואַקסן דער שווערער האָרב אויף די פּלייצעס...

און דערווייל... דערווייל נישט געהאט קיין האַרץ זיך איבער־צוגעבן: ווי מ׳לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, מ׳באַמיט זיך מיטן לעצטן ביסל כח וואָר־נישט־וואו אָנצוכאַפּן, — און פּאַר וויפיל נישט, א קליינע פּאָר טאַלער כאָטש, פאַר א העלפט זאָל זיין, ווי מ׳האָט ביי אים געקריגן, און מ׳זאָל אים נישט ברויכן קענען מיטן לאָך זיינעם; זיין אין שכנות מיטן אָרימען שטיקל ברויט; און אַז מ׳גייט ארויס יעדן אין דער פרי מעסטן די שטאָט, ס׳איז ב״ה דאָ וואָס צו מעסטן, — מ׳שניפּט אויס אַלע לעכער, און מ׳האָפּט צו

קומען צוריק אין אָוונט אויף דער פּלאַזע, צעהיצטע, מיט צעצונדענע פּנימער, בליציקע אויגן:

— מ׳האָט אים אין ווידעל, עליע קאַפּעליע!

— זיך גאַנץ שיין קענען באַגיין אָן אים און אָן די שטאָל זיינע!

אָבער מ׳ברויך זיך אוועקזעצן. די קעפּ געבויגן, און שפּייען מיט גאַל:

— אַז מ׳איז געבליבן ביים זעלביקן וואָס נעכטן און אייער־נעכטן...

ווער רעדט, אַז ס׳פּלעגט זיך מאַכן: זיינוול, אָדער פּייוול האָט זיך פאַרשפּעטיקט ארויסצוקומען צוקריכן, אזוי האָבן שוין די אַנ־דערע זיך דערפרייט, די הערצער זיך ביי זיי צעוואַקסן אין דער ברייט: „כאָטש איינער, און דער ערשטער, זאָל זיין, וואָס איז אים בייגעקומען, און נישט ברויכן מער זיין מיאוס פּרצוף אָנצוקוקן!“, אָבער אַזוי גיך ווי יענער קומט אויף די אויגן מיט זיין גיין ווי איבערגעבראָכן, צעקנייטשט און צעשטאָכן, — איז שוין די פרייד זייערע פאַרשטערט, און זיי לאָזן גלייך אראָפּ די קעפּ צו דער לעבעדיקער ערד:

— ווי? ווער? וואָס? ווען? א נעכטיקער יום! סאַי שוין אין די יאָרן שווער, אפנים, אָן עפּעס זיך אָנצוכאַפּן. נאָכדעם ווי מ׳האָט אים, עליע רבילע, געדערגעט זאָל ער ווערן, — אוועקגעגעבן אַזוינע געזונטע הענט, גלייכע געזונטע קערפּערס ווי די בויגענס, — גיי דיך איצט ארויס באַווייזן פאַר דער וועלט: מיט וואָס? מיט די קנייטשעלעך אין פּנים? זילבערנע הערעלעך? עליע־קאַפּעליע האָט געהאַט פאַר זיך א גלאַטן קאַרק, און געקענט אויף אים פּאַטשן... און מיט דעם אלעם וואָס מ׳האָט זיך ביי אים פאַראיבריקט, — (כאָטש מ׳וואָלט זיך עס אָן אים, זאָל זיין, עטוואָס קנאַפּער, נאָר אויך פאַראיבריקט, — די עלטער האָט אלצאיינס געטאָן ס׳איריקע!), וועט שווער זיין, זייער שווער זיין זיך צו זען מיט א לעבעדיקן טאַלער...

ס׳האָט טיף געגריבלט, אויסגעקניפּן שטיקער פלייש, און נישט געוואָלט צוגעבן, גלייבן אויף זיך, — מ׳איז אויסגעשפּילט: „ס׳איז פאַרט נישט אזוי ווי מ׳מאָלט זיך דאָס אויס!“, דאָס געזוכט צו פאַר־באַרגן ווי עפּעס אַ זינדיקן סוד, — ער זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן. און ווי עליע רבילען אויף צו להכעיס, — זיך געזען צו האַלטן אין די הענט, דערשטיקט אין זיך די דראָבנע הוסטעלעך,

אויפגעהערט אלצאינאיינעם צו שפּייען מיט פלעגמעס, — זיי זענען דאָך נישט קיין אַלטע יידן נאָך! נישט געכאַפּט זיך אזוי צו די גלעזער, נישקשה, — מ׳קען נאָך זען אָן זיי און אפילו געשמאַק איינפּעדימען די נאָדל... מ׳זאָל זיי גיין קוקן אין די ציין אריין, ציילן די יאָרן, — איז מען גאָרנישט אזוי אַלט נאָך ווי די עלטער האָט זיך איבער זיי צעשפּרייט, צעוואקסן אין דער טיף און אין דער ברייט, סיי: „אַלט געוואָרן אָן יאָרן!”, נאָר, אז מ׳איז אָפּגעזעסן עטלעכע צוואַנציק יאָר אין אַזאַ שטאָל, טאָג־איין, טאָג־אויס, אָן לופט, אָן אָטעם, אָן אַ ברעקל זון, און מ׳האָט נישט מער געהאט פאַר זיך ווי ווענט; מיט צומאָלט נישט קיין געטינקעוועטע ציגל, — נאָר בלויז אָנגעשמירט רויט ווי אין אַ שלאַכט־הויז, וואו מ׳קוילעט אָקסן, — האָט זיך נישט געזאָלט אריינכאַפּן קיין דראָבנע הוסטעלע? קיין פלעגמעס אין האַלדז? און די פלייצע זיך אויסבייגן, ווערן קיילעכ־דיק?

און וואָלט בכלל נישט געווען אזוי צום טויט; אז דאָרט וואו מ׳וויל עמיצן האָבן: אַ מענטש, א שטיקל מענטשל, — זאָל זיך אָנלויפן אַ גאַנצע הארמע, פּשוט באַלאַגערן ס׳הויז, אז ס׳זאָל זיך זיין אויסצוקלויבן ווי אויף א פערדס־מאַרק: מיט לאַנגע פּיס און קורצע פּיס, ברייטע פלייצעס און שמאָלע; דינע, פראַנטלעך, — געפּוצטע, געצירקלטע, און געפּאַקטע, שווערע, — ווי אויסגעקנאָטן... און ווי אזוי זאָל מען זיך וועלן אומקוקן אויף זיי, — ווען פאַר זיי און הינטער זיי צאַפּלען זיך כחות אין דער „ליין”, קענען נישט איינשטיין אין איר ווי יונגע זשריביקלעך, וואָס דריגען מיט די פּיס... אמער וואָלט מען ביי זיי דאָס אלץ פאַרקוקט, און זיך נאָכ־געפּרעגט א תוך, בעל־מלאכהשקייט, און געלאָזט אוועקזעצן אויף איין האַלבע שעה ביי דער מאַשין, איינפּעדימען די נאָדל, וואָלט מען געוואוסט, — אז מ׳שיקט ארונטער, ווייל מ׳טויג נישט מער... איז, מילא, פאַרפאַלן... מען מוז דאָך, נאָכאַלעם, נישט מחויב אייביק זיך אויסצוטויגן! נאָר, אז מ׳לאָזט באַלד נישט צו צום פּסוק... מ׳גייט זיי פאַרביי און מ׳לאָזט זיי שטיין, ווי זיי זאָלן גאָרנישט זיין... כאָטש דאָס עקשנות, די פאַרביסנקייט האָט זיי אומעטום געשפּאַרט פון פאָרנט, אוועקגעשטעלט צווישן די ערשטע, אולי ירחם? און מ׳וועט נעמען ווי ס׳גייט און שטייט: איינס, צוויי, דריי, — האָט דאָך, אפנים, די

עלטער נישט געקענט פאַרבלענדן און זיי פאַרהיפּערט, אלעמאָל געלאָזט, כאַטש צערייס דיך, — פון הינטן...

און זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן צו דער פאַרשאָלטענער שטאָט, אויף די העכערע גאַסן, וואו די שאַפּקע האָט זיך ערגעץ געפּאַרמט, איבער־געבויט; און ס׳האַרץ זיך נאָר געטוקט: אויב ביי עליע רבילע, דעם הינטישן זון, וואָס האָט, ווי זיי האָבן זיך אריינגעהאקט אין די קעפּ, — עוקר געווען צוליב זיי, — טליעט נאָך עפּעס א פונק, אזוי וועלן זיי שוין באַדיי אוועקקוקן, און זיך אונטערלייגן ביי אים אונטער די פיס:

— אויב ער האָט אראָפּגענומען די קרים, געהרגעט זאָל ער ווערן, עליע רבילע, — זאָל ער אויך בלייבן ביי די זויערע מילך, ווי לאַנג ער באַשטייט נאָך אויף איר, און קיין אַנדערע בעלנים זענען לעת עתה אויף איר נישטאָ...

IV

זיי זענען געלעגן אויף דער פּלאַזע: נאָכדעם ווי מ׳האָט אויסגעשמויזט אלע לעכער און שאַפּקעלעך, דזשאַנקערייען, יאַרדן, — וואָס טוליען זיך פוןביידע זייטן ריווער, פון דער ביור־יאַרקער און דער ברוקלינער, — געבליבן מיט דעם איינציקן און באַשטענדיקן, מיט דער פּלאַזע; זיך יעדעס מאָל צעגאנגען ווי אויף תמיד, — מער איר פנים נישט אָנצוקוקן, און עפּעס ווי דורך א כישוף געמוזט ארויסקומען זיך איבערבעטן מיט איר, — פארוקן צווישן ווייבער און קינדער, האַלטן פאַרזשמורעט די אויגן און תמ׳יען:

— ס׳איז זייער סוף, זייער סוף געקומען...

און מיט אמאָל, — ווי א דונער און א בליץ, א רייטוואָגן וואָלט איבערן קלאָרן הימל אריבער, — וואָס האָט זיי ארויסגעבערענגט אהער פאר די האַר, ווי אמאָל אין דער שאַפּקע, און דאָ געבליבן שטיין מיט אָפענע אויגן, טרויעריק־צעשטראָלטע; אַלע מיט קאַרטלעך אין די הענט: „מ׳זאָל זיך קומען זעצן צו דער ארבעט!״ הע? האָט ער נישט עוקר געווען צוליב זיי? און נאָך גאָר פאַרבעטן אויף דער חתונה? נאָר אז מ׳האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט דאָס אויסגעזען, ווי מ׳וואָלט נישט גערופן מער צו דעם וואָס מ׳האָט אזוי הייס

געבענקט, נאָר ווי צו גיין אַפּדינען א טערמין... די אויגן, האָבן ערשט, מאַט־פאַרלאָפן, — געקוקט, די ווינקל־פּנימער געצוקט, און די פלאָזע מיט אַלע אירע הייזער, — זיך געוויגט ווי די קינדער־וועגעלעך ביי די מאַמעס אונטער די הענט:

— פאָרט נישטאָ מער קיינער וואָס זאָל זיין א בעל־ן, און זיי נאָך וועלן...

און א האַלבע שעה נאָך זיבן, ווי ס'קאַרטל האָט געוואָלט, האָט מען זיך אוועקגעלאָזט אין שטאָט אריין, פון וועלכער ס'האָט אזוי געסטראַשעט: „אז מ'בעט, — מוז מען פאַרקנייטשן און מ'טאָר קיין פאַרך נישט זיין". זיך אדורכגעשטופּט די זיבעטע עוועניו, ארויף אויף די הויכע דרייסיקער גאַסן, און ווי די פאַרמערס געגומען קוקן אויף די געמויערטע הייזער וואָס פוןביידע זייטן: „דאכט זיך, דאָס? דאַכט זיך, דאָס? און אפשר גאָר יענץ?", ביז עס האָט זיך ארויס־געריקט און צו זיי צוגעשמייכלט:

— נו, ווי געפעלט איך אייך עפּעס? זיך שוין איינמאָל געוואוסט צוצוקלויבן, אייער עליע רבי'לע פון צענצעמין! און זיך גאַרנישט האָבן וואָס צו שעמען דאָ מיט אים, א?

מ'איז צוערשט געבליבן דאָ שטיין, כאַפּן א קוק ווי עס כוואַליעט אַרויס און אריין מיט מענטשן, מיט בערג מענטשן, — דורך די שמאָלע פיטשינקע טירלעך, וואָס די הויכע הימל־הויכע הייזער האָבן: מענטשן אין רעקלעך און אין בלויזע הויזן, מיט פאַרשאַרצטע עלנבויגענס, — און אויסגעבייטעלט אלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ, צו זיינע הענט און פיס און צו זיין לייב און לעבן: „וואָס ער האָט זיי דאָ געהאַט צו פאַרנאַרן! באַשר, ס'האָט אים דאָרט נישט געפּאַסט צום הויקער, און געמוזט פאַרקריכן מיט זיינע קרומע פיס צו דער שטאָלענער קאַמעניצע אין בויד?", און זיך ערשט פאַרגאַנגען אין די רעיונות אויפן שמאָלן געסל, אין פראָנט פון דער שטאַל, וואו א קאַץ האָט געקענט אזוי לאַנג ליגן ביז ס'וועט איר נמאס ווערן, און זיך אליין ברויכן אויפהייבן, אראָפּצוגיין, — ווייל ס'איז נישט געווען קיינער וואָס זאָל איר אראָפּטרייבן, צי איבערשרעקן מיט א בלאָז פון א האָרן; מ'האָט געקענט דורכקוקן יעדן מענטש, אים באטראכטן פון קאָפּ ביז די פיס, און אויב ער האָט זיך נישט אויסגעוויזן צו זיין געננוג היימיש און באַקאַנט, — אים אריינרוקן אַ האַנט: „שלום

עליכם ?", און מיט איין אָטעם: „מה שמכם? פון וועלכע מקומות? בראַנזוויל? יאָנקערס? זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט אָפּזוכן אַ פּאַרלוירענע ציג?", ביז אַהער, אויף דער ניין און דרייסיקסטער גאַס, — וואו מ׳זעט גאָר קיינעם נישט ארויס; ס׳איז נישטאָ מער איינער, קיינער, נאָר אַ סך... אַ בינשטאָק מיט מענטשן, וואָס פילט־אָן ביידע זייטן טראָטואַר און היבש אויך די גאַס... און כאָטש מ׳קען נישט דאָ קיינעם, און מ׳האָט מיט קיינעם נישט אפּירגעהאַט נאָך, — זעט זיך פּאַרט אויס, וואָס מער מ׳קוקט זיך איין, ווי מ׳וואָלט צווישן זיך געווען היימיש און מיט יעדן איינעם אויסגעקאָכט, אַזוי ווי פון הערן זאָגן: „ווינטעלעך זאָלן האָבן בריוועלעך געטראָגן!", און נישט מער באַדאַרפט ווי ארויסצוקומען אהער, זיך באַקענען פּנים צו פּנים, און „שייקן" ווי אייגענע, די הענט:

— העלאָו, העלאָו, ברידערלעך! אַ ליכטיק לעבן אייך... וואָס מאַכט איר און ווי דערגייט עס אייך דאָ?...

און זיי דערפרייען זיך, די יידלעך:

— ס׳וועט, נאָכאַלעם, דאָ גאָרנישט זיין אַזוי שלעכט ווי מ׳האָט זיך אפּירגענומען, — אויף דער אָפּענער וועלט... מ׳וועט ברויכן לעבן מיטן גערויש און זיך וואַרימען מיט אים... אליין איז מען טאָקע מער ביי זיך, מער פאַר זיך, — אַ מענטש; נאָר אַז עליע רבילע, גע־הרגעט זאָל ער ווערן, — וויל אָבער נישט זען ביי זיך קיין מענטשן נאָר פינטעלעך, מוז מען זיך אויסמישן מיט אלע אינאיינעם און ווערן אַ פינטעלע...

מ׳איז אינאיינעם אריין אין דער אייזערנער הענגל־שטייג, וואָס הייבט זיך ארויף צו די אייבערשטע שטאָקן. איין פיר, אַ נעם, — דער זיבצענטער שטאָק האָט זיך צוגערוקט, און די טיר פון שאָפּ פאַר זיי אויפגעמאַכט. אַ לאַנגער שמאָלער פּאַס, אַ שטאָק, אָן אָפּגעשלאָסענער, — נאָך דער פולער ברייט און לענג פונעם הויז. קיין צווישנשייד פון ווענט, וואָס זאָלן אים דריטלען, פערטלען אויף קלענערע שטובן, נאָר פונקט אַזוי פיל ווי ס׳הויז פאַרנעמט. אַ ליידיקער חלל צווישן די פיר ווענט, אין וועלכן דער שאָפּ איז אריינגעטאָן מיט גרויס כונה און שכל, אַזוי ווי אַ שאָך־ברעט;

לאַנגע טישן, איינער הינטערן אַנדערן, שמאַלע דורכגאַנגען, און צווישן: דאָ־דאָרט, עטוואָס אויפגעהויבן פון דיל, — אַ קליין טישל, אַ גרינס; איינס פון יענע שרייב־טישלעך, צו וועלכן ס׳האָבן זיך מיט הכנעה געצויגן און געבויגן די אַלע הילצערנע לאַנגע טישן, געבוקט און אויס־געקוקט, ס׳זאָל פון דאָרט עפּעס פאַר זיי אַראָפּפאַלן:

— מלאכה, אַ קליין ביסעלע מלאכה.

פון דריי זייטן אַרום זענען די פענצטער פול געווען מיט טאָג; דער טאָג האָט דאָ, אין דער דאָזיקער הויכקייט, געשיינט צו זיין ווי אַ באַשטענדיקער אָדער לאַנג־דויערנדיקער. ס׳איז נישטאָ גאָר אין ערגעץ אַ שטיק מויער, אַ שפּיץ פון אַ טויער, אַ קלויסטער, — וואָס זאָל זיך דערהייבן צו די דאָזיקע פענצטער, זיי פאַרשטעלן; און ס׳האָט פריי, אומגעשטערט פון גאָר אין זיי אַריינגעקוקט דער טאָג פון זיינע הויכע הימלען; הימלדיקע ליכטיקייט איז אין זיי געלעגן, — זון און ליכט צו דער זעט, מיט אַ פולע האַנט. די פּערטע וואַנט ווידער, אויבן־אָן, האָט ווי געפעלט. נישט, ווייל ס׳איז קיין וואַנט נישט געווען, נאָך ווי! נאָר פאַרשטעלט, אָפּגעצוימט, — עס איז דאָרט, הינטער אַ דין טאָוועלן ווענטל, אַריינגעשטופּט געוואָרן דער „פּראַנט”. פּונקט ווי אין יעדן שאַפּ, וואָס, אויב ער וויל זיין אַ שאַפּ, — מוז ער זיך פאַרזען מיט אַ ברעקל, אַ פּיצל, אַ שטיקעלע פאַר זיך, פיר איילן אויף פיר כאָטש; דאָס ווערט, געווײנטלעך, פאַרוקט אויפן סאַמע שפּיץ נאָז פונעם שאַפּ, אָפּגעטיילט מיט אַלעם פון אים, וואו אַלץ אַרבעט, קאָכט, זידט, דרייט זיך און פרייט זיך, — איז דאָ, דאַגעגן, שטיל, אויער־שטיל. דאָ זיצט אויך ווי איינ־געדרימלט אַ שטיקל מיידלטשינע, טיילמאָל נאָך מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן, און זי, מיט איר איידלקייט, דינקייט, פאַר־שפּיצטקייט, פּישטשען ווי אַ פייגעלע, וואָס איז גראָד דער היפּך פון דעם אַלעם, — דאַרף זיין דער קאָפּ פונעם שאַפּ, וואָס גיט אַריין, נעמט אַרויס, פאַרבינדט און בינדט־אָפּ; דער „סווישטש” צווישן אַלעם וואָס אַרבעט פון דרויסן און אינווייניק, ער זאָל זיין לעבעדיק, — אַ לעבעדיקער שאַפּ.

אויף דער מינוט איז געווען שטיל אויפן זיבעצנטן שטאָק, צערודערט שטיל, דער געשריי פון גאַס, פון גאַסן, אָפּגערעדט פון יענע וועלכע מ׳האָט נישט דערלאַנגט מיטן אויג, נאָר אפילו פון

די, וואָס האָבן אונטן ארומגענומען די דאַזיקע, מערקווירדיקע, פון שטאָל און בעטאָן, אויסגעגאָסענע סקווער־הייזער, ארום און ארום פון אַלע זייטן, — ווי א רינג; די געשרייען ארום, וואָס זענען אונטן געווען געגוג הויך, — דהאָבן, אפנים, אלץ נישט קיין כח געהאַט זיך אויפצוהייבן אזוי הויך, ווי שרייענדיק זיי האָבן נישט געזאָלט זיין; און זענען פריער אויסגעגאַנגען, זיך צעשפּרייטנדיק ווי רויך, ביז דער דאַזיקער הויכקייט פון די פולע און צוגעציילטע זיבעצן שטאָק, — נישט רעדנדיק פון עטלעכע צוואַנציק, עטלעכע דרייסיק, עטלעכע פערציק, און נאָך מער...

דאָ, אז מ׳האָט זיך אויפגעהויבן, — איז מען געווען אויסגעטאָן פון דער גאַס, ווייט, זייער ווייט, ווי מ׳וואָלט אָפּגעפאָרן פון איר אויף א מהלך פון מיילן; אז מ׳איז געווען אזוי הויך, האָט מען געפילט: ווי דער שאָפּ ברויך ערגעץ זיין צווישן הימל און ערד, ס׳בעסטע אָרט וואו כחות זאָלן זיך קענען פאַרמעסטן און ראַנגלען; און אז ס׳איז נישט מער געבליבן אונטן קיין קינד, קיין רינד, קיין הויז, קיין לייב און לעבן, — ווי נאָר דער שאָפּ, אין וועלכן מ׳איז געקומען נאָך דער לעצטער איינזעעניש, אָן שום אַנדערע ברירה, און מען מוז זיך צו אים איבערגעבן מיט אלץ און אלעמען, נישט אונטערצוגיין...

באַלד דערנאָך איז דורך אַ שמאָל טירעלע פון הינטער דעם פערטן טאָוולענעם ווענטל, — אפּירגעקומען עליע רבילע; שווימענדיק אין א זילבער־גרוילעכן כאַלאַט, פון וועלכן ער איז געווען איינגעשטעלט מיט יעדן ריר, — נישט ארויסצופאַלן. הינטער אים דהאָבן זיך נאָכגערוקט, ווי אַ טייל פון אים, — דאָס מיידל, די „בריינס״ פונעם שאָפּ, וועגן וועלכן א קינד אין וויג ווייסט: דאָס אָזוי ווי אַ מענטש קען נישט זיין אָן א קאָפּ, אזוי קען אַ שאָפּ אָן אַזאַ מיידל נישט זיין. און נאָך א מענטשל, — אַ דאַרס, אַ הויכס, מיט א פאַרשאַרפט טרוקן נעזל, וועלכן עליע רבילע האָט געברויכט און טאַקע אויך באַקאַנט געמאכט ווי דורך אַ דעקרעט:

— דער מענטש, דער פאַרמאַן, וועלכן ער האָט אויסגעשריבן א פּאַרטיקן, א גרייטן פון ערגעץ, — און האָט שוין אויף זיין קאַרג לעבן נישט מיט איין שאָפּ אָנגעפירט, — ער וועט אויך מיט זיין שאָפּ אָנפירן...

דער דאָזיקער פּאָרמאַן איז זיי גאַנץ קאַלט אַנטקעגן געקומען, גלייך ווי ער האָט זיי נאָר אַנגעמאָסטן מיט זיינע ביסטרע אייגעלעך. — כאָטש עליע רבילע האָט וועגן זיי געהאַט אַ סך גוטס צו זאָגן: „אַז ער האָט מיט זיי אָנגעהויבן, מיט די יידלעך, נאָך מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק, און נאָכאַנאַנד מיט אים געווען...״ האָט דאָסביים מענטשל, דעם פּאָרמאַן, נישט גענוגט, אַז זיין פּנים זאָל, געווייַנטלעך, זיך צעשמייכלען, און צומאָלט אויף זיי אומקוקן... און אויב פּיוול, זיינוול, דזשעק און די אַנדערע וועלכע האָבן אויף זייער גאַנץ לעבן קיין פּאָרמאַן נישט גענומען אין מויל אריין; און אָפּגעאַרבעט ביי דעם אייגענעם עליע רבילע אַלע זייערע יאָרן, אָן שום אויבער־האַר און אונטערהאַר, נאָר געהאַט צו טאָן מיט אים אַליין, עליען גופא, ולא על ידי מלאך, נישט דורך קיין אַנדערן, אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ פינפטן, — האָט זיי, נאַטירלעך, דאָס מענטשל גלייך גענו־מען וואַרגן, און אים מיטן ערשטן ביסן שוין נישט געקענט אַראָפּ־שלינגען. אודאי האָבן זיי אים, אַ סך מער פאַר ליב גענומען, עליען, — ווען ער פלעגט אריינקומען אַליין, אַראָפּוואַרפן ס׳רעקל, פאַרשאַרצן די אַרבל פונעם העמד, און זיך אַוועקזעצן גלייך מיט אַלע אינאיינעם סטריגעווען, בייען: אַ צי, אַ שלעפּ און אַ שטאָך... אַ צי, אַ שלעפּ און אַ שטאָך.. נאָר אַז ס׳דהאָט אים שטילערהייט געברענט, געוואָלט אָנשפּאַרן גרויס, אַריין אין די פּע־דערן: „זיבעטע עוועניו, ניין און דרייסיקסטע גאַס, זיבצענטער שטאָק, מיט אַ מיידלטשינע אין פראָנט...״ מוזן זיי אַראָפּבייגן די קעפּ און אויך אַראָפּשלינגען דאָס דאַרע מענטשל, ווי ביטער ער זאָל נישט זיין, און זיך נישט האָבן צו קאָפּען ביי אים...

ס׳איז זיי נאָר אַ חידוש, איין חידוש, — וואָס זיי וואָלטן זיך אפילו אונטערגעשטעלט ביי אים צו פרעגן, און דאָס, מיט געגנוג גריזאָטע:

— אַז ער האָט שוין יאָ געקענט אַזוי הויך אַרויפּקלעטערן, זייער עליע, איז ווער איז ער, דער דאַרער מענטשל, וואָס ברויך זיין מער פאַר אים און פאַר דעם אַלעם, — אַז עליע זאָל זיך ברויכן איינמעלדן ביי אים?

ביז עליע רבילע, ווי ער וואָלט געפילט דאָס גריבלען זייערס, — איז צו דעם אויך צוגעקומען, און גלייך אַראָפּגענומען דעם גולם־נאָר ביי זיי פון פּנים:

— ער איז, חלילה, נישט מער און נישט גרעסער פאַר אים, נאָר אין זיינע הענט אריין האָט ער בלויז איבערגעגעבן דעם שאַפּ; ער אליין וועט זיין מיטן מיידל הינטער דעם דינעם ווענטל, אין פראָנט; אויף זיין קאָפּ און אביסל אויך אויף אירן, — זיינען: „בייערס, אָרדערס, סיילסלייט, שאָו־רום, סעמפּעלס, נאָוטס, דרעפּטס, טשעקס, בענק, פּעי...״ און דאָ אין שאַפּ איז עס ע ר, הוא ולא אחר, און וואָס ער וועט זאָגן, איינזען: אז ס׳ברויך זיין געטאָן, — איז „סאַפּישענט״.

גלייך נאָכדעם ווי עליע רבילע האָט אים אזוי דערהויבן, אָנגעטאָן די קרוין פון שאַפּ אויפן קאָפּ, איז דער פאָרמאַן, א דרעסירטער פון אַנדערע שעפּער, — אריין אין פאַסאַן, זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, און אוועקגעשטעלט ביים נייעם „פּלענט״ מאַשינען; דאָ מיט יעדן איינעם זיך געמיט און צוגערעדט, לויט די וואוקס פון דעם און פון יענעם, — דאָ־דאָרט זיך אוועקצוזעצן:

— וואו איינער וויל און האָט חשק, קען ער זיך איצט צוקלויבן זיין אָרט: דאָרט ביים פענצטער, אוועק פונעם פענצטער, — ווי איינער וויל; און דאָ וואו ס׳וועט זיך ווער אצינד אוועקזעצן, וועט ער שוין האָבן קונה געווען סאָרט אויף שטענדיק, און זיך נישט טאָרן צעטומלען יעדן אין דער פרי, ווען ס׳גלעקל וועט קלינגען, לויפן איבערזעצן פון דאָ, — דאָרט: מיין אָרט, דיין אָרט...

דער פלענט האָט איבערגעהאקט דאָס רעדן מיט זיין גערויש; ס׳ערשטע גערויש פונעם מאָטאָר איז זיך צעלאָפן איבער דעם ליידיקן „לאָפט״ מיט אַזאַ רציחה, ווי מ׳וואָלט אים דאָ אָפּגעבריט מיט קאָכעדיק וואַסער; דער שאַפּ איז פול געוואָרן מיט געשריי, מיט אומאויפ־הערלעך געשריי: ביז ס׳האָט זיך עפּעס וואָס געקענט ארויסכאַפּן דורך די איבערשטע, האַלבע אָפענע פענצטער, — האָט שוין דער מאָטאָר נאָך גיכער אויף אים אָנגעיאָגט פרישע געשרייען, וואָס זענען געלאָפן, געלאָפן איינע איבער דער אנדערע, ווי געשלאָגענע און צעשפּריצטע כוואַליעס אויפן ים:

— ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס וועלגערן.

אַרום און אויף די טישן איז אַלץ געוואָרן ווי עלעקטריזירט. די פּרעסערס האָבן געפּרעסט, די צושניידערס — געשניטן, און די

צוגעשניטענע שטיקער זענען געלאָפן ווי נישט דערקוילעטע קעלבער איבער יעדנס אָנלען פון דער מאַשין, — אונטער דער נאָדל...

זיינוולן, פּיוולען, דזשעקן און די אַנדערע, האָט דער משוגע צום טויט צעשריגענער פּלענט, — אַ שלעפּ געטאָן און צוגעפּאַסיקט צו זיך ווי מיט רימענס איבערן לייב; זיי זענען געווען געכאַפּט פון די מאַשינדלעך, וועלכע האָבן נישט געברויכט מער וואַרטן, ביז מ'וועט זיי דאָרט אַ טופּע טאָן אונטן מיטן פוס: „אנו, גיט זיך דאָרט אַ ריר, פוילע, פארשלאָפענע קעץ!״, — נאָר געלאָפן אליין, פון זיך אליין געלאָפן, פונקט ווי מ'וואָלט זיי עפּעס איינגעגעבן אַזאַ זיסן משונהדיקן געטראנק, אַז די קעפּלעך זאָלן זיך ביי זיי פארדרייען, און זיך נישט וויסן אָפּצושטעלן פאַר שעדהן און שעהן.

ס'געררויש האָט געזונגען אין די אויערן. די ליכטיקייט פונעם טאָג אין די פענצטער זיך געגאָסן, און די געפאַלענע ביי זיך: זיינוול, פּייוול, דזשעק און די אַנדערע,—זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון דער ארבעט, מיטגעריסן פון דעם געשריי אינעם שאָפּ. קיין איינער פון זיי האָט נישט געדענקט אויפצוהייבן דעם קאָפּ, ווייל דאָס גערויש וואָס האָט אים אראָפּגעבויגן, — האָט אים אויך צוגעהאַלטן; און ס'איז זיי צומאָלט נישט אויסגעקומען צו זען די פרישע, צוגעקומענע מענטשן ארום די טישן, ביי די בענק, אומעטום, — די שפּאָגל נייע פּנימער; די פארטאָענטקייט האָט אלע געהאַלטן געפּרעסט, און ס'האָט קיינער נישט אויפגעמאכט ס'מויל אויף ארויסצולאָזען די פּאַרע. ביי יעדן האָט, לויט זיין שטייגער טוען: זיך געקארבט ערנסט דער שטערן ביי איינעם, געוואָרפן ס'לייב און לעבן ביים צווייטן, אונטער־געבראָכן די קני ביים דריטן, און ביי אַלע, אָן אויסנאַם, — זיך געמערקט די איינגייענדע נאָכגיביקייט: „זיך באַדיי צו לאָזן אריבער־ליגן און אָפּשמייסן״, — נאָר דאָ שטיין און ווי אזוי ס'זאָל נישט זיין, — צו ארבעטן. פונקט ווי ביי אויסגעמאָרדעוועטע מענטשן, ביי וועלכע ס'קען גאָר אנדערש נישט געמאָלט זיין, אז זיי קומען ארויף צום ערשטן מאָל אויף א פּלאַץ, און נאָך אויף א נייעם פּלאַץ דערצו, און דערשמעקן: „אז ס'וועט פונעם זיין ברויט מיט פּוטער!״ — און זיי זוכן זיך צו דערגרונטעווען אין דעם שטיקל ארבעט וואָס זיי קריגן

אריין. און דעריבער שטייט מען דאָ נישט, גייט מען נישט, זיצט מען נישט, לויפט מען נישט, און ס'איז אַלץ אַזוי נישט גלייך, נישט מעסיק און באַרעכנט, נאָר געכאַפּט, געיאָגט, געשראָקן און אָנגעצויגן אויף דראָטן. מ' יאָגט די קויל: מער־נאָכמער, גיכער און נאָכגיכער, און דאָס דערלאַנגען ווי א וויכער: „גיך און געשווינט ווי אַ ווינט", בלאַנק, ניי, און אַזוי ווי מ'גיט זיך מיטן פּנים א פאַרדריי...

מ'ווייסט: ביים גרינגעדעקטן טישל זיצט דאָס מענטשל, וואָס אין זיינע הענט געפינט זיך זייער גורל; ער זיצט, דאכט זיך, אָפּגעצוימט און פאַר זיך, אַ הונט אויף דער קייט, — ווי ער וואָלט מיט קיינעם קיין מגע־ומשא נישט געוואָלט האָבן, און קריכט דאָך אומעטום אַדורך מיט די ביסטרע אייגעלעך זיינע; שאָצט־אָפּ, וועגט און מעסט־אָפּ מיט גרויס פאַרשטענדניש יעדענס טאָן, עסט זיך איין אין יעדנס ריר און צעפּיר מיט די הענט. מ'ווייסט אויך: אַז מ'האָט דאָ אריינ־געשיקט ס'ביסל הענט און צו זיי צוגעלייגט צוויי וואָכן: „אהין אדער אהער!", — ער זאָל זיך קענען איבערקלויבן וואָס ס'וועט אים זיין מער און בעסער צום הארץ; ווייל מיט דעם יעניקן וואָס ער וועט זיך איצט איינהאַנדלען, — וועט ער זיך מעגן עלטערן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, נישט אנדערש ווי מיט אן אייגן ווייב, וואָס מ'נעמט מיט איר חופּה־וקדושין. און אַזוי ווי ס'פּירט זיך אין שעפּער, אַז מ'ברויך האָבן איין מענטש, שיקט מען רופן צוויי, דריי און נאָכ־מער, — ס'זאָל זיין פון וואָס אויסצוקלייבן, און ס'בעסטע; און מ'האָט דאָ גוט געוואוסט, אַז פון די עטלעכע פערציק מענטשן, מיט וועלכע מ'האָט אויפגעמאכט דעם שאָפּ, — וועט א דריטל באַשטימט ברויכן אַרונטערצוגיין, האָט פאר דאָס דער כח־הדמה ביי זיי אַלעמען אַזוי גע־אַרבעט, זיי געשטעלט מיט די קעפּ אַראָפּ און פיס קאַפּויר, און די בלינדע כחות צווישן זיך מלחמה געהאַלטן, געפּאַכטן; די שטייפקייט געוועזן פון שטאָל און אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן; דאָס פלייסן זיך געטריבן איינעם איבערן קאָפּ פונעם אנדערן, און ס'האָט אויסגעזעען: ווי יעדער איינער זוכט צו כאַפּן דעם „דזשאָב" מיטן בלוט פונעם צווייטן, וואָס ער וועט יענעם אַריבעריאָגן, זיך איינקויפן מיט דער גיכקייט פון זיינע הענט און פיס, פון אַלע אברים, און דאָס אַלץ, — זיך נישט צו געפינען אין יענעם פאַרשאָלטענעם דריטל, וואָס זיין שוואַרץ קוויטל וועט זיין אַראָפּצוגיין פונעם שאָפּ.

ס'זענען דאָ געווען אַזעלכע וואָס האָבן געקענט דעם פּאָרמאַן פון אַנדערע ערטער, וואו זיי האָבן שוין אַמאָל געאַרבעט פאַר אים; און געברוייכט על פּי שכל, זיין אַביסילע מער מונטער, ווייל זיי האָבן אים געקענט אונטערקומען, — כאָטש זיי האָבן געוואוסט מיט וואָס ער שמעקט; און אַ סך געשטעלט אויף דעם, וואָס זיי האָבן זיך שוין געהאט אויסגעאַרבעט ביי אים אַ נאָמען פון צופריער און פון ערגעץ אַנדערש־וואו, — אַז דאָס וועט זיי ביישטיין און מלמד זכות זיין, — האָבן זיי, אַלצאיינס, ווי די אַנדערע געאַרבעט מיט דער מיתה:

— די כאָלערע ווייסט, וואָס ס'קען אים אונטערפּליען? אַז זיי ברויכן שוין זיין אויסגעוועפּט צי איבערגעאַרבעט? . . . אויף אַ פּאָרמאַן איז אַלץ צו גלייבן... ער איז דאָך נישט קיין בעל־הבית פאַר זיך נאָר אַן עבד לעבדים, אַ הונט ביים באָס, וואָס ברויך בילן פאַר אים, אַ סך מאָל: אויפן בלויזן פאַרדאַכט, אַז מ'וויל אים באַרירן, און אַ סך מאָל, ווייל ער איז סתם אַ כלב...

— —

נאָכן ערשטן האַלבן טאָג, אַז מ'האָט רעכט צענומען די הענט, אויסגעגלייכט די פּלייצעס, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אַרבעט מיטן פּאָרמאַן אינאיינעם: „זאָל עס כאָטש פאַר איין שעה גיין אין גאָטס דר'ערד אַריין", צוריקגעקריגן דאָס ריכטיקע מענטשלעכע פּנים, ס'שטי־קעלע צלם אלקים, איז מען אַראָפּ אין דרויסן אויפן טראָטואַר, און דאָ ערשט צעבלאָזן דעם שאָפּ אין טאָג אַריין; מ'האָט גאָר אַליין נישט געוואוסט וואָס זיך אָנצודערציילן וועגן אים.

איינער, אַ גוטער בעל־מלאכה, אַ גיכע האַנט, און וואָס האָט, קענטיק, געחלשט צו בלייבן מיט אים, האָט זיך געריסן דעם האַלז:

— ער איז זיכער, אַז דער שאַפּ וועט האָבן אַרבעט אַ גאַנץ יאָר.

אַ צווייטער, אַ שוואַכערער בעל־מלאכה, וואָס האָט זיך נישט געפילט געטנוג זיכער, נישט מער: „אַ חיי שעה איז אויכעט גוט!", און וויפיל ער וועט אַריינכאַפּן וועט זיין ווי געפונען, — האָט אים געזוכט אַראָפּצוקלאַפּן, און דאָס מאַכן פלאַטשיק:

— סטעדי איז אין ברוקלין.

— ס'וועט אודאי זיין פאַר אַלע צו טאָן, און מ'וועט קיינעם נישט אַרונטערשיקן, — האָט איינער, אַזוינער, וואָס האָט שוין אַמאָל גע־אַרבעט אונטער דעם אייגענעם פּאָרמאַן, און זיך געפילט מיט ביידע

פיס אינווייניק, — געזוכט צו האַלטן מונטער און אויפגעלייגט יענע צעשראָקענע ווי די שעפסן, עלטערע בעלי־מלאָכות.

— ס'איז גאָר קיין נייער שאָפ נישט, — האָבן אַנדערע געוואוסט ארײנצושטעקן די נעז, — ער האָט זיך אריבערגעקליבן אהער פון וויליאמסבורג, און פון דאָרט מיטגעבערענגט זיינע תושבים, די אלטע יידלעך, וואָס האָבן ביי אים געזאָלט אָפקוועטשן ס'בענקל מער ווי צוואַנציק יאָר, טאָג־איין, טאָג־אויס...

— דער באָס זאָל, אפנים, האָבן געמאַכט א שלל מיט גאָלד פון זייער קראצן זיך, — אז ר'האָט געקענט אריבער מיט אזא קנאַק; און זיי געמוזט בלייבן די זעלביקע בעטלער אויף דער עלטער, ווי זיי זענען עס געווען אין די יונגע יאָרן, — האָט מען זיך גע־חכמהעט.

— זאָלן כאָטש אַצינד נישט ארײנכאַפּן א קאָפּע אין הינטן פון דעם ליכטיקן פאָרמאַן, און אוועקפליען פון וואַנעט דער באָס האָט זיי באַצויגן אינאײנעם מיטן שאָפ זיינעם.

V

זיינווילן, פיוולן, דזשעקן און די אנדערע,—איז פרעמד געווען דאָס גאַנצע געיעג. ס'קען זיין: דערפאַר, ווייל זיי האָבן נאָך געהאַט דעם טעם אין מויל פון די זיבן פעטע יאָרן; וואָס מ'איז אַ האַלב לעבן אָפּגעזעסן אין דער שטאָל, און נישט געוואוסט דעם טייטש פון שטיין אַ טאָג אין הויז, נישט דאַרפן ארײנקומען דזשאָבען, זיך קראַצן... און אפשר דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך געפילט פעסט אויפן בענקל: „קומען דאָך עפּעס פון דער אלטער שאַפּקע! א קלייניקייט: זייער עליע קאָפּעליע! ער וועט פאַר זיי נישט נעמען קיין זאָק מיט באַרשט, כאָטש ער האָט זיך דאָרט מיט זיי להכי נישט געקושט פון די פיסקלעך!"... און נישט באַגריפן דעם מלאך המות זייערן, וואָס אינעם געשטאַלט פון דעם קליינעם דאַרן מענטשל, דעם פאָרמאַן, אַז ער קען מיט זיי דאָ ארומדרייען, — ווען ס'זאָל אים אפילו נישט אזוי גרינג אָנקומען. און כאָטש דער טומל האָט זיי מיטגעריסן, געהאַלטן וואָך אין די אויערן, ווי יענע צעלאָפּענע האָזן,

וואָס אַנטלויפן פאַר שפּור־הינט; און אין פאַרגלייך מיט זייער ארבעטן אין שטאַל, זיך דאָ געהאַלטן ווי לייבן, — האָט דאָס, צוליב דעם געיעג פון די אַנדערע, ווי ז י י האָבן זיך נישט געזאָלט צערייסן ארבעטנדיק, אויסגעזען, — זיי זאָלן בלייבן ווייט הינטערשטעליק; און געהאַט אַ פּנים, ווי מ׳וואָלט זיי מיט גוואלט אוועקגעזעצט, אויף צו מאַכן פון זיי ס׳געלעכטער... און ווען זיי האָבן זיך שוין געפּלייסט מיטצוהאַלטן, איז דאָס אלץ אויסגעקומען, — ווי פליגן זאָלן זיך פאַרמעסטן מיט פייגל אין פליען... עס האָט זיך זיי נישט געלייגט אויפן שכל, צו־קוקנדיק, ווי די אַלע קריכן פון דער הויט, און זוכן אויף זיך צו נעמען דעם טויט... ברענגען זיך אזוי אוועק, ווילן נאָר אויפשטיין איבער זיך און איבער די ארבעט, אויך איינשלינגען מיט דער פאַרע פונעם מויל, פאַרוואַנדלען אין גליענדיקע קויל... סיי, די מורא פון ארומגיין ליידיק (אוי, דאָס ארומגיין ליידיק), — לאָזט זיי נישט איינרוען, גיט זיי פליגל צום פליען... וואָרן, זיי האָט עס עפּעס גוט געשמעקט?... און דאָס, פאַר אַ פּאָר וואָכן בלויז... און ווער ווייסט, אויב די אַלע יידן פילן נישט דעם טעם חדשים און יאָרן?... אוי, דאָס אָפּשלאָפן די טעג אין הויז, ליגן ביז נאָך וואַרימס אין בעט, אפילו אָן דעם ווייבס באַזינגען, — ווען דאָס באַדאַרפעניש איז אַזוי גרויס, גייט אויף דיר ווי אַ ים אויפן ברעג, און רייסט שטיקער; און ס׳איז נישט גראָד דאָס וואָס מ׳מוז עסן פונעם גרייטן, איינצערן (דאָס וואָלט נאָך ערגער געווען!), — נאָר, גוואַ־אַ־אַ־ל־ט, וואָס מען מוז בכלל עסן; נישט ארבעטן און — עסן; און נאָך „טשיקן״ יעדן טאָג צו וואַרימס, מיט געלן און ווייסן קעז אויף אָנ־בייסן, כאָטש מ׳וויל גאָרנישט, און מ׳קען זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן דעם אַלעם; זיך אָנמאַכן חובות, — און דאָס אלץ אין זיך ארייַנעסן; פאַרשוילדיקן איבערן קאָפּ, מ׳זאָל אים גאָר קיינמאָל נישט קענען אויפהייבן, — און דאָס אַלץ מ ו ז ן עסן...

וואָס האָט אַזאַ זיינוול, פּייוול, דזשעק און יעדער איינער פון די אַנדערע, וואָס האָט זיך אפילו נישט איבערגעהויבן מיט עליע רבילעס געלט, אָבער א שטיקל ברויט צו דער זעט (ברויט צו דער זעט, מיינט דאָ: הון, פליייש, פיש, — זיך גיסן שמאַלץ אין מויל אריין), אליין צוגעגעבן, — תמיד געהאַט. פאַרוואָס האָט זיי יענעס טוען נישט געזאָלט אויפרייסן די אויגן? אז ס׳האָט זיי דאָרט יאָ אמאָל

אַ קראַץ געטאָן די בידע, און דאָס, — אין דער לינקער פּיאַטע, נו ?... מוז מען דאָס אַזוי שטענדיק גיין אין שפּאַן ?... און אַז מ׳ווערט, חלילה, קראַנק, — אויך זיצן און פאַרסטריגעווען די נאָ־ענטן ?... ס׳קלעקט נאָך, ב״ה, פון איין וואָך אויף דער אנדערע, ווי מ׳זאָל נישט ברויכן לעבן פון דער האַנט צום מויל; ווער רעדט, — פון אַ חודש ארבעטן אויף איין טאָג, אַ לײַדיקן, וואָס מ׳ברויך זיין אין הויז! פון אַ יאָר, — אויף עטלעכע וואָכן... וואָס איז דאָ, פאַר־דריפּעט גאַליציע, — וואו ס׳איז היום היינט, און אַז מ׳פאַרדינט נישט מאַרגן, — ברויך מען לייגן די ציין אין בייטל אריין ?... איי, וואָס ס׳גייען אוועק חדשים און מ׳טוט נישט די האנט אינעם קאַלטן וואַסער אריין, — פון וואנעט דהאָבן זיי דאָס געזאָלט וויסן ? פון די פאָר וואָכן וואָס ס׳איז זיי אויסגעקומען צו זיצן אויף דער פּלאַזע, — בעת דער שאַפּ האָט זיך דאָ איינגעשטעלט ? דעריבער איז שוין קיין חידוש נישט, וואָס ס׳אַרבעטן מענטשן, און ס׳איז קיין מענטשלעכע ארבעט נישט; וואָרן אַזוי זיך צו טרייסלען, ציטערן און פיבערן מיט אַלע גלידער; קנייטשן, פאַלדן, שניידן, — זינט די אויגן זענען אָפן! אין דער שטאָל האָט מען אפילו דערפון נישט געקענט חלומען! און פון וואו יאָ? פון אנדערע שעפּער, אַז ס׳זאָל אין זיי אויך זיין אזא גיהנום, — האָבן זיי ס׳גאַנצע לעבן קיין פוס נישט אריינגעשטעקט! מילא: וואָס זיי מוזן נאָכלויפן דעם משוגענעם מאָטאָר אונטן, וואָס לויפט, לויפט, ווי ער זאָל זיך רייצן: „באַווייז אַ קונץ און כאַפּ מיך״, — איז דאָס אַ מאָטאָר! אָבער דער פּרעסער איז דאָך נישט קיין מאָטאָר! און וואָס לויפט ער, אַז מ׳קען אים מיט קיין צען פאָר פערד נישט נאָכלויפן ? ער גייט נישט ווי אין דער שטאָל, מיטן פּרעסל אין דער האַנט, — טריט ביי טריט, און האַלט עס ביים ציימל: „צעבייזער דיך נישט, מיין טייער לאָשיקל!״, — דאָס פּרעסל האָט נאָך ערגער אָפּגעשניטן פאר זיי, און גאָר אינגאנצן נישט דערלעבט אריבערצוקומען אהער! נעבעך, שוין געבליבן אויף תמיד אין ווילי־אמסבורג... דאָ איז אַ פּרעס־מאַשין: אַזאַ האַלדער־האַלדער, מיט פליגל ווי ביי אַ פלעדערמויז... דאָס געוואַנט קאָרטשעט זיך אין אונטער דעם, טאָרטשעט זיך מיאוס צונויף ווי אין קרעמפּן, ליגט אַ רגע משונה־אָנגעוואָרפן ווי אַן אויפגעבלעזעלט ברוין, שווארץ, גרוי שטיק שוים, — און גלייכט זיך אויס כהרף עין, אַזוי ווי די

פליגל מאַכן זיך איבער דעם צו... נו, וואָס מאכט קעגן דעם אויס דאָס ארימע פּרעסל?... ביים פענצטער שטייען די צושניידערס, — שניידן זיי נישט מיט דער שער, אַהין און אַהער (אין דער שטאָל איז נאָך די שער, די אלטע מיוחסדיקע שער עפּעס געווען, כאָטש א יורד...), דאָ איז שוין די שער אויך עליה השלום... מ׳שניידט מיט אַזאַ ווייס אָנגעשאַרפּט רעדל, וואָס זעט אויס, ווען ס׳דרייט זיך, ווי א זילבערן ווינטל; עס גייט אדורך דורך די סחורות ווי א דינע האָר, און ס׳טיילן זיך פון זיי אויס שטיקער, געשוואָלענע שטיקער, הויפּענס גאַנצע, צען מאָל, צוואַנציק מאָל, זיבעציק מאָל צונויפגעלייגט און געטאָפּעלט; ס׳מאכן זיך קוכנס, פּלאַדנס, טאָרטן, רונדיקע, עקעכדיקע, צעדרייטע, מיט און אָן זאמבעס, — פון אלערליי שניטן.

נו, וואָס פאַר א פּנים קען האָבן קעגן דעם רעדל, — די אלטע, שוואַכע אויסגעפּרואווטע שער?

און אזוי ווי אַלע לויפן, יאָגן, הו־האַ, אָן א ברעקל געשריי, — גיבן זיך אויך אונדזערע, זיינוול, פּיזוול, דזשעק און די אַנדערע, א צעלאָז: „זיי קענען דאָך נישט איבערפירן די נייע מענטשן מיט זייער קריכן!", אָ כאַפּ, — בלויז פאַרן אויג, פאַרשטייט זיך, און מ׳נעמט זיך אויך יאָגן: הענדום־פּענדום, נאָר אזוי ווי דאָס איז נישט אין זייער בלוט, נישט פאַר זייערע כחות, און באַזונדער, — וואָס האָבן זיי דאָ מורא צו האָבן, אז זיי ווילן זיך נישט יאָגן? דאָס דאָרע מענטשל מיט די ביסטרע אייגלעך, וועט זיי אָראָפּשיקן? ער האָט כח צו הייבן א האַנט אויף זיי? זיי זענען דאָך מיטגעקומען מיטן שאַפּ, און אויף זיי איז דאָך גאַרנישט, על פּי שולחן ערוך פון דער יוניע, — חל די צוויי וואָכן! אַ חוץ דעם איז דאָך עליע רבילע אויך זייער! און אז די ביידע בערן: די יוניע מיטן באָס זענען זייער, — קען ער זיך לייגן וואָרימע שטאַרצן, דער פאַרמאַן. ס׳וואָלט געווען מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק, ווען מ׳האָט זיך אקאַרשט וואָס באַזעצט אין דער שטאָל, און לכתחילה איינגעשטעלט: מ׳זאָל אזוי ברויכן לויפן, יאָגן, — וואָלט מען דאָך איצט, אזוי לאנג דערנאָך, אויב נישט געלעגן אויפן בית־עולם, — אויך געמוזט איינהאַלטן די

לייצן, און גיין אביסל פאַמעליכער; און וואָס פאַר אַ פייגל אין דער לופטן קען ער דאָ וועלן, — זיי זאָלן איצט באַווייזן? די מענטשעלעך אַרום זענען אַ העלפט אַזוי אַלט, און וועלן זיך, מיערטשעם, אויך גאַנץ שיין אויסרייבן, ווען זיי זאָלן אפילו נישט אזוי ארבעטן מיט דער מיתה, פונקט ווי ז י י האָבן זיך אויסגעריבן, — קריכענדיקער־הייט... איבריגענס: איז עס דאָך נאָר א י צ ט, אויף דער מינוט, ווייל ס'וויל דאָך קיינער נישט אַרויספאַלן און בלויז פאר דעם, וואָס דער צווייטער וועט זיין שנעלער, און דורך דעם ביים אַנדערן צונעמען זיין ברויט. זאָלן נאָר די צוויי וואָכן זיין פון הינטן, און די לייט האָבן דעם דזשאב אין קעשענע, — וועט דאָך ממילא ס'קדחות זיי אויפהערן צו וואַרפן, און דאָס ארבעטן אויך זיין מער סאָליד, באַרע־כענט, האָבן אַ זין...

און אזוי ווי זיינוול, פּיוול, דזשעק און די אנדערע האָבן זיך געהאלטן, אז זיי טאַנצן נישט אויף דער חתונה: „וואָס האָט דער פאָרמאַן צו זיי, אז זיי זענען נאָך געווען מיט עליע רבילע, — פאַר אים?”, האָבן זיי צומאָלט געגעבן א כאַפּ, מיטגעדרייט זיך מיט אַלע אין דעם געווירבל, אָבער זיך גלייך אויסגעלאָשן; און דאָס רוב זיך געגאַנגען מיט זייער אלטן אַקסן־טריט, ווי אמאָל אין דער שטאָל: אַ ציִ, אַ שלעפּ און א שטאָך... און גאָרנישט ווי מ'וואָלט געזעסן אויף די עטלעכע דרייסיקסטע גאַס, אויפן זיבצענטן שטאָק, וואו ס'בלויזע דירדה־געלט כאַפּט אריין, מי יודע, אין וויפיל?... א חוץ: דאָס שטיקל מיידעלטשינע פונעם „פראָנט”, די אלע סיילסלייט... וואָרן ס'איז דען מעגלעך אויסצורעכענען, וואָס אַזאַ שאַפּ האָט אַלץ אויף זיך? און אזוי ווי דער פאָרמאַן, די קרוין פון שאַפּ, זוכט, געוויינטלעך, אויף דעם אלעם ארויסצופרעסן ביי די פערדלעך זיינע (מ'קען זיך דערמיט אויף אים גאַנץ גוט פארלאָזן)... מיט מער מלאכה. ברעכן זיך די יידלעך די קעפּ, און ס'קומט ביי זיי אויס משה קאפויר: „ממה־נפשך, האָט ער נישט קיין ברייטע פלייצעס דאָס אויסצושטיין, זייער עליע, — וואָס וועט דאָ העלפן דאָס טרייבן זיי? האָט ער יאָ ברייטע פלייצעס, — צו וואָס ברויך מען זיי ווידער טרייבן?” און מ'לאָזט אָפּ די הענט, אזוי אייגן ווי אין דער שטאָל; מ'בלייבט נישט דאָ, נישט דאָרט, — הענגען, און דער קאָפּ פארקריכט זיך גאָר אין האַצי־פּלאָץ:

— ס'מיידל, נישט דאָ געדאַכט, נאָך א „סנאָט”־נאָז, מוטשעט זיך

אים איבער א רייפטל ברויט, וואָס זי היט זיך אָנצושמירן מיט פוטער, — באַווייַנט זיך זיינוול, — טרינקט ביטערע קאווע אָן מילך, נעמט אַראָפּ ביז איין אויג פון דער יוך, און אַלץ, — זי זאָל, חלילה, נישט נעמען אויף זיך מיט אן איבריק פינטעלע; בלייבן און „שייפּ”, — הויט און ביין; מאָגער, ס׳הייסט: טרוקן ווי א ברעטל; אזוי און מיט אַלעם ווי די היגע „באָיס” ווילן, נאָר ווי די מאמע וויל אָבער נישט, און ער וויל אויך נישט. צוריקגעשמועסט, פאַרוואָס זאָלן זיי דאָס יאָ וועלן? אז מ׳קען פון דעם טריקענען, חלילה, קריגן די אויסצערונג, ווי־ווייט איז דאָס איינס פונעם אנדערן? און מיט מער פלייש אויפן לייב, — איז מען זיכערער און מער אויך באַוואָרנט פאר קרענקען...

דאָס דאַרע מענטשל, דער פאַרמאַן, קען נישט איינזיצן ביים גרין־געדעקטן טישל, — עס הייבט אים אונטער; ער וויל אוועקקוקן, נאָר ווען זיינע אויגן גייען ארום פון דעם צו יענעם, — אזוי צווינגט אים, דער פאַרמאַן וואָס אין אים, ער זאָל זיי אָפּשטעלן אויף די יידלעך, און זיי נישט אויסמיידן; אַזוי גייט ער אונטער, ווי אַ קאַץ אויף די שפּיץ־פינגער, — הינטער זייערע פּלייצעס; און אז יענע הייבן אויף די קעפּ, מעסט ער זיי אָן מיט די צוויי ביסטרע אייגלעך:

— ווי אזוי נייט איר דאָ עפּעס? אין וויליאַמסבורג איז געווען אַזאַ מאָדע?

דערכאַפּן זיך די יידלעך אונדזערע, און נעמען אויף דער גיך נאָכלויפן נאָך די אנדערע נייערס; נאָר אזוי ווי דאָס מיידל, דער „סנאַט”־נאַז, שטייט נאָך אַלץ ביי זיינוולן מיט צען טויזנט קעפּ העכער, און אפשר מיט אַ מיליאָן קעפּ העכער פארן שאַפּ, מיט עליע רבילע און דעם פאַרמאַן, — „ס׳איז באַלד אויפצוהייבן א דערוואַקסענע טאָכטער, אַ גרייטע, — פון דער גאַס?”, הייבט ער באַלד צוריק אָן ביאַדען פאר פייוולען:

—פייוול־קרויק, גיב מיר אן עצה, וואָס מ׳טוט, — זי זאָל וועלן טרינקען סוויט־קרים? נאָר סוויט־קרים קען איר דהעלפן, — זאָגט דער דאָקטאָר, — און מ׳זאָל נישט קוקן וואָס זי וויל נישט, — איבער א גוואַלט אין איר אריינגיסן...

און ביי פייוולען, וואָס דערהערט נישט אזוי גוט צוליבן גערויש פון די מאַשינדלעך, איז דאָס אזוי פשוט, גלאַט:

— בינדן די הענט, די פיס, — ווי ער אליין זאָגט, דער דאָקטאָר,
— און, אז ס׳גייט אין נפש, — איבער א גוואַלט אין איר ארייננגיסן.

דאָס דאָרע מענטשל, דער פּאַרמאַן, האָט זיך גע־
וואָרגן, געשטיקט, און נישט געקענט מיט זיי אַדורכקריכן. ס׳איז
פון אים געפאלן שטיקער. וואָלטן זיי געווען פרישע, ארויפגעשיקטע,
— אזוי וואָלט ער זיך דאָ לאנג מיט זיי נישט ארומגעשפּילט, און
גלייך נאָכן ערשטן איבערייס, צום איבערבייס, — זיי אוועקגערופן אָן
א זייט, און מיט דעם פּאַרטיק צוגעגרייטן פסוק אין מויל, וואָס מ׳איז
געוויינטלעך, משל׳ח א מענטש פון אָ שאָפּ: „איי עם סארי״, — מיט
זיי אַויך ארומגעדרייט; נאָר אזוי ווי זיי זענען דאָך מיטגעקומען מיטן
שאָפּ, און זיך קנאָפּ אָנגעקערט מיט אים, — ווי האָט ער געקענט
פּארמאַכן פאר זיי די טיר, און נישט צולאָזן צום מאַשינדל?

איז ער אלצאינאיינעם געלאָפן הינטער דער פערטער וואַנט, צו
עליע רבילען:

— וואָס מ׳האָט אים דאָ געהאט אַנצוהענגען א שטיין אויפן האלז
מיט זיי, ער זאָל זיך נישט קענען רירן... אים געבונדן די הענט...
ס׳גייט אים שוין נישט אזוי אין זיי, נאָר ווי אין די אַנדערע בעל־
מלאכות; אויב זיי זאָלן זען: אז ער נעמט דאָס אָן פאַר גוט געלט,
— וועט דער שאָפּ גאָר אינגיכן אויסציען די קאָפּיטעס! גיט ער אים
נישט קיין האַלב יאָר צו לעבן...

נאָר אזוי ווי ביי עליע רבילען, ביי וועלכן דער קאָפּ איז נאָך גוט
פארדרייט, און האָט זיך צו מוטשען מיט קרעדיטן, מיט גרויסע
„דעפּארטמענט־סטאָרס״, — קענען זיך די יידלעך צו אים איצט נישט
קלעפּן; און באַזונדער, טליעט נאָך ערגעץ ביי אים א פונקעלע,
כאָטש א באַס, — אַז זיי זענען אריינגעפאלן צו א פּאַרמאַן אין די
הענט אויף די עלטערע יאָרן; בעת זיי האָבן די יונגע יאָרן, ווען
זיי האָבן מער געקענט פּאַראַרבעטן, — אויך צו קיין אנדערן נישט
אוועקגעטראָגן; אזוי לאָזט ער נישט, צוליב דעם און יענעם, —
אויפהייבן קיין מעסער איבער זייער האלז; און בייגט אַלץ אוועק
דעם קאָפּ פון אים, קומט אים אָפּ מיט אן אויסרייד:

— מ׳וועט זיי נאָך אפשר קענען איינברעכן, צוביסלעך...

דאָס דאָרע מענטשל, דער פּאַרמאַן, וואָס פילט נישט אי די הויכע קאַפּ־פאַרדרייעניש זיינע, און נישט זייער זכות־אבות; און פאַר זיינע אויגן שטייט דער שאַפּ, די ציפערן פון דער אַרבעט, ס׳פּלאַטערן פון די בעלי־מלאכות, — מוז ער יעדעס מאָל בלייבן שטיין ביי די יידלעך, און נאָך איין קוק, א צוויטן, א דריטן, — אוועקגיין, ווי ער זאָל נישט ווען, הינטער דער פּערטער וואנט, און צענעמען די הענט:

— טויטע מענטשן! ער האָט נישט מיט וועמען צום טיש צו גיין! (און ווידער ס׳איינענע): סאי שוין נישט וואָס זיי אליין ארבעטן נישט, נאָר ס׳קענען נישט זיין קיין דריי הענט גיכע און איינע א געליימטע, — זי זאָל יענע צוריקהאַלטן; אַלע שרויפן מוזן זיך גלייך דרייען... די מאַשינען זענען אזוי פּארוואָרפן, פאַרלייגט, אז מ׳קען זיך ווייטער נישט רירן... און אויב ער וויל זיי לאָזן זיצן, — קען ער נישט אָנגיין מער און אים דאָס אלץ געבן...

און מיט דער מינוט וואָס ער זעט, דאָס דער בעל־הבית זיינער איז שוין א היבש ביסל געפלעפט און אָפּגעקילט; הערט אויס די אַלע סקאַרגעס און בלייבט קאַלט, אייז, האלט נישט מער פאַר זיי שטאָל און אייזן, ווי איינער וואָס וואָלט מיד געוואָרן זיי צו פאַר־ענטפערן, איבער זיי אויפצוהאַלטן די פליגל: „שלאָג דיר קאָפּ אין קישן, און לאָמיך געמאך! כ׳האָב גענוג מיט זיך צו טאָן!", אזוי נעמט ער זיי אוועק אָן א זייט, און זאָגט זיי אָפּ אויף זיין אייגענער אַחריות:

— זיי האָבן נישט מער וואָס צו טאָן ביי אים.

זיינוול, פייוול, דזשעק און די אנדערע, — וואָס האָבן געהאַלטן, אז זיי זיצן צוגעשמידט צו די בענקלעך, און דאָס איז אויף זיי אַראָפּ־געפאלן ווי א דונער פון הימל אין א שיינעם העלן טאָג, — גיבן זיך אָ וואָרף אויף אים, דעם דאָרן מענטשל, און וואָלטן אים גערן דער־שטיקט אויפן אָרט:

— ס׳איז נישט גענוג פאַר דיר, וואָס עליע רבילע דהאָט אונז געברענגט, — אַז מ׳זאָל זיך קענען דערהאַלטן אין שאָפּ? און גייסט אונדז איבער זיין קאָפּ אוועקשיקן?

— אַרויסוואַרפן אויף צוויי שפענדלעך?

— מ׳האָט דיך אין וואָרזאַק!

— ווער ביזטו דאָס דאָ און ווער, — עליע רבילע? איז נישט עליע דאָ מער אין מינדסטן נאָגל, ווי דו אין גאנצן לייב און לעבן?

דאָס דאַרע מענטשל, דער פאַרמאַן, שלינגט דאָס זייער קאַלט ארונטער, און דאָס פאַרמאַנישע בלוט טריפט, אלצאיינס, מיט דעם געוויינטלעכן טיק־טאַק אין זיינע אָדערן; ס'פּנים פארענדערט זיך אים נישט, — עס בלייבט גזלניש קאַלט, טרוקן און בלייך; ער ענטפערט זיי ווייניק אָפּ, נאָר דאָס וואָס ער זאָגט איז גוט באַרעכנט און צום פּונקט:

— ע ר ט אָ ר ז י י נ י ש ט ה אָ ב ן, — זאָגט ער, — א י ן ש אָ פּ, ו ו י י ל ז י י ב י נ ד ן א י ם ד י ה ע נ ט מ י ט ד י פּ י ס, ל אָ ז ן א י ם ד ע ם ק אָ פּ נ י ש ט א ו י פ ה י י ב ן... א ר ב ע ט אָ ר ע ר ט אָ ר ן ב כ ל ל נ י ש ט ז ע ן אָ ז ע ל כ ע ק ר י כ ע ר ס... א ו ן נ י ש ט נ אָ ר א י ן ז י י ן ש אָ פּ (זיין שאָפּ, אז?), נ אָ ר א י ן ק י י ן ש ו ם ש אָ פּ נ י ש ט... י ע נ ע ז אָ ל ן ז י ך ק ע נ ע ן א ו י ף ז י י פ אַ ר ק ו ק ן... און אויב זיי האָבן אַ חזקה אויף דעם שאָפּ, אָדער דער באָס קער זיך עפּעס אָן מיט זיי, — זאָל ער זיי האַלטן אין דער היים, און יעדע וואָך אריינשיקן די פּיידע אין שטוב אריין...

ביי זיינוולען, פּיוולען, דזשעקן און די אנדערע, — די אלטע צוגעזעסענע בעלי־מלאכות, וואָס אויף זייער שער, נאָדל און אייזן איז אַרויסגעוואַקסן דער ריזיקער שאָפּ, — האָט זיך אלץ אינווייניק אָפּגעריסן; און אזוי ווי ער האָט דאָס ווי אָפּירגעלייענט פון א דעקרעט, און ס'זאָל זיין כתוב וחתום, מיט א קאַלטע לונג און לעבער, — אַזוי האָבן זיי, פאַרקערט, זיך צעיאַכמערט, און מיטן פייער פון זייערע אויגן אויף אים געברענט:

— אויף זייערע פּלייצעס האָט עליע רבילע אויסגעטראָגן דעם שאָפּ העכער צוואָנציק יאָר, און זיך געקענט פארקלויבן אזוי גרויס, — וועט ער זיי קומען זאָגן, אז זיי פּענטען אים די הענט מיט די פּיס? פאַרוואָס דאָס אזוי? ווייל זיי קענען נישט באַכטאַנצן די יונגע חברה, שפּילן אויף זייער פידל? זיך ווארפן, צאַפּלען, קריגן ס'חולה־נופלים ביי דער ארבעט?

און זיך געלאָזט, פּראל, הינטער דער פּערטער וואַנט, — זיי וויסן אויך וואו די פּערטע וואַנט איז; און אויב פאר די אנדערע בעלי־מלאכות איז זי הויך, ברייט און גראָב, — איז זי נישט מער און נאָך אפשר ווייניגער פאר זיי אויסגעוואקסן ווי פאַר אים, דעם פאַרמאַן אליין.

און זיך געוואָרפן אויפן „פראַנט”:

— וואו איז עליע רבילע?

— מ'וויל זען עליע רבילען און רעדן צו אים!

דער פראַנט האָט ארויסגעשטעלט דאָס מיידל: די דינע, אויסגעצויגענע, מיט רויטע, געמאכטע ליפּעלעך, באחנטע בעקלעך, — זי האָט אויפגעמאכט מויל און אויערן: „ווער איז דאָ דער עליע רע־בע־לע? (ס'האָט זיך עפּעס געטאָן, ביז זי האָט דאָס געקענט נאָכזאָגן). אז זי וויסט גאָרנישט פון א מענטש מיט אַזאַ נאָמען, אין שאָפּ?” ביז דאָס איז ענדלעך אריין אין דעם גאָלדענעם קעפּל אירן, און אזוי געלאָסן, מילד, — מיט אלע טויזנט חנען וואָס ביי די מיידלעך, זיי געגעבן צו פאַרשטיין:

— אַז איר באָס איז אַ ביזי מענטש, און ס'איז אים זייער שווער צו כאַפּן... נישט מער: זי זעט דאָך, אַז זיי האָבן זיך מיט עפּעס אָפּגעבריטביים פאַרמאַן, — וועט זי זיי זען ווי צום גיכסטן מיט אים צונויפּצוברענגען...

זיינוול, פייוול, דזשעק און די אנדערע, האָבן זיך גאָרנישט גע־קילט דערמיט; ס'פייער האָט, אלצאיינס, העליש געשפּריצט פון זייערע אויגן, וואָס זענען געווען רויט און פאַרלאָפן מיט בלוט:

— ער איז געוואָרן אַ ביזי מענטש, עליע רבילע...

— כע־כע... זי זאָל זיך, למען השם, גאָרנישט מטריח זיין ביי אים פאר זייערטוועגן, — וואָרן זיי וועלן אים שוין כאַפּן ביי דער יידענע זיינע, אָן אלעם...

זיי וויסן גוט וואו ער שטעקט, זייער עליע רבילע; די פאר־סארגעטע שטיבלעך זיינע זענען צו זיי באַקאַנט נאָך פון די בריתן, וואָס ער האָט אין זיי געמאכט; ווען ער פלעגט קומען צו דעם און צו יענעם אין הויז אריין, ארויסגענומען פון בעט און פאר די אויערן

אהיים געשלעפּט: „איר ווילט מיר פאַרשטערן אַ שמחה?" און זיי, זיך אָפּגעריסן דאָס האַרץ אהיים טראָגענדיק צו אים די בענק פון דער „שערי־צדק" שול, — ס׳זאָל זיין אויף וואָס צו זיצן, צו טרינקען ביר און עסן קאַלטע אויסגעזאָטענע אַרבעס...

און זיך אוועקגעלאָזט, פּייל און בויגן, צו אים, — געפּאַטשט איבער דער בריק, ווי אַ שלאַקס רעגן וואָלט זיי געטריבן, — קיין וויליאַמסבורג; דאָ ערגיץ הינטער דער פאַרלאָזענער שטאָל, די אַמאָ־לעדיקע שאַפּקע זיינע, וואו זיי האָבן אָפּגעקוועטשט אַלע זייערע יאָרן: אַרונטער, אַהער, ביי זיי אין שכנות, דהאַרט אויף דער נאָז, — און זיך כאַטש קילן, וואָס מ׳וועט אים אָנשפּייען אין פּנים אַריין:

— העי, עלעשי? מיינסט: מ׳ווייסט נישט, אַז ס׳איז דיין קע־פּעלע? האָסט אויף אונדז אָנגעשיקט דאָס דאַרע מענטשל, דעם פאַרמאַן, און אַליין זיך פאַרשטעקט הינטער זיינע פּלייצעס, אַרויס־געשטעקט די צונג; נישט געהאַט קיין לב אָפּצולאַכן פון אונדז: די קנייטשעלעך אין פּנים געפעלן אים נישט... כע־כע... מ׳וועט זיי באַלד לאָזן פאַרציען מיט צוועקעלעך, צוגלעטן מיט די גליענדיקע פּרעסלעך; די באַקן צוריק זיין ווי סאַמעט, גלאַטיק, און נישט אַזוי שמאַטעדיק...

און זיך געביסן די ליפּן ביזן בלוט:

— שטיינער האָט מע געברוויכט גיין האַקן, סאַבוועיס גראָבן, און איינמאָל פאַר אַלעמאָל: אַז מ׳האָט ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, מ׳זאָל אים נישט קענען, — אים געברוויכט אַדורכצוזלאָזן...

און דאָ, אַז זיי זענען געבליבן שטיין פאַרן הויז, ערשט, — ס׳איז פינצטער. אַזוי פרי, און ס׳לייכט זיך נישט אין דעם? זיי פּרוּוון די טיר, וואָס האָבן זיי מורא? און רופן: „עליע! עליע קאַפּעליע! אַ בראָך נאָך דיר! אַ קליין קינד זאָל באַלד איינגיכן נאָך דיר הייסן! אַ כאָלערע דיך דערפון אויסרוימען!" קיינער רופט זיך נישט אָן. ס׳איז ווי אַ קול אין דער מדבר. די כאָלערע האָט אים שוין, אפנים, פון פריער נאָך אויסגערוימט, און זיי שטייען אָן קעפּ:

— אַזאַ הונט מיט אויערן... ער האָט זיך נישט בלויז אַריבער־געקליבן מיט דער שטאָל זיינע, נאָר אַליין אויך ערגיץ איינגעזונקען. ס׳איז אים נישט אָנגעשטאַנען מער צווישן זיי אפילו צו וואוינען...

און נישט פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אַזוי נאַטירלעך: דאָס שטייענדיק מיט איין פֿוס אויף דער ניין און דרייסיקסטער גאַס, — ער זאָל מיט דעם אַנדערן פֿוס שטעקן, אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָר אַנדערש נישט געקענט זיין, — אויף איינע פֿון די פֿיל פֿאַרצווייגטע שמאָלע געסלעך אַרום אושען־פּאַרקוויי; שטיל און אַרטיק זיך וויגן אויף דער וויגשטול, אין זיין נייער רייך־אויפֿגעקומענער היים, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אַזוי אייגן ווי ביי אַ סך אַנדערע, — וואָס זענען צוביסלעך אויפֿגעקומען און גרויס אויסגעוואַקסן.

1929

II

די יוניע,
דער באָס
און די אַרבעטאָרער —
ווי פון איין שטיק!

ער, בער, איז איינער פון אַ שפּאַר בינטל אַרבעטאַרער, וואָס איז איבער אַ נאַכט געבליבן אָן אַ שאַפּ. יעדן טאָג, ווי ער איז נאָר געוואָרן, — האָט ער, פון פאַר אַ סך יאָרן, נישט פאַרפעלט אַריינצוקומען אין זיין שאַפּ, און אָפּאַרבעטן די אַכט שעה, ווי ער האָט געקענט, אויפן בעל־מלאכה־שן שטייגער, האָסלען, אָדער ווי דער באָס פלעגט דאָס פאַרטייטשן: אַריינשיסן. פאַר אים, דעם באָס, האָט, אַלצאיינס, דער בעל־מלאכה, ווי ער האָט נאָר באַטרעטן די שוועל פונעם שאַפּ, זיך באַגריסט מיטן זייגער און אוועקגעזעצט ביים מאַשינדל נייען, — געמוזט זיין צו דער אַרבעט, אַלעמאָל זיין: דערהויבן, ווי אַ פרומער ייד צו שמע־ישראל, און איר חלילה נישט אַראָפּכאַפּן מיט אַ גענעץ, מיט אַ געוויסע שלאָבּ־ריקייט, ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל מיט אַ מענטש; ער האָט אַלעמאָל געמוזט זיין צו איר וואַכעדיק, אויף מיט אַלע חושים, און רודערן מיט אַלע אברים ווי אַ קאַץ, ווען זי איז אַריינגעטאָן אין גריזשען אַ שטיק פלייש. דער „בעל־מלאכה" ביי אים האָט געברויכט שווימען, ליגן קלאַפּטער, — מיט דער רגע ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געניי, זיין אַרומגענומען פון איר ווי מיט דער ענגשאַפט פון אַ גרויס געניי, פון וועלכן מ׳קען זיך נישט געבן קיין קער, זיך צוריקהאַלטן אויף אַהין אָדער אַהער, און אָפּשטיין פון אַלע.

און נאָכאַלעם האָט זיך, אַפּנים, דער באָס נישט אָנגעזעטיקט מיט זייער שווערע אַרבעט, און ער האָט דאָס בינטל בעלי־מלאכות אַרויס־געפירט אויפן אייז. זיי געלאָזט שטיין, און אָן חרפה פאַר די אויגן, זיך גענומען אַרויספירן די מאַשינדלעך, ביי וועלכע ז י י האָבן אוועקגעלייגט ס׳לעבן, — ערגעץ אין אַ קליין שטעטל אין דזשוירזי, זיי איבערענטפערן אויף די הענט פון שיקסעס.

דאָס בינטל אַרבעטאָרער האָט אויפגעציטערט ביז צו דער לעצ־טער האָר אויפן קאָפּ, און זיך אוועקגעלאָזט ווי א סטאַדע גענז, ווען מ׳שיסט אין זיי אַריין, — מיט אויפגעהויבענע פליגל, אין דער יוניע; דאָס איינציקע שטיקל שפּינבעכטס זייערס, אין וועלכן זיי האָבן זיך געקענט אָנכאַפּן, — און דאָרט אויפגעהויבן א געשריי און א גענואַלד:

— סטייטש? היתכן? די יוניע וועט לאָזן אַרויספירן א שאָפּ? אירס אַ שאָפּ?

האָט די יוניע טאַקע געמאַכט א פרומע מינע, אויסגעגלאַצט, לפּנים, די אויגן, — עס גייט איר אין לעבן פאַרן ביסל יידלעך דאָ? נאָר להראות, זיי בלויז צו ווייזן, ע, — אַז זי איז טאַקע א יוניע, און אויך זייער יוניע; און אַז פאַר דעם געלט וואָס זי שלעפּט ביי זיי, — ברויך זי, לפנים כאָטש, לאָזן פאַלן א גוט וואָרט, — זיך געגאַנגען מיען פאַר זיי אין די הויזן:

— ס׳איז דאָך טאַקע נישט יושרדיק!

דער באָס, וואָס פאַרשטייט זיך דערויף, נעמט דאָס אויף מיט א דורכגעטריבן כיטרע שמייכעלע:

— וואָרן, איך נעם דען אוועק ביי דער יוניע דעם שאָפּ אירן? אין דזשוירזי וועלן די שיקסעס, וואָס איך זעץ אוועק אויף זייערע ערטער, — איר אויך נישט פרעמד זיין, און איר מיט דעם זעלביקן גאַנץ שיין אָפּצאָלן...

פאַרשטייט זיך, אַז נאָכדעם ווי די יוניע האָט זיך אַזוי שיין אָנגענומען פאַר די אַרבעטאָרער, איז דער באָס ערשט רעכט געבליבן ביים „מופן" דעם שאָפּ, ווי ער וואָלט נישט מער געהאַט קיין שום שטער פון איר, פון דער יוניע, וואָס האָט פון זיין דורכגעטריבן שמייכעלע: „ווי־לאַנג ער גיט איר אַוועק די שיקסעס!", — פאַר אים כמעט ווי אויפגעמאַכט די טירן פון דזשוירזי.

איי, וואָס ס׳ביסל בעלי־מלאכות וועלן בלייבן אָן אַ שאָפּ? נו, (פּלאַצט איר גאָר דער עלנבויגן, דער יוניע!), און וואָס זיי שטייען, קוקן מיט אַזוינע גרויסע אויגן, טרערנדיקע: „ס׳איז זייער שאָפּ! זייער שאָפּ!" און שעלטן אָפּן: „ער זאָל זיך דאָרט אָנצינדן און ברענען ביזן קלענסטן ביינדל פון זיין לייב!" — חידושט זיך דער באָס:

מילא, פאר זייערע בייזע מיילער איז עס נאָך אַלץ ווייניק! וואָרן, אויב זיי האָבן זיך געקענט לאָזן איינרעדן פון דער יוניע, אַז ס׳איז זייער שאָפּ, — מעגן זיי נאָכמער שעלטן, אָבער נישט אים, — די יוניע! און אפילו איר אויך די פענצטער אויסשלאָגן! טאָקע, ווי האָט זי דאָס געקענט נעמען פשוטע, פאַראַרבעטע מענטשן, און זיי פאַר־פירן? זיי איינרעדן אַ לונג און לעבער ביי דער נאָז, — אַז ס׳איז זייער שאָפּ? צי אפילו, — אז די זעלביקע יוניע איז ז י י ע ר, און נישט די ב ע ל י ־ ה ב ת י מ ס? און אויב זיי פאַרשטייען זיך נישט דערויף, און שעלטן גראָד אים, האָט ער זיך עס, פאַר די עולות וואָס ער האָט זיי געטאָן: געלאָזט ארבעטן אזוי פיל יאָרן, און פאר אזוינע „ווידזשעס״, — מסתמא כשר פאַרדינט. און ס׳איז נאָך אַ גוטס, וואָס זיי וואַרפן אים נישט קיין שטיינער אין קאָפּ אריין! ווען ער וואָלט פאַר די אַלע יאָרן געווען צו זיי א הונט מיט אויערן, אַ שוואַרץ יאָר, און זיי געגעבן אזוינע קעסט צו עסן, אז ס׳זאָל זיי זיין פינצטער אין די אויגן, — וואָלטן זיי זיך, פארשטייט זיך, אָפּגעווישט דאָס מויל און אויסגעשפּיגן פאר אים: „זאָל ער געהרגעט ווערן מיטן שאָפּ אינאיינעם, דער דבר אחר!״, אָבער פאַר אַזעלכע געלטער ווי ער האָט אוועקגעצאָלט, — איז דאָך קיין חידוש נישט, אז זיי שעלטן, ווען ער וויל זיי מער נישט צאָלן... ס׳וואָלט געווען א חידוש, ווען ס׳זאָל זיין פאַרקערט...

ער, בער, מיט נאָך אנדערע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן פון תמיד אָן נישט געהאַט קיין איבעריק גרויסע אמונה אין דער יוניע: אז זי מ י י נ ט ז י י ווירקלעך, און איז פאר זיי מי יודע וואָס? און נאָר אויף אזוי פיל מחותן מיט איר: „נאָ דיר די פּופּציק סענט א וואָך, אַ חוץ די אנדערע פעטע זאַכן, וואָס זי שטעלט זיך ביי זיי צו קריגן, און שוין!״; זיי האָבן זיך איצט געפּרואווט ראַטעווען אויף זייער אייגענע אחריות: „מ׳האָט די יוניע וואו״... און זיך אונטער־גראָבן צום באָס, — וואָס, דאָס וואָלט שוין ווידער פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גרויסן חטא ביי דער זעלביקער יוניע, און נישט רעדן צו אים ווי אן ארבעטאָרער מיט א בעל־הבית נאָר ווי א מענטש מיט א מענטש:

— סטייטש? היתכן? איר זעט דאָך נישט אויס אַזאַ גזלן צו זיין?

ד'האָט דער באַס נאָר געקענט זיין תקיף, פילנדיק, אפנים, אַז די יוניע שטייט אים הינטער די פּלייצעס:

— מיט וואָס בין איך א גזלן? א רוצח? דערמיט וואָס איך מוף דעם שאַפּ? ווער פון אייך, אויף מיין אָרט, — וואָלט עס נישט געטאָן? און געבליבן שטיין מיט אים אין ניו־יאָרק ביי אזוינע הויכע ווייזדזשעס, אז מ'קען קריגן די זעלביקע הענט אַ פּאָר טריט ווייטער, איבערן וואַסער, אין דזשוירזי, — פאַר א דריטל געלט, און זיי זאָלן אפילו זיין כשר ביי דער יוניע אין די אויגן?

און אַז ער, בער, זאָל מיטגיין מיטן שאַפּ, מגולגל ווערן אין א שיקסע, — ווען ער זאָל דאָס אפילו געוועז קענען, צו וואָס מ'וואָלט באַדאַרפט נעמען ס'הויזגעזינט אויף די פּלייצעס, און זיך אריבערטראָגן צוגלייך מיטן שאַפּ קיין דזשוירזי, — וואָלט ביי דער זעלביקער יוניע אויסגעקומען, אז ער גייט „סקעבן"; ס'וואָלט שוין אים נישט אויף אזויפיל געאַרט, ווי אויך די אנדערע בעלי־מלאכות, וואָס מען באַדאַרף גיין פאַר דעם אייגענעם געלט כמעט, אָדער מיט צוויי־דריי טאָלער מער פאר די גראַז־גרינע שיקסעס אין דזשוירזי, — נאָר וואָס ס'וואָלט אָבער די יוניע יאָ געאַרט, אז זיי זאָלן אויף אזוי פיל אַראָפּלאָזן פונעם לוין, וואָס מ'האָט בפירוש נישט געטאָרט... און אויב די יוניע האָט (בסוד) געזאָלט האָבן שטעקן אַ האַנט אינעם „מופן" פון דעם שאַפּ, ווי ער, בער, און א סך פון די אַנדערע בעלי־מלאכות, וואָס זענען קיינמאָל נישט געווען צופיל איינגעגלויבט אין איר, האָבן געוואָלט האָבן, ווייל זי איז שוין מיד פון די יידלעך, און וויל אויף זייער אָרט בעסער האָבן שיקסעס, — וואָלט זי זיי געלאָזט מיטגיין מיטן שאַפּ קיין דזשוירזי? וואָס פאַר א בייט וואָלט זי דאָ געמאַכט? זענען זיי (ביי דער יוניע), נישט קליין דאָ צו „פּיקעטן" די „שאָו־רומס", ביז זי וועט דאָרט ארויסקריגן אַן „אַגרימענט" ביים באָס, און אָנהייבן אויפמאַנען „דיוס" ביי די שיקסעס.

און אַז ס'איז געקומען דערצו, דאָס די יוניע האָט זיי אָנגעטאָן די „סיינס", געהייסן גיין אויף דער „פּיקעט־

ליין", דער באָס זאָל איר וואָס גיכער אוועקגעבן די שיקסעס, — האָבן זיי געלאַכט מיט גאַל:

— אַז זיי זאָלן מיטגיין מיטן באָס, וואָלט ביי דער יוניע געהייסן, — אַז זיי סקעבן; און אַז די יוניע העלפט דעם באָס, און דורך זייער פּיקעטן, — זיי אויסטוישן אויף שיקסעס, — הייסט נישט, אַז די יוניע סקעבט זיי? וואָרן, אַזוי ווי ס'איז מעגלעך דאָס אַרבעטאָרער זאָלן סקעבן קעגן דער יוניע, קען נישט געמאָלט זיין, — אַז די יוניע זאָל סקעבן קעגן די אַרבעטאָרער?

אַרויספאַלן פון אַ שאַפּ, האָט אַזוי גוט געהייסן, ווי אַרויספאַלן פון טרייד, און וועמען דאָס איז געפאַלן אין קאָפּ אַריין, — יענער האָט זיך געהאַט גוט צו באַלעקן. ס'איז נישט געווען אַמאָל, ווען שעפּער זענען צוגעקומען מיט יעדן טאָג, געוואַקסן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן, און די יוניע זיך געהאַלטן אין איינשטעלן; עס האָט געשמעקט אין דער לופט דער זיידענער אַראָמאַט אירער. עס איז דער שווערער איצט, ווען שעפּער קומען־אָפּ, צעלויפן זיך אין די וועלדער, אין די דערפער... און פון די יוניעס ווייעט ברוטאַלער כח... זיי בייסן און רייסן זיך אַרום צווישן זיך ווי די פּימפּס און די ערגסטע גאָרגל־שניידער. די איינע יוניע: „איך וויל דעם שאַפּ!" יענע: „אַ מכה! איך וויל איך האָבן!" (אַ שאַפּ איז געלט, און ס'איז זיך דאָ איבער וואָס אַרומצורייסן!) יענע יוניע: „די אָקסן (אַרבעטער בלע"ז), וועלן דורך מיר באַגליקט ווערן!" די יוניע: ניין, ביי מיר וועלן זיי האָבן לעקעך צו עסן!" ס'איז נישט דער טאָג, מ'זאָל נישט שלעפּן אַן אַנדערע יוניע פאַר די אויערן אין „קאָורט" אַריין, און זייערע „קעפּ", אויב זיי זענען מזלדיק געגנוג, — זאָלן אָפּשניידן בלויז מיט צען־פופצן יאָר; און די וואָס זענען ביטרע געגנוג און קלוג זיך נאָך דערווייל אַרומצודרייען, — וועלן זיך סוף־כל־סוף אויך כאַפּן אויף דער ווענדקע, און דאָס באַקוועמע „זיץ־אָרט" וואַרט נאָר מיט

אָפּענע אָרעמס, — זיך מיט זיי ארומצונעמען. צוקוקענדיק ווי די שעפּער האָבן זיך גענומען צעלויפן, צעשפּרייטן, האָט די יוניע, זיך איינגעפּאַקט ס'פּעקל, און גלייך ארויפגעכאַפּט אויפן וואָגן: „הו־הו!" און ס'איז שוין מער ווי כמעט דאָ נישטאָ קיין יוניע, ווי ס'זענען מער נישטאָ קיין שעפּער נאָר „שאָו־רומס"‚ — אָן „אינטער־נײשאָנאַל", א כהונה גדולה, וואָס האָט לאָקאַלן מיט שיקסעס איבערן גאַנצן לאַנד, איבער וועלכע זי האָלט אויסגעשפּרייט ווי א שוואַרצע פלעדערמויז אירע פליגל... די שעפּער דאָ זענען מער קיין שעפּער נישט (אָפּגערעדט פון שאַפּקעלעך און קאָנטראַקטאָרלעך), נאָר „שאָו־רומס" מיט אָפּיסעס, א־יום וועלכע ס'קלעפּן זיך צו עטלעכע ארבעטאָרער, מיוחסדיקע, האַלבע און פּערטל סקעבס, — בלויז פאַרן אויג, און די „באַנדלעך" גייען גאָר ארויס קיין דזשוירזי, אין פּענסילווייניע, קאָנעטיקוט, און וואו נאָך אַלץ, דער גוטער יאָר ווייסט, וואו...

גאָטס וואונדער: ווי די בײדע, וואָס זענען כמעט אין איין צייט אויפגעקומען, די באָסעס מיט דער יוניע, — מיטן שוויס און בלוט פון די דאָזיקע יידעלעך, וואָס זענען זיך מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק אָנגעלאָפן פון דער אלטער וועלט, — יונג אין יאָרן, רויט אויפן פנים; די בײדע, די בעלי־הבתים מיט זייער יוניע, דהאָבן איצט שכל גע־האָט זיך צו נעמען אונטערן אָרעם, ווי א פאַרליבט פּאָרל, און גראָד ווען די יידלעך זענען שוין נישט אזוי יינג און די פּנימער ביי זיי רויט, — און זיך אויסדרייען, א רוח אין דער וועלט אריין וואו קיין מענטשן גייען נישט, — צו זיי מיטן הינטן: „קוש מיך אין נ'אחור!" און אויב נישט אזוי גראָב, — איז מיט אזא מינעלע וואָס שטעכט אין דער זיבעטער ריפּ: „וואָסי? אויף איביק האָט איר געוואָלט פאַר־כאַפּן די מאַשינדלעך פאַר זיך? און נישט געבן אמאָל א „שאָו" עפּעס יינגערס פון אייך? שיקסעס זענען נישט אזוינע מענטשן ווי איר? און אז זיי ווילן זיך אוועקזעצן ארבעטן, וועט מען זיי הייסן וואַרטן, — ביז איר וועט שטאַרבן? אויסציען די פיס מיט אלעם?" און גראָד איצט זיך אָפּגטן מיטן ביסל בעלי־מלאכות, — פון וועלכע זיי האָבן זיך אויסגעפּאַשעט, געוואָרן געשוואָלן: די יוניע מיט די בעלי־

הבתים, געקריגן א בויך ביז הינטער דער נאָז, א געזונטן הינטער־חלק, און זיך ארויפגעארבעט צו „רעגעלע אָלרייטניקעס״...

נו, און די יידלעך? זיי האָט מען פאַרזען מיט דעם לעבעדיקן בית־עולם, וואָס מ׳רופט ביים נאָמען: מארקעט, וועלכער האָט זיך אויסגעלייגט, מיטן צעלויפן זיך פון די שעפער, — איבער די טראָטואַרן פון דער אכט־און־דרייסיקסטער, ניין־און־דרייסיקסטער און פערציקסטער גאַסן, פאַר האַלבע „סקווער״־בלאקס, וואו זיי קענען אָפּשטיין זייערע טעג, וואָס ס׳איז זיי נאָך פאַרבליבן צו לעבן, און אפילו נישט אָפּטרעטן אויף קיין מינוט (וואָס אַרט עס דען די יוניע?) ווי פון א שיין ווייב, וואָס האָט נעבעך פאַרראַטן, אַנטלאָפן מיט א פרעמדן, און מ׳טראַכט זיך, — אפשר און טאָמער וועט זי זיך פאָרט איבערלייגן, מיישב־זיין: „ער האָט דאָך פאָרט אונטערגעשטופּט, דער הינטישער מאַן, און איר צוגעזען: זי זאָל גיין שיין אָנגעטאָן... האָבן צו עסן... וואו דעם קאָפּ אוועקצולייגן״... און זיך אומקערן אהיים...

זיי שטייען, די יידלעך, שניפּן און זיפּן אדורך יעדן סלוך, און ס׳איז נישט אזוי דאָס וואָס זיי ארבעטן נישט, נאָר וואָס ס׳זעט זיך נישט מער ארויס אויף להבא, — מ׳זאָל זיך אמאָל נאָך ברויכן צוטוליען צום מאַשינדל; און ד אָ ס וואָס ס׳מאכט אים, דעם אַמאָליקן, אָנזעענדיקן בעל־מלאכה עובר־בטל, פאַר א גאָרנישט, א שטיקל בלאָטע, אביסל פּרוכנע.

פון דעם גאַנצן בינטל בעלי־מלאכות, האָט דאָס צום שווערסטן געטראָפן אים, בערן. כאָטש ער איז געווען אין די גלייכע יאָרן מיט די אנדערע יידן פון זיין שאַפּ, און נאָך אפשר מיט עפּעס עלטער, — איז ער געווען אנדערש פון זיי אלע מיט דעם, וואָס יענע זענען שוין געהאט איבערגעקומען די טאַטע־מאַמע יאָרן, און ער, — נאָך נישט; ביי די אנדערע יידלעך האָבן זיך צו דער צייט ארומגעדרייט אין די שטובן גרויסע דערוואַקסענע זין און טעכטער, וואָס האָבן נישט נאָר אליין געארבעט און פארדינט אויף זיך, נאָר אויך שוין צוגעטראָגן אין שטוב אריין זייער חלק, אויף וויפיל יעדעס האָט געקענט און באַדאַרפט. דאָס הויז האָט זיך סיי־ווי נישט געהאלטן בלויז אויף דעם וואָס דער טאַטע האָט פאַרדינט, און ס׳איז געווען

גוט, נאָכמער ווי גוט, אז ער האָט, לאָמע זאָגן, — געקענט דערלאַנגען דעם ווייב די „רענט״, און נאָך פאר א צולאג: אויף א „באָנדל״ וועש פאַר דער „לאָנדרי״ און, — „לאָמיך געמאַך!״

ער, בער, איז אַזאַ מזלדיקער האָז נישט געווען. אויף אים איז נאָך דערווייל געלעגן דאָס גאַנצע הויז מיט אלע אירע ווענט, טירן און פענצטער. ער האָט עס געברויכט אויסצוהאַלטן פון דירה־געלט, און אַלערליי גרעסערע און קלענערע „בילס״ וואָס א הויז מאַכט־אָן, — ביז, ביז צו א „סוט־קלינען״. נישט געהאַט נאָך איבערגעקומען דעם באַרג, — „קינדער״. אביסל דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אויסגעהיטן אין די ערשטע יאָרן פון נאָך דער חתונה, און אביסל אויך צוליב דעם, אלמאי זיך נאָרן? וואָס זיי האָבן דענסטמאָל ביידע געאַרבעט, און זי האָט נישט געוואָלט ארויס פונעם שאַפּ. און זיך געדרשט אָנגעהויבן צו זען מיט די קינדער, דערנאָך, דערנאָך, אזוי, אז ס׳איז אויסגעקומען, — דאָס ווען ער מיט די אנדערע יידן פון זיין שאַפּ זענען געבליבן אויפן וואַסער, — ס׳זאָל יענע נישט האָבן אזוי שטאַרק אָנגעכאַפּט ביים האלדז, און אים דערוואָרגן: און ס׳איז נישט דאָס, וואָס ער האָט נאָך פון זיי נישט געהאַט, פון די קינדער, נאָר וואָס זיי זענען אלע ביי אים געווען אין די יאָרן, — אין וועלכע, זיי האָבן נאָך באַדאַרפט פון אים האָבן. איינס, וואָס האָט געהאלטן אין מיטן „קאלעדזש״; ס׳אנדערע, — זיך נאָך נישט געהאַט צוגעזעגנט מיט „הײַ־סקול״; און ס׳דריטע אים גלאַט אזוי געפלעגט אָפּוואַרטן פאר „ספענדינג־מאָני״, וואָס האָט נישט געמיינט אַ ניקל אויף „אייז־קרים״ מיט א צען סענטיקע „פּיקטשע״, נאָר אויסצוגיין „אַפּ־טאַון״ צו א „שאָו״, און אויף גרעבער געלט אויך אין קעשענע...

און ער, בער, האָט נאָך נייטיק באַדאַרפט האָבן צו זיי פיר־פינף יאָר, ביז זיי וועלן זיך נאָך א קליין ביסל איבערוואַקסן, ס׳וועט זיי מיאוס ווערן צו שטיין איבער דעם טאַטן מיט דער מאַמען פאר קעשענע געלט, און דאָס ביי זיי ארויסקריגן מיט א פאַרקרימט שמייכעלע, גערן אָדער אומגערן, — נאָר זיך צעלויפן, ווי אויפן אמעריקאנער שטייגער: וועלכעס אין אן אָפיס, וועלכעס צו אן ארבעט אין אַ שאַפּ, גיין אויף זייערע אייגענע פיס, און ס׳רעדעלע זאָל זיך אָנהייבן דרייען אויף צוריק: נישט, וואָס זיי וועלן אויפהערן נעמען, נאָר, פארקערט,

— פארגרינגערן דעם עול פון שטוב, אים טיילווייז אראָפּנעמען פון זיין קאָפּ. אָנהייבן אריינצאָלן: וועלכעס, פינף דאָלאַר א וואָך פאר עסן; וועלכעס, — אויב עס פארדינט מער, חוץ די פינף טאָלער פאַרן עסן, אויך עפּעס צושטייער געבן צו דער „רענט”; וועלכעס, — אָפּגעבן ס׳גאַנצע געלט און נעמען בלויז פאר זיך, אויף וואָס מ׳באַדאַרף צו האָבן, — ווי נ אַ ך א קינד — נאָך.

און ווי לאַנג ער, בער, האָט נאָך באַדאַרפט מיט אלעם אויפשטעלן די פלייצעס פאַר זיי, — האָט ער זיך איצט אַ וואָרף געטאָן ווי אַ שלאַנג, אַז דאָס אומגליק האָט אים געטראָפן, און זיך ערגעץ געזוכט א דורכצורייסן, ווי אזוי ס׳זאָל נישט זיין, — אין אַ שאָפּ אריין. נישט אַלע שעפּער האָבן זיך דאָך, ווי אָפּגערעדט, אויפ־געכאַפּט איבער א נאכט און עוקר געווען, נאָר צוביסלעך: היינט דער, מאָרגן, — יענער, לויט א ישוב, און אויך לויט די כ ח ו ר ת. נישט אלע שעפּער קענען באַלד, מיר־נישט, דיר־נישט, — אנטלויפן; ווען זיי זאָלן דאָס קענען, — וואָלטן זיי זיך געוויס דאָ קיין איין שעה נישט געהאַלטן אין ניו־יאָרק. דאָס „מופן” זייערס קאָסט געלט, און מ׳ברויך דערצו האָבן א רייכן בייטל. דער באָס ברויך זיך גוט אונטערגאַרטלען. נישט איינער פון זיי האָט שוין דערביי אויך גע־בראָכן דעם קאָפּ. און אנשטאָט ז י ך אין אויג און דעם ביסל בעלי־מלאכות ב י י ד ע אויגן, — איז אויסגעקומען פארקערט: ז י ך ביידע אויגן און ז י י, — איין אויג. צום שלימזל פון די בעלי־מלאכות, — כאָפּט נישט ביי איין בעל־הבית פון פּאַרנט, ביים צווייטן פון הינטן, — און זיי זאָלן נאָך דערוויל, ווי אויף צופּי־קעניש, מוזן זיצן אין ניו־יאָרק, אויפן דאָס; אז דאָס „מופן” זאָל אזוי גרינג צוגיין, — וואָלטן זיי זיך זיכער אויפגעכאַפּט אין א שיינעם פרימאָרגן, די אלע שעפּער, און דאָ נישט מער איבערגענעכטיקט. וואָס־אַי, ס׳איז זיי אזוי שווער זיך צו צעשיידן מיט דעם ביסל אָפּע־רייטאָרס? מיט די אלטע קאָקערס? און די ליבע, גוטע יוניע, אָן וועלכע ס׳וואָלט אפשר יאָ באַנג געטאָן, — זי „ס ט י ק ט” דאָך ביז ארונטער, און ג י י ט מ י ט ז י י מ י ט; זיי וועלן זיך דאָרט אויך מיט איר קענען האָלדזן און פּאָלובען, ווי מיט א

טייבעלע אין בוזים... און ביז אַזאַ איינער ווערט פּאַרטיק מיט זיך, און ער האָט שוין פון פאָרנט און פון הינטן, — ער זאָל קענען נעמען רייסן שטיקער פון דעם פלענט מאַשינען, אים ארויספירן ערגעץ אין דר׳ערד אריין; ביז אזא איינער ווערט פאַרטיק מיט זיך, — ארבעטן נאָך דערווייל און געשמאַק, געגוג שעפער מיט די היגע ארבעטאָרער. כאָטש ס׳טליעט תמיד א וויסטע שרעק אין זייערע הערצער, נישט וויסנדיק קיינמאָל, אויב זיי וועלן אויך מאָרגן נישט ברויכן גיין אויפן בית־עולם, אין מארקעט, בלע״ז, צווישן די לעבעדיק באַגראָבענע ארבעטאָרער, און זיך ארומדרייען מיט זיי אלע ווי אָפּגע־שלאָגענע כפּרות.

און אויף אַזאַ איינעם פון די שעפער, וואָס ארבעטן נאָך לעת־עתה, און קלערן זיך נישט אַרויסצורירן פון שטאָט, — האָט ער, בער, זיך געשארפט די ציין. נאָר ווי אזוי קריגט מען זיך אין אזא איינעם אריין, — ער זאָל קענען אָפּשטופן די צרות זיינע אויף נאָך א פּאָר יאָר, ביז זיי וועלן מער קיין צרות נישט זיין? איי, וואָס יענער וועט זיך מיט א פּאָר יאָר שפּעטער אויך אַרויפכאַפּן, און ווי יענע אלע פריערדיקע, — נעמען רייסן די מאַשינדלעך, זיי לאָזן ארויס־פירן ערגעץ אין דר׳ערד אריין? ער ברויך דאָך נישט מער ווי די פּאָר יאָר נאָך, איבער דעם ווייב זיינעם, וואָס האָט אין די ערשטע יאָרן פון נאָך זייער חתונה, נישט געוואָלט ארויס פונעם שאַפּ, זיך אויסגעהיט, — און די חברה האָט ערשט שפּעטער אָנגעהויבן קומען... נאָך אין פיר־פינף יאָר ארום וועט ער האָבן אַנגעיאָגט, און זיין גלייך מיט יענע אַלע יידן, וואָס זענען מיט אים אינאיינעם ארויס־געפּאַלן פונעם שאַפּ, און זיך שוין אויך קענען פארדרייען צו דער יידענע מיטן הינטן: „געלט אויף רענט זאָל איך דיר געבן? גיי צו בענילען! ווילסט א דרעס? אז סילוויע וועט גיין צו קליינען נאָך א דרעס, — זאָל זי דיך אויך מיטנעמען! ס׳שאַט נישט! דו דהאָסט וויניק פאר איר אויסגעשמויזט ביי קליינען, ביי אורבאכן, און זיך נאָך געפרייט, — אז דו האָסט דערויף!" עס איז דאָך נישט מער ווי אויף די פּאָר יאָר נאָך, ביז די חברה ביי אים וועט זיך איבער־וואַקסן... און דערנאָך, דערנאָך זאָל ער מופן, דער באָס זיינער, מיטן שאַפּ... זאָלן זיי אלע מופן... און די יוניע מיט זיי... זיך ביידע איינהילן אין די שיקסעס, און ביי זיי נתעשר ווערן... ער וועט

דאן שטיין אין מארקעט, זיך באַ׳טעמט מאכן ס׳מויל, אז מ׳וועט רעדן פון „באַנדלעך״, ווי אַן אלטער בעל־עבירהניק, וואָס קען נישט מער זינדיקן און קומט־אָפּ מיט ניבול־פּה... און אויסצאַנקען מיטן איבע־ריקן ביסל יידלעך אינאיינעם... מ׳וועט דאָך נישט אייביק לעבן... זיי זענען שוין נישט יינג... דער מאַרקעט וועט מוזן ווערן שיטערער און אויסקאַפּינען... די טראָטוארן ווערן צוריק ליידיק... אויס... ווי נאָך איידער זיי זענען געוואָרן... ווען די זעלביקע שעפער האָבן נאָך אפילו נישט געחלומט זיך ארויסצורירן פון ניו־יאָרק, די יוניענס צו גיין אין „ביג־ביזנעס״... און די זעלביקע יידלעך, אנשטאָט צו שטיין אין מאַרקעט, — זענען געלעגן אין די שעפער און האָבן גענייט, אוי, ווי געניית!

דערנאָך, אז די קינדער וועלן שוין אינגאַנצן גיין פאַר זיך, זיך חר־תונה מאַכן, — אויף דעם ברויך ער זיך אודאי נישט ברעכן דעם קאָפּ, — ס׳איז דאָ יוראָפּ? און ער ברויך זיי צו לאָזן רעדן שידוכים? זיך אָפּגעבן מיט שדכנים? די טאָכטער וועט זיך נישט צוקלויבן קיין באַי, און די ייִנגען, — קיין מיידן? און אז ער וועט בלייבן ווי פריער, אליין מיט דער יידענע, — האָט ער דאָך א שטיקל אָפּגעצאָלטע פּאַלעסע, ניין? וועט ער הייסן די טויזנט טאָלער איבער־שרייבן אויף עפּעס א מושב־זקנים; זי זאָל זיין דער „בענעפישערי״, אים ירשענען נאָכן טויט, און פאַר דאָס זיך אָפּגעבן מיט זיי, ווי לאַנג ס׳וועט זיי נאָך באַשערט זיין צו לעבן...

ס׳רעדט זיך נאָר אזוי, פאַרן ערגסטן, אז ס׳וועט שוין זיין כלו כל הקיצין, — אַלע שעפער וועלן זיך האָבן צע־לאָפן און ניו־יאָרק זאָל זיין א וויסטעניש: „שאָו־רומס״ מיט „אָפּיסעס״, און אָן שעפער . . . „אינטערנעשאַנאַלס״ אָן יוניעס . . . אַזוי לאַנג ליגן זיי בייזאַמען און קרענקען, די בעלי־הבתים מיט דער יוניע, — ווי זיי וועלן דאָס נישט דערלעבן . . . און ס׳וועט זיי נאָך גענוג לאַנג אויספעלן פון הינטן און פון פאָרנט, — זיי זאָלן זיך מוזן דאָ וואָרגן מיט די אלטע קאַקערס, ווי די יידלעך זען אויס אין זייערע אויגן. „און טו מיר עפּעס!״... סיי, די יוניע זאָל זיי, די בעלי־הבתים, דערויף אַזוי

גראָב אונטערשטופּן?... זי פירט דאָך עפּעס אַזעלכע ריזיקע „אָרגאַניזיישאָן דרייווערס”, און נעמט ביי זיי, ביי די יידלעך, אַזעלכע שווערע „אַסעסמענטס” דערויף. —

עס גלוסט זיך פאַרט נישט, נאָך דעם גאַנצן געשריי: אַזוי פיל שעפּער אַדורכגעוואָרפן, אַזוי פיל „פּיידעס” מיט אַזוי פיל סטרייקס, — פאַרענדיקן אין א מושב־זקנים. און ווי לאַנג זיי זענען נאָך דאָ פאַראַן, די שעפּער, — זיך אויסלעבן די יאָרן בהרחבה אין זיי, עלטערן אָן שום זאָרג און וויי; און טאַקע נאָכדעם ווי זיי וועלן זיין אַליין, — נישט נאָר ניט אונטערגיין, נאָר אויך פארבלייבן שטיקלעך מענטשן, מיט לייטן גלייך, די קינדער זאָלן נאָך דער חתונה אויך האָבן וואו אריינצוקומען, און זיי די קינדער מיט עפּעס אנטקעגן צו גיין.

און אַזוי ווי ער, בער, האָט זיך אומגעוואָרפן קנאַפּע דרייסיק יאָר צווישן שעפּער, געלעבט א שאַפּ־לעבן, און נישט ווי ס׳רוב יידלעך: אין דערפרי געקומען און אויף דער נאַכט אהיים געפאָרן; און די „פּיידע”, למען השם, נישט באַוולהט מיט קיין פּעני: „אַזוי פיל און אַזוי פיל, נאָ דיר, מיין ווייב, טייבל געלט!”, אָפּגעלייגט באַזונדער פאַר רענט, באַזונדער פאַר געז, עלעקטריק, וועש, און דאָס איבעריקע, צום סענט, אוועקגעטראָגן אויפן ביכל, אין דער באַנק אריין. נאָר געלעבט א מענטשלעך אָפּערייטעריש לעבן, און אָפּן געהאַט די האַנט פאַר אלע נויטן; צי ס׳איז געווען מיט א „טיקעט” פאַר טרייטלען, א קאָלעקשאָן פאַר פּייטלען, — זיך דאָס קיינמאָל נישט איבערגעפרעגט; נאָר אז מ׳האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו אים, — איר נישט ליידיק צוריקגעוויזן. און נישט וואָס ער האָט אַליין געגעבן, נאָר זיך אויך מתעסק געווען ביי אנדערע. למשל, מ׳איז אים געקומען זאָגן: מ׳האָט צוגענומען דעם גראָבן בערל אין שפּיטאָל אריין, — האָט ער נישט געקלאַפּט אין דער פּושקע: „קויפטס א טיקעט פארן גראָבן בערל? לאָזט אים נישט, צוליב א פּאָר טאָלער, אויסשפּייען דעם לעצטן אָטעם?” און אז ביינוש איז

געוואָרן א קאַליקע, זיך נישט געקענט מער אומקערן אין שאָפּ, — האָט ער נישט מרעיש עולמות געווען, און מיט די לעצטע כחות אדורכגעפירט א שטיקל בענעפיט, — יענער זאָל זיך האָבן פאַרוואָס צו קויפן א „סטענדל״? אחוץ וואָס ער האָט זיך געפאַרעט ביי לויות: ביי דעם געהאָלפן באַגראָבן די שוויגער, ביי יענעמען, — מ׳זאָל באַ־דהיט ווערן, דאָס ווייב... זיך אויסגעקאָכט אין יעדענס טעפּל, און געוואוסט צו דרייען דעם קאָכלעפל... פאַרשטייט זיך, דאָס ווען ער איז איצט געקומען אין מארקעט אריין, כאָטש ער האָט זעליש גע־צאָנקט, — אלץ מער פאר יענע אלע זיך געהאט אין וואָס אָנצוכאַפּן; און געווען זיכער, אז מ׳וועט אים נישט לאָזן מיט די אלע יידלעך צוגלייך, — זיך אויסלעשן; און דער זכות־אבות זיינער וועט אים איצט גאַנץ גוט באַשטיין...

א ציטער איז טאַקע אדורך צווישן אלע זיינע גוטע ברידער, און אָנגעמאכט ביי זיי א גרויס גערודער:

— הע? ער? בער? וואָס דרייט זיך אַהין און אהער, — אויך אים האָט געזאָלט טרעפן די קויל?

און זיי אַלע, וואָס ער האָט מיט זיי מיטגעהולייעט און מיטגע־וויינט, פאר זיי געגאַנגען, ביי וואָס ס׳האָט זיך נישט געמאַכט, אין פייער און אין וואסער; זיי האָבן זיך אוועקגעשטעלט טראַכטן, קניייטשן די שטערנס, איבערלופטערן יעדעס שטיקל שאָפּ (אלץ אין זכות, וואָס ער האָט געלעבט א שיין אָפּערייטאָריש לעבן; און יענע, לאָמיר זאָגן, וואָס האָבן געלעבט ווי די פערד?), וואו מ׳קען אים פאַרשטופּן...

— אויב ס׳זאָל נישט מער זיין אפילו ווי איין שאָפּ אין דער שטאָט, — וועט ער, בער, אויך אין אים ארבעטן.

אָבער, ס׳איז נישט מער געווען ווי גערעדט... וואָרן, ס׳איז נאָך, מאָלט אייך, געווען מער ווי איין שאָפּ, מער ווי צען שעפּער, ווי הונדערט שעפּער, און צו וועלכן מ׳האָט זיך צוגערירט, — האָט מען זיך אלץ נישט געקענט רירן מיט אים. איז ד ע ר שאָפּ געווען אזוי „געסעט״, און י ע נ ע ר אזוי, — אז מ׳האָט נישט געקענט אדורכקריכן אין אים מיט קיין איבעריקן אָפּערייטאָר. נאָר אז אייגענע, כמעט ווי אייגענע (מיט אייגענע איז גוט צו גיין אין שול אריין!), האָבן פאַרלייגט מיט די קעפּ, — דהאָט מען יעדן טאָג גענומען אן

אנדערן באַס אין דער ארבעט אריין, איבם איינגערעדט א קרענק אין קאָפּ:

— ער וועט זיך שטעלן אַהין, ער וועט זיך שטעלן אהער, — און מיט איין מענטש מער מאַכן שבת.

נאָר די באַסעס, וואָס האָבן גאָר געטראַכט פון דזשוירזי, פון פענטילווייניע, קאָנעטיקוט, האָבן, נאַטירלעך, שטענדיק געהאט דעם תירוץ אויף דער שפּיץ־צונג, און אים אפילו נישט געברויכט אויס־טראַכטן:

— איי וואָנט טו געט ריד אָף אָל אָף דעם, — ואתה בא להוסיף עליהם? זיך גיין פארדרייען א קאָפּ מיט א נייעם אָפּערייטאָר?

זיי זיינען אזוי ארומגעגאנגען פון איינעם צום אנדערן, פון איינעם צום צענטן, פון איינעם צום הונדערטסטן, און אַלע ווי איינער, — ווי זיי וואָלטן זיך דאָס איינגעחזרט בציבור:

— ווי וואָנט טו געט ריד אָף אָל אָף דעם, — ואתה באָ להוסיף עליהם? זיך גיין פארדרייען א קאָפּ מיט א נייעם אָפּערייטאָר?

נאָר אזוי ווי אין א וואסער זענען פאראן פארשידענע פיש, — האָט זיך צווישן די באַסעס אויך אָפּגעזוכט איינער, וואָס איז נישט בלויז געווען א באַס נאָר אויך א שטיקל מענטש; אזוינער וואָס האָט שוין געקלעטערט אויפן לייטער צו זיין שאַפּ, און וועלכע מ'האָט נישט איינמאָל אוועקגענומען ביי איבם פון אונטער די פיס; ד ע ר באַס האָט, אפנים, גוט געפילט יענעם אָפּערייטאָרס טעם, וואָס איז ארויסגעפאלן פונעם שאַפּ, און דעריבער נישט אזוי שטאַרק געהאַלטן פון דעם וואָס די באַסעס האָבן זיך איינגעחזרט, — נאָר געהאט אויף די לִיפּן, מערקווירדיק, כמעט דאָס זעלביקע, וואָס זיי, די גוטע פריינט זיינע, בערס, — האָבן איינגעטענהט פון דעם ערשטן באַס ביז צו אים:
„ווי לאנג ד י אָפּערייטאָרס נייען, — וועט ד ע ר אָפּערייטאָר אויך נייען!” נאָר (א שפּאָגל נייע זאַך!), — ער האָט זיך אוועקגע־שטעלט פאר זיי, שוין נישט ווי א בעל־הבית פון א שאַפּ, נאָר ווי אָ מענטש א בעל־רחמנותדיקער, וואָס זוכט פשוט א טובה צו טאָן (אָך און וויי, אז מ'ברויך יענעם לאָזן ארבעטן מיט די זייטן פאר א שטיקל ברויט, דאָס אפשר אויך נישט, — און נאָך דערמיט א טובה טאָן!), און צענומען די הענט:

— גוט, איך באשטיי, ער זאָל ארויפקומען ארבעטן, און די יוניע? ער דאַרף זיך דאָך אוועקזעצן ב י י ם מ אַ ש י נ ד ל, און נישט אין אָפיס... און איבערן מאַשינדל האָב איך אזא גרויסע דעה ווי איר... ס'איז די יוניעס מאַשינדל... אויב איר וועט פועלן ביי דער יוניע, אז זי זאָל נישט זאָגן גאָר, — קען ער אפילו מאָרגן זיין מיין מענטש...

— אויב ס'גייט אין דער יוניע, — האָבן זיי זיך אויסגעלאכט, — האָט ער די יוניע אין קעשענע! ער, בער, און די יוניע, כאַ־כאַ־כאַ! און אויב נישט ער, — זיך אויסגעגלייכט פון אויבן ביז ארונטער, — זענען זיי, וואָס מיען זיך פאַר אים, כאַ־כאַ־כאַ, אויך נישט קיין שיפּע זיבעלעך! און קענען אויך אָנקלאַפּן ביי איר וואו מ'באַדאַרף, ביי דער יוניע...

אָבער ס'איז אויך נישט מער געווען ווי גערעדט. וואָרן, אַז זיי זענען געקומען צו דער יוניע, האָט זיך ארויסגעוויזן, — אז ער לויפט גאָר אויף א שוואכן טיקעט. און אז דאָס וואָס ער, בער, איז געגאַנגען פאַר בערלען, ווען יענער איז געוואָרן א קריפּל, — אין דר'ערד אריין; און שמערלען געהאָלפן באַגראָבן די שוויגער, — איז גראָד נישט אַזאַ גרויסער יחוס ביי איר; און אז צו דער יוניע איז ער ו ו י י נ י ק ב ל אָ ט א ו ן נ י ש ט ג ע נ ו ג ק ו ר ו ו ע, — זי זאָל זיך מיט אים ארומכאַפּן.

און ס'האָט אויף זיי יעדער, ווען זיי האָבן דאָרט אָנגעכאַפּט, — קרום געקוקט:

— ו ו ע מ ע ן ה אָ ט ע ר ד אָ ס ג ע ש אָ ס ן?

דער הויכלעכער יוניע־אָפּיסער, צו וועלכן זיי זענען מכלומרשט מיט אים ארייננעפאלן, און ער זאָל אויך ביי אים באַגראָבן ווערן, — האָט געהויבן די אקסלען און גאָרנישט געקענט באַנעמען:

— מיט וואָס ער, בער, איז דאָ מער פלאָקענשיסער פאַר די אנדערע יידלעך, וואָס ברויכן אָפּשטארבן אין מארקעט...

— סטייטש? ער, בער, וואָס דרייט זיך אַהין און אַהער, — ער איז דאָך עפּעס דער אריסטאָקראָט אין טרייד!... זיך תמיד אויס־געריסן די קעל פאַר דעם און יענעם... געגאַנגען אין פייער... קיין שום זאַך פאַר אים נישט געווען צו טייער...

ביי דער יוניע, פאַרשטייט זיך, איז דאָס נישט ווערט געווען קיין שמעק־טאבאק... און מ׳האָט גענומען קוקן ווי ביי יעדן איינעם, און נ אָ כ מ ע ר אפשר ווי ביי יעדן איינעם, — אז ס׳האַלט ביי אַ דזשאָב, — אויף די פינגער:

— דיוס האָט ער געצאָלט?

— געצאָלט.

— אסעסמענטס געצאָלט?

— געצאָלט.

— זיך קיינמאָל נישט צעבוצקעט די נאָז מיט דער גריוועגס באָרד?

— ניין.

— נישט געהאט אויך קיין גרויס מויל אויף דער יוניע?

— ניין.

אפּנים: דאָס איז אלץ נישט מער געווען ווי צו שיטן גלאָז אין די אויגן פון די גוטע פריינט זיינע; ווייל מיט דער מינוט וואָס די יוניע האָט דערשמעקט אן „אָפּענינג״, א שפּאָלט, הייסט עס, — ביי יענעם באָס, און אז מ׳קען זיך ביי אים אדורשטופּן מיט נאָך א מענטש, — האָט זי שוין געהאט אויפן קאָפּ עפּעס אן אייגענעם, א שטיקל געננגסטער, א „טאָף־גיי״, וואָס האָט זיך גראָד נישט אוועקגעברענגט פאר דעם און יענעם... בענעפיטס פאר פאַרקריפּלטע ארבעטאָרער אויך נישט אדורכגעשלעפּט אויף זיינע פּלייצעס... אויף קיין בריתן און לוויות צו זיי נישט געגאַנגען... נאָר וואָס זיין עובדא איז געווען צו שטיין אין מארקעט אויפן „קאָרנער״, און האלטן אן אויג אויף יאקעלן, אויף גרונמען, — זיי זאָלן נישט האָבן קיין גרויס מויל אויף דער יוניע, און אויך נישט אויף די בעלי־הבתים, וואָס פירן ארויס זייערע שעפּער... א נישט, וועט ער זיי די ציין אין האלז ארייג־האָקן...

און זי האָט גענומען באַארבעטן דעם באָס, אזוי ווי זי קען, די יוניע:

— סעי, אויב מ׳קען ביי דיר אדורכקריכן מיט נאָך א מענטש, — וואָס דאַרפסטו עפּעס האָבן ביי זיך א יידעלע, א קאָקערוטש... א זיידן פון אייניקלעך (ס׳מאכט נישט אויס: אז זי האָט גראָד מיט דעם איבערגעכאַפּט, וואָרן זי מוז דען וויסן געגוי ביי יעדן איינעם אפּע־

רייטאַר, ווי זי האַלט מיט אים? אין דורכשניט זענען זיי שוין אַלע זיידעס ביי איר!), מיר וועלן דיר געבן דעם ריכטיקן פויגל, בעליוו מי! און אַז די יוניע גיט (מיט אַ וואונק) קען מען זיך ביי איר אויך אָפּנעמען...

נאָר אַזוי ווי די יוניע האָט נישט געקענט רירן דעם פינצטערן מח ביי דעם צוריקגעשטאַנענעם באָס, אים ב׳קיין אײן אופן איינ־ברעכן; און דאָ זענען זיי נישט אָפּגעשטאַנען, נישט מיד געוואָרן, די גוטע פריינט זיינע, צו קריכן: טאָג־אויס, טאָג־איין, פון וואָך צו וואָך, שעה צו שעה, און זיך איינגעגעסן, ווי ס׳האָט ביי איר געהייסן, — ווי די זלידנע פליגן:

— אַ סוף, ווען וועט ער זיך שוין גיין אוועקזעצן אויפן בענקל? וואָס האַלט די יוניע אויף ס׳גלות?

אַ שטיק אויך דעריבער, וואָס זיי זענען אויך נישט געווען קיין שיפּע זיבעלעך; און אַזוי לאַנג ווי מ׳האָט זיי געבאָרעט אויף אַ שיינעם אופן, געהייסן קומען מאָרגן, איבערמאָרגן, איבער אַכט טאָג מאָרגן, — דאָס אַלץ אַראָפּגעשלונגען, און זיך נישט וויסנדיק געמאַכט גאָר; און אַז ס׳איז געקומען צו רייד, אים געטרייסט, בערן: „דער דזשאָב איז דיינער... זי קען נישט מער ווי דיר אויסברענגען נאָך אַ וואָך ווייל־דזשעס, און נאָך אַ וואָך ווייל־דזשעס, — די יוניע!״ און נאָך די אַלע טריקס אירע, טרפהנע שמד־שטיק און הינטערפּיסלעך, וואָס די יוניע האָט זיי אונטערגעשטעלט, — געמוזט אַרויס אויף איר מיט אַ מויל, כדבעי:

— וואָס מיינט די יוניע, אַז ס׳וועט איר געראָטן אויף דעם אָרט אַריינצושטעלן עפּעס אַ לאָפּע־גייער? אירס אַ באַדי־גאַרד? און דאָ אונדז דאַבל־קראָסן?

האָט מען אים אוועקגעגעבן דעם ייד, דעם קאַקערוטש, ווי ער האָט אויסגעזעצן ביי דער יוניע אין די אויגן, — דער אַריסטאָקראַט פון טרייד, — דעם צוריקגעשטאַנענעם באָס, אויב ער האָט גע־האַט אַזאַ פאַרשטאַנד און דורכאויס באַשטאַנען אויף אים:

— און זאָל ער זיך האָבן צו קאָפּען מיט אים.

אויף צומאָרגנס, אז ער, בער, איז נאָכדעם אלעם וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן, ארויפגעקומען צום באָס אין שאָפּ אריין, — האָט זיך נאָך ס׳האַרץ אין אים גוט געוואָרפן:

— אויב דער באָס, פאָרט נישט מער ווי א באָס, — זאָל דערווייל נישט האָבן „אויסגעבעקט״ פונעם גאַנצן עסק...

מ׳ווייסט דאָך שוין פון די בעלי־הבתים, ווי זיי האָבן ליב צו דרייען מיט דער צונג (ס׳קאָסט זיי עפּעס געלט?), — און ס׳זאָל זיך דערנאָך נישט אָנהייבן און נישט אויסלאָזן גאָר... וואָס אָרט אים, אַז ער וועט זיך מאַכן פאַר דעם גוטן, און הייסן קומען, ווען ער ווייסט ביי זיך, — ס׳וועט האַלטן ביי דער יוניע, וועט זיך דערפון אויסלאָזן א בוידעם! זאָל די יוניע זיין דער שלעכטער! און איצט, אז ער וועט זען: אין דער יוניע איז (ענדלעך!) קיין מניעה נישטאָ, — וועט ער געוויס בלייבן שטיין און תמלען:

— בוידעם־קלאָץ... ר׳האָט נישט געמיינט... זיך פריער נישט באַטראַכט... און שוין אויף דער מינוט... ער וועט זען... אפשר צום „פאָל״...

אַן איי אויף נעכטן.

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביים פענצטערל אויפן באָס, און דאָס מיידל פון יענער זייט האָט אים שיין געבעטן צו וואַרטן:

— דער באָס האָט ערגעץ געבראַוכט צוגיין, און וועט אודאי באַלד ארויפקומען.

אזוי איז ער געבליבן זיצן אין דעם טונקעלן שטיבל, וואָס איז מער ענלעך מיט די פאַנטאַסטישע קאָלירן אויף די ווענט, סטאַטועץ, צעגאָסענעם ליכט, — אויפן אינווייניק פון עפּעס א טערקישן קופאָל, ווי צו דעם פאָדערהויז אין א שאָפּ; דאָס רוישן פון די מאַשינען, וואָס פון יענער זייט וואַנט, האָט דאָ אָנגעגעבן ווי עפּעס א שטיל מורמלען, און וועלכעס דאָס אויער פון א געניטן אָפּערייטאָר האָט בלויז געקענט אויפכאַפּן, — האָט אים אביסל צערודערט, און נישט געלאָזט מיט אלעם זיין רואיק; עס האָט אים געצויגן צום גערויש, צום שורש זיינעם, און געחלשט זיך ארומצוכאַפּן מיט דעם מאַשינדל, צופאלן דערצו: „דו זאָלסט מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן!״, און זיך צעלאָזן אויף דעם, ווי ער איז געוואוינט און מיט זיין אימפּעט...

דאָס מיידל פון יענער זייט פענצטערל האָט אים קיין ליגן נישט געזאָגט. דער באָס האָט זיך גלייך באוויזן. אביסל, ווי געוויינטלעך, צערודערט, און ביים ערשטן קוק אים אָפּגעמאָסטן:

— איר זענט דאָס דער אָפּערייטאָר?

מער גאָרנישט גערעדט (מ׳האָט שוין, אפנים, וועגן אים גענוג געהאט גערעדט), און גלייך מיט אים אַדורך די טיר, אויף וועלכע ס׳איז געווען אָפּגעדרוקט: „פאַר פרעמדע איז דער אריינגאַנג פאַרבאָטן!” זייענדיק פון דער זייט, איז אים גלייך געוואָרן אזוי גרינג, און דערפילט ווי ער ווערט צוריק יונג... ער האָט שוין אפילו נישט געהערט דאָס רעדן פונעם באָס, וואָס האָט אים אָפּגעגעבן דאָס מאַשינדל צום נייען, נישט געזען די בליקן פון די אָפּערייטאָרס, וואָס האָבן זיך געצויגן צו אים, — וואָס האָט ער געהאט צו קוקן? פון דער זייט טיר איז ער דאָך ביי זיך אין דער היים: צווישן אָפּערייטאָרס, צושניידערס, — לויטער אייגענע מענטשן, פריינט פונעם אָרבעטאָרער, שונאים פונעם הינטישן באָס; מיט אַ סך פון זיי איז ער גאָר גוט אויפגעטראָגן: ביי זיי גענומען „טיקעטס”, ער ווייסט אליין נישט צו וואָס; מיט וועלכע, — זיך נישט איינמאָל געטראָפן ביי „לאָנטש” אין קאָפּעטעריע. זיי מוזן זיך אודאי נישט וויניק פרייען מיט אים, ווי דען? מיט אַ מענטש וויניקער זיין אין מארקעט... נאָך אַ מענטש זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם שאָפּ... די משפחה זיך פאַרגרעסערן... וואָס מער איז בעסער... מיט נאָך איינעם וועט מען זיך פילן שטאַרקער פאַרן באָס, און טאָקע אים אויך קענען בייקומען, — אז ער וועט זיך פאַרלייגן און וועלן אָפּדרייען אַ „באָנדל”, צי אראָפּדריקן פונעם פרייז...

און מיט אַמאָל, — בענץ! וואָס האָט געטראָפן? דער פלענט האָט אַ כאָרכל געטאָן מיטן האלז, אַ הייזעריקן כריפּ, און זיך פאַרהאַקט מיט שוים אויף די ליפּן.

גלייך איז אריינגעקומען דער באָס, אויך דער פאָרמאַן האָט זיך אויפגעהויבן פונעם טישל, וואו ער איז געווען פאַרזונקען איבער אַ „סעמפּל”, — און כמעט ווי ביידע אינאיינעם אַ קוק געטאָן איבערן שאָפּ:

— הע? וואָס איז מיטן מאָטאָר? עפּעס קאַליע געוואָרן? אַ „פיוז” אויסגעברענט?

— גאָרנישט קאַליע געוואָרן, — האָט זיך איינער פינצטער אָפּגע־רופן.

— אזוי ?, — האָט דער פאַרמאַן זיך שוין פאַרנומען, — וואָס האָט מען אים אָפּגעשטעלט ? וואָס פאר א חגא ?

זענען ארויסגעטראָטן עטלעכע בעלי־מלאכות, און ווי די גזלנים אין וואַלד, אראָפּגעלאָזט די ברעמען איבער די אויגן :

— זיי ווילן נישט האָבן דעם נייעם אָפּערייטאָר.

דאָס האָט דעם באָס, וואָס האָט שוין אויף זיין לעבן געגונג ארייג־געכאַפּט, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו דעם שאָפּ, — געגעבן א ברען :

— וואָס מיינט איר, איר ווילט נישט דעם נייעם אָפּערייטאָר ? ווער קען מיר זאָגן דעות ? דערווייל בין איך בעל־הבית דאָ, און כ׳דהייס שוין, די מינוט, לאָזן די פּאוער, זיך אוועקזעצן נייען...

זענען די בעלי־מלאכות געוואָרן עזות־דיקער :

— ס׳וועט זיך קיינער נישט אוועקזעצן נייען, ביז מ׳וועט נישט ארונטערשיקן דעם נייעם אָפּערייטאָר.

— איך האָב אים נישט ארויפגענומען, און כ׳וועל אים נישט הייסן גיין, — האָט דער בעל־הבית אינגאנצן געציטערט, — ער איז געקומען דורך דער יוניע, און זיך נישט אריינגעגנבעט דורך קיין הינטערטיר ; און אויב איר ווילט אים דאָ נישט האָבן, גייט צו דער יוניע, — זי זאָל אים ארונטערנעמען...

און דער פאַרמאַן

(מיטן בעל־הבית) :

— ס׳איז דאָ פאר אזוי פילע, וועט זיין נאָך פאר איינעם...

האָט זיך דער שאָפּ־ארבעטאָרער צעפלאַקערט ווי א שטיק קויל :

— מ׳וויל נישט האָבן נאָך קיינעמען צו דער קאָריטע.

— איר מאכט אויס אייערע גוטע פופציק דאלאר א וואָך, און האָט אויך מער ארבעט ווי אין אן אנדערן שאָפּ, — האָט זיך דער באָס געוואָרפן, — אין סעזאָן איבערטיים מיט אונטערטיים ; וואָס הייסט, נישט צולאָזן נאָך א מענטש צו דער ארבעט, און אליין אלץ וועלן אראָפּשלינגען ? איר וועט זיך ביי מיר א שוואַרץ יאָר אויסריכטן...

כ'וועל אַרויסמופּן דעם שאָפּ... אַרויסגעבן די אַרבעט צו קאָנטראַק־טאָרס... און ביי מיר אַלע זיין אין דר'ערד...

ער, בער, וואָס דרייט זיך אַהין און אַהער, האָט געקוקט, געקוקט: פון איין זייט דער באָס, אַ צעטומלטער, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, און אַנטקעגן אים, — דער שאָפּ־אַרבעטאָרער, ווי די וועלף: „מ'וויל נישט האָבן נאָך קיינעמען צו דער קאַרעטע!" אָט האָט ער ביי יענעמען, דעם נידעריקן, דעם פּעטן, דעם אַרבעטאָרער מיטן בויך, — מיט עטלעכע וואָכן צוריק גענומען אַ „טיקעט" פאַר עפּעס אַ בענעפיט. שטייט דאָך דער הויכער, דער דראָנג, וועמען ער האָט געהאָלפן באַגראָבן די שוויגער, און ווי יענער האָט אים צוגעטיילט דעם העכסטן כבוד: געגעבן אַן אָרט אין דעם ערשטן „קערידזש", אויפן בית־עולם אַרויס־צופאָרן...

און דער שליח־ציבור זייערער, ס'מיינט: דער שאָפּ־טשערמאַן, אויך עפּעס אַן אַרבעטאָרער, אַ גראָבער בוטכאָן, מיט אַ פאַרשמעלטן שטערן און קאַלמיקענע אייגעלעך, וואָס האָט געמוזט זיצן פּעסט אויפן בענקל, און געטראָגן די אחריות פאַרן גאַנצן שאָפּ, — האָט זיך אויסגעדרייט צו די אַרבעטאָרער, קאַלט:

— ס'וועט זיך נישט קיינער פריער צורירן צום מאַשינדל, ביז דער נייער אָפּערייטאָר וועט אַרונטערגיין.

און דער נייער אָפּערייטאָר, וואָס האָט אויפגעגעסן די ציין ביים מאַשינדל, — האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך געשעמט זיי צו קוקן אין די אויגן. ס'פּנים האָט אים געפלאַמט מיט אַ שניידנדיק פייער, פון וואָס עס האָט זיך געברויכט שיילן און ביילן, אויפלויפן הויך, ווי אַ רויז זאָל זיך איבער דעם אַריבערציען, אַ רויטע בליענדיקע רויז; אויפן האַרץ האָט אים עפּעס געדריקט, אַ שווערקייט געקלעמט, ווי ס'וואָלט זיך עמיץ פון זיי אויף דעם אַרויפגעזעצט; נישט עמיצער נאָר אַ סך פון זיי, דער גאַנצער שאָפּ אַרבעטאָרער... און אין מח האָט זיך עפּעס געדרייט אַ מחשבה, אַ צייטיקע, וואָס האָט זיך באַפאַרבט ווי אַ גריבער עפּל, אין דער מינוט וואָס די זון כאַפּט אים אַרום און קושט זיך מיט אים:

— דאָרטן האָט מען געברויכט שניידן
שטיקער פונעם באָס און פון דער יוניע;
און דאָ ברויך מען שניידן שטיקער,
לעבעדיקע שטיקער פון די ארבעטאָרער,
טונקען אין עסיק און זיי דאָס געבן
אויפצועסן.

1938

III

דער טאַטע,
דעם טאַטנס קינדער
און די יוניעס שאַפּ

די ביידע זין פונעם טאַטן האָבן

געהאַט אַ שאַפּ, אַ שיינעם שאַפּ, אַ לעבעדיקן, באַוועגלעכן, וואָס האָט שטענדיק געצאַפּעלט, און ס'האָט אין אים געברענט אונטער די הענט. ס'האָבן אין אים געאַרבעט קאַטערס, אָפּערייטאָרס, העלפּערס, נאָר דער טאַטע פון די בעלי־בתים, וואָס האָט, ווי ס'האָט זיך אויסגעוויזן, געברויכט צו קענען אַרבעטן, אויב ער זאָל וועלן, אויף וואָס די וועלט שטייט; זיך לאָזן וואוילגיין אין אים, — אים האָט די יוניע, אַזוי גיך ווי ער האָט זיך צו עפּעס צוגערירט, גאַנץ גראָב אָנגענומען ביי דער האַנט:

— העי, מיסטער־לעבן, ס'אי נישט פאַר אייך געדאַכט.

די אַרבעטאַרער ווי אַרבעטאָרער, — האָבן אַמאָל יאָ חשק געהאַט צו טאָן, און אַמאָל, ווי ס'געשיקט זיך, — זיך ביי זיי די הענט נישט געלייגט צו גאָר, און מ'האָט באַדאַרפט אונטעריאָגן, דערמאָנען: אַז מ'זיצט אין אַ שאַפּ, וואָס אויפן פּאַרמאַנס לשון האָט דאָס גע־הייסן: „אויף געברענטע קוילן!"; און זיך דאָ געהאַט אָפּצויאָגן מיט זיינע מענטשן, וועלכע ער האָט אויסגעשפּראָכן גוט געקענט, און איט־לעכן געוואוסט אַריינצוזאָגן; אַ שטייגער, — ער האָט געזען ווי איינער דרעמעלט אונטער:

— משה, וואָס האָסטו דאָרט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ביי דער מאַשין? דיין ווייב האָט דיך נישט געלאָזט שלאָפן ביי נאַכט?

און צו אַן אַנדערן, אַ יונגן באָי, אַ הי־געבוירענעם, אַז ער האָט זיך אַריבערגעבויגן צו וועמען:

— טעדי, וועסט אים שפּעטער אַביסל לאָזן וויסן, דעם פריינט דיינעם, ווער ס'האָט געוואונען די גיים.

און די קינדערס טאַטע, ער, וואָס האָט זיך, נעבעך, פון תמיד געריסן עפּעס צו טאָן, ס'האָרץ אין אים געפּישטשעט: דאָ זיך

אַרויפּצואוואַרפן אויף אַ שטיק וואַרע, און עס צו צעטרייבערן; דאָרט אָפּנייען אַן אַרבל ביי דער מאַשין, — ער האָט געמוזט ליגן איינגע־לייגט; שטיין, זיך אַרומדרייען, אַלצאיינס, — מיט געבונדענע הענט; און קוים האָט ער זיך יאָ צו עפּעס צוגערירט, ריכטיקער: צוגעכאַפּט, אַרויפגעפאַלן אויף אַ ראַל טוך ווי אַ הונגעריקער אויף אַ שטיק ברויט, — האָט זיך שוין נאָך גיכער אויפגעדהויבן דער שאַפּ־טשערמאַן, וועלכער איז געזעסן אַרונטערגעפּרעסט ביי דער מאַשין, און בלויז געברויכט אַ רופטאָן צום פאָרמאַן: „מיסטער פאָר־מאַן!", האָט שוין יענער געוואוסט וואָס דער „קאָל" באַטייט, און זיך גלייך גענומען אַרומקוקן איבערן שאַפּ, וואו דער אַלטער טאַטע איז ערגעץ געלעגן אַראָפּגעלייגט צו דער ערד, זיך גע׳עוסקט אין דעם שטיק טוך ווי אַ שינדער איבער אַ טויטער בהמה, און אַ צערייצטער אים אָפּגערופן אָן אַ זייט;

—איר וועט מיר אפשר וועלן צוליבטאָן, און אוועקנעמען די הענט פון דעם? וויפיל מאָל איז דער שיעור, מ׳זאָל אייך דאָס ברויכן צו זאָגן?

שטייט־אויף דער טאַטע, אַ צעהיצטער, וואָס מ׳האָט אים דאָ געהאַט איבערצוהאַקן אין מיטן, און נעמט שיסן מיט פייער, שרייען מיט אַזאַ קול, וואָס הילכט־אָפּ איבערן גאַנצן שאַפּ:

— ביי מיינע קינדער וועל איך ערגער אָפּזיין פאַר יעדן איינעם? ברויכן צוקוקן ווי אַנדערע אַרבעטן, און אַליין זיך נישט טאָרן צורירן צו גאָר?

מישט זיך אַריין יענער אָפּערייטאָר, וואָס איז שאַפּ־טשערמאַן, און רעדט צו אים געלאַסן, נאָר צו אַ געשוויר צוצולייגן:

— איר האָט זיך גאָרנישט וואָס צו קאָכן, ר׳ ייד, ווייל די אַרבעט מוז געמאַכט ווערן דורך יוניע־הענט; ס׳אַ יוניע־שאַפּ.

הערט אַלץ נישט אויף אין אים צו קאָכן, און שרייט אַזוי אייגן ווי פריער, גוואַלט:

— דערפאַר איז דער שאַפּ פאַר מיר אויסגעשפּילט, ווייל ער איז געוואָרן אַ יוניע־שאַפּ? און מיינע הענט האָבן זיך נישט אָפּגע־טובלט אין דעם הייליקן וואַסער פון דער יוניע?

גיט אים דער שאַפּ־טשערמאַן צו פאַרשטיין, און אויף ווי־ווייט מעגלעך געלאַסן:

— דאָס ווען מ׳זאָל אים אפילו אריינגעמען אין דער יוניע, וואָס ס׳קען אזוי געמאָלט זיין ווי דער הימל זאָל צו דער ערד קומען, — ווערט מען אים דאָ אויכעט נישט לאָזן ארבעטן, ווייל די בעלי־בתים זענען זיינע קינדער, און אַ טאַטע איז אַזוי גוט ווי אַ שטיק באָס.

דער אַלטער טאַטע איז געווען אַ שווערער, אויסגעצ־ארבעטער ייד. אלע זיינע יאָרן, ווי לאַנג די קינדער זענען אים קליין געווען, — האָט ער אַוועקגעלייגט אין שעפּער, גאָר אין די פּאַרצייטיקע שעפּער: פינצטערע, דערשלאָגענע, אין וועלכע ס׳איז נישט געווען קיין זון, קיין ליכט, קיין פּיצל וואַרימקייט, און וואו ער האָט זיך אויסגעדרייט די זייטן, געשוואָלן געוואָרן פון קעלט; און אַז ער האָט דערלעבט, די קינדער זאָלן אים אונטערוואַקסן, און ס׳זאָל זיי אָפּגליקן מיט דעם שאָפּ: אַ שיינעם שאָפּ, אַ גרויסן, אַ לופטיקן און אַ ליכטיקן, — איז זיך דאָך געווען צו ריכטן, אַז דער טאַטע זייערער, וואָס איז געבוירן און געצויגן אויף דער ארבעט, און זיינע הענט זענען קיינמאָל נישט אָפּגעשטאַנען פון איר, — ווערט דאָ ערשט האָבן דאָס ריכטיקע אָרט, וואו זיי צו צענעמען, אַ קליי־ניקייט: זיינע קינדערס שאָפּ! און ארבעטן כאָטש, אזוי ווי ס׳איז טאַקע געווען, פאַר צוויי אויף אמאָל, — האָט זיך אים די יוניע אוועקגעשטעלט ווי אַ ביין אין האלז:

— ער טאָר נישט אַרבעטן.

כאָטש נעם און לייג דיך פאַר איר אוועק, פאַל אויף די קני, און בעט רחמים, — מ׳זאָל דיך לאָזן אַ שטאָך טאָן מיט דער נאָדל.

און דאָס וואָס ער האָט נישט געטאָרט ארבעטן, איז פאַר אים געווען אַ ריין אומגליק; וואָרן, ער איז נישט אזוי ווייט אויסן געווען די קינדערס געלט, דער טאַטע, ווי זיך געוואָלט אויסלעבן ווי פריער, און מיט גרויס הרחבה, — ביי דער שער און אייזן; כאָטש ער האָט דאָס איצט אזוי גייטיק באַדאַרפט האָבן ווי אַ לאָך אין קאָפּ. — ס׳האָט אים ביי די קינדער נישט געפעלט פון קיין פייגל־מילך; האָט ער זיך פונדעסטוועגן נישט געקענט צוריקהאלטן און ליידיק־שטיין; ס׳איז נישט געווען אין זיין בלוט און אין זיין געביין; פונקט ווי אַן

אַלט אויסגעטאָן פערד, וואָס מ׳שטעלט אַוועק, — ס׳הערט נישט אויף צו בריקען מיט די פיס. ער האָט מקנא געווען יעדן אין שאָפּ, אים אויפגעגעסן אַ לעבעדיקן מיט די אויגן: „אַלמאַי זאָל דאָס יענער מעגן, און ער זיין אַזוי זינדיק, — און נישט טאָרן?״ און וואָס מער מ׳האָט אים געטריבן, און פון יעדן אַנדערן געכאַפּט דעם זעלביקן ביטערן אָפּשניט, — מער איז געווען נאַטירלעך, ער זאָל זיך זוכן אַן עפּעס אַנצוכאַפּן, איינצובייסן מיט ציין און נעגל.

שטייט ער, — זיך פאַרגאַפּיעט אויפן פּלענט מאַשינדלעך: אַ שורה קעפּלעך, און אַז זיי צעזינגען זיך, איז אים דאָס אַזוי זיס אין די אויערן צו הערן... און ער לאַכט־אָפּ פון די אָפּערייטאָרס: „זיי האָבן דען שכל ווי אַזוי צו נייען? ווייסן דעם פּירוש המילות פון אַ שטאָך? קענען בלויז אַדורכציען דעם דרים־פאָדעם דורכן לאָך פון דער נאָדל, און פאָרן דאַרויף: טור־ר־ר... אַרויסיאָגן פון דעם די קישקעס מיט די געדערים; און קוים פאַרוואַרפט וועלכעס סקעפּל ווי אַ געחלשט הינדל, — אַזוי מוז מען שוין נאָכגיכער לויפן און ברענגען אַ דאָקטאָר: ער זאָל עס באַטאַפּן, באַקוקן, און וויסן צו פאַר־שרייבן אַ רפואה... און אַליין ביי דעם אויסצורייבן דאָס בייכל? איינשטילן די צערודערטע געדערים? כע־כע, גרויסע בריות! און אַזוי גיך ווי ער כאַפּט זיך צו, גיט זיך אויף וועלכן אַ וואָרף אַרויף און אַ צעלאָז, — טרייבן זיי אים נאָכגיכער אַוועק: „זייערע מאַשינד־לעך!״ כע־כע... האָבן אַרויסגעקריגן אויף זיי אַ שטר פון דער יוניע! נו, אויב נישט נייען, — שאַרפט ער זיך די ציין אויפן פּרעס־אייזן: וואָרן, ער קען נישט אַזוי גוט טענצלען מיטן אייזן, ווי די פּרעסערס דאָ? ראשית, איז עס די צווייטע תורה פון פעדערן שלייסן. און והשנית, — זענען זיי נאָך געלעגן ערגעץ אין די גאַליצישע, רומענישע און פּוילישע שטעטלעך, — ווען ער האָט דאָ שוין געהויבן דאָס פּרעס־אייזן, און נאָך ווי געהויבן! אַ קונץ אומצוגיין מיט דעם קעצל, מיט וועלכן מ׳פּרעסט היינט אין די שעפּער? מ׳ברויך נישט בלאָזן מיט די באַקן, נישט זיין אָנגעגרייט מיט אַ מויל וואַסער צום שפּריצן, נישט אָנגליען עס, נישט אָפּקילן עס, און דערביי שרעקן, — אַז ס׳וועט צוברענען, פאַרסמאַליען, נאָר ס׳איז פון לכתחילה אָנגע־שטאָפּט מיט היץ און קעלט אינאיינעם; עס גליט זיך אָן ווען ס׳ווערט קיל, און קילט זיך אָפּ ווען ס׳בריט צו פיל; און מ׳וואָלט עס נאָך

באַדאַרפט אויפקלערן אויף אַזוי פיל, אַז מ׳זאָל עס גאָר נישט ברויכן פירן מיט דער האַנט, נאָר וויסן אַליין צו גיין; דעם בלויז זאָגן אויפן אויער: גיב נאָר אַ גלעט־צו דאָס קאַלנערל, און ס׳זאָל צו־גלעטן... אַנו, זאָלן זיי זיין קנאַקערס, און אַ הייבטאַגן דאָס אמאָליקע אייזן, זיין אייזן? אויב ס׳האָט נישט געוואויגן קיין דריי און צוואַנציק פונט, ד׳האָט עס גאָרנישט געוואויגן! כע־כע, זוכן נאָר אַ גרינג לעבן, די פרעסערס! און האָבן נאָך אַזעלכע פאַרשטאָכענע אויגן, דאָס אַזוי ווי ער רירט זיך צו צו דעם, — צו נעמען ביי אים, דעם אַלטן פרעסער, דאָס אונטערפירן: „ס׳איז זייער אייזן!” — קען נישט די גאַל צעפּלאַצט ווערן? נו, אויב נישט נייען און נישט פרעסן, — וויל ער כאַטש צוגיין שניידן. אויך אַ תורה? אומגיין מיט אַ שער, — דאָס קער זיך דאָך אודאי און אודאי אָן מיט אים! וואָס איז ער נישט קיין ייד? אַ שער, דאָס איז דאָך עמך! וועלכער ייד ווייסט דאָס נישט ווי צו האַלטן אַ שער אין דער האַנט? און זיי שעמען זיך גאָרנישט גאַנץ שיין אים אוועקצושטופן: „ס׳איז זייער שער!”

שטייט ער אַ צעטומעלטער, דער טאַטע:

— עפּעס האָבן זיי דאָ אויף אַלעם די בכורה! די שער איז זייער; דאָס פרעס־אייזן, — זייער; דאָס מאַשינדל, — זייער; אַלץ איז געוואָרן זייערס און וואָס איז דאָ זיינס? גאָרנישט?

האַקן אים די אַרבעטאָרער אריין אין דעם טעמפּן קאָפּ זיינעם:

— אַז ס׳איז דאָ אַלץ זיינס: די שער איז זיך, דאָס מאַשינדל איז זיין, ס׳פרעס־אייזן איז אודאי זיין... און ס׳וויל דאָס קיינער פון אים נישט אוועקנעמען; ער קען זיך עלטערן דערמיט בעושר ובכבוד, נישט מער, — ער ברויך זיך נישט וועלן באַנוצן דערמיט, ווען ער קען אויסקומען אָן דעם; צו וואָס טויג עס אים?

און נישט פילנדיק אים, דעם אַלטן טאַטן, וואָס ד׳האָט ס׳לעבן זיינס אויסגעברענט ביי דער אַרבעט, — וואו דער שוך קוועטשט, — רעדט מען נאָך צווישן זיך מיט גאַל, מיט ביטול; איינער ברענגט זיך אויס:

— אַז אים איז גאָרנישט באַשערט אַזאַ גליק; די קינדער זיינע זאָלן האָבן אַ שאָפּ, — ער זאָל זיך קענען אַרויסדרייען פון דער פינצטערער אַרבעט.

א צווייטער

(מיט אים):

— נישט אונטעריאָגן, מ'זאָל ברויכן אזוי שווער נאָך צו ארבעטן.

און עטלעכע

(אויף אַמאָל):

— און דער ייד, א שוטה, אַ שטיק טיפּש, האָט זיך פאַרלייגט אויפן שאָפּ, און וויל נאָר גאָרעץ אין אים; גיב אים אַכצן קרענק, — ער זאָל וועלן איינזיצן אַ שעה במנוחה, און נישט רייסן פון די הענט...

נאָר דער אלטער טאַטע, „גיי דערצייל, אַז ער קען נישט איינזיצן אַ שעה במנוחה, און ס'טרייבט אים פון אינוויינִיק, ער ווייסט אליין נישט פון וואו"... אז דער קאָפּ ווערט אים שוין פון דעם גוט צעגליט, פול מיט טשאַד, — וועט ער זיך דאָ גיין אויסטענהן מיט זיי? מיט די בעלי־מלאכות? פאַר אָזאַ נאָר האַלטן זיי אים? אַז ער האָט נעבעך אין אָפּיס אריין צו די קינדער, צו וועלכע ער לאָזט אויס דעם גאַנצן כעס, וואָס פרעסט אים ווי א שטיין אויפן האַרץ:

— ער האָט געמעגט בעטן, יאָ, — זיי זאָלן באַגליקט ווערן מיט אַן אייגענעם שאָפּ, און דערפאַר מוזן זיין אין אים אן איבעריקער; ס'קומט אים נישט אנדערש אויס, ווי נאָך אַ טאָג ארבעט זאָל ער ברויכן גיין אין א צווייטן שאָפּ אריין.

נִיט גאָרנישט לאַנג צוריק, אז דער שאָפּ איז נאָך געווען אַן „אָפּען־שאָפּ", — האָט ער יאָ געארבעט אין אים, דער טאַטע; און נישט גלייך ווי יעדער איינער בעל־מלאכה: פון אַכט אין דער פרי ביז נאָך פינף, נאָר ווי דער טאַטע פון די בעלי־הבתים, — געלעגן איבער דער ארבעט, נישט בלויז ווען אלע זענען געווען אין שאָפּ, נאָר אויך נאָכדעם ווי יענע זענען שוין געהאט אוועק פון אים; געווען אזוי פאַרכלינעט אין איר, אז ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געדענקט, — ס'איז טאָג, נאַכט, און אז מ'ברויך ווען'ס אָפּהאַקן פון איר. די ארבעט איז דאָ געווען הפקר, און ס'האָט אים קיינער נישט געהאט אָנצונעמען ביי דער האַנט און אָפּשטעלן: „סטאָפּ! דו ביזט נישט מחויב אליין אלץ אראָפּצושלינגען, ווען דו קריגסט סיי־ווי דיין געלט פון די קינדער; און וויסן, על פּי יושר אויך אין זינען צו

האָבן די בעלי־מלאכות, — ס׳זאָל פאַרזייערטוועגן אויך עפּעס איבער־בלייבן, ווייל זיי האָבן נישט פון עפּעס אַנדערש זיך צו דערנערן ווי פון דעם ביסל מלאכה!״; זיך נישט געלאָזט אוועקרייסן אפילו פון די קינדער, פון די אייגענע קינדער זיינע, וואָס האָבן צו אים גע־שריגן: „אַז זיי ווילן גאַרנישט ער זאָל זיי רייך מאַכן״... ביז ס׳איז אויך געקומען זיין סוף, — דער שאָפּ איז אריבער צו דער יוניע, געוואָרן א יוניע־שאָפּ, און ס׳איז שוין געווען ווער ס׳זאָל אים געבן איבער די הענט:

— ער האָט שוין אויף זיינע יאָרן גענוג אָפּגעאַרבעט, און מעג פון היינט־אָן לאָזן אנדערע ארבעטן; און אזוינע וואָס דאַרפן זיך מפרנס זיין פון דער ארבעט...

אַז מ׳האָט אַרונטערגענומען דעם שאָפּ ארבעטגעבער, האָט דער זעלביקער טאַטע מיט אלעם פאַרגעסן, אז ער איז דער טאַטע פון די קינדער וואָס האָבן דעם שאָפּ, און זיך פאַרנומען מיטצוגיין מיט אלע גלייך, ווערן א יוניע־מאַן. „די קינדער זענען טאַקע באַסעס, זיי צאָלן אים געלט, אָבער נישט דערפאר וואָס ער איז זייער טאַטע, נאָר ווייל ער גיט זיי אַן אָרנטלעכן טאָג ארבעט! ווארן, ווען ער זאָל נישט ארבעטן, — וואָלט ער זייער געלט נישט געוואָלט אפילו אָנקוקן! באַזונדער, איז ער דאָך עפּעס פון פריער, איידער־איידער זיי זענען נאָך געוואָרן בעלי־הבתים, — שוין א בעל־מלאכה געווען, פאַרוואָס זאָל ער דאָס איצט ווייטער נישט זיין?״ האָבן די קינדער, וועלכע האָבן אַנדערש געלערנט דאָס פשטל, נאַטירלעך: „אַז זיי צאָלן אים נישט פאר דער ארבעט זיינע, נאָר ווייל ער איז אַ טאַטע,״ — אים אָנגעקוקט ווי משוגע:

— צו וואָס, טאַטע, ווילסטו גיין אין דער יוניע אריין, — זאָלסט קענען ווייניקער ארבעטן ווי דו ארבעטסט? אז מ׳קען דיך סיי־ווי פון איר נישט אוועקרייסן, און מ׳ברויך זיך מיט דיר שלאָגן, זאָלסט כאָטש זיבענע־אַכטע אהיימגיין! ווילסטו, די יוניע זאָל דיך אוועק־נעמען פון איר פּינפּע? און אפשר (דערביי געלאכט), ווייל, זי זאָל דיר העלפן קריגן א רייז אויף די ווידזשעס?

האָט ער זיך טאַקע באַלד צוריקגעכאַפּט, דער טאַטע, און זיי דערנאָך פאר דער מעשה־רע, — נישט געקענט קומען א צייט אונטער די אויגן, ווי ער וואָלט זיי דערמיט געוואָלט מבייש זיין, די קינדער

זיינע, וועלכע זענען געזעסן פעסט אינעם זאָטל פון זייערע ביזנעס, געהאַט גרויסע קרעדיטן, שיינע אויטאָמאָבילן, געוואוינט „היי־טאָן"; און דערביי פאַרגעסן ווי אין טויט אַריין דעם יחוס זייערס, אז ער איז פון אלע זיינע יאָרן א שניידער, זיין זיידע איז נאָך א שניידער געווען, — נאָר זיך אָנגעהויבן איבערצוגעמען: „אז ער אַרבעט שוין איצט נישט מער ביי זיי אין שאַפּ ווי א פּראָסטער אָרדינערער אַרבעטאָרער, נאָר ווי זייער טאַטע, ווייל ער האָט א הנאה דערפון און ס'איז זיין פאַרגעניגן!", — און זיך נישט געכאַפּט, — אז ער גראָבט זיך דערמיט אליין א קבר. וואָרן אזוי גיך ווי דער שאַפּ איז אריבער צו דער יוניע, — איז ער געבליבן נישט אהין און נישט אהער. די קינדער איז נישט געווען שטאַרק געלעגן, וואָס דער טאַטע האָט זיך נישט געטאָרט מער אוועקזעצן צו דער אַרבעט, — זיי האָבן דאָס קיינמאָל פון אים נישט געוואָלט, און נאָך אפשר גאָר גערן געזען, אַז ס'האָט זיך אזוי געמאַכט; ס'איז זיי פּיליכט נישט געקומען אויך אויפן קאָפּ, — אז די יוניע וועט אזוי קוקן אויף די פינגער, און זיך אוועקשטעלן צווישן אים מיט דעם שאַפּ אַרבעטאָרער ווי א וואַנט. — ער זאָל נישט טאָרן מער צו טאָן קיין פינגער צו גאָר, ממש: צו גאָרנישט, כאָטש דעם יצר־הרע זיינעם צו פאַרשטופּן ס'מויל; און אז דער טאַטע זייערער וועט פון דעם אזוי פליען אין דער לופטן...

ביי די בעלי־מלאכות אינעם שאַפּ, ווידער, איז ער געבליבן נישט נאָר א בעל־הבית, נאָר אויך אָ טאַטע, — א שוטה, א שטיק פערד, אן איינגע'עקשנטער נאָר, וואָס האָט פון אלעמאָל נישט אזוי ווייט געזוכט צו אַרבעטן, מענטשלעך אַרבעטן, נאָר ווי אָפּצובייסן פון זיי אַ שטיק, — ס'זאָל אויף זייער חלק ווייניקער אָנקומען; איינבערענגען די קינדער, וועלכע האָבן דאָס גאָר זיכער נישט געוואָלט, — יענע זאָלן וואָס ווייניקער ברויכן אוועקגעבן צו אַרבעטן! און געקראָגן איצט א געפּערלעכע בייטש, מיט וועלכע זיי האָבן אים געגומען בייטשן, מקיים פּסק זיין אויף פאַר זיינע פריערדיקע חטאים:

— אָ באַס, יאָ, — מיטן גרעסטן כבוד; זיי וועלן אפילו פאַר אים האָבן דרך ארץ, ווי ס'קומט; ער קען שטיין און קוקן, צי אַרומגיין און באַסעווען, אויב דעם פאַרמאַן וועט דאָס נישט אַרן, — וויפיל ס'האַרץ גלוסט אים; נאָר אַרבעטן, — דאָס לא; פון דעם מעג ער פאַרגעסן. סאַ' יוניע־שאַפּ, און די אַרבעט איז זייער...

דער אַלטער טאַטע, ווי אַזאַ ייד, וואָס, ביז ער האָט אַרויפגעקלעטערט צו דער דאָזיקער הויכער עלטער, און איינגענומען די עטלעכע זעכציק יאָר, — האָט ער מסתמא געהאַט אַדורכצוגיין קאַלט און וואָרים, און זיך גוט צו באַלעקן; אַזוי, דאָס ער האָט שוין מער נישט געקענט זיין אַזאַ רואיק געלאָסן מענטשל, וואָס זאָל צו זיך לאָזן רעדן; האָבן דעם שכל, ריכטיקער, דאָס סבלנות, דאָס אַלץ אויסצוהערן, און אויף דעם אַלעם אָפּצוענטפערן געזעצט, מיט אַ געוויסן ישוב־הדעת, און דאָס וואָס ער איז דאָ אינגאַנצן איבריק געוואָרן, זיך געפילט אַרויסגע־שטויסן פון זיינע קינדערס שאָפּ, — דאָס האָט אים נאָכמער צעשרויפט דעם קאָפּ, און כמעט ווי פאַר אויס מענטש געמאַכט. ער האָט זיך כסדר אַרומגעדרייט אַן אָנגעלאָדענער, אַ צעפּאָרענער, און איבער אַ ברעקל, אַ פלעקל, אַ ליאַדע שפּרינקעלע, וואָס ס׳האָט זיך אַסור געלוינט דעריבער ס׳מויל איינצוריכטן, — האָט זיך גלייך געקענט אויפהייבן אַ שטורם ביי אים, ער זאָל אויסברעכן ווי אַ וואולקאַן, און זיך צעשרייען איבער די בעלי־מלאכות: „גז־לנים, רוצ־חים!“, אַז מ׳האָט געקענט מיינען, ווי דער שאָפּ ווערט אונטערגעריסן.

די קינדער פלעגן דאַן אַריינלויפן פון אָפיס, און אַזוי ווי זיי האָבן שוין געוואוסט אין וואָס ס׳גייט, — איז, אים אפילו נישט איבערפרעגן: „צוליב וואָס און ווען ער שטייט און שרייט?“, נאָר בלויז געזוכט אים אָוועקצוזעצן, שטיל מאַכן און איינעמען: „ס׳איז נישט שיין פאַרן אָפיס... פאַראַן בייערס אינווייניק... און מ׳קען מיינען, אַז מ׳שלאָגט זיך דאָ“... און אויב זיי האָבן דאָס נישט גע־קענט מיט גוטן, זיך אויף אים אפילו אָנבייזערן:

— טאַטע, צו וואָס קומסטו אַהער, — שרייען? גיי אַהיים און וועסט זען, צי מ׳וועט נאָך דיר דאָ בענקען? און מ׳וועט זיך נישט קענען באַגיין אָן דיר?

צעשרייט זיך דאָ דער טאַטע, ווי מ׳וואָלט אים ערשט ריכטיק אָנגעטרעטן אויפן נאָגל:

— שטיין אין הויז, ווילט איר, זאָל איך? אַז די ווייבער אייערע זאָלן האָבן וועמען אַריינצולייגן די בייביס, און זיך קענען אַרויס־כאַפּן אויף גאַנצע שעהן פאַר אַ וואָרק? צו וואָס אייער מאַמע, זאָל זיין אָפּגעשיידט, — האָט מיך נישט געקענט איינשפּאַנען ביי איך, אַז איר זענט קליין געווען, — ווילן זיי מיך איינשפּאַנען?

— ווער הייסט דיך שטיין מיט די שנירן דיינע אין הויז, — איז דאָס פאר זיי אינגאנצן א נייעס, — דו זאָלסט זיי ברויכן ניאַנטשען די בייביס; קענסט דיר נישט אָפּזוכן ערגעץ אַ שטיקל אָרט, זיך אָפּצורוען אביסל, און נישט וועלן אייביק אזוי אריינהאקן?

— די שולן זענען ליידיק, — ווארפט ווער אריין פון די בעלי־מלאכות מיט א געלעכטערל.

און קוקנדיק אויף דעם, נעמען די איבעריקע אויף אים האָגלען:

— זיך געמעגט פאַרגינען אוועקצוזעצן אויף אַן איבעריקע האַלבע שעה, זאָגן אַ שטיקל תהלים, אַז גאָט האָט אים יאָ געהאָלפן מיט א גוטע עלטער, — ס׳וועט גאָרנישט פון אים אָפּקומען...

— געמוזט גוט אָנטרעטן אויפן אל תשליכנו לעת זקנה...

— אַנדערע יידן אין זיינע יאָרן, גייען ארום צווישן די מיסט־באַרלס, — קלייבן שטיקלעך ברויט...

— שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיקל...

— זיך צייט אָנצוגרייטן...

— אם לא עכשיו אימתי? אויב נישט איצט, ווען דען?

— מיינט: ער וועט אייביק לעבן און ארומגיין אויף די פיס?

— אים מיט אמאָל געבן אַ לייג אוועק, און זיך גאַנץ שיין אָפּזאָגן אים צו טראָגן...

צעקאָכט זיך דאָ דער אַלטער טאַטע, און ציטערט אינגאנצן אויף, ווי ער וואָלט מיט אמאָל אָנגעטאָפּט דעם דופק פון דעם וואָס ס׳שטיקט אים, און דערפילט ווי די ארבעטאַרער מיט דער יוניע האָבן זיך געגעבן די הענט מיט די קינדער זיינע, אים צו פאַרטרייבן פונעם שאָפּ:

— מ׳וויל מיך דאָ נישט האָבן, מילא; זיי, — פאַרשטיי איך; אָבער די אייגענע קינדער?... כע־כע... לאָנג דאָ זיין שאָפּ, אַז כ׳וועל נישט האַלטן קיין אויג אויף אים; כ׳זע דאָך ווי עס פירט זיך, אַז כ׳בין דאָ, — קען איך מיך משער זיין, וואָס ס׳וועט זיך אָפּטאָן, — אז כ׳וועל נישט זיין...

זענען אַים די קינדער, וואָס האָבן גרויס צוטרויען צו זייער פאָרמאַן, — אינגאנצן מבטל:

— אַז דו וועסט נישט אזוי פיל קוקן, טאַטע, וועט דיך ווייניקער אַרן.

דער טאַטע וויל נישט נאָכגעבן; זיי זאָלן אפילו רעדן צו אים מיט שטעקענעס, — וועט ער זיך פונעם שאַפּ נישט לאָזן רירן. און אויב מ'האָט אים יאָ באַרויבט פון דער אַרבעט, — מוז ער, וויניקסטנס, כאָטש, ס'נייטיגט זיך קיינער נישט אין דעם, — זיין אויפן „פלאָר". ס'קומט ביי אים אויס: ווי די קינדער זאָלן נאָך נישט זיין פאַרזיכערט מיט אַלעם, וואָס זיי האָבן אַ פאַרמאַן; אָדער ער האָט גאָר מורא (אזא שאַפּ!) זיך מיט אלעם צו פאַרלאָזן אויף אים, — און וויל זיך פלייסן איבער אים, אים גיין איבערן קאָפּ; און גראַד וואו יענער פארקוקט, — שטעלט ער זיך דוקא אַפּ, און וויל, מעשה בעל־הבית, נישט אדורכלאָזן:

— מ'האָט דאָ פארשניטן אַ שטיקל „סילק"; דאָרט שלעכט אָפּגעניית אַ „סליוו", און מ'ברויך אים ארויסטרענען צוריק...

ביי וואָס ס'מוז ווידער קומען צו אַ געצאַנקעריי צווישן אים מיטן פאַרמאַן: און כאָטש דער טאַטע מעג אַ סך מאָל זיין גערעכט, — וועט ער אים אָבער דאָס נישט צוגעבן, בלויז דערפאַר וואָס יענער קוקט אים צופיל אין דער שיסל... און וואָס ער האָט אריינצושטעקן די נאָז ביי אים... פארקערט: ער זוכט נאָך דענסטמאָל צו פאַרענטפערן די בעלי־מלאכות זיינע, און האלט גאָר מיט זיי:

— אַז מ'קען ביי קיין ארבעט נישט זיין אזוי איבערקלויבעריש... עס מוז זיך ביי אַ בעל־מלאכה טרעפן: ער זאָל פאַרשניידן, שלעכט אָפּנייען... אַז מ'זאָל זיך גיין אזוי שטעלן אויף דער האָר, און ביי יעדן ברעקל, — וואָלט מען באַדאַרפט דעם גאַנצן טאָג מיט דעם בלויז אָפּקומען, און נישט געקענט גאָר ארויסקריגן ביי זיי קיין מלאכה...

די בעל־מלאכות, — אין קלייניקייט: זיי ווילן גאָרנישט בעסער. זיי קוקן אויף דעם ארויס מיט ליכט: „דאָ האָט ער געטראָפן מיט אַ פינגער אין הימל אריין!" נאָך דערצו, אז זיי ווייסן: דאָס, נישט וואָס די בעלי־הבתים, זיינע קינדער, האלטן נישט מיט אים, נאָר אז ער ציט נאָך מיט דעם אויף זיך אַ רוט פונעם פאַרמאַן, וועלכן ער קריכט אין דער לעבער, — אזוי רוקט מען אים אלץ אינאיינעם אונטער: דאָ אַ צוגעזעצקטע קלאַפּע, דאָ, — אַ שלעכט אָפּגענייטן ארבל, ער זאָל זיך רק האָבן איבער וואָס צו קאָכן, און שרייען ווי ער קען, מיט אַ קול פון אַ לייב:

— גזלנים! רוצחים! האָבן נישט קיין חס אויף זיינע קינדערס שווער פארהאָרעוועט געלט...

און אז ער שרייט, צעגיסט זיך א שמייכל איבער די בלייכע געלע פנימער פון די שאַפּ־ארבעטאָרער. זיי האָבן א הנאה און קוועלן... אנדערע קענען זיך נישט צוריקהאלטן און לאַכן הויך אויפן קול, שעפּן נחת:

— זאָל זיין הימלעך אין שאַפּ... אַלע טאָג דאָס זעלביקע קלאַפּן פון דעם פלענט מאַשינען... ווידער און אָבער דאָס אייגענע... מיט אים קען מען, ווייניקסטנס, זיך אביסל אָפּפרישן, צערודערן ס׳בלוט, ס׳זאָל נישט אנטשלאָפן ווערן...

כאָטש, ס׳איז קנאַפּ דאָ צו שרעקן דערפאַר; דער פאָרמאַן האָט גוט אָפּן די אויגן, — זיי זאָלן נישט איינשלאָפן אדער סתם אזוי צו־געזעסן ווערן ביי דער ארבעט.

בעלי־הבתים, ווי באַקאַנט, זענען אויך נישט מער ווי מענטשן. און יעדער בעל־הבית, אז ער גיט געלט, וויל ער נישט, וואָס קען מען דאָס האָבן צו אים, — מ׳זאָל זיך חכמהנען. און צוליבן טאָטן זייערן, האָבן די ביידע זין אודאי און אודאי נישט געוואָלט, — מ׳זאָל צו זיי אלץ אינאיינעם קומען מיט אָפּגעטרענטע „סליווס״, פאַר־שניטענע שטיקער „גודס״, נאָר מ׳זאָל זיצן און ארבעטן. ווייניקסטנס: זיין ארייננגעטאָן אין דער מלאכה, און נישט אין זין האָבן דאָס אים אונטערצורוקן. דעריבער איז גאָר קיין חידוש נישט, דאָס ווען ס׳האָבן זיך צונויפגענומען א סך עגמת־נפשן: „אקאונטס, געקענ־סעלטע אָרדערס, — וואָס ס׳מאַכט זיך אלץ אין אַזאַ שאַפּ? און דער אַלטער זאָל גראָד ארייננשטעקן די נאָז מיט א שמאָכטע, — אז זיי האָבן געזאָלט ארויס פון די כלים (טאָקע בעלי־הבתים, אבער פאָרט נישט מער ווי מענטשן; און מענטשן, — מעגן זיי זיין ארבעטאָרער, אָדער, להבדיל, בעלי־הבתים, אז מ׳צערייצט זיי, נישט קיין חילוק, — קען מען נישט דערוואַרטן, זיי זאָלן זיין מלאכים!) און ארייננפאלן אין שאַפּ מיט א גוואלט:

— מ׳האָט זיי אלץ נאָכגעגעבן וואָס זיי האָבן געוואָלט. — זאָלן זיי זיצן און ארבעטן.

— זיי צאָלן אוועק גוט געלט פאַר דער ארבעט, און מ׳זאָל איר וויסן צו מאַכן ווי מ׳ברויך פאַרן געלט.

— און נישט האָבן צו טאָן מיטן אלטן.

— זיי ווילן דאָס מער נישט הערן און נישט זען.

— די קעפּ זענען ביי זיי אָרנטלעך פאַרדרייט אָן דעם, און וויסן א סך מאָל נישט אויף וועלכע וועלט זיי זענען, — וועלן זיי אים מאַכן צו קומען מיט אזוינע באַבקעס?

דער טאַטע, ער ווייסט ווידער נישט קיין חכמות. אַז ער זעט די קינדער שטיין צעטראָגן, און הערט זיי אזוי שרייען, — ברויכן זיי שוין מסתמא נישט שרייען נאָר דערלאַנגען מיט א שטיק האָלץ איבער די קעפּ. ער איז נישט בכח, און ס׳איז אים אפשר אויך נישט באַזונדער אויפגעלעגן צו באַנעמען,—צי דאָס גייט אין אים, אדער אין עמיצן אנדערש; ביי אים קומט דאָס אלצאיינס אויס צו זיין פון די גרויסע הימל־שרייענדיקע עוולות, וואָס זאָלן דאָ יעדע מינוט אָפּגעטאָן ווערן פאַר זיינע אויגן אין שאַפּ; און זייענדיק פון תמיד אָנגעלאָדן, אזוי רוקט אים דאָס אָנגעלאָדענע אונטער ווי אַן אויער־האָן הינטער זייערע פּלייצעס, און שיסט אויס אין מיטן רעכטן־געדיכטן, ווי ער וואָלט זיך דערמיט געזוכט צו שטעלן אויף די קינדערס צד:

— גז־לנים! רוצ־חים!

און באַגראָבט דאָס גלייך אויפן אָרט, דערגעט עס אוועק צום טויט, ווייל יעדער איינער בעל־מלאכה, אויף וויפיל ער איז פריער געלעגן איינגעלייגט, און נישט געהאט די העזה זיי צו קוקן אין די אויגן, — פארדרייט זיך גלייך אין אַן אַנדער ווינקל, און לאַכט פון דעם טאַטן זייערן אין די פויסטן אריין, האלט זיך ביי די זייטן:

— אוי, ווי „פּאַני״ ער איז, דער טאַטע זייערער; סאַי גאָרנישט צו פאַרשטיין, ווי ס׳קומט צו זיי אַזאַ טאַטע...

און די קינדער, — אַנשטאָט צו שרייען איבער די בעלי־מלאכות, דרייען אויס דאָס רעדל, און נעמען זיך צו אים; און דאָס, — ווי ס׳וואָלט אין זיי שוין געזאָטן:

— זיי זענען דאָך טאַקע באַלד נישט אומגערעכט, די בעלי־מלאכות.

ביים טאַטן ווידער, וואָס לאַ די, ער נעמט זיך אָן פאַר זיי, — וועלן זיי גאָר האָבן מיט אים צו טאָן, — ציט זיך צונויף דאָס האַרץ,

אַן אַלט קלעמעניש: וואָס ר'האָט זיך פון זיי געלאָזט איבערעדן נישט צו ווערן א יוניע־מאַן, — און שרייט דאָס אויס מיט אַן אויס־געהוילט קול:

— איך בין אומגערעכט און זיי, — גערעכט? ווייל כ'האָב מיך פון אייך געלאָזט ארויספירן אויפן אייז?

ווערן זיי נאָכגיביקער, די קינדער, דערשרעקענדיק זיך פארן שטיק חוש אין אים, פאַר דאָס טונקעלע, און נעמען רעדן ווייך, כמעט זיס:

— אַז מ'בעט דיך, זאָלסט אויפהערן אָפּצוטראָגן פונעם שאָפּ; ס'איז דאָ א פאַרמאַן און מ'צאָלט אים אוועק שווערע געלטער, — וואָס דאַרפסטו דיך מישן?

— דער פאַרמאַן איז דאָ מער פאַר מיר, אַן אייגענעם טאַטן? — קען דאָס דעם אלטן נישט אין קאָפּ אריין, — און ער ברויך נישט האָבן עמיצן איבער זיך?

טרעטן זיי אים אינגאַנצן אָפּ, איבערלאָזנדיק א מאַך מיט דער האַנט, וואָס הייסט:

— וואָס איז דאָ מער צו טענהן מיט אים? ס'וועט פאַר אים געזינטער זיין, פאַר זיי געזינטער זיין, און פארן שאָפּ געזינטער זיין, — ער זאָל גאָר אינגאַנצן נישט אריינקומען.

פאַרבייסט דער אַלטער די ליפּן, און אָנשטאָט ארויסצוגיין פונעם שאָפּ, ווי זיי ווילן, — פאַרלייגט ער זיך נאָכמער אויף אים; דאָס טרייבן האַלט אים ווי צוגעבונדן מיט שטריק; ער דערשטיקט אין זיך די אַלטע באַקאַנטע געוואַלטן, ווערט כמעט דערדריקט פון די עוולות, וואָס מ'טוט אים פון אלע זייטן, און וויל זיך נישט ארויס־דירן, ווען ר'זאָל אפילו ברויכן אויפפּלאַצן.

ווען אַלע אַרבעטאָרער שלאָפן נאָך, קערן זיך איבער אויף דער לינקער זייט, און ס'חלומט זיך זיי אפילו נישט פונעם שאָפּ, — שטייט ער שוין דהינטער דער טיר, דער אַלטער טאַטע, און היט אים אָפּ ס'לעבן. און אַז ס'קומט־אָן אַן אָפּערייטאָר, דער ערשטער, זאָל זיין, וואָס האָט נאָך דעם שלאָף אויף די אויגן, און טרעפט אים אזוי שטיין צוגעשטעלט צו דער וואַנט, אַ פאַרשטיינערטער,

ווי איינער וואָס מ׳דאַרף אים גיין שיסן, — בלייבט ער ווי פאַר־גאַפט:

— הע? אַז צו טאָן אין שאָפּ האָט ער נישט, — וואָס איילט ער זיך נאָך אַזוי פרי צו קומען?

ס׳קומט־אָן אַ פרישער אָפּערייטאָר, — רעדט ער אויך איבער ס׳אייגענע:

— נישט גלייכער, איר וואָלט נאָך געלעגן אַ האַלבע שעה אין בעט?

ס׳קומען צוביסלעך אָן די איבעריקע אָפּערייטאָרס, און זיי רעדן אים דאָס זעלביקע אויס:

— מ׳וועט אייך דאָ עפּעס אויסכאַפּן, — וואָס איר מוזט אים קומען אַזוי פרי היטן, דעם שאָפּ?

— און אַז איר וועט זיך אַריינוויילן מיט אַ שעה שפּעטער, — אייך עמיץ אָנשרייבן קאַרע? צי עפּעס צופעלן צו דער פיידע?

— אַז איר האָט נישט קיינעם וואָס זאָל אייך טרייבן, וואָס טרייבט איר אייך אַליין?

דער אַלטער שטייט דערטייטענט.

איינער שאָקלט שווער, אומהיימלעך מיטן קאָפּ:

— אוי, איז דער ייד פאַרנאַרט.

אַ צווייטער

(מיט אים):

— פעלט אים אַ קלעפּקע אין קאָפּ.

אַ דריטער

(מיט זיי):

— הלואי וואָלט זיין זון געקענט אויפמאַכן עפּעס אַ שטיקל שאָפּקעלע, און נישט יענער זאָל ברויכן קומען צו אים, — ער זאָל אים פון זיינע פאַרדינסטן אונטערשטופּן...

דער אַלטער שטייט איינגעטונקען אין בלוט. ער איז האַרט און איינגעשפּאַרט ווי אַן אַלט שטיק פּעל, וואָס לאָזט זיך נישט אויסצופּן די האָר. דאָס רעדן זייערס זעט אויס ביי אים, ווי מ׳וואָלט פון אים אָפּגעריכט, אָפּגעשפּעט; ער האַלט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער זאָל מיט די אויגן זיינע בויערן די ערד.

און אַז דער פאָרמאַן קומט, מען מאַכט מיט מזל אויף דעם שאָפּ,

אלע צעשיטן זיך לעבעדיק, אויפגערוימט, צווישן די טישן; יעדער נעמט זיך צו ס׳זייניקע: דער פּרעסן, יענער שניידן, אנדערע נייען. — אזוי שטייט ער נאָך אלץ ווי פריער, מיט פולע אויגן נאכט, און ס׳הייבט זיך עפּעס אָן רירן ביי אים אין קאָפּ, שווער רירן; א מחשבה, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט הינטער דער טיר, — הייבט אַלץ מער אָן אויפצוגיין, צו געדייען, — ווען זיינע הענט הענגען ביי אים אַראָפּ, געזונטע הענט, אייזערנע הענט, און זיי קענען זיך נישט צורירן צו גאָר, צומאָלט אויספּענדזלען דעם האלז ביי א מאַשינדל; א מחשבה, — אויב ס׳וואָלט נישט לכתחילה גלייכער געווען מיטצו־גיין מיט די אַרבעטאָרער אין דער יוניע, אז ער זאָל זיך אויך קענען ווי זיי אַלע אוועקזעצן צו דער מלאכה, — ווי פאַרבלייבן די קינדערס טאַטע, און זיך פאַר דאָס מוזן באַנוגן לאָזן בלויז מיט קוקן, מיט קוקן...

אָז דער שאָפּ צעפּלאָקערט זיך, די אַרבעט ברענט ביי אַלע אונטער די הענט, און פאַרשטיקטע טענער נעמען אים איינ־וויגן: טענער אומעטיקע, אויפגעדרייטערטע, ווי נאָך איינעמס געמיט. — פאַרוקט זיך דער אלטער טאַטע אין דער „שיפּינג־רום", וואו ער בייגט־אַראָפּ דעם קאָפּ, א געשלאָגענער: „אז ער האָט זיך באַנאַ־רישט, נו?" און דאָ, אין דעם שטילן אָפּגעצוימטן „קאָרנערל" פונעם גרויסן שאָפּ, וואָס איז ווי א פאַרהויז, דורך וועלכן ס׳קומען אריין די גאַנצע שטיקער רויע „גודס", אויפגעוויקלט אויף ברייטע ריזיקע ראָלס, און ס׳גייען דאָ ארומעט צוריק ארויס אויף דער וועלט, — די פאַרטיקע, צוגעפּוצטע, באַשמעקטע „גארמענטס"; דאָ, אין דעם קליינעם „פאַרהויז", וואו די גאַנצע אַרבעט שטייט־איין ביי א זיבעצן־אַכצן יעריקן בחורל, א „שיפּינג־באָי", וואָס זיין גאַנצער יחוס איז, וואָס ער קומט אריין מיט א שעה שפּעטער פאַר די אינווייניקסטע אַרבעטאָרער (איי, וואָס ער ברויך בלייבן אויף דריי שעה לענגער, ווען זיי גייען אהיים, — דאָס רעכנט זיך נישט!), און „שטייט" שוין אויפן „פּעיראָל" פון אָפּיס. דאָ געפינט ער זיך איצט אליין, דער טאַטע, מיט דעם גאַנצן אוצר פאַרטיקע קליידער, איבער וועלכע קיין שום יוניע האָט נאָך דערוויל קיין שליטה נישט, — און ס׳ווערט אים

עפעס גרינגער, די הענט ביי אים אויפגעבונדן, וואָס ער קען, אומ־געשטערט פון קיינעמען, — גראַבלען, רוקן די „הענגערס", זיי גלייך מאַכן, אויסציען, איינעמען... איבער א רגע (אַ־האַ), און ס'געפעלט אים נישט ווי אויף די אלע „הענגערס" זענען צונויפגעמישט קליידער פון אלערליי מאָסן און קאָלירן; ער ווייסט נישט: אז דאָס איז עקסטרע אזוי צוגעקליבן לויט די „אָרדערס" וואָס ברויכן „געשיפט" צו ווערן; און אז דער „שיפינג־באָי" האָט מיט אן אָונט פריער זיך גוט אָנגע־ארבעט, ביז ער האָט זיי אלע אזוי צונויפגעפּאַרט, — און נישט בלויז ס'זאָל באַלד אין דער פרי זיין גרייט צום פּאַקן, ארויסשיקן, נאָר אויך האָבן א פריי אָרט פאר די פרישע קליידער, וואָס דער שאָפּ וועט פון זיך אויסשפּייען; ס'זעט זיך אים אויס, אז ס'וועט א סך געשייטער זיין, — ער זאָל איבערהענגען די בלאָע צו די בלאָע, רויטע צו רויטע, און דאָס זעלביקע אויך מיט די „סייזעס": אלע פון דער זעלביקער „סייז" — אינאיינעם; ס'זאָל אונטן, וואו זיי לאָזן זיך אויס, — נישט אויסקומען איינע גרעסער, די אנדערע קלענער, ארויף און אראָפּ, מיט שפּיצן, נאָר זיין גלייך, אזוי ווי זיי זענען געוואָרן צוגעשניטן און אויפגעבייט: א „ליין" גרינע „גארמענטס" — זעכ־צענער; א „ליין" בלאָע, — אַכצענער; א „ליין" צוואנציקער פון „פּורפּל"; אַ „ליין" רויטע, שוואַרצע, אויסגעפּאַרמירט לויט די קאָ־לירן און מאָסן, יעדע מאָס און קאָליר פאַר זיך... ס'זאָל זיין שיין פּאַרן אויג, פּאַרכאַפּן...

און אז דער „שיפינג־באָי" קומט, גיט א קוק: ער האָט אַ בראָך אין די ביינער, — אזוי נעמט ער לויפן א פּאַרסמטער: „וואָס איז דאָ צוד־האנדען געקומען?", און איבער איין מינוט שטייט שוין דער גאַנצער אָפּיס אויף די פיס: די „בוק־קיפּערן", — דאָס פון אַלעמען באַוואוסטע חנעוודיקע מיידל, די „סיילסלייט", און זיי ברעכן זיך פון געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ, ווי ס'קען זיך צו א מענטש פּאַרקריכן אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ אריין?

— כאַ־כאַ־כאַ, ס'איז דאָך וואונדערלעך...

דער „שיפינג־באָי" הייבט די אקסלען:

— ער וועט אודאי דאַרפן ארבעטן א גאַנצן טאָג אויפצושטעלן די „אָרדערס", — זיי זאָלן קענען געשיפט ווערן...

דער טאַטע פּאַלט, פונדעסטוועגן, ביי זיך נישט אראָפּ: „ס'אזוי ארויס ביי אים, מילא... זיין שכל האָט אויסגעטראָגן, — אַז ס'וועט אַזוי זיין שענער, נו?... ער האָט עס נישט געטאָן אומישנע און קיי־נעמען אויף צו להכעיס"... און דאָס יונגע בחורל, אויף וויפיל דער אַלטער טאַטע זאָגט צו, ער וועט נישט מער פאַרבייטן די יוצרות, — איז ביי אים רעכט, יענער זאָל זיך דאָ אָפּשפּילן מיט די „גאַרמענטס": אויסציען א פאַלד, איינעמען א קנייטש, אָנהענגען אַ צעטל, און נאָך א גלעט טאָן מיט א שמייכל פון זיינע אויגן, פאַר בייהילפיק זיין אים: „אַז ער וועט מיט דער צייט זיין זיין רעכטע האַנט!". פאַר־דאָס, אַז ס'קומען־אָן די „טראָקס", וואָס ברענגען די ריזיקע ראָלס וואַרע, אָדער ברויכן אוועקנעמען די „קייסעס" מיט פאַרטיקע קליי־דער, האָבן די „דרייווערס" גאָר פון אים ס'געניאַר; דעם אַלטן דאכט זיך, — דאָס מיט זיי פליט אים אריין א געבראָטענע טויב אין מויל; און ער וואַרפט זיך כהרף עין אויף דעם ארויף ווי א לייב: נעמט שלעפּן די אויפגעראָלטע שטיקער וואַרעס אינגאנצן אומבאַ־רעכנט, און גאָרנישט מענטשלעך; נישט ער נעמט א שטיק און אַ שטיק, — געלאָסן, נאָר וואָלט גערן אלץ און אויף אַמאָל צונויפגע־טראָגן. נישט קוקענדיק, צי ער וועט דאָס קענען, אָדער פאַלן אונטער דער לאַסט און ווערן געבראָכן; דעם גאַנצן כח זיינעם, וואָס בלייבט אים צוריק פונעם שאַפּ אינווייניק, וואו ער קען אים נישט פאַרווענדן צו גאָר, אדער פון דער „שיפּינג־רום", וואו ער דאַרף אים נישט צו גאָר, — וואַרפט ער אומגעהייער פאַרשווענדעריש ארויס ביי די קאסטנס; ער לאָזט זיך נישט פון די „דרייווערס", וואָס ווילן אים צו־ריקהאַלטן דערפון, נאָר רייסט זיך דערצו און אליין, ס'זאָל אלץ קומען אויף זיינע הענט, אויף זיינע פּיס, אויף זיינע פּלייצעס, ביז ער ווערט דערביי אָפּגעגאָסן מיט שוויס, די ביינער נעמען אים קראַכן,

— —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — דארויף ברויכן גראָד אָנקומען די קינדער זיינע, און זען: ווי ער ליגט כמעט אויסגעבויגן אויף דער ערד, און האָט אויף זיך, איבער דער גאַנצער לענג, ווי גרויס און אַלט ער איז, אַזאַ שווערן קאסטן, — ס'זאָל זיך זיי פאַרדרייען די קעפּ, נעמען שווינדלען אין די אויגן נאָר צו חלשן:

— טאַטע, ווי קומט דאָס צו דיר? דו ווילסט די דרייוועס פאַרגרינגערן? זיי מאַכן אַ גרינג לעבן?

— טאַ־טע!

דער טאַטע איז נישט אַלעמאָל מיט די אַרבעטאַרער אויף מעסער־שטאָך. ס׳קומט צוועלף אַ זייגער, אַז דער שאַפּ בלאָזט־אויס ווי אַ ליידיקער פּענכער, ווערט אויס שאַפּ, און אַלע זענען איבער די איינע שעה גלייך מיט אים, אַרבעטן נישט, — גייט ביי אים אויך אָפּ דער כעס צו זיי. אַלע גייען דאַן ארום ווי ביי זיך אין דער היים, — פרייע מענטשן, וואָס זענען נישט פאַרקויפט צו גאָר און אונטער־געוואָרפן צו קיינעם. ס׳איז די שעה אין שאַפּ, ווען ס׳איז נישטאָ קיין פאָרמאַן, קיין באָס, נישט קיינער, — און ס׳וועט נישט קיינעם אַרן, מ׳זאָל זיך אפילו אויפן קאָפּ שטעלן. ווער רעדט נאָך, אַז דער עולם האָט שוין אָפּגעגעסן, סיי די יעניקע וואָס האָבן זיך מיט־געבראַכט ס׳זייעריקע פון דער היים, און סיי יענע, — אין גאַס, אונטן (אַ מענטש, אַז ער איז זאַט, — איז דאָך גלאַט אַ פאַרגעניגן מיט אים), — ווערט באַלד לעבעדיק אין שאַפּ, אויף טיש און בענק. און מען קוקט, אַז די איינע האַלבע שעה, אָדער וויפיל ס׳איז נאָך געבליבן רעשט פונעם עסן, — זאָל נישט אוועק אָן גאָר; עולם אַרבעטאַרער זעצט זיך ארום אויף דער קיפּע, און מ׳קלויבט אויס איינעם, וואָס ביי אים אין שויס לייגט אַ צווייטער אריין דעם קאָפּ, די הענט פון הינטן, און אַ דריטער פאַרפּאַרט אין זיי מיט אַזאַ פּראַסק, אַז יענער דערזעט זיך מיט די עלטער־באָבע; דער געפּאַטשטער כאַפּט זיך גלייך אויף, וואָס דען, — ער וועט בלייבן ליגן? און ברויך, נאַטירלעך, אָנווייזן אויף דעם וואָס האָט אים אזוי שיין פאַרפּאָרן. טרעפט ער, — אזוי לייגט זיך יענער במחילה אוועק, און דאַרף אַריינ־כאַפּן פון אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ צענטן, ביז ער פּאַלט ווידער אויף דעם ריכטיקן בעל־דבר, און לייגט יענעם אוועק, ער זאָל אָפּקריגן ס׳זייניקע און נאָך מיט אַ שמיציק. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס גאַנצע שפּילן איז נישט מער ווי אַ לאַפּקע, אָנצוקריגן דעם טאַטן, דעם גרויסן חכם, און אים אָפּצושמייסן. און אזוי ווי דאָס שפּיל צעפלאַ־קערט זיך: איינער דערלאַנגט, אַ צווייטער לייגט זיך, אַ דריטער פליט

אין דער לופטן, — האַלט מען זיך מיט אים, און מ׳אַרבעט אַין אים אַריין, מ׳שלעפּט אים, מ׳ציט אים, מ׳רייסט פון אים שטיקער, ביז מ׳רוקט אים אונטער א, ווי הייסט עס: „וואָס איז אייער נשמה א ראַזשינקע? דערלאַנגט אויך! און נאָך אזוי ווי איר קענט! פאַר אייער עגמת־נפש?״ און אזוי ווי איבעריק קלוג, ער זאָל זיך דערויף קענען, — איז ער נישט; לאָזט ער זיך איבעררעדן, און ער פאַרפאַרט, אַזוי, ריכטיק, ווי ער קען; און גליידך, ווי א כישוף וואָלט אין יענעם אַריין, אָדער טאַקע צוליב דער וואָג פון זיין אויסגעאַרבעטער לאַפּע, וואָס איז געפאַלן אזוי שווער, און יענער ווייס אויף אים אָנצואווייזן: „לייגט אייך! איר האָט געוואָלט יענעם אָנפּאַטשן, זייט נישט ווי מ׳זאָגט אויף אייך, און גיטס, זייט מוחל, אליין אָהער דעם זייטס מיר מוחל, — מ׳זאָל אים זיין רעכטס טאָן!״ און ער מוז זיך, ס׳העלפט נישט קיין דאָס און קיין יענץ,—לייגן. און דאָ הייבט זיך אָן די ריכטיקע העצע: מ׳נעמט געבן פּעטש, אז דער רוח נעמט אים... דער שאָפּ ד׳הילכט נאָר... נאָך יעדן פּראַסק כאַפּט זיך נעבעך דער אלטער אויף נישט טויט און נישט לעבעדיק, און ווייזט־אָן אויף דעם, אויף יענעם, אויף וועמען ס׳איז, — אומבאַרעכנט און אָן איבערלייגונג: „דו ביזט עס! דו ביזט עס!״ מאכט זיך יענער, וואָס זאָל אים אפילו האָבן פאַר־פאַרן, — געפּגרט: „לייגט אייך!״ עמיץ דערלאַנגט אים ווידער מיט אַ פּאַטש, און ער כאַפּט זיך אויף א צעקאַכטער: „דו ביזט עס!״ מעג ער ווידער אַמאָל האָבן געטראָפן, — לאָכט זיך יענער פון אים ברייט אויס: „איר זאָלט אזוי בעסער טרעפן אויף אן אידישן סוויפ־סטייק!״, אזוי לייגט ער זיך, באין ברירה, אויף און אָפּ, כאַפּט אריין פּעטש, און נאָך אזוינע — אז די הענט לויפן אים אויף, ווערן גע־שוואָלן ווי די קישענס, און הייבן־אָן בלוטן פון אונטער דער געפּלאַצטער הויט. די אויגן ווערן אים שווארץ, דאָס פּנים פינצטער, פאַרכמאַ־רעט, דער קאָפּ הויל און צעדולט, — ער ווייזט אָן אויף דעם, אויף יענעם, בלינד, אין דער וועלט אריין, — און דער גאנצער שאָפּ ליגט אונטער די טישן, ווערט צעשאָסן פון געלעכטער:

— ס׳האָט זיך אייך געוואָלט געמבלען, א? אז מ׳וויל זיין א זעלנער, מוז מען קענען פּולווער שמעקן.

און ס׳וואָלט אודאי נישט דערגאַנגען צו קיין עק, און דעם אלטן אזוי צערעכט געמאַכט: למען ידעו, ער זאָל האָבן צו געדענקען, —

ווען ס'זאָל זיך אין צווישן נישט עמיץ אָפּזוכן, וואָס זאָל, נישט אַזוי פאַר רחמנות צום אַלטן: „אויב מ'האָט אים געקענט נעמען אין עסק אַריין, — איז ער עס ווערט!" — נאָר זיך אונטער צו חנפענען צו די בעלי־הבתים, — און כאַפּט זיך אַריין בשתיקה אין אַפּיס:

— אויב מ'וועט נישט באַצייטנס אַריינגיין צום טאַטן, וועט מען אים דאָרט צערעכט מאַכן אַ פּאָר הענט, אָדער אַזוי אויסשטעלן דעם הינטן, — אַז ער וועט נישט קענען זיצן אויף אים וואָכן לאַנג...

און די קינדער פאַלן אַריין צעשראָקענע אין שאַפּ:

— וואָס טוט מען דאָ אַזעלכעס מיטן טאַטן זייערן, וואָס?

דער אַלטער איז פאַרשטייפט ווי אַ האָרן, און די אויגן זיינע קוקן פאַרבלוטיקטע צו די קינדער, פאַר וועלכע ער וואָלט זיך געוון באַגראָבן פאַר חרפה; צום שאַפּ אַרבעטאָרער, — וואָס ליגט צעשיט אין די לעכער, ווי מ'וואָלט זיי געכאַפּט ביי דער מעשה רע; און ס'פעלט נישט מער ווי ס'זאָל עמעץ אַ פּיפּס טאָן: „אַז ס'איז געווען בשקר'עס, מ'האָט אים גענומען אויף דער האַצקע!" — ס'זאָלן זיך צעשפּילן אין אים די פינצטערע בלוטן, וואָס זענען שוין אַזוי אויך נישט געגוג העל, — און די ווענט פונעם שאַפּ אויפציטערן פון זיינע קולות און גוואַלטן:

— גז־לנים! רוצ־חים!

די קינדער האָבן אים נאָכדעם, לאָ די וואָס מ'האָט אים אַזוי מיאוס אָפּגעשמיסן, — נאָך אָפּגעשאָפּט פונעם שאַפּ, און אים פאַרזאָגט אינגאַנצן אַריינצוקומען: „חרפּות און בושות וועלן זיי נאָך פון אים האָבן?" ער קריגט, אַלצאיינס, זיין „פּעי", — אָבער זי גייט אים נישט איבערן לב. דער אַלטער טאַטע, וואָס האָט אויף זיין לעבן בחנם פון קיינעם קיין געלט נישט גענומען, און האַלט: אַז ביי די קינדער זיינע אודאי און אודאי נישט, — מוז שטיין ביים פענצטערל ווען ס'איז „פּיידע", — און צוקוקן ווי אַלע בעלי־מלאכות שיטן זיך אַריין פונעם שאַפּ, איר אָפּנעמען פאַר זייער אַרבעט, און אַליין איר נעמען ווי קצבה,—אַזוי קרענקט ער איר יעדעס מאָל אויס; און אַרומגייענדיק פאַרקלעמט, אָנגעזאַפּט מיט גאַל־דריקעניש, נישט דערפאַר וואָס ער טאָר זיך נישט אַריינווייזן מער אינעם שאַפּ, נאָר

ס׳זאָל אים חלילה נישט אויסקומען אויף זיינע אלטע אויסגעהאָרעוועטע יאָרן צו נעמען אין שטוב אַ קליין קינדעלע אויף דער האַנט, און דעם צוזינגען: „איי־איי־לו־לו־שי״... פאַרוואָס ער האָט מער מורא ווי פאַרן טויט; אַזוי קוקט ער נישט, וואָס די קינדער ווילן אים נאָך אפשר מעביר זיין פון דער „פיידע״, האָבן מיט אים א טועכץ, און ס׳וועט זיי נישט אָנשטיין דער כבוד: „אזא גרויסן שאָפּ ווי זיי האָבן... שיינע קארס״... און גייט אוועק אין דער יוניע, פון וועלכער זיי האָבן אים צוריקגעהאלטן, און לייגט זיך דאָ אָפּ אויף איר; האקט אריין אין דעם קליינעם פענצטערל, וואו דאָס מיידל זיצט און נעמט אָפּ די דיוס; און מיט דעם זעלביקן כח וואָס ער האָט פריער געשריגן אויף די ארבעטאָרער אינעם שאָפּ: „גזלנים! רוצ־חים!״ שרייט ער דאָ:

— נעמטס מעך אראָן אין דער יוניע, יאָך זאָל אָכעט מעגן אַרבעטן! און אויב נישט באַ מאַנע קינדער אין שאָפּ — זענען דאָך פאַראַן נאָך אַנדערע שעפּער! און יאָך זאָל אויף דער עלטער נישט בראַכן צו נעמען באַ זיי פיידע בחנם...

און פונקט ווי ס׳וואָלט זיך דערוועקט אין אים דער בעל־מלאכה פון אלע זיינע יאָרן און דור־דורות, ווען ער האָט געניייט ביים טאַטן אינעם קליינעם שטעטעלע די לאַטעס אויף די שווערע פויערשע קאזשוכעס; דאָ געהויבן דאָס איין און צוואַנציק פונטיקע אייזן מיט פערציק יאָר צוריק אין די פינצטערע דאון־טאַונער שעפּער, — האקט ער און בראָקט דאָ אלעמען איבער די קעפּ:

— נעמטס מעך אראָן אין דער יוניע! יאָך בין דאָך אכעט אַמאָל געווען א יוניע־מאַן! און וואָס בין יאָך שולדיק, אַז מאַנע קינדער זענען באָסעס!

1931

IV

אויף צום ערשטן מײַ!

ס'איז געווען טויט אין שאַפּ.

די פּאַר אַפּערייטערלעך: משה, שראָל, בערל, דייוו און די אנדערע, — האָבן נישט געלעבט ביי אים, און אויך נישט געקענט שטאַרבן ביי אים. זיי האָבן זיך געדרייט אין אים ווי די ווערים, — אריין און ארויס, און געבליבן, ווי מ'זאָגט: ביי די גאָלע ווענט און ליידיקע הענט. אריין אין שאַפּ מיט אַ האָפּערדיקן גוט־מאָרגן, וואָס האָט געזאָלט זיין אויסגערעכנט אויף צו קריגןביים בעל־הבית אַ האַלבן טאָג אַרבעט, און זיך אָפּגעטראָגן אָן אַ גוד־ביי, ווען דער גוטמאָרגן איז געווען אַ בחנמדיקער, האָט נישט געהאָלפן גאָר, און ווי ארויסגע־וואָרפן אויפן מיסט.

— נישטאָ גאָר צו פאַרבראָקן! — האָט זיך אוועקגעשטעלט דער ערשטער אפּערייטאָר, לאָמיר זאָגן: שראָל: וואָס מיט דער טויטע נאָז, און כסדר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה צו די איבעריקע אָפּעריי־טאָרס, ווי: משהן, בערלען, דייוון, וואָס די האָבן געהאַלטן אין אָנקו־מען איינער נאָכן אַנדערן.

— אַ מכה אים פאַר יעדן בחנמדיקן גוטמאָרגן, וואָס איר וועט אים אָנטקעגן טראָגן, דעם כאָלערעדיקן בעל־הבית, אַז קיין שטאָך־אַרבעט וועט ער סיי־ווי נישט אריינברענגען, — האָט ער זיי אָפּגע־האַלטן פון ארויפהייבן זיך אין שאַפּ אריין, דער זעלביקער שראָל, — און ס'מעג אים פאַר מיינעם אויך אַ פינצטער יאָר אָנשטיין.

די אָפּערייטאָרס האָבן זיך נאָכאַנאַנד דאָ אָפּגעשטעלט, ביים אריינ־גאַנג, גראָד ווי ס'וואָלט זיי מיט דעם פאַרשמעלערט דעם לעבעדיקן און פריילעכן ארויספאַר פון דער בראָנקס, פון ברוקלין און פון ערגעץ אנדערש־וואו, — וועלכן מ'האָט שוין בלויז געברויכט צו פאַר־ענדיקן מיט דעם איינעם און קורצן שפּאַן אין שאַפּ אריין; דאָ אים

אָפּגעשניטן מיט די צענומענע הענט זיינע, שראַל: „נישטאָ גאָר צו פּאַרבראָקן!", און זיך אָפּגעשטעלט, די פּנימער פאַרגעלט, מיט צערונענע מחשבות, יענע מחשבות: „מ'וועט זיך דאָ אָננעמען מיט כח אז ס'וועט גיין א רויך!", — מיט וועלכע מ'איז ארויס פון שטוב, און זיי געהאַלטן ניכטער איבער דער גאַנצער לענג פונעם וועג, איבער וועלכן די סאָבוועי מיט די עלעווייטערס זענען מיט זיי געלאָפן.

אין אַן ערך פון אַ האַלבע שעה, האָבן די אַלטע „טריינס" אָנגע־ברענגט דעם גאַנצן שאַפּ ארבעטער, וועלכער האָט זיך געדהאַלטן אינאיינעם, אין א קופּקעלע, ביים אריינגאַנג פון דעם אויסגעמויערטן שטאַלענעם הויז, ווי אַנדערע אזעלכע קופּקעלעך ארויסגעשמי־סענע שאַפּ־אַרבעטאָרער, — ביי די אריינגאַנגען פון די שכנישע מויערן, וואָס פון ביידע זייטן טראָטואַר, איבער דער שמאָלער לענג פון דעם קורצן בלאָק.

— וואָרן, ס'איז דען מעגלעך: אַז ס'זאָל גאָרנישט צופאַלן קיין אַרבעט אין שאַפּ? — האָט נאָך אַ שאַרפן קנייטשן דעם שטערן, אויפ־געמאכט דאָס מויל משה, אַן עלטערער אָפּערייטאָר, נאָך פון די צייטן ווען מ'האָט גענייט „גאַרמענטס" אויף מאַנראָו סטריט.

— איז דאָס מעגלעך? — האָט אויפגעמאכט דאָס מויל בערל, אַ צווייטער אָפּערייטאָר, און נישט פון קיין פיל שפּעטערע צייט ווי משה, — ווי אזוי פאַלט נישט־צו קיין ארבעט, אז ו ו ע ן מ'זאָל נישט אריינשמעקן אין שאַפּ, וועט מע טרעפן דעם בעל־הבית זיצן איבערן מאַשינדל, און נייען.

— און וואָס ער קען אליין נישט אָפּנייען, — האָט אויפגעמאכט דאָס מויל דייוו, אַ דריטער אָפּערייטאָר, — שיקט ער ערגעץ ארויס אין דר'ערד אריין צו די איטאַליענישע ווייבער, זיי זאָלן דאָס פאר אים אָפּנייען...

און אַז די איטאַליענישע ווייבער קענען זיך שוין אויך נישט קיין עצה געבן (ס'ביסל „גאַרמענטס" מוז, ער זאָל זיך באַלד אויפן קאָפּ שטעלן, — „מופן", און וואָס גיכער; אַ נישט, — וועלן זיי אים בלייבן ליגן איבערן האַלז), — דענסטמאָל פאַרשטופּט ער ביים שאַפּ אָפּערייטאָרס דאָס מויל: „נאָט אייך אויך א שטאָך צו טאָן!", און ווי מ'זאָגט: „פרעסט אייך אַן און ווערט דערשטיקט."

— און די יוניע?

— יאָ, די יוניע? — צעוויגן זיך שוין עטלעכע איינגעבויגענע, איינגעבויגן פון זיצן איבער דער מאַשין, — אָפּערייטאָרס, ווי א ווינטל וואָלט זיך אַדורכגעשפּאַרט איבערן בלאָק.

— איז יוניע, — צעקרימט זיך ביי איינעם פיינלעך ס׳פּנים מיט א שמייכל, — האָלט־אָן אָן גרויסן אָפּיס, ווער ווייסט: וויפיל ביזנעס־אייזשענטס, אָרגאַנייזערס, נאָר אַז מ׳ברויך עפּעס טאָן פאַרן ארבע־טאָרער, איז בע־מע... נאָר, ווי זאָלן זיי קענען עפּעס טאָן, ווען זיי זאָלן אפילו וועלן? וואָס זענען זיי, מלאכים?

אַז ס׳האָט אים שוין געדרונגען איבערן מויל, דעם כאַלעריטשנעם בעל־הבית, און אליין נישט געקענט אראָפּשלינגען די גאַנצע אַרבעט; געהאט פאַרשטופּט וואו א לאָך ביי די איטאַליענישע וויבער וואָס אין ברוקלין, — האָט ער זיך אויך גענומען אומקוקן אויף בערלען, אויף דייוון און די אַנדערע אָפּערייטאָרס, וועלכע צאָלן אריין אין דער יוניע שווערע געלטער פאר ד ע ר ארבעט, וואָס די איטאליענישע וויבער דרייען אַראָפּ מיט א י ם אינאיינעם, — אוּן פאַר זיי אויפגעמאכט די טיר פונעם שאַפּ:

— קומטס אריין אויספינדישן, וואָס ס׳איז דאָ; נאָט אייך אויך דעם ביין אין מויל אריין, ארומצוגריזשען...

דערצו האָט ער זיי גערופן, אויף אויסצו־„פינדישן”. זיי נישט געהאַלטן פאַר קיין ארבעטאָרער, וואָס ברויכן זיצן אריינגעטאָן אין דער אַרבעט, און וויסן: דאָס איז זייער ברויט און דאָס איז זייער מעסער... און פאַרן גאַנצן גייענדיקן ווינטער, ווען ס׳האָט זיך אין די אַנדערע שעפּער יאָ געררודערט, געהארמידערט, — האָבן זיי, אונדזערע אָפּערייטאָרס, זיך דאָ געמוטשעט אויפן טויט: אָ טאָג אין דער וואָך, צוויי טעג אין דער וואָך, — ס׳העכסטע; האָבן דערויף, אז דאָס זאָל זיין, — אָ פּאָר איטאַליענישע וויבער, וואָס האָבן אוועקגעגנבעט די אַרבעט אין מיטן העלן טאָג, און פאר דער יוניע אין די אויגן, — באַדאַרפט קראַנק ווערן אָדער סתם אזוי זיך אָנשיכורן...

און ווען ס׳האָט זיך אומעטום אָנגעהויבן לעשן די ארבעט, ערגעץ אַנדערש־וואו אויך אָפּצולייגן מענטשן, האָט שוין דענסטמאָל דער בעל־הבית געקענט, — אַז ס׳איז ווער פון די אָפּערייטאָרס:

שראל, משה צי דייוו, ארויס, ווי געווײנטלעך, פון די כלים, און אויפ־געהויבן די אויגן מיט א הימל־געשריי: „סטייטש? מיר וועלן דאָך איינגיין ביי אייך! אוועקפגרן, אז קיין שום דאָקטאָר אין דער וועלט וועט אפילו נישט וויסן, אויף וואָס פאַר אַ קרענק ס'איז געווען!" — האָט ער זיי אויך געקענט נישט שולדיק בלייבן:

— און וואָס האָט איר געוואָלט, סטעדי ארבעטן?

— דאָס הייסט ביי אייך סטעדי? — האָט זיך צעוויגט דאָס ביסל אָפּערייטאָרס, — אַ טאָג אין דער וואָך, צי אפילו צוויי טעג אין דער וואָך?

—און וואו מאַכן דאָס איצט אָפּערייטאָרס מער? אין וועלכן שאָפּ? — זיך געזוכט אויסצושטעכן די אויגן.

— האָבן זיי, ווענינגסטנס, געמאכט...

— מיט די זייטן, — באַשטייט דער בעל־הבית, — האָבן זיי געמאכט; נישט אַנדערש, ווי מיט די זייטן זאָלן זיי האָבן געמאכט.

— ווער, צוועלף וואָכן דורכן סעזאָן; ווער, — אַכט וואָכן; ווער, אַז ס'איז שוין געווען גאָר ביטער, — פינף וואָכן; און דאָ זאָל מען זיך אפילו מיט איין גאַנצע וואָך נישט האָבן געזען? — קאָכן זיך אויס די אָפּערייטאָרס.

— און מ'וועט זיך נאָך גיין אויסשטעכן די אויגן מיט אונדז?

די אָפּערייטאָרס האָבן אפילו, צוליב דעם זעלביקן טעם, נישט געקענט מער צוטרעטן צו דער יוניע, ווי מ'האָט עס, געווײנטלעך, געטאָן אום ווינטער; פאַרביטערן ס'לעבן דעם ביזנעס־אייגענט, אים דערגיין די יאָרן: „און וואָס וועט זיין? דער באָס וועט אונדז כסדר אזוי האַלטן אין דער גאָס? די יוניע וועט לאָזן ארויסגעבן די ארבעט צו די איטאַליענישע ווייבער, און ס'איבעריקע זאָל ער אליין אַראָפּשלינגען? און דערפאַר וועלן מיר צאָלן דיוס? זיך ארומטראָגן מיט יוניע־ביכלעך: „מיר זענען דאָס די ריכטיקע יוניע־לייטע! און זיי וועלן אָפּנייען ס'ביסל „גארמענטס".

און דער ביזנעס־אייגענט, אויף וויפיל ער איז געווען די יוניע, — איז זיך איצט נישט געלאָפּן מער באַהאַלטן פאַר זיי, געזוכט אויסצודרייען: „ר'וועט גיין, ר'וועט פאָרן, ר'וועט רייטן, אלץ: ר'וועט... — צומאָלט זיך נישט פאַרייטעלט ווי אין סעזאָן־צייט, ווען מ'האָט אין אַלע שעפּער געארבעט, און זיי האָבן געקוקט אין הימל אַריין...

נאָר זיך אָנגעלענט אויפֿן בעל־הבית ענטפֿער ווי אָן אַ שטאַלענעם פֿאַרענטש פֿון א בריק: „אז מ׳לייגט שוין אומעטום אָפּ מענטשן...״ איז עס ביי אים נישט אַנדערש געווען ווי ביי יענעם, דעם בעל־הבית זייערן:

— אַז מ׳לייגט שוין אומעטום אָפּ מענטשן, וואָס קומען זיי אים דולן אַ מח?

— ז י י האָט מען דאָך אָפּגעלייגט, אָדער, ריכטיקער: גאָר־נישט צוגעלאָזט ארבעטן, ווען מ׳האָט אומעטום י אַ געארבעט, — האָבן זיי אים געהאַקט איבערן קאָפּ, דעם ביזנעס־אײדזשענט זייערן, — און ווען די יוניע זאָל אים איצט אָפּסטאָפּן ארויסצוגעבן די ארבעט צו די איטאַליענישע ווייבער, ווען מ׳לייגט שוין אומעטום אָפּ, — וואָלט מען זיי דאָך נאָך אלץ נישט געברויכט אָפּצולייגן... פֿאַרוואָס זאָל דאָס די יוניע זייערע נישט קענען אין קאָפּ אריין?...
אמרו לאלהים, — די וואָנט ענטפֿערט א סך?

און אזוי איז אין אָנהייב פֿרילינג דער שאָפּ ארבע־טאָרער איינגאַנצן געווען אָנגעוויזן אויפֿן חסד פֿונעם בעל־הבית; אַז דער ביזנעס־אײדזשענט, אויף וויפֿיל ער איז פֿאַר זיי געווען די יוניע, — האָט זיך נישט מער געלאָזט דולן אַ מח, איז יעדער טאָג ארבעט וואָס דער כאָלעריטשנער בעל־הבית האָט אונטערגערוקט, — געווען ווי געפֿונען. וואָרן, אַז ער וועט אים נישט אונטעררוקן, צו וועמען וועלן זיי זיך גיין לאָדן מיט אים? צו דער יוניע? צום ביזנעס־אײדזשענט? ס׳זאָל דאָס אויף אלע שונאימס ביינער ארויפֿ־קומען, וואָס ס׳איז זיי ארויסגעקומען א גאַנצן גייענדיקן ווינטער, ווען זיי האָבן זיך יאָ געלאָדענט, און צו אים געשלעפּט דעם ביזנעס־אײדזשענט מיט גוואַלטענעס און געשרייען:

— מ׳וועט נישט זען דאָ אָפּצושטעלן די רציחות אויף די אָרימע אָפּערייטאָרס?

— ס׳וועט זיך ריתות טאָן?

די טעג זענען געוואָרן גרעסערע, מער ליכטיקערע, און אויב די זון דערפֿרייט אמאָל דעם מענטש, און א קליין שטיקל ליכטיקער טאָג איז מער אָנגעלייגט פֿאַר אַ גרויס שטיק נאַכט, — איז דאָס

געווען זייער איינציקע דערפרייאונג, וואָס מ׳שטייט אויפן בלאָק, ס׳איז זוניק, און ס׳איז טאָג; אביסל ווינטיק, אָבער אלץ בעסער ווי אויף א קעלט, א קרירה; מילא, נישט קיין ארבעט, — כאָטש נישט געכאפט ווערן פון דער ביטערער קעלט, און האָבן איבערן קאָפּ אַזאַ כמורנעם הימל, א בייזן, וואָס וויל נאָר גיין שלאָפן, און ס׳איז רעכט ביי אים, — נאָכן האלבן טאָג.

און אין איינעם פון די מער ליכטיקערע טעג, ווען די ארבעט האָט שוין אומעטום געצאנקט, און אלע שעפער האָבן, ווי אָפּגערעדט: איינער נאָכן אַנדערן, — אויסגעצויגן די קאָפּיטעס און אוועקגעפאַלן; האָט זיך עפּעס דער בעל־הבית ווי באַדענקט (ווער קען ארײַנקוקן צו א בעל־הבית אין דער טיפעניש פון זיין נשמה?), אָן די אָפּערייטאָרס זיינע; צי, ווייל זיי זענען אים אנטגאנגען אונטערן האַרץ; אָדער, ר׳האָט שוין די איטאַליענישע ווייבער געברענגט אויף אַזוינע קעסט, — אַז זיי האָבן אים, מיט זיין גאַנצע גוטסקייט, געשלאָגן פאַר א כפרה: „זאָל ער זיך אָנפרעסן מיט דער מלאכה זיינע, און דערשטיקט ווערן מיט איר...” פאַר דעם צי פאַר יענעם, ווי ס׳האָט נישט געזאָלט זיין, — ער האָט זיך גיכער גענומען אומקוקן אויף זיי, און זיי אָפּטער צוגעוואָרפן א לעקעכל:

— נאָט אייך נאָך אָ טאָג, און נאָך אָ טאָג, נאָר זאָגט נישט: איך האָב אייך געקוילעט די קאָפּאָטע...

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז די פאָר אָפּערייטערלעך, ווי: משה, שראָל, בערל, דייוו און די אַנדערע, — האָבן זיך דערפרייט, וואָס דער בעל־הבית זייערער האָט זיך פלוצלונג איבערגעדרייט; נישט ווייסנדיק: צי דערפאַר וואָס די עלטער־באָבעס זייערע (און נישט, חלילה, די יוניע), זענען אים געקומען צו חלום רייטענדיק אויף קאָטשערעס און לאָפּעטעס, מיט צעפלאַטערטע גרזשיוועס ווי ביי לייבן: „מערדער! רוצח! גזלן! ווי לאַנג איז דער שיעור זיי אויסצוהונגערן, די אָרימע אָפּערייטאָרס! זיי האָבן דאָך שוין באַלד נישט קיין כח צו לעבן מער!”, צי גאָר, וואָס די איטאַליענישע ווייבער זענען אוועקגעפּגרט אָדער זיך אָנגעשכורט, — ווי ס׳האָט נישט געזאָלט זיין, — ער האָט זיך גענומען מער אומקוקן אויף זיי, און זיי געבן מער אַרבעט... נאָר וואָס איז אָבער ארויסגעקומען, אַז זיי האָבן מיט די צוגעוואָרפענע טעג נישט געקענט מער אָניאָגן און אויספילן

דעם גאַנצן לײדיקן װינטער, װאָס מ׳האָט אין שאַפּ די נאָז נישט אַרײַנגעשטעקט.

געאַרבעט האָט זיך, פּונדעסטװעגן, זײער געשמאַק; ס׳האָבן זיך צעװאָרימט די געבלוטן, אָבער זײ זענען נאָך אַלץ געלאָפן גיך צום האַרץ: „אַזױ װי דאָס איז געװאָרן, האָט עס דאָך אַ ברירה אױך נישט צו װערן?״ און געקוקט יעדן טאָג אין די אױגן אַרײַן: אױב ער איז נישט דער לעצטער! װאָלט זיך דאָס אַזױ געמאַכט תּחילת װינטער, װען מ׳האָט פֿאַר זיך חדשים, כאָטש: װאָכן, מילא... לײגט ער אַפּ אין צװישן... אָבער אַז מ׳האָט דעם גאַנצן סעזאָן זיך אַרומגעדרײט, און דאָס איז אין אַפּריל? צו נעילה? בעת נעילת שער? װען מ׳אַרבעט שױן אין ערגעץ נישט, און יעדער טאָג איז װי געפֿונען? און, אַז מ׳זאָל, חלילה, אָװעקשנײַדן פֿון װעלכן־ס׳איז אַזאַ קלײן שטיקל, — קען עס מער אױסמאַכן װי אַ גאַנצע צי אַ האַלבע װאָך אין סעזאָן! מען האָט געטריבן די רעדלעך, געװאָלט אַלץ מער אַרײַנכאַפּן: „גיכער, דרײט זיך, — װאָרן טאַמער כאַפּט זיך מאָרגן דער באָס אױף אױף דער לינקער זײַט, צי די איטאַליענישע װײַבער װעלן זיך אױסניכטערן...״ מיט יעדן שטאָך מער פֿאַרנײַט מען מער אַ לאָך; און מיט יעדן „גאַרמענט״ װאָס מען מאַכט פֿאַרטיק, — קלענער װערט דער פּאַק אױף די פּלײצעס! טױט אָן אַנדערער חוב! און זײ זענען דאָך אַזױ פֿיל, די חובות... שטײען אױסגעסדרט אין דער רײ: דער גראָסערימאַן, מיט עטלעכע זיבעציק דאָלער... דער בוטשער מיט אַ זעכציקער סײַז... דער מילכמאַן... צװײ גאַרנדיקע געז און עלעקטריק בילס... און װאו איז אַ סאָסײַעטי, אַ קרעדיט־יוניע, און סתם אַ לעבעדיקער מענטש, װאָס מ׳האָט זיך געקענט אָנװאָרימען בײַ אים... װײניק לעכער האָט דער װינטער אַנגעמאַכט, אַז מ׳דהאָט נישט געאַרבעט?

און דאָ איז מיט אַמאָל, װען אַ לױט אַרבעט איז געװען אַ לױט געלד, — אונטערגעלאָפן, נישט, חלילה, דער בעל־הבית, פֿאַר װעלכן ס׳האַרץ האָט אַזױ געשראָקן, נאָר דער גרױסער צעלײגער, דער ביזנעס־אײדזשענט פֿון דער יוניע, װאָס האָט זיך געזוכט פֿאַר זײ נאָכאַנאַנד צו באַהאַלטן, װען זײ האָבן דעם גאַנצן װינטער אַרױס־געבלעקט מיט די צײנער:

— סטאָפּ, קינדערלעך! איר קענט זיך נאָך, חלילה, איבער־

אַרבעטן.. איר זעט ווי די יוניע זאָרגט פאַר אייך ? ס׳איז דער ערשטער מאַי אין דרויסן (און ווינט נישט), אַז איר וועט זיך אַרויס־גיין אַביסל פרייען מיט דער וועלט...

האָבן זיך אוועקגעזעצט די אָפּערייטאָרס : משה, שׂראָל, בערל, דייוו און די אַנדערע, — זייער רואיק, און אַן איין פינטל פונעם אויג ; נישט וועלנדיק פון אים קיין אײַנזעץ, קיין יושר, ווייל דאָס, האָבן זיי געוואוסט, האָבן זיי זיך גאָרנישט איינצורעדן ביי אים צו קריגן ; נאָר מענטשהייט, א כאָלערע !...

משה :

— קען אונדז די יוניע מבטיח זיין, דאָס ווען מיר וועלן נישט מאַכן מאָרגן די אַרבעט, וועלן מיר זי מאכן איבערמאָרגן, צי נאָך איבערמאָרגן ? און נישט די איטאַליענישע ווייבער ערגעץ אויף א סעמעטערי, וועלכע האָבן אין דר׳ערד די יוניע ? צי גאָר דער באָס אַליין, וואָס האָט אין דר׳ערדביידע : די יוניע מיט די אַרבעטאָרער אינאייינעם ?

דער ביזנעס־אייזשענט שטייט א באַמאַכטער, ווי ער וואָלט געהאט פולע הויזן.

ווערט משה שטייפער :

— היינט, פאַרוואָס זאָל די יוניע אוועקגעבן און בידים א האַלבן טאָג אַרבעט פון צוועלף אַרבעטאָרער, אירע מענטשן, וואָס טראָגן אויף זיך איר עול, און שוין באַלד צו שווערן עול, — צו אירע שונאים, די איטאַליענישע ווייבער, וואָס וואָלטן איר גערן געזען ערגעץ אַנדערש ?...

דער ביזנעס־אייזשענט שטייט אַזוי אייגן ווי פריער, — ס׳מויל איז פאַרשלאָסן ביי אים אויף זיבן שלעסער.

שׂראָל :

— אַז ס׳איז נישט געווען איינצוטונקען קיין פינגער, האָט אונדז די יוניע אפילו נישט געהאָלפן קרעכצן ; און אַז ס׳האָט זיך יאָ עפּעס פאַרקאָכט, — וואָס גייט זי דאָ ווידער טאָן פאַר א בערישע טובה, מ׳זאָל זיך אַרויסגיין פרייען מיט דער וועלט ? זיך נאָך ווייניק אָפּגעפרייט מיט איר אַ גאַנצן ווינטער ? און וויל בעסער נישט

באגליקן מיט דעם די איטאַליענישע ווייבער, דעם באָס, וועלכע האָבן זיך שוין ס׳זייעריקע פונעם שאָפּ אָפּגענומען, געהאַט זייער סעזאָן מיטן פולן מויל, און ס׳פעלט זיי מער ווי דאָס נישט אויס? זאָל די יוניע שיקן דעם באָס זייערן זיך אביסל פרייען... דעם ערשטן מאַי: ער איז א הונט, און האַלט פון קיין ימים טובים נישט?

דער ביזנעס־איידזשענט שטייט, און אז ער האָט זיי נישט גאָר וואָס צו זאָגן, כאַפּט זיך אויף אים ארויף בערל:

— נאָך אַ זאַך: אז ס׳אַרבעט־אָפּ אַ וואָך, וואָס באשטייט נישט מער ווי פון פיר טאָג (ביי דער יוניע איז שוין דאָס פאַרעכנט פאַר א פולע וואָך!), מוז מען אונטערשטופּן אין דער יוניע דיוס פאַר זעקס וואָכן כאָטש (די דיוס וואקסט, קיין עין הרע, ווען מ׳זיצט אפילו אין דער היים). — וואָס מ׳האָט נ י ש ט געאַרבעט, און נישט קיין שטאָך געטאָן מיט דער נאָדל; הייבט, ווי קען אונדז די יוניע שלאָגן מיט צוויי בייטשן: נעמען געלט און — נישט לאָזן ארבעטן!

נאָר וואָס קומט אבער ארויס, דאָס ווען ביי זייער יוניע איז דער ערשטער מאַי אַ יום־טוב, אין וועלכן די ארבעטאָרער ברויכן זיך פרייען, מוז ער אלצאיינס זיין יום־טוב, — ווען ס׳זאָל זיי אפילו אויסקומען צו וויינען, קיין שום חילוק נישט.

דעם ערשטן מאַי, נאָך האַלבן טאָג, האָבן די אָפּעריי־טאָרס: שראָל, בערל, דייוו און די אַנדערע, באַדאַרפט קוקן אין פנים אריין דעם ביטערן „אָרדער" פון זייער יוניע, און צי זיי ווילן י אָ אָדער ווילן נ י ש ט, — זיך ארויסגיין פרייען, וואָס ס׳האָט זיך אויסגעדריקט אין „מארטשן", כאָטש אין הארץ האָט זיך נישט אזוי שטארק געפרייט. און אזוי ווי מ׳האָט אָפּגעשטעלט די „פּאוער", האָט זיך משה, דער אלטער אָפּערייטאָר, וואָס האָט נאָך געגייט „גארמענטס" אויף מאַנראָו סטריט, געשטאָנען ביים וויגעלע אין וועלכן מ׳האָט די יוניע פאַרוויגט, — ווען זי איז געווען א פּיצל קינד; אויף זיינע פּלייצעס אריבערגעטראָגן דעם סטרייק אין 94טן יאָר, מיט דזשאָזעף באראָנדעס; און פון 10טן יאָר, פון 16טן יאָר, און פון דעם 21טן יאָר, אלע סטרייקס: סיי די, ביי וועלכע מ׳איז צוריק־געגאַנגען צו דער ארבעט מיט א בענד מוזיק, און סיי יענע, —

ווען מ'האָט זיך אומגעקערט מיט א געבויגענעם קאָפּ, אבל וחפוי ראש; האָט דער זעלביקער משה, וואָס פון די אַלע סטרייקס, א פאַרקלעמטער צענומען די הענט: „מילא, אז די יוניע וויל פון אים דהאָבן א קרבן?", — אוועק פאַראַדירן.

די אנדערע, ווי: שראַל, בערל, דייוו, וועלכע האָבן נישט גע־טראָגן דעם עול יוניע פון גאַנץ פרי אָן, און אפילו נישט פון דער־נאָך; און זיך אומגעוואָרפן דאָ־דאָרט, צווישן די שעפּער... א סטרייק? האָט מען זיך געזען צו העלפן מיט א „קאַנטרי"־שאָפּ; און אויף צו פּיקעטן, האָט אזוי גוט ווי געהייסן, — אז מען ליגט ערגעץ טויט, טויט־חרוב אין א שפּיטאָל; די דאָזיקע אָפּערייטאָרס האָבן זיך ארויסגעלאָזט אינאיינעם מיט משהן, און אויף זיין פראַגע: „צי זיי גייען נישט מאַרטשען?", אים פאַרוואָרפן מיט ענטפערס: „אודאי, ווי דען? נישט מאַרטשן אין אזא יום־טוב ווי דער ערשטער מאַי איז?" און אריין מיט דער צווייטער טיר, וואָס פירט מיט די שטיגן אין שאָפּ, — וואו מ'האָט גענומען דאָס מאַשינדל אין די הענט אריין, און געמאַכט חוכא־וטלולא פון דער יוניע מיטן ביזנעס־איידזשענט אינ־איינעם:

— א בעלנות אויסצובערענגען יענעמען, ווען מ'קען דערפון אליין נישט האָבן? און בלויז דערפאַר וואָס די יוניע וויל נאָכקומען דעם יצר־הרע אירן, און זיך ארומפירן מיט זיי איבער ניו־יאָרק? ניו־יאָרק האָט נאָך אודאי נישט געזען קיין אָפּערייטאָרס מיט אזוינע שיינע צורות ווי זייערע, א?

— וואָס זאָל מען ברויכן זיין פרומער פאַרן ביזנעס־איידזשענט אליין? וואָרן, אז ס'זאָל אים אָנשטיין צו פאַרלירן געלט פון קעשענע, — וואָלט ער געוועזן אַזאַ גוטער און געגאַנגען מאַרטשן? נאָר אז ס'וועט אים גאָרנישט פעלן צו דער פיידע, — וואָלט ער דאָך גע־ברויכט צו זיין א רשע (און דאָס וואָס ער איז!), — ער זאָל דאָס נישט טאָן...

משה דהאָט זיך ווידער, מיט די אלטע פיס זיינע דערשלעפּט דאָון־טאַון, ערגעץ אויף דער וועסט־סייד, אין א געגענט צווישן איטאַ־ליענער מיט איירישע; וואו, ער האָט א היבש ביסל געבלאָנ־דזשעט, נישט צוליב דעם געדריי פון די גאַסן, — וואָרן א קינד קען זיך דען יאָ פאַרלירן אויף די גאַסן פון מאַנהעטן, אזוי ווי זיי

זענען אויסגעלייגט? ער איז נאָר פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די קאָלומנעס, וואָס זענען אומגעדולדיק געשטאַנען, איינע האַרט אין דער אנדערע אריין, און זיך נישט געפילט באַקוועם אין קיין איינע פון זיי, ביז ער האָט ענדלעך אַנגעשפּאַרט אין דעם היימישן געזעמל פון צווישן די אַפּערייטאָרס, פּרעסערס, צושניידערס, — אלע אזוינע ווי ער, און א סך מיט וועלכע ער האָט, אגב, אויך געאַרבעט; מיט זיין אָנקומען האָט דאָס אַלץ פונקט געגומען דירן, ווי מ׳וואָלט געוואָרט אויף אים, און דאָ געזאָלט זיין דער הויפּט־מחותן; א גליק: די־דאָזיקע היימישקייט, וואָס ער האָט זיך געפונען צווישן לויטער היימישע מענטשן, און מיט וועלכע ס׳איז אים א סך יאָרן נאָכאַנאַנד אויסגעקומען ביי דעם און יענעם צו אַרבעטן, — דער יום־טוב זאָל אים אַביסל גרינגער זיין... און זיך געגומען נאָכפרעגן: „וואָס הערט זיך ביי דיר, זלמן, אין דיין שאָפּ? אויך געהאַט כרות דעם סעזאָן? און ביי דיר, איטשע פיטשע פוי, מיט די לאַנגע שטרוי!״, דאָס האָט אים אַביסל אָפּגעמונטערט, נאָר די פיס אָבער האָבן זיך אַלצאיינס ווי נאָכגעשלעפּט, צי צוליב די הויכע עלטער זיינע, אָדער דעם איינגעפרעסענעם רעאומאַטיזם, — וואָס איז דער חילוק? און נישט געווען אינגאַנצן שוה־בשוה מיט די טריט פון דער שרייענדיקער מאַרסעליעזע, וואָס דער אָרקעסטער האָט אויסגעהילכט. און באַלד איז ער אויך, נאָך דעם ערשטן און זיבעטן מאָל איבערפרעגן זיך: „וואָס הערט זיך ביי דיר? און ביי דיר?״ — צוריק אַראָפּגעפאַלן, און די שרייענדיקע קולות, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרטויבן זיינע זאָרגן, זיי אָפּטויטן, און אים אויפהייטערן, — האָבן, פונקט פאַרקערט, גאָר ארויסגערופן די בעלי־חובות זיינע, זיי אים געשטעלט פאַר די אויגן ווי די בייזע הינט, וואָס לויפן אים דאָ נאָך און בילן אויף אים נאָכן קלאַנג פון דער מאַרסעליעזע, וואָס מ׳שפּילט:

— האו־האו־האו, ביזט קראַנק צו ליגן איבער דער מאַשין, אז ס׳איז דאָ וואָס צו טאָן? האו־האו־האו, מאַרטשן גלוסט זיך דיר?

פאַר די לעצטע צוויי־דריי וואָכן, זינט די איטאַליענישע וויבער זענען געוואָרן „דעסקאַסטעט״ פונעם בעל־הבית מיט זיין אַרבעט, צי וועלכע גוטע יאָר; אז ער האָט קיין אנדערע ברירה נישט געהאַט ווי אָנצוקומען צו זיי, — האָט ער געוואויגן און געמאַסטן, נישט נאָר יעדן טאָג, נאָר יעדע שעה, וואָס ער האָט אָפּגעאַרבעט אינעם שאָפּ;

פאַר יעדע וואָך, פאַר יעדן טאָג, און אויב מ׳וויל, קען זיין: יעדע שעה. — געהאַט אויסגעשטעלט אַ צעטל אינעם קאָפּ זיינעם, און אַז ער האָט דאָס מיט מזל אַדורכגעשלעפּט און אָן שום מכשול, — עפּעס מיט דעם פון זיך אַראָפּגעוואָרפן; דאָ: אַ חודש „רענט“, און נאָך אַזוינע וואָס ער האָט שוין פאַר איר געהאַט אָפּגעוואָוינט. נ אָ ך אַ טאָג אַרבעט, — ווען אַפילו אין דער נייער וואָך אַריין (מער ווי פיר טעג דורכאַנאַנד אין איין וואָך, — האָט מען אַפילו נישט געקענט חלומען!), — באַגראָבן מיט אים אַ געז־ביל; נ אָ ך אַ האַלבן טאָג, — דאַ־האַ, און ס׳איז דאָ פאַרן יינגסטן מיידל זיינעם אויף אַ „גוירדל!“ מ׳קען דאָך, ווי פאַסקודנע ס׳זאָל נישט זיין, — לאָזן אַ דערוואַקסן מיידל אַרומגיין צעלאַבערט? ס׳קען אים נאָך אויספאַלן באַקאָם!... נ אָ ך אַ האַלבן טאָג, — און מיט אים דערהרגעט, כאַטש פאַר אַ קליין ביסל, — דעם קויל־נמאַן! נ אָ ך אַ האַלבן טאָג, נו, יאָ... ווען ער שלעפּט אים אַזוי אַדורך, און ווערט נישט, ווײ־געשריגן, אָפּגעלייגט דורך דער יוניע — האָט ער דאָך שוין פאַר דעם קליינעם איינינקל זיינעם, פאַר דער יתומה, פאַר בעט־סעלען, אויף אַ פאַר שיכעלעך! שוין פון ווי־לאַנג ווי זי וויינט אין אים אַריין ווי אין אַ טויטן, אַזוי־אַ: „שי־כע־לעך!“, און ער קען איר ווי יעדער איינער טויטער העלפן... קומט אים יעדן טאָג, ווי זי ווייזט זיך נאָר אַריין פון סקול, דערציילן: אַז היינט האָט קאַרי, וואָס זיצט מיט איר אויף איין באַנק, — געקריגן אַ ניי דרעסקעלע; נעכטן האָט מאַרי, וואָס זיצט הינטער איר אויף דער באַנק, — באַנייט שיכעלעך... און גיי דערצייל איר איצט, בעסעלען, ווער ס׳איז געווען דער מלאך־המות פון אירע שיכעלעך צי פון איר דרעסקעלע, אַ?...

די זון איז שוין געהאַט אַרויף גאַנץ הויך. זי האָט נישט געברים, די מאַי־זון, נאָר געלאַשטשעט ווי מיט ציגלעך פון מילדע שפּילעוודיקע קעצלעך, וואָס האָבן נאָך נישט אין זיך זייער שפּעטערדיקע בייזקייט און פאַלשקייט. און דאָס איז געווען פון אויבן, פון הימל, — גערעדט; אונטן, אויף דער ערד, האָבן זיך גערוקט די קאָלומנעס: איינע פון דער אַנדערער, איינע פון דער אַנדערער, ווי רינגען פון אַ קייט. דאָ: אַ שוואַכע, אַ שיטערע, וואָס

איז פון ערגעץ ארויס, ווער ווייסט פון וועלכן סטרייק, — ווי אָפּגעפּליקט; און א שטאַרקע ווידער, א געדיכטע, וואָס קיין שום קויל האָט איר נישט געקענט נעמען. פּנימער, ס'רוב: צעריסענע, צעפּליקטע, ווייניק אויסגעגלעטע און געצערטעלטע... ביי אלע זענען די הערצער ברייט, אויסגעשטרעקט... יעדע קאָלומנע איז א געמיש פון לשונות, א געמיש פון ראַסן: יידן, טערקן, רוסן, דייטשן, איירישע, פּוילישע, איטאַליענער, רומענער, גרוזינער, אַראַבער, גריכן, — א געמיש, פון ווער ווייסט, וויפיל פעלקער אויף דער וועלט; און עס איז נישט נאָר פאַר אַמעריקע, — איין פאָלק, נאָר דאָ אויך, אויף דער גאַס, אין אַנבליק פון די רויטע פענער, רויטע פאָסן, רויטע שטרייפן, אין א וועלט פון רויט, רויט און טויט; רויט, טויט און ברויט; איין פאָלק, — ארבעטאַרער, איין לשון, — ארבעט; איין אַנבליק, — אויסגעדארטע, איינגעקווארטע, ברוינע און נאָך ענלעכע צו אזוינע, — הענט, פיס, מוסקולן, וואָס שטרעקן זיך צו די הויכע, הימל־הויכע מויערן וואָס פון יעדע זייטן טראָטואַר:

— איי, ווען מיר זאָלן אייך ארייננעמען אין די הענט אריין!

ס'האָט זיך אויך גערוקט דאָס קופּקעלע אָפּערייטאָרס, צווישן די שטאָל און אייזן־גיסערס — טראַקדרייווערס, לאַנדריליייט, אונדזערע שער און נאָדל ארבעטאָרער: חיים, יאָקל, פּיזויש, ברוך און זרח, און צווישן זיי, אין דער זעלביקער קאָלומנע, — הע? ווי קומען אהער איטאַליענער? גריכן? וואו ד'האָבן זיי זייערע אייגענע קינדער? די אלטגעבאקענע, פון דור־דורות שניידער, וואָס האָבן, צוזאַמען מיט זייערע מעשענע לייכטערלעך, בעטגעוואנט, אויך מיטגעברענגט זייערע פּרעס־אייזנס פון פּיטשוטש, פון סאָקאָלקע און אנאַפּאָלקע, — זיי רוקן זיך שוין צוביסלעך אוועק; צוביסלעך אָבער זיכער; און אזוי ווי זיי האָבן, אפנים, נישט באַשטאַנען אויף זייער מערכה אין דער גאָלדענער מדינה: צו ליגן אין שאַפּ און נייען און פּרעסן, — שוין בעסער געזען, אז זיי האָבן געקענט, — זייערע קינדער זאָלן זיין דאָקטוירים, לאָיערס, מענעדזשערס... און נישט איבערגעלאָזט, א קלאָג דאָס איז, קיינעמען נאָך זיך, — וואָס זאָל זיי איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר ירשענען; און א וועלט, נאָך אַזאַ גרויסע וועלט דערצו ווי אמעריקע איז, קען דאָך, נאָך אלעם, נישט בלייבן אָן הויזן; אַזוי קומען זיי איר אָפּראַטעוועז (זיי שטייט נאָך יאָ אָן), די

איטאַליענער, די גריכן, סיריער, און נעמען איבער די יידישע טריידס, ווען אפילו נישט בירושה, — אין זייערע הענט אריין; און נאָך איידער משה, יאָקל, פּייוויש, ברוך און זרח האָבן באַוויזן אויס־צוציען די פּיס מיט אלעמען (אביסל האָבן־זיי זיי שוין אויסגעצויגן), און צומאַכן די אויגן.

זיי גייען, די אָפּערייטאָרס, וועלכע: מיט זיבעצן יאָר שאַפּ אויף די פּלייצעס, וועלכע — מיט דריי און דרייסיק, און וועלכער — אזוי הויך ווי מיט איין און פערציק... און ווער פון זיי עס קען גיין מיט אַ גרינגן קאָפּ, — האלט ער אים הויך, אויפגעהויבן, פּאַריסן: „די גאַנצע וועלט איז זיין!" דער ריזיקער געגיי, אויסגעגאָסענער דהימל־געשריי, האָט זיי, ווי די קאַרליקלעך, — צווישן די דאַק־אַרבעטאָרער, לאָנג־שאָרמענס, און אנדערע אויסגעצויגענע לאַנגע דראַנגאַטשעס, — געשטעלט אויף די פּיס, „און מ'האָט אַין דר'ערד די גאַנצע וועלט;" אַ שאָד: וואָס פון פּאָרנט פּאַרטונקלען די ערשטע רייען, — די אַלערליי ביזנעס־איידזשענטס, אָרגאַנייזערס, לעפּל־לייט, דאָס ווילד־פלייש, וואָס איז זיך אָנגעוואַקסן פון אלע יאָרן בלוטן, — אויף זייערע וואונדן; און צווישן זיי — אויך זייער פויגל, זייער אייגענער, מיט וואָס איז ער מער אויסגענומען פון די אנדערע? ער גייט שטייף, אַ פּאָלנער יעפּרעיטאָר (אוי, די יעפּרעיטאָרס!), וואָס, אויב מ'זאָל אים ברויכן אָפּנייען אַ בענדל פאַר יעדן טערמין וואָס ער דינט די אַרבעטאָרער, צי זיי ווילן יאָ אדער ווילן נישט, — וואָלט נישט געקלעקט קיין אָרט פאַר זיי אויפן ארבל פונעם רעקל, און אים זיי שוין געמוזט נייען אויף איין הויז פוןביידע פּיס. ער האָט אינעם דאַזיקן גאַנג, אינעם דאָזיקן קלאַנג, צווישן געשריי פון הינטן און געזאַנג פון פּאָרנט, — געהאַט אויך אַן אויג, חוץ אויף דער זאַך אליין (אָך און וויי!), — אויך אויף די אָפּערייטאָרס זיינע, וואָס זענען, צי זיי ווילן יאָ אָדער נישט, — אויך אַ טייל פון דער זאַך; און זיי דאָ „אָפּגעשטעקט" גייענדיק אונטער דעם קלאַנג פון דער מאַרסעליעזע, מיט דעם גיפט פון זיינע אויגן: „ביזט דאָ, משה? ביזט דאָ, יאָקיש?" — „אודאי זענען מיר דאָ! וואו דען וועלן מיר זיין אין אזא גרויסן יום־טוב ווי דער ערשטער מאַי איז, אויב נישט דאָ?" — „און וואו איז ישראל, הע? און בערל? דייוו? וואָס? אַ? זיי גייען דאָ ערגעץ אין מיטן? פון הינטן? אוועק צום ספּעשעל מיטינג פון דער

סאָסייעטי, וועגן „גייט״ פון דער נייער סעמעטערי? זיי וועלן שוין ביי מיר גיין אין דר׳ערד, און נישט צום פּאַרייד פונעם ערשטן מאַי...״

אויף צומאָרגנס האָט מען זיי געטשאַטשעט, די יידלעך (וואָס ד׳האָבן ביי אים שוין געברויכט גיין אין דר׳ערד, און נישט צום פּאַראַד פון ערשטן מאַי), אין דער יוניע אריין, — אז ס׳האָט גע־וועטערט. דער ביזנעס־אייזשענט איז געזעסן אינעם „קאָרנערל״ פון זיין צימער, ברייט־צעלייגט ביים פאַרנעמען שרייב־טיש; בענקלעך זענען געווען צעשטעלט ארום די ווענט, אז ס׳האָט אויסגעזען ווי עפּעס אין אן עגזעקוציע־שטיבל; און ער האָט זיך ווי א פעלדפעבל געריסן דעם האַלז:

— וואָס? ארבעטן אינעם ערשטן מאַי? (א רוח אין דער וועלט אריין. ווער ס׳נעמט זיך אָן פאַרן ערשטן מאַי?) דורך איין טיר ארויס און דורך דער אנדערער אריין?

זיי זענען געזעסן, די אפּערייטאָרס: שראָל, בערל, דייוו און די אנדערע, — אויף די בענקלעך וואָס ארום די ווענט, און געווען פאַרקלעמט: „גיי, אנטפלעק פאר אים די וואונדן! וואָרן, דער זאָטער קען דען גלייבן דעם הונגעריקן?״ ס׳האָט זיך זיי, זיצנדיק, דאָ עפּעס געמישט אין די קעפּ; ביי איינעם דאָס קרעכצן פון זיין ווייב, צוליב די אָפּטע אָטאַקעס פון גאַלשטיינער. ביי א צווייטן: דאָס נערוועזע קוויטשען פון א דערוואַקסענע מויד, וואָס האָט נישט דאָס ריכטיקע קליידל אויף אויסצוגיין. ביי נאָך איינעם: דאָס שטילע צעפּיעשטשעטע אנטקעגן קומען, ביים אריינוויזן זיך פון דער ארבעט, — פון א יונג מיידעלע, וואָס בעט אויף קענדי, און ער האָט איר נישט צו געבן; דאָס אַלץ און אינאיינעם מיט דעם יעפּרעטאָרישן גרילצן פון דעם זאָטן אָנגעפרעסענעם ביזנעס־אייזשענט, וואָס האָט נישט קיין אָרט פאר די בענדלעך, פאַר יעדן טערמין וואָס ער דינט די אר־בעטאָרער, צי זיי ווילן יאָ אָדער ווילן נישט, — אויף דעם אַרבל פונעם רעקל, און מ׳וואָלט זיי אים שוין געמוזט נייען אויף איין הויז פון זיינע ביידע פיס.

— איר וועט זיך נישט טאָרן פריער אָװעקזעצן צו דער מאַשין, — האָט ער געשריגן, — ביז יעדער איינער פון אייך וועט אריינצאָלן פינף טאָלער פיין אין דער יוניע.

— הייסט, מ׳האָט דאָך גאָר אזוי פיל נישט געמאַכט ?—איז ביי די עטלעכע אָפּערייטאָרס איינגעפאלן ס׳האַרץ, — מ׳קען די יוניע אָװעק־געבן דעם האַלבן טאָג אַרבעט, מער נאָך ?

שראָל, וועלכער וואָלט געקענט, ווען ס׳הארץ זאָל זיך אין אים נישט צאַפּלען ווי ביי א גזלן: „אז די יוניע וועט אים דערפאַר באַגראָבן אויפס טויט, — ער זאָל מער קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין; און אזוי אויסקוקן ווי אנדערע אין איר, וואָס דרייען זיך אַרום אין איר, פאַר זייער גרויס מויל, — ווי אויף א סעמעטערי, און וועלן מער קיינמאָל אויף זייער לעבן נישט גיין ארבעטן; ער, ווען ער זאָל נישט האָבן פאַר די אויגן יענע ארבעטארערס, אדער, לכל הפחות, נישט קיין ווייב, קיין לענדלאָרד, קיין געז־על־עקטריק קאָמפּאַני, — וואָלט ער אים געזאָגט... איי, וואָלט ער אים געוואוסט צו זאָגן... אפילו שוין פאַר די אנדערע אָפּערייטאָרס אויך, און נאָך פאַר אַנדערע אָפּערייטאָרס אויך...

און נאָר צוליב דעם אלעם זיך געמוזט שטיל, הכנעהדיק אָפּרופן:

— וואָרן, מ׳האָט דען געאַרבעט פאַר נחת ?

דער ביזנעס־אייזשענט, וואָס אַצינד איז ער געווען אויפן פערד, — האָט זיך, אלצאיינס, געריסן דעם האַלז:

— גאַנצע פינף טאָלער פיין, — ס׳וועט קיין פּעני נישט טאָרן פעלן...

אויף דעם האָט זיך בערל אָפּגערופן, נישט חלילה אים אין די אויגן:

— וואָרן ס׳גייט די יוניע אזוי שטארק אין לעבן, וואָס מ׳האָט מחלל יום־טוב געווען ? ס א י נ י ש ט מ ע ר ו ו י ד י פ י נ פ ע ר ל ע ך, ו ו א ס ז י ו ו י ל א ר ו י ס ק ר י ג ן...

און דיוויו:

— ד י ר צ י ח ה ו ו א ס ז י ד ט א י ן א י ם א ז ו י, א י ז ד א ך נ א ר ד ע ר פ א ר, ו ו א ס ע ר ה א ט א ר י י נ ג ע כ א פ ט א ז ו י ו ו י י נ י ק ה ע כ ט, ו ו א ס ז ע נ ע ן ג ע ב ל י ב ן ז י צ ן א י ן ד י ש ע פ ע ר...

אי, וואָלט זי זיך דאָס געפּאַטשט אין בויך אַריין, די יוניע, ווען זי האָט זיי כאַטש זעקס־זיבן מאָל אַזוי פיל? דענסט־מאָל וואָלט זי זיך נישט אַזוי געשטעלט איבערן טאַלער, און עס זיכער געמאַכט ביליקער...

אויף וואָס אַ זייטיקער בעל־מלאכה האָט גאַנץ געלאָסן באַמערקט:

— ווי וויניק פינפערלעך זי וועט נישט אַריינקריגן, — וואָלט זי זיך אַלץ געמעגט ווינטשן יעדן חודש אין ערשטן מאַי צו האָבן, די יוניע.

1936

V

דער זייגער
און זיין מערכה

אין דער פרי

פלעגט דער עולם ארבעטאָרער קומען זייער פויל און צעשלעפּט אין שאָפּ אַריין; דער טאָג האָט זיך דעריבער דאָ שפּעטער אָנגעהויבן ווי אין אַלע אַרומיקע שכנישע שעפּער.

ווילי, דער פאָרמאַן, כמעט נאָך א ייִנגל, — האָט זיך געריסן די קעל:

— כ'וועל אַראָפּנעמען ביז איין מינוט, וואָס ס'וועט פעלן.

אָבער דער עולם ארבעטאָרער, וואָס האָט זיך געקענט אויף אים, געוועזן מיט אים היימיש, גוט אויסגעקאָכט, — האָט ס'בייזקייט זיינס אָפּגעווישט מיט א שמייכעלע, און יעדעס מאָל אונטער אַן אַנדערן אויסרייד.

דאָ:

— די „טריין" איז געבליבן געסטאַקט.

דאָ:

— דער זייגער געפירט אין באָד אריין.

יעדעס מאָל: עפּעס אַנדערש און אויף דער מינוט אָנגעבאַקן.

פלעגט זיך אָבער, ווי דער שטייגער איז, — יאָ מיט עמיצן עפּעס מאַכן: א קינד זיך צוגעקילט און איבער א נאכט געקריגן אַביסל וואָרימקייט; דעם'ס א ווייב פון דער העלער הויט גענומען רייסן די ציין, ס'איז איר אויפגעלאָפן א באַק, — און נישט געקענט אריינקומען צו דער מינוט און צו דער רגע, — אזוי איז שוין יענער אויך נישט מער געוועזן באגלייבט; איז ער געפאַלן איבער יענעם, און אין אים אריינגעלייגט, וואָס ס'האָט נאָר געקענט אין אים אריין; געגאָסן אין זכות פון אלעמען.

א סך מאָל פלעגט טרעפן, דאָס א פערטל נאָך אַכט זאָל נאָך קיינער נישט זיין אינעם שאָפּ, נאָר דער פאָרמאַן מיט זיך אליין, — איז ער געבליבן שטיין ווי א נאָר, און ביטערלעך אָנגעקוואַלן:

— אז זיי ווילן נישט גיין אין חדר ביי אים, נו?

דעם פלענט מאַשינען האָט ער אָבער צו דער מינוט געלאָזט לויפן, נישט קוקענדיק, — ס׳וועט זיך אָפּנוצן פאַר אַ האַלבע פּעני עלעקטרי, און שטיין, נישט האָבן מיט וועמען צום טיש צו גיין; די מאַשינען זענען געלאָפן, פול־געמאַכט מיט זיך דעם ליידיקן „לאָפּט״; אזוי לאנג געזשומעט און געררודערט, ביז זיי האָבן אריינ־געקריגן ס׳ביסל נייערס, וועלכע זענען איינציקווייז אריינגעקומען, זיך צוגעכאַפּט איטליכער צו זיין מאַשינדל, אזוי ווי א גנבל וואָס ציט אַראָפּ ס׳היטל איבער די אויגן, — דער פאַרמאַן זאָל נישט זען ווי ער גנבעט אוועק די עטלעכע מינוט...

דער פאַרמאַן פלעגט דאַן לויפן איבערן שאָפּ, און לויפנדיק טיילווייז פאַרזען די פאַרשפּעטיקטע בעלי־מלאכות זיינע; און אז ס׳איז איינער, א שלימזל, אים גראַד געקומען אונטער די אויגן, — איז ער אויף יענעם ארויפגעפאַלן און אין א י ם אריינגעזאָגט, וואָס ער האָט אזוי געוואָלט, אז די א נ ד ע ר ע, די וואָס ער האָט נישט געכאַפּט, — זאָלן הערן:

— אז ער וועט אראָפּנעמען ביז איין מינוט, וואָס ס׳וועט פעלן...

און יענער, — אים פלאָטשיק מאַכן:

— כ׳וועל אָפּיאָגן ביי דער ארבעט, ווילי; ווייסט דאָך, אויב מ׳וויל אויסמאַכן דעם באָס אָן אויער, קען מען דאָס גאַנץ גוט זיצנדיק ביים מאַשינדל, — מ׳זאָל אפילו אריינקומען צו דער מינוט און צו דער רגע...

ביי ווילין, דעם פאַרמאַן, וואָס קען זיינע ארבעטאָרער, — פאַר־ציט זיך א שמייכל איבערן לאַנגן אויסגעצויגענעם פּנימל זיינעם:

— ער וואָלט שוין געוואָלט די זכיה האָבן: ווען ער לאָזט די „פּאוער״ — זיי צו זען זיצן ארומגעזעצט ביי די מאַשינדלעך, און גלייך נעמען נייען...

לאַכן פון אים די ארבעטאָרער:

— דינער־טיים, ווילי.

אביסל שפּעטער, אז ער האָט שוין איינגעפּעדימט דעם שאָפּ, ווילי, אים ארויסגעפירט ווי דער קאַפּיטאַן זיין שיף, אויף

די הויכע כוואליעס, — נעמט ער פארשרייבן די ארבעטאָרער זיינע אויפן בוך; און כאָטש דער־יענער האָט זיך פארשפעטיקט, — האָט ער דאָך, אלצאיינס, ביי יעדן איינעם גלייך אוועקגעשטעלט אַן אַכט, און דערמיט זיי געשמייכלט, די ארבעטאָרער זיינע:

— זעט, באָיס, נאָר איר זאָלט זיך קענען דערויף.

ווילי, דער פאָרמאַן, נאָך גאָר א יונגער יינגל, א צוציקל, נישט דערוואָקסן, נישט דערוואויגן, — האָט שוין, פונדעסטוועגן, געהאט דאָס קעפל אויף דער רעכטער זייט; א נישט, וואָלט ער שוין געקענט זיין אַ פאָרמאַן? ער האָט ד אָ ס ביי זיי פאַרקוקט, אָדער ווי מ'האָט געזאָגט: זיך געמאכט פאַרקוקן, — און דערמיט בלויז פאַר־בלענדט, פארפרישעט די אויגן, געוויזן א לעקעכל, ער זאָל דערפאַר ביי עפעס אַנדערש, וואו ס'האָט אים מער געלוינט, — קענען אָנ־טרעטן, און זיך דערמיט אָפנעמען ס'זייניקע מיט פראָצענט; אוועקקוקן ביי אזוינע פיצלעך, ברעקלעך, און דערמיט צוגעמאכט ס'מויל ביי די ארבעטאָרער, ווען ער האָט גענומען יאָגן, טרייבן מיט דער פאַר־מאַנישער בייטש, זיי זאָלן אים נישט קענען דרייסט אָפענטפערן: „העי, ברודערל, מיט א לימיט!" נאָר שמייכלען, פיינלעך שמייכלען, מיט א נאָדל אין פיפיק:

— יו'ר עי סמאַרט גאַי, ווילי.

ווילי, כאָטש ער איז געווען אין ד י יאָרן נישט מער ווי א קינד, איז ער אָבער געווען אַן אַ דורכגעטריבן קינד; ער האָט קיינמאָל נישט געזוכט אינעם שאָפ צו נעמען די לעבער, צודריקן יענעם צו דער וואַנט, אָבער פאַר יעדן ברעקל וואָס ער האָט צוגעוואָרפן, — געוואָלט, ס'זאָל אים עפעס דערפון ארויסקומען; און אויב ער האָט אין דער פרי פארקוקט די פאַר מינוט, וואָס מ'האָט עס געהאלטן פאַר אַ גוטס, — זיך דערנאָך צוגעקלעפט ווי אַ פעך און געריסן פון די הענט, וואָס ער האָט אזוי ליב געהאָט: „נו? ווען וועט שוין דער לאָט אַמאָל זיין אָפּגעבייט? דאָס — צוגעשניטן? און יענץ, — אָפגעפרעסט?"

אזוי ווייט און ברייט, ביז דאָס רייסן פון די הענט איז שוין געגאַנגען איבערן לב: „אים פארקויפן די בכורה פאַר א טאָפ לינזן?" און געמוזט איינמאָל פאַר אלעמאָל ארויספלאַצן, אים א פאַטש טאָן איבערן פנים:

— מיינסט טאַקע, בחורל, אז מיט די פּאָר מינוט וואָס דו קוקסט אוועק, — וועסטו אונדז אָפּקויפן, מ׳זאָל דיר ארייַנהאַקן?

איז דאָס ייִנגל, דער פּאַרמאַן, געבליבן שטיין אָפּגעשנייצט; און ווי מ׳וואָלט אים דאָ געכאַפּט ביי א זאַך, וואָס ער האָט זיך נישט געריכט: ס׳זאָל גיין אין דער נאָז אריין, — אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— זיי וועלן זיך שוין האָבן צו קאָפּן ביי אים.

ס׳ייִנגל, דער פּאַרמאַן, איז געווען ווי געבראָכן; ער איז איינגאַנצן אוועקגעקומען פונעם שאָפּ, זיך געדרייט, געפּרייט, און נ י ש ט געווען; מען האָט אים נישט מער געזען שטיין יעדן אין דער פרי, און הערן זיין קינדיש שרייען, וואָס מ׳קומט אזוי שפּעט, — אזוי ווי ער וואָלט אוועקגענומען די הענט פונעם שאָפּ:

— זיין עסק, דאָרט... זאָלן זיי קומען פריער, דערנאָך, — ער וויל זיך נישט איינרייסן און דאָ האָבן צו טאָן מיט קיינעם.

דעם ביסל ארבעטאָרער האָט דאָס נישט זייער איבעריק געשמעקט; ס׳איז זיי געגאַנגען אין נאָז אריין, — אז ס׳רוקט זיך דאָ עפּעס אָן אַ כמאַרע אויף זייערע קעפּ, און אז ער וועט, מסתמא, פאר דער העזה, אויפשטעלן עפּעס א קלאַטקע, — מ׳זאָל זיך כאַפּן אויף איר.

וכך הוה: זיי האָבן זיך דערוואַרט. אין א שיינעם העלן טאָג, ווען מ׳האָט זיך אָנגעהויבן יאָווען אין שאָפּ אריין, און ווי געוויינט־לעך: איינער פריער, איינער דערנאָך, — האָט יעדן איינעם אָפּגעוואַרט דאָס ייִנגל, דער פּאַרמאַן, וואָס האָט געהאַט די לייצן פונעם שאָפּ אין זיינע הענט, — און אים אונטערגערוקט אַ קאַרט:

— דאָ האָסטו א זייגער, ביי וועלכן דו וועסט דיך אלעמאָל, ביים אריינקומען אינעם שאָפּ און ביים אוועקגיין, — ברויכן איינמעלדן און אויסמעלדן ביי אים...

א שווערער זייגער. ביי איטלעכן דרוק פונעם הענטל, האָט ער זיך ווי פּאַרכליניעט און א קלונג געטאָן; און דערמיט ווי א צי־געטאָן ביי די אויערן אלעמען אין שאָפּ, מ׳זאָל זיך אומקוקן אויף יענעם, וואָס האָט דאָרט געהאַט צו טאָן מיט אים; דאָס קלינגען זיינס האָט ביי דעם עולם ארבעטאָרער, וואָס האָט נישט ווייניק געברענט אויפן

זייגער, — ארויפגעצויגן א צעקרימט שמייכעלע אויף די פּנימער, און זיי צעשטרייט; מ׳האָט זיך געזוכט צו ווילין:

— ס׳איז דיין מלאכה, ווילי; דאָס האָסטו אָנגעארבעט.

— האָסט דיר געוואָלט פאַרגרינגערן דעם „דזשאָב“ דיינעם, און זיך אריינגענומען דעם זייגער, ער זאָל דיר ארויסהעלפן?

ווילי, וועלכער האָט נאָך אַלץ געוואָלט ארויסקריגן די ארבעט, און זיך געשראָקן אַז ס׳זאָל נישט קומען צו קיין ברוגז, — איז געקראָכן פון דער הויט:

— איך קען זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן אים, און אויסקומען מיטן בוך... איר אליין האָט אים אָנגעברענגט אויף די קעפּ ארויף; דאָס קריגעלע גייט אַזוי לאַנג צום וואַסער, ביז ס׳אייערל רייסט זיך אָפּ...

— אודאי; אַז פאַר די עטליכע מינוט, — זאָל מען אים אריינהאַקן מיט א שעה?...

— האָסלען אַ גאַנצן טאָג...

— אַזוי ביליק ביזטו, ווילי?...

— איז „סטריקט“, — האָט ווילי פאַריסן ס׳נעזל, — מיר־נישט, דיר־נישט, קיינעם נישט...

— האָסט געדיפּעט דערויף, — ווער ס׳ווייסט נישט?... — האָט מען זיך געשטייפט.

— אַלע שטילע וואַסערלעך גראָבן טיף.

דער זייגער, כאָטש מ׳האָט זיך גאַנץ שיין אויסגעלאַכט פון אים, — איז ער דאָך ביי יעדן איינעם געלעגן ווי אַ שטיק בליי אויפן האַרץ; וואָלט דאָך געווען גענוג וואָס מ׳ברויך זיך איינמעלדן ביי אים, אים גוט־מאָרגן ביטן, — האָט ער נאָך, ביים אריינשטעקן די קאַרד און אָפּדריקן דאָס הענטל, — געמוזט ארויסשרייען ווי א מסור איבערן גאַנצן שאָפּ, און הויך לאָזן וויסן מיט זיין קלינגען:

— אַז מ׳האָט זיך „געטשעקט העבדס“ מיט אים.

— אויף וואָס האָסטו נאָך באַדאַרפט האָבן א כלי מיט מיו־זיק?

— האָט מען זיך געזוכט צו אים, און אים אויסגעגעסן ס׳האַרץ.

— ער זאָל זאָגן א טהענקס פארן געלט, — זיך געפלייסט זיי נישט שולדיק צו בלייבן.

— דאָס וועט דיך אָבער אָפּקאָסטן אַ „פאָרטשן", — האָט מען אים אלץ נישט אָפּגעלאָזט, — ווען יעדער איינער זאָל ביי איטלעכן קלונג אוועקכאַפּן דעם קאָפּ, און זיך אומקוקן ווי מ׳וויטעט זיך מיט אים, — וועט דיך דאָס טייערער אויסמאַכן ווי ס׳וועט דיר אריינברענגען . . .

— און דער שאָפ נאָך גיין ביי אים געבראָכן.

איז שוין ווילי געוואָרן צערייצט וואָס מ׳האָט אים אָנגעטרעטן אויף די היגער־אויגן פונעם פּאָרמאָן, — און געסטראָשעט:

— אויב איר וועט יעדעס מאָל אוועקכאַפּן די קעפּ צו אים, — וועט ער קריגן א מוף־צעטל דהינטער דער וואַנט, מ׳זאָל אים בלויז קענען הערן און נישט זען...

עס האָט געשטשיפּעט אין נאָז, וואָס מ׳שטייט איין און מיט אלעם ביי דעם יינגל אין די הענט, — די אומבאהאָלפנקייט פון זיי אַלע אראָפּגעווינט; ע ר איז פּאָרמאָן! מ׳האָט א י ם אויפגעשפּילט! מוז מען אראָפּבייגן די קעפּ... און בעל־כרחם געמוזט אָפּגעווינען, אויס מורא, — פון ד ע ר הוילער נייגיריקייט, וואָס איז נישט מער ווי א רייץ, אן אומשולדיק־שמייכלדיקער, א קוק צו־טאָן צום זייגער:

— אָט האָט זיך ווידער עמיץ געכאַפּט אויף דער וועגדקע ביי אים...

פונקט ווי מ׳געווינט אָפּ קליינע יינגלעך צו קוקן ווי כוהנים דוכענען, זיי זאָלן נישט בלינד ווערן; אדער אויף עפּעס א מכשפה דאָרט, אַ נישט־גוטס...

דער זייגער האָט געמאַכט דעם שאָפּ פאַר אַ שטיק תפיסה. ענג. אַז מ׳האָט אים נישט געהאט פאַר די אויגן, — איז נאָך דער טאָג נישט געווען אַזוי לאַנג; מ׳האָט געצייט, געצייט מיט אלע חושים, און אז מ׳האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער צעשרויפטער הינערפּלעט, — איז שוין געווען נאָכן טאָג, און אפילו נישט געוואוסט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען; און אז מ׳האָט באַדאַרפט אַלע ווילע קוקן, און קוקן האָט מען דאָך געמוזט, — האָט מען זיך

שטענדיק ביי אים אָפּגענאַרט, און נאָכאַנאַנד געהאַלטן פון פּאַרנס; כאַטש ס'האָט, נאָך די קופּעס רעק, וואָס מ'האָט געהאט אָפּגע־נייט, — זיך אויסגעוויזן צו זיין ארום צוועלף; און אז מ'וועט זיך גלייך קענען אויפדהייבן פון דער מאַשין, אויסשטרעקן אַן אָקסל, און דאָ, מ'גיט א קוק, — שטייט ערשט דער וויזער צווישן די צען מיט דער עלף...

ביז אַהער האָט אים גאָר קיינער נישט געשפּירט, דעם שאָפּ. עפּעס איז דער עול זיינער איצט גרעסער געוואָרן, געפאַלן מער צו לאַסט, און די אָנגעשטרענגטקייט, — נישט מער אריבערצוטראָגן. מ'האָט מורא געקריגן פאַר אים, און ס'האָרץ זיך געוואָרפן ווי פאַר עפּעס אַ טויטן, א גולם, וואָס מ'האָט אוועקגעשטעלט הינטער דער טיר, און זוכט נאָר צו כאַפּן ביי דער האַנט: „כ'האָב דיך אָנגעקריגן, און דו וועסט דיך שוין קיין גאַנצער פון מיר נישט אַרויסדרייען...” ער איז נישט בלויז געשטאַנען דאָ אינעם שאָפּ, נאָר אים ווי געהאט צעשטעלט, שטיקער פון אים, טיילן, — ביי איטלעכן אין שטוב; דער געשפּענסט זיינער אוועק צו איטלעכן אהיים, גע־רויבט איטלעכנס שלאָף, — מ'זאָל זיך אַלץ אינאיינעם ברויכן אויפכאַפּן, און א קוקטאָן אויף דעם צווייטן חלק זיינעם, דעם קליינעם זייגערל:

— אויב עס וועט נאָך ווען אזוי גוט זיין און לאָזן איינליגן אַ מינוט־צוויי, און נישט ארויסטרייבן פונעם בעט?

ס'איז שוין נישט אַזוי געגאַנגען אין דעם געלט, וואָס מ'וועט אראָפּנעמען, — דאָס האָט אויך נישט ווייניק געקרענקט, — נאָר ווי דאָס צורירן זיך פון פרעמדע הענט צו דער „פּעי”, זיך לאָזן וואוילגיין מיט איר; אזוי, למשל, האָט מען געוואוסט, — אַז די דרייסיק טאָלער א וואָך, זענען דרייסיק טאָלער; זיבן־און־צוואַנציק, — זיבן־און־צוואַנציק; איצט האָט דער זייגער, א מיתה אויף אים, — הפקר געמאַכט דעם „קאַנווערט”, מ'זאָל זיך מעגן גראַבלען אין אים, אים ארומשניידן, ארומטרימען מיט צוויי מינוט, מיט דריי מינוט, פיר מינוט, אויף וויפיל ער וועט אים האָבן געכאַפּט ביי דער האַנט...

מ'האָט מיט אַמאָל דערשפּירט, וואָס ס'האָט זיך גראָד אין ד ע ם שאָפּ נישט אזוי שווער געלייגט אויף די פּלייצעס און זיי אויסגע־

בויגן, — די צ י י ט ; דאָס קוועקזילבער אינעם בלוט, וואָס וויל זיך נישט פאַרהאַלטן אויף קיין א י י ן איבעריקע מינוט, און מ׳וואָלט גערן געזען: ס׳זאָל נישט פאַרלאָרן ווערן מיט גאַרנישט, מיט א קלייניקייט, א שיבוש דאָרט, נאָר ארויסכאַפּן, אזוי גייענדיק און פאַרגייענדיק, — מיטביידע הענט, און וויפיל ס׳לאָזט זיך נאָר, אין די הויפּנס; וואָרן, איידער מ׳פאַרדרייט זיך, איז עס שוין אָפּגעלאָזפן דעם הילוך, און מ׳ווייסט נישט וואו ס׳איז אַהינגעקומען: „גיי, יאָג דיך נאָכן ווינט!״ — און ס׳וועט שוין אויך נישט זיין מער, לעולם ועד.

דער זייגער האָט זיך איינגעקריצט אין קאָפּ ווי אויף מעש. כאָטש מ׳האָט אזוי אויך געאַרבעט, פלייסיקער, — ער האָט מער נישט ווי אָנגעוויזן אויף פ ר י ע ר און ד ע ר נ א ָ ך, בעת מ׳האָט פ א ָ ר א י ם נישט געוואוסט, ווען מ׳הייבט זיך פריער אָן און ס׳לאָזט זיך דערנאָך אויס; פאַרשייט געשטאַכן אין די אויגן: „נאָ, כ׳בין שווער, אזוי לאַנג און צעקראָכן, — ווען דו ווילסט פון מיר פּטור ווערן; און נישטאָ אין דער היים, גליטש מיך ארויס ביי דיר פון הינטער די הענט, ווען דו ווילסט מיך איינהאַלטן מיט צען פאָר פערד״... ער האָט געדרייסן קוקן דער צייט אין פּנים, וועלכע עסט-אויס ס׳האַרץ ביי יעדן ארבעטאָרער אינעם שאַפּ, ווישט-אָפּ ס׳לעבן זיינס, און בלייבט שטיין ווי א נאַר, ווען ס׳איז שוין נאָך אַלעם; אז דער שאול תחתיה מאכט-אויף דאָס פאַרהוילענע מויל:

— זיך געגוג דאָ אָפּגעפרייט, ברודערל.

מ׳האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט ווי איינגעראַמט אין א ראַם, אין א שוואַרצער שטאָלענער ראַם אויפן ווייסן טאָג:

— פון אַכט אין דער פרי ביז פינף, שאַרף; דאָס איז עס, אויב ס׳איז נאָך ביז איצט נישט געווען.

אָז ס׳איז געקומען צו דער ערשטער פיידע, כאָטש מ׳האָט זיך געגוג געיאָגט צו קומען צו דער מינוט, און נישט אזוי צוליבן געלט וואָס מ׳וועט אַרונטערנעמען, נאָר צו וויזן ווילין, אַז מ׳וועט נישט האָבן קיין שטאָך ארבעט ביי זיי, — איז דאָך ביי יעדן איינעם די פיידע געווען צעקאַליעטשעט.

האָט זיך דער עולם ארבעטאָרער, ביים אָפּנעמען די „קאָנווערטן״,
— פאַרשעמט פאַר זיך אליין:
— וויפיל פעלט דיר, מעקס?
— זיבן פעניס, ראַלף.
— וויפיל ביי דיר, לואי?
— דריי פעניס, נייטן.
— דיר, קלמן?
— צוויי, דזשאָו.
און ביי איינעם שמייכלט ס׳פּנים, נאַריש:
— אַ פּ ע נ י.

האָט זיך צונויפגערוקט אַ קיפּקעלע, איינער אינעם אנדערן אריין, און אַלע אינאיינעם צונויפגעלייגט די קעפּ:
— מיט וויפיל האָט מע זיך באַדאַרפט פאַרשפּעטיקן, אַז מ׳האָט ארונטערגענומען אַ פּעני?
— וויפיל צייט דאַרף מע איבערלאָזן אין דעם פינצטערן שאַפּ, אַז מ׳זאָל איר מאַכן?
— אָן איינציקע, סינגל פּעני?
— הא, דזשאָו?
— ווי, לואי?

אַ געוואָרענע מכשפה איז ערגער פון אַ געבוירענע. און אַז מ׳האָט דאָ אינעם שאַפּ ארייגעשטעלט דעם זייגער, — האָט מען גאָרנישט געקוקט וואָס אין די אַנדערע שעפּער, וואָס זענען לכתחילה געקומען אויף דער וועלט מיט זייגערס, האָט מען די בעלי־מלאכות געגעבן אַ הנחה: אַ מינוט־צוויי אויפן טאָג... פינף מינוט אויף דער וואָך... מ׳איז דאָך נישט מער ווי אַ לעבעדיקער מענטש... און מ׳וואוינט נישט אינעם דערבייאיקן הויז... נאָר מ׳איז אויס־געוואָרפן אין דער בראָנקס, אין ברוקלין, און ערגעץ אנדערש וואו אויך...
דאָ האָט מען געקוקט אויפן שפּאַקטיוו.

און יעדן דינסטיק פאַרנאַכט, ווען דאָס מיידל האָט אויסגעטיילט די פאַרקריפּלטע „קאָנווערטן", — האָט זיך צעפּלאַקערט א פייער:

— אַזאַ רשעות ווי מ׳ווייזט דאָ ארויס צו די מענטשן...

— און נאָך צו אזוינע דהיימישע מענטשן...

— א פּעני איז א קרן...

און מ׳האָט זיך געשאַרפט די ציין אויף ווילין:

— ס׳וועט אים שוין נישט געשטיין דערפאַר...

ווילי האָט דאָס געשפּירט, נאָר אזוי ווי ער האָט זיך געזוכט געגרעכט צו מאַכן, און געלייגט די בייגל אויף זיי, — האָט ער דערי־בער פון זיין טבע: צו לויפן איבערן שאָפּ און רייסן די ארבעט, — נישט אין זין געהאַט אָפּצוטרעטן אויף אַ האָר... אלמאי האָט ער עס נישט געזאָלט טאָן?... און דער עולם ארבעטאָרער, אַז ער האָט געזען ווי די הויט ברענט אויף אים, — האָט ווידער געזוכט צוריק־צוהאַלטן מיט אלע כחות:

— ווילסט ארבעט, ווילי, — מאַך דיר ביים זייגער; וועט ער זי דיר געבן...

ווילין ברענט דאָס, נאָר וואָס מער עס ברענט אים, — מער ווערן ביי זיי די הענט אָפּגענומען און געליימט.

— באָיס, ס׳וועט נישט גיין, — איז דאָס יינגל ארויס מיט א מויל, און באַוויזן וואָס ער קען.

— אז ס׳וועט נישט גיין, וועט עס פאַרן, — האָט זיך דער שאָפּ אויסגעלאַכט פון אים.

— איר האַלט מיר צוריק די אַרבעט.

— ווער האַלט דיר צוריק די ארבעט? — האָט מען זיך געמאַכט געפגרט, — דו קריגסט ס׳דייניקע וואָס ס׳קומט דיר; און אריינד־האַקן איז דיר קיינער נישט מחויב...

— פאַר וועלכע מעשים טובים?...

— פאַרן זייגער?...

— כ׳וועל אָפּשטאָפּן דעם שאָפּ און ארונטערשיקן ביז איין מענטש,

— האָט דאָס יינגל ארויסגעשטעלט דעם פאַרמאַן, — און נישט קוקן: וואָס איר וועט זיך שטעלן אויפן קאָפּ, אַנטאָן סיינס און ארומגיין פּיקעטן...

האָט זיך אַ דהייב געטאָן דער שאַפּ ארבעטאָרער, און די שטיקער ארבעט זענען געבליבן ליגן ווי די שטיינער.

— אַז מ׳וועט לעבן וועט מע זען...

— די יוניע איז נאָך דערווייל נישט געשטאָרבן...

און אנדערע

(מיט איבערגענומענע קולות):

— פאַרוואָס דאָס אזוי? ווייל מ׳לאָזט נישט רייסן פון די הענט?

— אויפן זייגער ברויכן אריינקומען, און נאָך ווען, — מ׳זאָל ארבעטן ווי די פערד?

— ווייסט נישט, אָפּגעריסענער נאַר, אַז מ׳וויל אויסמאכן דעם באָס אן אויער, — קען מע עס גאַנץ גוט זיצנדיק ביי דער מאַשין, ווען אפילו מ׳קומט אריין אויפן זייגער?

— ס׳קדחות אים געוואָרפן הייזער אין דער הייך, וואָס מ׳כאַפּט אין דער פרי אריין די פאָר מינוט, — און דאָס נישט געקענט אראָפּשלינגען...

— אַז דו האָסט אוועקגעקוקט, האָט מע אויך אוועקגעקוקט, — אַ וועט פאָר אַ וועט; רייס פון די הענט, שלעפּ, — ס׳זאָל זיך אויסגלייכן... אָבער אזוי?... האָסט געוואָלט א זייגער?... סטריקט?... מיר־נישט, דיר־נישט?... וואָס ווילסטו ווידער?...

דער שאַפּ־טשערמאַן האָט זיך גאָר צעריסן דעם לעטניק:

— וואו און אין וועלכן שאַפּ איז דאָס דערהערט געוואָרן, אז מ׳זאָל אראָפּנעמען א י י ן פּעני?

ווילי, וואָס האָט זיך אויף דער רגע, צעטומלט, — האָט זיך קוים ארויסגעקאָפּעט: געפרואווט ערגיץ־וואו אריבערכאַפּן, ארויסקומען אין דער הייך, איבער זייערע קעפּ און געשרייען: נישט זיין אין דער מינוט אין זייערע אויגן דער פאָרמאַן, וואָס גנבעט ארויס די ארבעט ביי זיי מיט א שמייכל, מיט א גלעט, נאָר דאָס יינגל, דאָס פּיצעלונקעלע יינגל, וואָס איז באַפאַלן געוואָרן פון די בעלי־מלאכות, געזונטע חברה־לייט, א סך: אָנגעפּרעסענע, מיט בייכער, ארבעטאָרער מיט בייכער, אויף וועלכע די הויזן קענען זיך קוים דערהאַלטן... און ווילן אים דאָ צע־

רייסן ווי די וועלף,—דער גוטער יאָר ווייסט פאַרוואָס ?... ער וויל פון זיי אַרבעט, — וואָס דען זאָל ער פון זיי וועלן ?... געלט ?... זיי וועלן אים דען האָבן צו געבן ?... און ארבעט, — גיט מען זיך נ אָ ך אַ שאָקל... נ אָ ך אַ שאָקל...

און זיך אָנגערופן:

— וואָס ווילט איר ? איך זאָל אייך עפּעס געבן אויף דער וואָך ? קענט איר דאָס נישט זאָגן ווי מענטשן, נאָר ווי בעלי־מלאכות ? וויפיל ווילט איר ?

— אַ האַלבע שעה, — האָט זיך אַ ריס געטאָן דער שאָפּ.

— אַ פערטל, — האָט ווילי געפּרוּווט אָפּדינגען, — אַ האַלבע שעה איז צופיל... און זעצט אייך נייען... ווי לאַנג ס'אי נאָך דאָ... אין אנדערע שעפּער דוכנט מע שוין...

האָט דער שאָפּ־אַרבעטאָרער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די בענק־לעך, און אריין מיט די קעפּ אין די מאַשינדלעך, ווי פערד אין די כאָמענטס.

— אַז געניזוקט זאָל ער נישט ווערן, דער י י נ ג ל, וואָס דערהרגעט זיי אַלעמאָל, און ביי וואָס ס'זאָל נישט זיין; וואָלט זיך קענען זיי געשטעלט דער פּ אַ ר מ אַ ן, — האָבן זיי אים טיף טייער אין דר'ערד; גיט ער זיך אָבער אן עצה און שטעלט ארויס דאָס י י נ ג ל... און גיי שטעל זיך מיט אַ יינגל...

מיט דער מינוט וואָס מ'האָט בייכּם זייגער נישט געברוויכט מער קומען פּ ו נ ק ט און אויף דער האָר, — איז ער נישט מער געווען קיין זייגער; אפילו דאָס קלינגען זיינס האָט נישט מער גערייצט, — מ'זאָל אוועקכאַפּן דעם קאָפּ: „און אַז עמיצער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, איז וואָס ? וואָס וועט אים דער זייגער טאָן ?" ס'האָט שוין אויך מער קיינער נישט אויפגעריסן די אויגן אין מיטן בעסטן שלאָף, קוקן: „וואו ר'האלט ערגיץ אין דער וועלט ?". עס איז פינף מינוט צו אַכט, פיר מינוט, דריי מינוט, דער ווייזער שטייט אויף דער אַכט, — און אַ בעל־מלאכה איז נאָך אונטן, וואַרט ער במנוחה ביז דער עלעווייטער וועט ארונטערקומען, און ער שפּרינגט

נישט מער פון דער הויט; און אז ער גיט א דריק דאָס הענטל פונעם זייגער: ס׳איז רויט אויף דער קאַרט, א רויטער ציפער, — גייט אויך די וועלט נישט אונטער; מ׳ווייסט, — אז ס׳וועט זיך קיינער מער נישט צורירן צום „קאָנווערט״, ער וועט זיין גאַנץ...

מען זיצט ארונטערגעבויגן ביי די מאַשינדלעך; מען נייט הילכיק, און יעדעס מאָל ווען ס׳קומט עמיץ אריין נאָך אַכט, — דער זייגער ענטפערט אָפּ מיט א קלונג, — צעגייט זיך א שמייכל איבער די פנימער:

— ס א י נ י ש ט מ ע ר ק י י ן ז י י ג ע ר נ א ָ ר א ַ פ ּ ג ר.

1929

VI

קאַרל מאַרקס
פון דער אַנדערע זייט

בעני
גיט אַ קום אריין מיט אַ פאַרלאָטעט פּנים, און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

די גאַנצע משפחה האָט זי אָנגעברענגט אויף מיר, געזען עפּעס? ווי זי האָט דאָס געקלאַפּט טרעוואָגע? פון בראָנזוויל זיי ארויסגע־רופן, פון יאַנקערס, פון מידל־ווילידל, ווען כ׳האָב אזוי ווען זיצן אין די פּעניטענטשערעס, — גראָבט זי אים פון דאַרטן אויך ארויס! שפּילט זיך מיט מיין ווייב, כע־כע... זיי ווען דיר העלפן קרעכצן, יאָ... זיך אלע מעגן שטעלן מיט דיר אויפן קאָפּ, — און כ׳גיי נישט ארבעטן... כ׳ארבעט נישט מער... איי, דו וועסט נישט האָבן ארייַנצומאַכן דעם לענדלאָרד אין דער האַנט, און ער סטראַשעט מיט עוויקשענס? נישט האָבן ביי מיר מער צו פּופּל'ען? וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו ברויכסט מיך אוועקלייגן אויף דער סעמעטערי? נו, מוז איך דוקא זיין טויט דערצו? האָסטו מיך אוועקגעלייגט אַ לעבע־דיקן, נו? און גיי, רייס קברים ביי דער משפּחה, אז דו האָסט ליגן א טויטן מאַן איבער זיך, צי גאָר א לעבעדיקן אויף דער סעמעטערי, — זיי זאָלן דיך נישט לאָזן אויפן וואַסער.

הערט נאָר דאָס קלאַפּן! איר זענט א מבין דערויף? מיטן קאָפּ! כע־כע... מיך געקומען איבערדברן, כ׳זאָל גיין ארבעטן? שוין... געשטאָרבן די מלאכה... און אויב איך לעב, — קען איך מיך בלויז זעצן שבעדה נאָך איר... נישט מער... (קערט איבער א בענקל) ביסט געשטאָרבן נישט מיט אַזאַ שיינעם טויט, און דערפאַר האָבן א ליכטיקן גן־עדן, דאָרט רוען אין פריידן... (הערט זיך איין) מיטן קאָפּ!... (פּלוצלונג) וואָס איז דאָס? יידל? ווילסט, כ׳זאָל דיך ארייַנ־לאָזן? צו וואָס? אז כ׳וועל קוקן אויף דיר, וועל איך דאָס ערשט

נאָכמער אויסקרענקען, און זען: אויף ווי־ווייט כ'האָב מיך באַנאַ־רישט... איי, איך ווייס נישט: צי מיין נאַרישקייט איז נאָך אלץ נישט גרעסער פאר זיין חכמה... פש־ש־ש... מיט וואָס ביסטו אזוי קלוג?... ווייל דו האָסט דיך פאַרלייגט אויף א סטאַרקע, און ארויס־געסטאַרקעט פון איר א בייכל, וואָס גייט דיר אויף אַן אייל אין פאַראויס?... כ'האָב מיך אויף עפּעס אנדערש ביי דיר נישט געהאָט צו ריכטן, ווי אויף א בייכל!... (ענדערט) בשעת איך האָב אין דער היים נאָך, אָפּגעהיטן ביי זעליק דעם טאַנדייטער דאָס מאַ־שינדל, — האָט ער שוין געהאט דעם שכל אָפּצושניידן די קנעפּלעך פון די הויזן, און זיי צו פארשאַכערן ביי די שקצים. און ווען איך זאָל אים נישט כסדר נאָכקריכן מיט א נאָדל־פאָדעם אין דער האַנט, און אָפּנייען אַנדערע, — געברויכט ארומצוגיין מיטן בלויזן פּעטאַך אין דרויסן... און ווי ווייט האָט ער דאָס געקענט אוועקגיין אין די עטלעכע פערציק יאָר?... נישט ווייטער ווי אמעריקע איז!... אַז דענסטמאָל איז ער גרייט געווען צוליב די קנעפּלעך, ארומצוגיין מיטן בלויזן, כ'מיין: אַן הויזן, — וועט ער דאָס נישט היינט טאָן פאר א פונט זאָלץ צי שמאַלץ?

דער אייגענער קרעמער.

אַז איך בין אריבערגעקומען, האָט ער דורכאויס געוואָלט: אַז כ'זאָל דאָ טאָן דאָס זעלביקע, מיט וואָס ער האָט זיך אין דער היים אָפּגעגעבן. „וואָס קענסטו דערלעבן פון דער מלאכה? — מיט מיר איינגעטענהט, — אַן ארבעטאָרער איז נישט בלויז אַן אייביקער קנעכט, נאָר אויך אַן אייביקער אָרימאַן”... נאָר איך האָב אים געהאָרכט ווי דעם קאָטער, און זיך געלאָפן אָפּזוכן דאָס מאַשינדל, זעליק דעם טאַנדייטערס מאַשינדל... און א סך מאָל געלאַכט פון זיין באָבען: כע־כע... א ייד נעמט און הענגט זיך אַן א סטאַרקע, און קען איר נישט אראָפּוואַרפן פון זיך אויף קיין איין רגע, ווי א הויקער דעם הויקער זיינעם... שלאָפט מיט איר, עסט מיט איר, האָט קינדער מיט איר... און ווען מ'טרעט־צו צו אים: „יידל, וועסט אפשר אמאָל אראָפּ אויף איין רגע פונעם יארידל? ס'איז שוין א מינוט צו צוועלף, און ביי נאַכט, א קעלט בלאָזט אין די ביינער...” און אין אים צאַפּלט זיך דער פּופּיק: „איי־ווי, כ'קען נאָך חלילה פארלירן א קאָסטאָמער! ס'בלייבט א פּעני ביי א באָקסל אָאוט־מיעל! א פּעני

איז געלט! א האַלבע פּעני ביי דריי באַקסלעך באָן־אַמי, — און אַ האַלבע פּעני גייט נישט צופוס... א גאַנצער ניקל ביי א פולן בעסקעט פון דזשעל־אָ, מאַ־טי־פּיין, נייפּעט, פּינאַט־אויל, אַלימיניום־קלינזער, סקוירינג־פּאודער, קרעכץ פון א טיר מיט פּעין פון א צאָן־געשוויר, און א צולאָג: א האַלבע שעה קאָפּ־פאַרדרייעניש פון א צוויי הונדערט פונטיקער יידענע"...

איך האָב מיר בעסער געריטן אויפן קאַרק פון מיין מאַשינדל, און צוגעזונגען:

אין שאַפּ איז וואויל,
אין שאַפּ איז גוט,
מ'זינגט אויפן קול
און מ'אַרבעט אויף דער מינוט.

עס געגלעט איבערן הערדזל: „דו, שאַפּקע־גנב, ווערסט ברויכן זיין פאַן־בראַט, און אויף אלעם אונטערשטופּן"... איי, מ'איז געוואָרן געברענט און געבראָטן, ס'בלוט האָט נישט איינמאָל אויפגעקאָכט און געזאָטן... און די אויגן געוואָרן פאַרלאָפן... ווען ער האָט זיך צעבריקעט ווי א ווילד פערד, דער זעלביקער שאַפּ, און דערלאַנגט מיט די אונטערשטע פּיס אין קאָפּ, — אז מ'איז געוואָרן טויט אונטער די אויערן: זעכציק שעה א וואָך אַרבעט, און נאָכמער... אים אָבער, נאָכאַלעם, אָנגעכאַפּט ביי אַן אויער, און דערצו אַזוי אָנגעטרעטן אויפן ווייַנדל, — אז ער האָט געקוויטשעט ווי א חזיר, און נאָכגע־לאָזט אויף פיר־און־פערציק... און ס'איז געווען, נישט ווי ביי ר' יידלען אין דער סטאָרקע... נאָר נאָך פינף א זייגער, ווער שמועסט: זומער־לעב, אַז דער טאָג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו דערכאַפּן, האָב איך מיר שוין ארויסגעוואָרקט אויף דער וועלט... ס'איז מיין וועלט!... און מיין שטיק טאָג!... כ'קען טאָן וואָס עס ווער איי דעם פליז: כאַפּן אַ דרימל אויף דער באַנק אין פאַרק... צי שטיין און הערן א ספּיטש אויפן קאָרנער...

במה דברים אמורים? ווען איז דאָס אַלץ געזאָגט געוואָרן? אז ס'איז געווען מיט ווען צום טיש צו גיין... אז דער אָפּערייטאָר איז נאָך געווען אן אַרבעטאָרער ווי גאָט האָט געבאָטן, און אלע גוטע און פרומע לייט הייסן... אז ער איז געזעסן ביים מאַשינדל, האָט עס פון אים ארויסגעזונגען... און אז מ'האָט אים אָנגערירט אויף

אזוי פיל, — געשפריצט מיט פייער; עפּעס־וואָס, — האָבן זיך אלע אויפגעשטעלט, און די אויגן ביי זיי געגליט: „ס'וועט דאָ א רוח אין דער וועלט ארייַן, מיט יענער וועלט פּארבראָקט!" און אז ס'האָט וועלכער גענומען א וואָרט אין מויל אריין, — האָט מען עס געקענט אָנטאָפּן, ליגן אויף דער וואָג... און איצט, — ס'זאָל גאָר אזא צאָרן ניט געשען!... ארבעטאָרער, און נאָך עלטערע דערצו, — זאָלן זיין בעל־י־נואפס, רעדן ניבול־פּה? און א גאַנצן גייענדיקן טאָג נישט מער דהערן וועגן די מיידלעך וואָס ארבעטן־מיט: „אוי, שאָקלט זיך ביי זעלדען פון הינטן, אז זי גייט"... צי: „הענגט דאָס ביי סיידין ארונטער פון פאָרענט, אז זי שטייט"... און אז איך רוף מיך אָפּ מיט א וואָרט: „פע, ווי פּאַסט עס פאַר א בעל־מלאכה, וואָס ברויך זיין א ביישפּיל פאר אנדערע?... אנדערע זאָלן זיך האָבן אויף וועמען צו פּאַרקוקן... דער קמח סולת... דאָס זעמל־מעל... און זעכצן קרע־מער, זיבעצן פּעדלער, אכטצן, ניינצן באָסעס, אויב נישט מער, — זאָלן זיין די כפרה פאַר זיין מינדסט פינגערל"... בין איך חייב מיתה... פּאַלט מע אויף מיר גלייך ארויף, און מע טיקעט מיר אין די אויגן אריין: „קארל מארקס!"... כע־כע... מיט וואָס ארבע־טאָרער ווילן מיך, אן ארבעטאָרער, — צודריקן צו דער וואַנט? וואָס עפּעס: „קארל מארקס האָט שוין עפּעס געהערט!"... אָדער: „קארל מארקס האָט שוין עפּעס געזען!"... אָדער: „קארל מארקס האָט שוין עפּעס אָנגעקריגן!"... אז אָנקריגן זאָל זיי שוין אַן אָקס אויף די הערנער, טאַטע־פּאָטער! ביי זיי אין די אויגן איז קארל מארקס עפּעס א טשוטשעלע, א היימישער בטלן, א באַנק־קוועטשער, אַ שוואַנץ־מלמד, אַ לאַ־יוצלח, א קוני־לעמל, וואָס קרימט אויף אלעם מיט דער נאָז, און קיין שום זאך געפעלט אים נישט, האָט אויף אלעם אויסצווזעצן... א מין זילזול...

און סך־הכל: איז דאָס דער זעלביקער אפּערייטאָר, דער אמאָ־ליקער, ביי וועלכן ס'האָט טיף אין הארץ געטליעט די ארבעטער־זאַך... זיך געראַנגלט מיט די באָסעס, געשטויסן מיט די עלנבויגנס, און ארויסגעשטויסן דעם איצטיקן שאָפּ פון דער אמאָליקער פּינצ־טערניש, אויף דער ליכטיקער וועלט, צי גאָר ריטייערט ביי א קענדי־סטאָרקע... נישט מער: וואָס ער האָט ארויפגעשלעפּט אויף זיך עטלעכע צוואַנציק יאָר, און מהאי־טעמא, געברויכט ווערן געזעצטער,

פאַרשטענדיקער... בן ארבעים, — לבינה... און ווי אזוי דאָס האָט זיך צו זיי געקענט צונעמען?... צי, פון די פּייפּערס וואָס זיי האָבן זיך אָנגעלייענט א פולן בויך? מיט וואָס אזעלכעס קאָרמעט ער זיי? צי פון די סאָסייעטיס און אלערליי אנדערע מיתה־משונהס, צו וועלכע זיי סטיקן? זיי זענען דאָך נישט מער ווי סעמעטערי... קרקע... א שטיק רויע ערד... און מיט וואָס קען דאָס קאַליע מאַכן און איבערפירן א מענטש?... אין קיין בורדעלן זענען זיי אַלע זייערע יאָרן נישט אָפּגעלעגן, נאָר רק אין בעל־הבתישע היימען... אויסגעכאָוועט א דור, נישט חלילה פון אַרבעטאָרער, נאָר בוקקיפּערס, אַקאַונטענטס, לאָיערס, דאָקטוירים, און מיט זיי פאַר־שטופּט וואו ס'איז אַ לאָך... און אַז מ'האָט אליין אזוינע דערוואַקסענע זין און טעכטער, ברויך מען דאָך וועניקער באַרען פאַר יענעמס טעכ־טער אין די אויגן, ניין?... (ענדערט) מילא: כ'וואָלט שוין פון דעם אויך אוועקגעקוקט... און ווי לאַנג ס'איז מיר באַשערט אָפּצוקומען מיט זיי אינאיינעם, — פאַרוואָס זאָל איך דאָס ברויכן אָפּצוקומען צווישן אַרבעטאָרער? באַגראָב איך מיך הינטערן מאַשינדל, און ווער טויב ווי די וואַנט... הער זיי ווי דעם קאָטער... און טיילמאָל, אַז ס'גייט שוין ביי זיי איבער מיט די חלבדיקע, חלשותדיקע גראָבקייט, — קוקן זיי ביי מיר אויס ווי קליינע קינדער, און זוך נאָך אויף זיי א זכות: זיי רעדן? ווייל זיי האָבן זיך אריבערגערוקט טיף אין די פערציקער יאָרן, געמאַכט אַ התחלה אויף די פופציק... שוין ארונ־טער פונעם גלאַנץ... און אַז כ'שטיי־צו צו זיי: „פערד, וואָס איר זענט! איר האָט דאָך שוין נישט קיין ציין אין מויל, און מיט וואָסווילט איר בייסן?, לאַכן זיי פון מיר: „בטלן, וואָס דו ביסט! נישט טאָן און נישט רעדן, קען מען דאָך, שונאים, צעזעצט ווערן!". (ענ־דערט) און כ'וואָלט זיי שוין דאָס אויך מוחל געווען: „פרעסט אייך אָן דערמיט און ווערט דערשטיקט, אַז איר קענט נישט לעבן אָן דערין"... נאָר, איר האָט שוין געהערט פון ארבעטאָרער, — געמבלערס? אז די קאָרטן זאָלן ביי זיי זיין אָן עבודה־זרה?... טאַטע־פאָטער! אַזוי ווי ס'קומט דער ליכטיקער מאָנטיק, מ'טראָגט אונטער דעם „קאָנווערט" — כאַפּט זיי נישט יעדן דער רוח צי דער דלות, פון שאַפּ ארויס, פאַרשטופּן די לעכער מיט די אויסגעהאָרעוועטע פאָר טאָלער, נאָר מען פארלייגט גלייך אויפן אָרט די פּעקטערי פון קאָרטן... מ'נעמט

זיך אריין דעם באָס אין מיטן... אַז ס׳קומט צו די קאָרטן, — וואָס מיר אַרבעטאָרער? ווער מיר באָס?... איז הכל חד הוא, איינס... און ס׳קאָכט זיך אַלץ אינאיינעם אַ דורך אין איין טעפּל... און אַז איך שטעל מיך פאַר זיי אַוועק, רעדן: „פון די אַלע מיטינגס אויף וועלכע איר זענט שוין אויסגעווען; פון די אַלע רייד, וואָס מ׳האָט אין אייך אַריינגערעדט; און פון די אַלע ביכער וואָס איר האָט אייך אָנגעלייענט, — זיך ביי עפּעס אַנדערש נישט געהאַט אָפּצושטעלן, נאָר ביי די קאָרטן? דאָס איז אייער לעצט סטאַפּ? און פיר טייז איז געוואָרן דער שפּיץ־לייטער, אויף וועלכן מ׳קען אַרויפקלעטערן?״ גיט מען גלייך אַ קלאַפּ אין טיש אַריין: „אַ־דהאַ! קאַרל מאַרקס איז שוין דאָ!״ וואו, און צווישן צוויי ווערטער, — „קאַרל מאַרקס! וואָס וועט קאַרל מאַרקס זאָגן? און קאַרל מאַרקס האָט שוין עפּעס אָנגעקריגן!״... (ענדערט) מילא: כ׳וואָלט שוין פון דעם אויך אַוועקגעקוקט, ווען זיי זענען כאָטש גוט און פרום, ווי זיי זאָגן: מלאכים אויף דער ערד, און כ׳זע ווי מ׳ברענגט זיך אַוועק איינער פאַרן צווייטן; אַז ס׳גיט איינער אַ פּיפּס, — שטייען זיי אַלע אויף די פיס, און גרייט צו גיין ביזן האלדז; נאָר דאָס איינע פּיצעלע יצר־הרע וואָס גריזשעט זיי, דאָס טרפנע קערטעלע, עסט זיי די הויט פונעם לייב אַראָפּ... און מען מוז אַוועקקוקן: סאַ חולאת, רחמנא לצלן, אַ קרענק, וואָס מ׳קען זיי נישט היילן פון איר... אָבער, איר האָט שוין אויף אייער לעבן געהערט, דאָס אַרבעטאָרער זאָלן זיין חזרים? דברים־אחרים? (ענדערט) מאַכט זיך, ס׳זאָל זיך אַזוי נישט מאַכן, אַז אַ בעל־מלאכה, כ׳וויס? גאַרבער, שפּאַרבער, ס׳גייט דען אין נאָמען? באַקלאָגט זיך אין אַ שיינעם נאָכמיטאָק, נישט, חלילה: וואָס די ביינער ברעכן אים! וואָס וועט אים אַרויסקומען, אַז ער וועט זיך באַקלאָגן? צי גאָר פאַרפעלן אַריינקומען אין שאַפּ. נו? וועט מען זיך אפשר ס׳לעבן נעמען: „ווער ווייסט, אין וועלכן האָספּיטאַל ער ליגט שוין?״ נישט: ווייל מ׳איז אים, חלילה, אַ דם שונא? נאָר ווי אַזויערנאָך דען וועט מען אַזאַ איינעם אַרויספּטרן פונעם שאַפּ? געזונטערהייט וועט ער זיך אָפּטראָגן פון אים? און נישט, — אַז ס׳וועט אים אַוועקלייגן?... דער שאַפּ איז טאַקע דעם באַלעבאָסעס, אָבער ס׳ביסל אַרבעט איז זייער, און נאָר זיי אַליין ברויכן עס אויפצופּרעסן! אַנו, זאָל אַן אויטסיידער, אויך מיט אַ מויל, — זיך פּרוּוון ביי דעם אָנוואַרימען? וועט

מען אים לאָזן? און נישט גאַנץ שיין געבן איבער די הענט: „און גיי מיטן קאָפּ אין דרערד אריין!“ כאָטש ער איז דער זעלביקער ארבע־טאָרער? און אזוי אייגן ווי זיי, אויסגעהונגערט? און אויב נישט א קאַפּיטשקע מער, — פון ארומגיין ליידיק? גאָרנישט טאָן? (ענדערט דער בעל־מלאכה: גאַרבער, שפּאַרבער, ווי ער האָט דאָרט געהייסן, איז געקומען אַ געבראָכענער, און נישט אויף קיין זייט, נישט אויף קיין ווינקל, נאָר אויף א דהונדערטער! מיט הונדערט טאָלער, זאָגט ער, קען ער ווערן גאַנץ און אויסגעהיילט, און לעבעדיק, דער אייגענער און מיט דעם אייגענעם פּנים פון אלעמאָל. אמת: נישט קיין מצאצעדיקס, — ס׳קען דאָך נישט זיין שענער ווי ביי אן אפּעריי־טאָר!... נו, איז אַן עסק הונדערט טאָלער?... אז מ׳האָט זיי נישט, איז טאַקע אן עסק... נאָר ס׳איז דאָך עפּעס ניו־יאָרק, און ניו־יאָרק איז נישט קיין מדבר... אַזוי פיל מיליאָנען יידן, אומאויסגערעדט... און חברות, איינע אויף דער אנדערער, ווי אַ לאַטע אויף אַ לאַטע... און באזונדער: מען ארבעט דאָך עפּעס אין אַ שאַפּ, מיט ארבעטאָרער, און אויב נישט קיין ארבעטאָרער, — ווער זשע דען?... אויף זיי קוקט מען דאָך מיט ניין הונדערט און ניין־און־ניינציק, פון די טויזנט אויגן?... און פון זיי ברויך דאָך קומען, אויב נישט די גאַנצע איז כאָטש אַ האַלבע ישועה, אַ פּערטל... און נאָכדערצו, אז מ׳האָט איינ־איינעם אָפּגעארבעט זיבעצן־אַכטצן יאָר, אינאיינעם געסטרייקט, איינ־איינעם געפּיקעט, געסקעבט, געשפּילט אין קאָרטן, און די כאָלעריע ווייסט וואָס נאָך?... געגאנגען אויף לעקטשורס, אַנאַרכיסטישע, סאָציאַליסטישע, טרייד־יוניאָניסטישע, געשלונגען און געבריט זיך ביים שלינגען די ספּיטשעס, ווי מיט האַט־קייקס... געשריגן בו־בו אויף די באָסעס, אויף אלע קהלשע קאָפּ־פּארדרייער... וואָלט דאָך שוין דער בעכער באַדאַרפט זיין פול?... הייבט זיך גאָרנישט אָן... (ענדערט אָנגעכאַפּט איינעם, און אויפן גאַנצן זיכער, — ער זיצט א האַנט און אַ האַנט מיט אים ביים מאַשינדל, און גיט אַ פרעג: „בערל, וועסט פאַר מיר אונטערשרייבן אויף א הונדערטער?“ מאַכט ער זיך געפּגרט... קרענקט עס אים אויף בערלען, וואָס וואָלט זיך נישט געברויכט מאַכן געפּגרט, נאָר ער האָט אים אין דר׳ערד... קאַרג ארבעטאָרער אין שאַפּ אָן אים?... און נעמט זיך צו א צווייטן: „שמערל, — און שוין מיט הארץ־קלאַפּונג, — וועסט פאַר מיר גוט זאָגן אויף א מאה?“

שוויגט גאָר שמערל אינגאַנצן, ווי ער וואָלט אים פּאַרוקט אין עפּעס אַן ענג לאָך; און אַז ער פרעגט אים דאָס נאָך אַמאָל איבער, שטעלט ער אויף אים אויס אַ פּאָר אויגן פון אַן אָקס, ווען מ׳פירט אים צו דער שחיטה: „ר׳וועט זיך פריער איבערלייגן מיט דער יידענע"... גייט ער אוועק, און שוין אַ דערשלאָגענער, — צו אַ דריטן, צו אַ פערטן, מיטן פּייפּערל אין דער האַנט: „נו? ווער וועט זיך דאָ דארויף אוועקלייגן? אַ מאה אינגאַנצן!" אַ נעכטיקער טאָג! בין איך, דאָס צוקומענדיק, אויף זיי ארויסגעפאָרן: „אַרבע־טאָרער, אַ רוח אין אייער טאַטן! דערמיט זענט איר אַרבעטאָרער און נישט קיין האָטענטאָטן? און אויף דארויף געברויכט אָפּאַרבעטן אינאיינעם זיבעצן־אַכטצן יאָר? סטרייקן? פּיקעטן? סקעבן? שפּילן אין קאָרטן? און וואָס נישט?" גיט מען זיך אַזוי אַ פאָרדריי מיט די קעפּ צו מיר, זאָגן, — האָט מען דאָך נישט וואָס, נאָר מ׳וויל זיך אָפּרעכענען, וואָס מ׳וועט מיר פאַרזאָפּן ס׳בלוט, און מ׳שרייט: „קאַרל מאַרקס! אַ־האַ! קאַרל מאַרקס האָט שוין עפּעס אַנגעקריגן!"... וואָלט דאָס מיך אַזוי ווייט נישט געקרענקט, ווען דער באָס זאָל זיך נישט אונטערדרוקן, און דאָס צושמעלצן; ארויסצייגן די כשרע חזיר־פּיסלעך זיינע... טאָקע אַ באָס, און מ׳טאָר נישט מליץ זיין אויף אים... אַן עקספּלואַטאַטאָר, אַ בלוט־זויגער, אַ וואַמפּיר, אַ ממזר, אשר לא יבוא בקהל... און מ׳ברויך אים פּייטן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט... אָפּגרעניצן מיט אַ ווירע: „דאָ האָסטו צו גיין, און דאָ האָבן מיר, די אַרבעטאָרער, צו גיין"... אָבער אַז פונעס גאַנצן שאָפּ האָט זיך געפונען בלויז ער איינער, דער באָס, וועלכן מ׳ברויך צו דערהרגענען, נישט לאָזן ארומגיין אַ לעבעדיקן אויף דער ערד, — וואָס האָט אונטערגעשריבן פאַר דעם הונדערטער?... אַ־אַ?... און אַז איך בין געשטאַנען און צענומען מיינע קראַנקע, שוואַכע הענט: „בלויז צוליב דעם, אל תפתח פה, ער זאָל נישט קענען אויסשטשירען אויף אונדז די ציין: „הינט וואָס איר זענט, און נישט קיין מענטשן! אים נישט געטאָרט געבן דעם סאַטיספּעקשאָן"... האָט מען מיך פאַר־שריגן: „קאַרל מאַרקס!" זאָלן זיי נישט געדהרגעט ווערן אין אַ וואָכנדיקן טאָג, און קיין אַרבעטאָרער־טאָג נישט פאַרשטערן, קיין סלעק־טאָג? (ענדערט) מילא, מ׳קען זיי פּילייכט נישט בליימען: „פּאָרט נישט מער ווי אַרבעטאָרער! גיי און שרייב פאַר אַ צווייטן, אַז

מ'האָט געגנוג ס'איגענע ווייב, די קינדער, — און נאָך יענעמס ווייב מיט די קינדער אויך האָבן אויפן קאָפּ צו טראָגן? א באָס איז עפּעס אַנדערש, אַ באָס מאַכט זיך נישט בחנם פאַר קיין גוטן; מסתמא פּיקט זיך שוין עפּעס ביי אים אין קאָפּ, אַ זאַכעלע... און אויב ער גיט מיט איין האַנט, וועט ער זיך אָפּנעמען מיט דער צווייטער האַנט, צי גאָר מיטביידע"... אָבער איר האָט שוין געהערט, אז ארבעטאָרער זאָלן זיין, כ'וויס, וואָס כ'זאָל אויף זיי זאָגן?... הינט?... אויס־וואורפן!... שלאַנגען!... עקדישן!"... ווי?... וואָס?... איר וועט באַלד הערן... אַזאַ זאַך?... אַזאַ זאַך?... אפילו די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, דער גאַנצער „קאַפּיטאַל" האָט קיין השגה נישט געקענט האָבן דערפון, א מכה שלא כתובה בתורה... וואָס האָט גאָר קיינעם נישט געקענט קומען אין קאָפּ אריין... און געוועוען וויסן צו פאַרשרייבן א רפואה דערצו... און ס'וועט דען עפּעס העלפן א רפואה?"... סיי, דאָס וועגטל... נו, גיי, נעם און שטעל זיי אלע צו צום וועגטל! שיס אויס אלע ארבעטאָרער... מיט וועמען וועט זיין צום טיש צו גיין? מיט די באָסעס? און מיט זיי איינ־פירן סאָציאליזם אויף דער וועלט?...

אזוי איז אין איין מיאוסן פרימאָרגן איין בעל־מלאכה, אייזעק, אויסגעכאַפּט געוואָרן פונעם שאָפּ... אלע מאַשינד־לעך האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער ריכטיקער מינוט און אויפגעקומען, נאָר איין מאַשינדל, אייזעקס, איז געבליבן טויט ווי פון ביינאַכט, אָן אָטעם; אָן אייזעקן האָט עס געמוזט האָבן אַזאַ פּנים, ווי אייזעק אָן דעם מאַשינדל. מילא, ס'מאַשינדל איז געבליבן טויט, א דאגה, נאָר, — אייזעק? וואָס איז מיט אייזעקן? מסתמא, זיך גע־טראַכט, וועט ער דערנאָך אריינקומען... ס'איז אָבער אריבער א טאָג, און צוויי, און דריי, און א וואָך אַ גאַנצע, — האָט מען שוין אָנגע־הויבן איבערצוקלערן: „צי ער לעבט גאָר אינגאַנצן! אָן אָפּערייטאָר, אַז ער בלייבט איבער אויף א גאַנצע וואָך אין שטוב, מוז ער, נישט אַנדערש זיין, ווי טויט אדער האָבן באַגליקט געוואָרן מיט אַ סוויפּ־סטייק... יגעתי ומצאתי, איז מען דערגאַנגען: אַז ער לעבט, נאָר פאַר אַן אָפּערייטאָר איז ער שוין טויט! אַז מ'קוקט אים אָן: געזונט ווי אַן אייזל, די פיס זאָגן זיך נישט אָפּ אים צו טראָגן... די אויגן צו קוקן... די אויערן צו הערן... דער עיקר: די ציין צו קייען,

און נאָכמער ווי בעת ער האָט געאַרבעט... אַז מ'אַרבעט איז אַ מזל ברכה: ווייל מ'ברויך נישט אַזוי פיל צו עסן, מ'האָט קיין כח נישט צו עסן; אַז מ'אַרבעט נישט איז אַ קללה, און וויפיל מ'זאָל נישט אַריינלייגן, — איז אַלץ ווייניק... און ס'האָט קיין שיעור נישט... (ענדערט) וואָס איז פאַרט מיט אייזעקן?... ס'האָט דאָך נאָך נישט געהאָלטן דערביי, ער זאָל ברויכן אויסבייטן דעם שאַפּ אויף אַ שול, און דאָס מאַשינדל אויף אַ תהלים?... ס'האָט אים נישט מער און נישט ווייניקער ווי אָפּגענומען די שפּיצן־פינגער פון די הענט, — זיי זענען ביי אים געוואָרן ווי די שטעקעלעך, און ער האָט מער קיין מאַכט נישט אין זיי... עפּעס אַ באַטעמטע זאַך?... און נאָך פאַר אַן אָפּערייטאָר דערצו?... איז געבליבן, מ'זאָל באַהיט ווערן, ס'מאַ־שינדל אָן אייזעקן, אייזעק אָן מאַשינדל, ווי דער שטייגער סוף איז מיט יעדן אָפּערייטאָר... און דער דלות, מאַכט אַ וואַ־רע, — אין מיטן; און אַז דער דלות, כאָטש ער איז געווען גענוג גרויס ביי אייזעקן, — מיטן מאַשינדל, האָט זיך גענומען אַזוי צו צעלייגן ביי אים, אָן דעם; האָט ער ענדלעך אַרויסגעטריבן, נישט אייזעק, נאָר דער זעלביקער דלות, — ווי מיט אַ שטעקן, ס'ווייב זיינס פונעם הויז, — און וואו האָט זי געזאָלט גיין, ס'ערשטע, אויב נישט אין שאַפּ אַריין? זיבעצן־אַכטצן יאָר אָפּגעאַרבעט אינאיינעם מיט מענטשן, און פאַרוואָס זאָל מען גלייבן דעם באָס, ווען ער זאָגט: אַז אַרבעטאָרער זענען נישט קיין מענטשן?... און געקומען איז זי נישט אַליין, און נישט מיט די קינדער, נישט מיטן מאַן און די געליימטע פינגער, זיינע: „באָס, און זעט דעם סוף פון יעדן מענטש, וואָס אַרבעט, אַרבעט, ווייל איינרייסן די וועלט... נעמט אייך אַראָפּ אַ ראיה!"... נאָר מיטן באָס גאָר, געהערט אַ מעשה?... וואָס איז נישט ווערט וואָס ער לעבט אויף דער וועלט און די ערד טראָגט אים... און זיך דאָס נישט אָפּגערעדט, חלילה, מיט אים... כע־כע... זי האָט דאָך געמוזט ביים אַריינגיין אין שאַפּ, — מאַכן אָן אָפּטריט אין אָפּיס; ווי אַזוי דען וואָלט זי געקענט אַריינקומען אין אים, — דורכן דאָך?... האָט ער זיך מיט איר אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַ הייס געבראָטנס: „וואָס מאַכט אייזעק? און ווען קומט ער אַרבעטן?" און אַז זי האָט זיך פאַרופן אויף דעם און יענעם, — זי מיינט נישט אים נאָר די אַרבעטאָרער אין שאַפּ, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, און מיט איר

מיטגעגאנגען, זאָל זיין צו די ארבעטאָרער אין שאָפּ, וועלכע האָבן זיך גראָד נישט אזוי שטאַרק ארומגעכאַפּט מיט איר (זיי האָבן דאָך שוין געזען, אז ס׳שמעקט מיט א קאָלעקשאָן), און ביי דער האַנט, — איז ער שוין אויך געוואָרן, געהרגעט זאָל ער ווערן, דער באָס, — דער ראש המדברים, דער ספּיקער, וואָס האָט געברויכט רעדן פאַר איר צו די ארבעטאָרער... מיך האָט עס פאַרוואָרפן... כ׳האָב עס גאָרנישט געקענט אויסהאַלטן, און געוועזן זיכער, דאָס ער וועט דאָ כאַפּן דעם ריכטיקן אַפּשניט, אזוי, אז ער זאָל שוין פאַרזאָגן א צענטן: „ער זאָל נישט קריכן וואו מ׳ברויך נישט״... (ענדערט) און דער באָס, איר הערט? וואָס איז נישט ווערט וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, און וואָס די ערד טראָגט אים, — הייסט, אויס רעספּעקט צו אייזעקס טויטע פינגער, — אָפּשטעלן די פּאוער... שאַ, שטיל... ער לייגט פאָר: „אזוי ווי אייזעק האָט אָפּגעארבעט זיינע זיבעצן־אַכטצן יאָר, און געבליבן, ווי דער שטייגער פון יעדן אפּערייטאָר איז, בעורם ובחוסר, אָן א לייבצודעקל, און מיט א לאָך פון א בייגל... וואָס, משטיינס געזאָגט, — ער האָט דאָס אינגאנצן אַז ער ארבעט, דער אַפּערייטאָר?... דעריבער וואָלט נישט מער געוועזן ווי רעכט, דאָס ער זאָל פאַרן סעזאָן, וויפיל ער וועט דאָרט כאַפּן: דריי חדשים צי עפּעס מער, ווייניקער, — קריגן א האלבע פּיידע״... „פון וואַנעט וועט זי דאָס זיין?״ — שטעל איך מיך אונטער צו פרעגן מיט גרויס הארצקלאַפּונג. „דער אָפּיס, — זאָגט ער, — באַשטייט אליין צו צוטראָגן אַ גאַנץ פערטעלע צו איר, און דאָס אנדערע פער־טעלע זאָל מען צעלייגן איבערן גאַנצן שאָפּ ארבעטאָרער, יעדער איינער מיט וויפיל ער קען: א קוואָדער, א דיים, — וועט דער וואָלף זיין זאָט און דער שעפּס גאַנץ״... א רגע, און נאָך א רגע, דער שאָפּ איז שטיל, אויס פּאוער, אויס ארבעטאָרער, דער מאָטאָר וואַרט, די מאַשינדלעך וואַרטן, און אייזעקס ווייב וואַרט אודאי... מ׳קען איר אפילו הערן אָטעמען... „נו, — פּרואווט דער באָס, וואָס איז נישט ווערט וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, און וואָס די ערד טראָגט אים, — אויף איבער איין רגע צו מאַכן די ארבעטאָרער פאַר אויס ארבעטאָרער, — ס׳גייט דאָ נישט אין קיין געפּערלעכע געל־טער... א קוואָדער, א דיים, ס׳הערכסטע, אַ האַלבן טאָלער... און מ׳קען דערמיט נישט אָרימער ווערן... אין אייער צי אין מיין מזל, —

איז גראָד דאָ אין דעם שאַפּ מער מלאכה ווי ערגעץ אנדערשוואו"... ביז ס'האָט זיך ארויסגערוקט איינער, און נאָך גראָד אזא ארבעטאָרער וואָס איז פארקאָכט אין דער גרופּע: „פרענדס פאַר עווער", וואָס ס'הייסט: „ס'זאָל מיר זיין פאַר יענעם." און אויפגעשטאָכן דעם בלאָטער: „וואָס הייסט, ארויפלייגן א טעקס פון א דיים, צי א קוואָדער אויף אָרימע ארבעטאָרער, און זיי צווינגען דאָס צו געבן?" און נאָך אים, א צווייטער, שוין מיט מער קוראזש, און אויך א בענדלדיקער, ווייל ער איז איינס מיט די „באָיס", און איז שוין געלאָפן פאַר א וואָרקינג־דעלעגאט; א שטענדיקער מיטגליד אין דער אָבדזשעקשאָן קאָמיטע, וואָס ברויך נאָכקוקן יעדן איינציקן אויף די נעגל פון די פינגער, וואָס לויפט: אויב יענער האָט נישט פארבראָכן קעגן דער יוניע... און קעגן די אָפּישלס פון דער יוניע?... און איז אין פּרינציפּ: קעגן קאָמוניזם, טויט־שטראָף, דער אָנגענומענער מאָראַל, פאַרפירן מיידלעך, ווייסן שקלאַפן־האַנדל, און גיט זיך א זאָג, אָן חרפּה פאַר די ווענט פונעם שאַפּ, וואו די ארבעט קוואַקערט ווי קאָכעדיק וואסער אין א קעסל, מענטשלעך לעבן וויאַנעט, גייט אויס און צאַנקט ווי א ליכט... „וואָס וויל ער? כ'זאָל פאַר אים געבן א האלבן טאָלער? זאָל ער מיר א היימישקן ס'וויב אויף ביינאַכט!" גיט מיך א באַשיט דאָס העלישע פייער: „ער ווער זי דיר נישט א היימישקן אפילו אויף בייטאָג, און וועסט אזוי אויך געבן דעם האַלבן טאָלער!" און אלע ארבעטאָרער, די וואָס האָבן אָנגעפּאַקט מיט זייערע זין און טעכטער די לאָ־אָפּיסעס, האָספּיטאלס, קליניקס,—מיר גלייך מיט א זעץ אין פּנים אריין: „קאַרל מארקס!" איך לאָז מיך אָבער נישט, און גיב זיי צוריק אין טאַטנס־טאַטן: „ס'וועט אייך קנאַפּ העלפן וואָס איר ווילט זיך אויסשטעכן די אויגן ביי מיר מיט קאַרל מאַרקסן... איר וועט וויינען און ציילן... נישט דערפאַר, וואָס מיט אייער דיים און קוואָדער וועט א פאַראומגליקטער ארבעטאָרער קריגן א האלבע פּידע... אייער פלייש און בלוט... נאָר צוליבן באָס, געהרגעט זאָלט איר ווערן, ווייל ס'שטאַמט פון אים, און צוליב דעם אל תפתח פּה... אים געבן א טשענס צו זיין אויפן פערד... און מיר, די ארבעטאָרער, וואָס קליימען צו זיין דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל, די קרים פון דער זויערע מילך"... גיט זיך א שטעל אוועק דער, דער, וואָס איז אלעמאָל אין דער אָבדזשעקשאָן

קאַמיטע, און ברויך קוקן אויף די נעגל פון די פינגער ביי יענע וואָס לויפן... און שרייט: „וואָס לאָזט מען נישט די „פּאַוער?״ מיר זענען שטיק־אַרבעטאַרער! דער באָס וויל זיין א גוטער אויף אונדזער צייט?... מ׳וועט קענען רעדן דערפון נאָך פינף אזייגער״...

דער מאָטאָר האָט א ברום געטאָן, אָבער נישט מער ווי איין ברום. איך האָב אים גלייך געגעבן איבערן קאָפּ, און מ׳האָט געקענט הערן דעם כלישנע ביי אייזעקס וויב, וואָס וואָלט זיך פּילייכט נישט ארויסגעריסן ביי איר, ווען דער מאָטאָר זאָל זיך נישט געווען צעלאָזן אויף איבער דער איינער רגע. איך שריי: „מ׳וועט דערנאָך אָפּאַרבעטן די פּאָר מינוט; די יוניע וועט ארויסגעבן א הכשר, אויב איר זענט אזוינע הונדערט פּראַצענטיקע, כפל־שמונה׳דיקע, און דער באָס מוזן באַשטיין אויף אים״... אָבער ער וויל אפנים נישט הערן, און לאָזט די האַנט זיינע קריכן צום שליסל פונעם פּלענט. ער מאכט אים אראָפּ: דער מאָטאָר גיט א דריזגע, און איך, — ארויף, פאַרמאַך אים ס׳מויל; ער, — אראָפּ: טר־ר־ר־ר... און איך מאַך אים דעם טויט... טאַקע נישט מער ווי א בטלן, א באַנק־קוועטשער, א לא־יוצלח, א קוני־לעמל, א קארל מארקס, וואָס קען נאָך זיין מער!... אָבער דער מאָטאָר וויל זיך נישט רירן ביי אים... קאַרל מארקס האַלט אים פאַרן ציימל... „שטיל, דו הונט איינער, האַלט ס׳מויל און לאָז דיך נישט הערן, ביז זיי וועלן מסכים זיין מיט קארל מאַרקסן, — אויף א דאַים און א קוואָדער״... ביז ס׳האָט מיר א קלונג געטאָן דער קאָפּ, און ער האָט זיך צעוויגט... כ׳האָב געהערט ווי דער מאָטאָר נעמט רוישן: „טר־ר־ר״... אָבער אים שוין נישט געזען... ס׳איז מיר פינצטער געוועזן אין די אויגן... אין דער פינצטער האָב איך אים נאָך אָנגעכאַפּט פאַר דער טשופּרינע, און אים אָפּגעשטעלט, אָבער אַז דער קאָפּ האָט זיך ווידער א וויג־געטאָן, און ס׳האָט אָנגעהויבן לויפן אין האלז אריין בלוט, וואַרעם בלוט... האָב איך מיך נאָך אַלץ געזוכט מיט אַלע כחות צו דערהאַלטן, און ווי אין דער ערשטער מינוט, — אים אָנבאַפּן, וואו ס׳לאָזט זיך, ביי דער טשופּרינע, ביי א שטיק פוס, א שטיק האַנט: „ניין... דו וועסט ביי מיר היינט נישט גיין... כ׳זאָל וויסן צו פאַלן א טויטער... קאַרל מארקס זאָגט ניין, וועסטו ביי אים שטיין און מילטשען ווי יורעקס הונט״... (גיט

זיך א זעץ אוועק) כ׳ארבעט נישט מער... כ׳גיי נישט מער אריין ארבעטן... ס׳וועט נישט העלפן אייער קלאַפּן... איר זאָלט אפילו די טיר אויסברעכן... כ׳גיי נישט מער אריין ארבעטן... מיט ד י
א ר ב ע ט אָ ר ע ר א י ז ד ע ר ש אָ פּ מ ע ר פ אַ ר מ י ר
ק י י ן ש אָ פּ נ י ש ט...

1936

VII

דער סקעב

כ'זע אים: אַ דאַרן, אַ ביינער־דיקן, מיט אַרומגעשניטענע אויגן, שאַרפע ברעמען, גיין געלאָסן, זיכער, — ווי ר'וואָלט קיינמאָל אויף זיין לעבן א מענטש אויפן נאָגל פונעם פוס נישט אָנגעטרעטן.

הינטער אים, אַרום, — שטייען צעשיט, מיט אויסגעדאַרטע געדערים אין בויך, די פאַרטריבענע פונעם שאָפּ; שטייען פאַרביסן, און היטן דאָס שניידברעט, האַלטן צוגעשלאָסן דאָס מויל ביי דער ניי־מאַשין, — זי זאָל זיין אזוי אנטשוויגן און טויט, ווי זיי אליין זענען עס פאַרן בעל־הבית; שטייען דערוויטערט פון דעם, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אייגענס; און ווי אַ שווערע האַנט וואָלט זיך אויף דעם אוועקגעלייגט, — זיי זאָלן זיך מער נישט קענען דערצו צו־רירן . . .

און איבער די פייער־לייטערס, שווינדל־טרעפּ, אויף די גלייכע ווענט, גייט ער, דער סקעב, ווי כ'זע אים: א דאַרן, אַ ביינערדיקן, מיט אַרומגעשניטענע אויגן, שאַרפע ברעמען; גייט געלאָסן, זיכער, — ווי ער וואָלט קיינמאָל אויף זיין לעבן א מענטש אויפן נאָגל פונעם פוס נישט אָפּגעטרעטן, און זוכט אים צו געבן א האַנט, דעם בעל־הבית:

— העלאָו, באָס!

איינער אליין, און אפשר איינער צווישן געציילטע, נאָך אזוינע ווי ער, גראָבעלט ער זיך ארום אינעם שאָפּ, וואו צענד־ליקע, הונדערטער, — האָבן לייכט און פריי זיך באַוואויגן, אומגע־וואָרפן, און שאפנדיק געאַרבעט; דער אייביקער אונטערגרעבער פון יענע אַלע ארויסגעוואָרפענע, וואָס שטייען דאָרט אונטן, הינטער דער

טיר פון דעם הויז; די איביק־שווארצע שפין, וואָס פאַרוועבט די מאַט־טויטע געזיכטער ביי די ארבעטאַרער, און זוכט צו ירשענען איבער א גוואלט זייערע צוגערויבטע מאַשינדלעך.

די אויגן זייערע זוכן אים, — די שוואַרצע, טינט־שוואַרצע אויגן; זייערע פיס לענגערן זיך, און די הענט ציען זיך, ווילן ערגעץ דערציען אין דער הייך, אז דער אויסגעשטרעקטער קאָפּ זאָל קענען דערגרייכן א פענצטער איבערן זיבעטן, איבערן ניינטן, עלפטן שטאָק, — און א קוק טאָן צו אים, צו דעם סקעב:

— סקעב, א בראָך זאָל דיך טרעפן!

זיי ווייסן: אז ער ארבעט, און אז דאָס ארבעטן זיינס איז אזוי מאָגער, קאַרג, נישט שפּאַרעוודיק, נאָר וואָס ער מאַרדעוועט ז י י דערמיט אויס, און מאכט ז י י דעם טויט.

ער ווייסט פיליכט נישט פון זיין חטא, דער סקעב, כאָטש: זיין וועג גייט נישט גלייך מיט דער טיר, נאָר משופּע, קרום, איבער דעכער, פייער־לייטערס, און „רופס”; ער פילט נישט דעם פאַרברעך, גראָד ווי דער יעניקער וואָס די ליפּן שאַרצן זיך אים איבער די ציין, נאָכקוקענדיק עפּעס א נקבה אויף א הינטער־געסל, וואָס ער וויל אָנקריגן; ס'ציט אים אין בלוט צו סקעבן, ווי ער וואָלט מיט דעם געווען איינער און אזוינער, וואָס שפּירט אין זיך א כח צו קענען טרעטן א סך, און זיי פאַרפּייניקן; עס טראָגט אים אָן אומעטום וואו עמיץ ווארפט די ארבעט, מפקיר זייענדיק וייב און קינד, און נאָכמער זיך אליין, — און באַפאַלט זיי ווי א בייזע קרענק; יענע קרענק, וואָס פאַרצערט דעם סטרייק, עסט זיי אויף, עסט זיי מיט אלעם אויף.

1926

צווייטער טייל

איסט סייד

איסט־סייד

וואו מ׳שטאַרבט פון הונגער,
און וואו, — פון עסן.

נידעריק, דרום־מזרח זייט פון שטאָט, כמעט ווי מיט א שפּיץ אינעם „איסט־ריווער" אריין, ארום וועלכן דער בעל־הבתישער טייך פּארדרייט זיך מיט גאוה, אַנקומענדיק פונעם גרויסן ים, — און גאַרטעלט ארום פון איין זייט דעם מאנהעטן־אינזל, ביז צום לאָנג־איילאנד סאַונד; דאָ, אויף דער לינקער זייט שטאָט, וואו ס׳הייבן אָן א קאפּויר־גיין, איינע ביי דער אנדערע, ווי צענומענע פינגער אין א האנט, — ברום, גרענד, מאָנראָו, דהענרי, טשערי, דער סאַמע אָרימסטער טייל, — ליכטיקן הייזער פּינצטערע, אַנגעפּראָפּט ווי די „טשיקען־קופּס", ביז אָן דער בין, מיט מענטשן. די הייזער, — אסך פון זיי זענען אַלטע און קאַלטע, אָן באהייצונג, מיט דעם ליבן־גוטן קויל[ן]־„סטאָף", און מיט באלייכטונג אַנגעוויזן אויף די „סקיי־לייטס". אויפן ערשטן גאָרן אז מ׳קומט ארויף, — מוז מען זיך נעמען די אויגן אין דער האנט אריין. אויפן צווייטן ברויך די מראה פון טאָג זיין א שטענדיק גראָע; אויפן דריטן, מאָ, — איז שוין נישט אזוי ווייט פון הימל; אויפן פערטן, אויפן פינפטן און אויפן זעקסטן שטאָק, ווער ס׳קען קלעטערן, — העכער זענען זיי שוין נישט אין דער געגענט, — האָט יענער פאַר דאָס ליכטיקייט פאַר אַלע וואָס דילטשען אין די נידעריקערע שטאָקן, און מ׳וואָלט זיי דאָס אפילו געקענט פארקויפן.

די הייזער, אַלע ווי איינס, — האָבן אויף זיך די יאָרן. ווי לאָנג ברויך דאָ א הויז שטיין, — ס׳זאָל זיין אַלט? אז, סך־הכל (רעכנט מען נישט אויף מער, ווען מ׳שטעלט עס, — ווי אויף ניינציק יאָר, ס׳זאָל זיך האַלטן אויף די פיס). מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, עפּעס מער־ווייניקער, האָבן זיך דאָ, כאָטש ס׳איז דער עלטסטער טייל שטאָט, — גרינגע ווינטעלעך אראָפּגעגליטשט איבער די גרין־באגראָזטע פעלדער, אין טייך אריין. ס׳איז נישט אין פּראָג, אין

קראָקע, וואו א דהויז איז צוגעקניפּט מיטן נאָפּל צו דער ערד עדי־עד; זעקס־זיבן הונדערט יאָר איז א קיי און א שפּיי, און ס׳הייסט ביי דער היגער עלטער, — א זייגלינג... זיי זענען דאָ, אויף ד י יאָרן, — ווי מ׳זאָל נישט וועלן קוקן, — אלט און צעקנייטשט ווי אָפּגעטראָגענע בגדים, באַבעס... און אפשר, ווייל זיי זענען לכתחילה געבוירן געוואָרן מפלונגען; נישט אויסגעמויערט סאָליד פון א שטיין מיט א שטיין, נאָר צונויפגעסטריגעוועט טאנדעטנע: פון א ברעט מיט אָ בלעך, אביסל ניכטערן שפּייעכטס; גאנצע גאַסן אזוינע, איסט און וועסט־סיידער גאַסן מיט הייזער, — פון א ברעט מיט א בלעך און ניכטערן שפּייעכטס... זיי ליגן צונויפגעשטופּט, איינע אויף דער אנדערע, אזוינע שמאָלע ווי די קישקעס, און נעמען אוועק, ס׳רוב, פינף און צוואַנציק פוס ביי דער גאָס פון פאָרענט אויף הונדערט אין דער טיף אריין, א „סיטי־לאָט״, פון וועלכן ס׳פאַלט נאָך אַראָפּ א יאַרד, — אויפן שפּיץ־מעסער. די אריינגאַנגען אין די הייזער זענען א מענטש די ברייט. און אז ס׳גייט איינער ארויס ווען דער אנדערער גייט פונקט אריין, אזוי מוזן זיי זיך, ווען זיי זאָלן זיך אפילו זיין די ערגסטע שונאים, — באַרירן. הילצערנע, אייזערנע און שטיינערנע שטיגן, — גייען אַהין און צוריק ווי א שתי וערב פון איין גאָרן צום אַנדערן, ביז אויפן „רוף״ ארויס, וואו מ׳קומט־אָן אונטערן גאָלן הימל, וואָס קוקט צו יענעם ביי נאַכט מיט א פרום אויסגעשטערנט פּנים: „נעם מיך ארום, האַרציקער, כ׳בין דאָ איינגאַנצן דיין!״. שוואַרצע פּייער אָפּלייטערס, אויסגעבויגענע, — באהענגען זיי ווי שפּינוועבס. „טוילעטס״ אין דער האָל. בלויז אין געציילטע, מיוחסדיקע, — זענען זיי אין די שטובן. ארויס, האָבן זיי געברויכט פונעם „בילדערס״ האַנט, די אלע הייזער, — גאָאַל, דהוילע קאַסטנס (און נאָך א סך פון זיי שטייען אזוי עד־היום, נאַקעט־גאָל, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט!), ווי אויסגערעכנט: אַז זיי וועלן נאָך זיין צ ו ־ ג ו ט פאַר יענע אָנגעלאָפּענע פון אלע עקן־וועלט, — אויף איבערצונעכטיקן, דעם קאָפּ אוועקצולייגן. אבער נאָכן אויסרוען זיך, דערגרונטעווען זיך צו א טישל, א בענקל און א טעפּל, אפנים, נישט אָנגעהויבן צו באשטיין א ז ו י ווי ס׳איז און ו ו י ס׳איז. און זיך גענומען אויסביטן עפּעס בעסערס: אויפן אָרט פון דעם „בעט״־טאָפּ אין דער קיך, — אָ באָד פאָר זיך; עלעקטריק פאָר דער קאָפּטשענדיקער געז־ליכט; א געז־

רעגנדזש אָנשטאָט דעם קוילן־„סטאָף״; און ביי די אַלע גוטע זאַכן, וואָס מ׳האָט געמוזט אויסנאַרן ביים לענדלאָרד דורך פאַרשידענע שפּיצלעך און המצאות, — זענען זיי אַלץ געבליבן, די הייזער, אויס־געלאָטעט און פאַרשמאַטעט; ווי מ׳האָט זיך נישט געזאָלט צערייסן, און פלייסן פון זיי צו מאַכן א לייט, — קענען זיי זיך אַלץ נישט פאַרגלייכן צו די נייע, שווערע, מיט אַלעם־גוטן אָנגעלאָדענע הייזער, וואָס הייבן זיך אויף אונטערן הימל אין דער בראָנקס און אין ברוקלין. נאָר אַזוי ס׳איז ביי יענע אַלע נישט מעגלעך צו דערגרייכן אפילו צו די קנעכל פון זייערע פיס (צוועלף, פערצן טאָלער א רום!), זענען די אַלע דאָ אָנגעשטאָפּט, פון קאָפּ ביז צו די פיס, מיט א געמישטן עולם, וואָס באַשטייט פון יידן, איטאַליענער, פּאָליאַקן, שוואַרצע, — מיט אַזוינע, וואָס זענען נישט ווייט אוועק פון יענע וואָס אין די גרינע יאָרן, ווען מ׳האָט אין זיי בלויז געברויכט, און אויף דערווילע, — דעם קאָפּ אוועקצולייגן.

ווי אין דער גאַנצער שטאָט, ווייסן די גאַסן דאָ אויך נישט, כאָטש זיי זענען וויסט און אָפּגעלעגן, פאַרגעסן און אָפּגעמעקט, — פון קיין שלאָף פאַר די אויגן. איז ביי טאָג און ביינאַכט פאַר זיי איין און דער זעלביקער געשריי, איין און דער זעלביקער געגיי. ווען עס לייגט איינעם אוועק, הייבט־עס א צווייטן אויף, — און דאָס גערויש שטייט תמיד הויך, ציט אַרויף, אַרויף, ווי דער רויך פון א באַשטענדיק פייער, וואָס ווערט קיינמאָל און פון קיינעם נישט אָפּגע־לאָשן... בלויז אין געציילטע שעהן לעשן און קילן זיך די הייזער אויף די גאַסן, און זיי דרימלען צוזאַמט־איין, צווישן איינעמס קומען און דעם אַנדערנס גיין, — ווי אומבאַמערקט פון קיינעמען. דאָס איז אין צווישן־טאָג, ווען דער הימל ווערט איבער דער ערד, און די זון לאָזט זיך אַרויס אים אויסמעסטן, ווי זי וואָלט נעכטן דערביי געמאַכט עפּעס א טעות, אייערנעכטן דערין געוואָרן געשטערט דורך עפּעס א וואָלקן, און פון אַלע יאָרן מעסטן אים נאָך אַלץ ווי געהעריק נישט אויסגעמאָסטן... די ערשטע צו זיין, דאָס כפרה־הינדל, אין זיי — זענען די מאַנסלייט, וואָס לאָזן זיך אַרונטער איבער אַלע שטיגן, אונטערשפּרינגענדיק: סיי די אויסגעשניטענע, וואָס, ס׳מיינט: אַן

דזשאבס, סיי יענע וואָס טראָגן אין זיך דעם לוסטיקן געריש פון בינען, וועלכע לייגן האָניק, ארבעטן און ברענגען אהיים פיידע...
אויף די גאַסן ווידער, זענען די ערשטע, וואָס רייסן אויף די אויגן, — די גראָסעריס, מילך־געשעפטן, קענדי־סטאָרס, וואָס הייבן־אָן אויסקוקן מיט ליכטיקע אויגן, אויף די ווייבער; און צווישן די אלע בעלי־הבתים זייערע וואושט זיך איבער די ליפּן, יידל דער גראָ־סערימאַן, אויסקוקנדיק זיינע ליבע ווייבער, איבערהויפּט די מיסעס פלאָכט, די מיסעס פלעכט און די מיסעס פליכט, פון וועלכע עס באַשטייט דער גאַנצער פינפטער שטאָק פון דעם ראָג־הויז אויף גאָרעק און גרענד סטריט, און וועלכע ער נעמט־אויף מיט גרויס התמדה און ברייטקייט, זיך בייגנדיק אין דרייען, אז זיי הויבן־אָן אָנקומען צו אים, איינע נאָך די אנדערע:
— א גוט מאָרגן אייך, מיסעס פלאָכט!
— א גוט מאָרגן אייך, מיסעס פלעכט!
— א גוט מאָרגן אייך, מיסעס פליכט!
די דריי ווייבער קאַטשען זיך ארונטער פון הינטערן „רוף", רייבנדיק זיך פון פעטקייט אָן די ווענט, צוליב וואָס דער לענדלאָרד האָט מיט זיי אַ ביטערע ארבעט: „דאָס אזוי גיך ווי ער לאָזט „אויספּעינטן" די האָל, איז זי שוין נאָכגיכער אָפּגעריסן". און גיבן אים אָפּ, זייער גראָסערימאַן, אויף זיין ברייטן גוטמאָרגן, מיט א פעטן „אָרדער" אויף „ברעקפעסט", אז ער זאָל זיך דהאָבן ביי וואָס איינצו־רייבן דעם ביילעק. די גראָסערי איז דאָס ערשטע אָרט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויפגעמאכט די אויגן, — וואו זיי קומען זיך צונויף מיט נאָך אנדערע ווייבער פון ד ע ר גאַס און א קעגנאיבער, — פון מעדיסאָן סטריט, פון העגרי סטריט, און ס'גייט זיי נישט אזוי אין קויפן ווי אין רעדן: „ס'זאָל נאָר נישט אונטערגיין ס'ביסעלע רעדעכטס!".
אייגנטלעך נעמען זיי נאָך ד ע ם און י ע נ ע ם אין מויל אריין, — ווען אלע ליגן אין די בעטן; און דאָס, — דורך די טירן פון דער האָל, דורך די „סקיי־לייטס" פון דער יאַרד, — אָבער נישט מער ווי אויף איין צאָן; מ'כאָפּט בלויז איבער ביי דעם מיידל פון פאָרנט, ביי יענעם באַי פון הינטן, צי פון מיטן ארויס, און אזוי ווי מ'קען זיי נישט גרינטלעך צעגעמען און מיט אלע פּיטשעווקעס, צוליב דעם וועקענדיקן בני־בית, וואָס ברויך, קוקענדיק, ארויס פונעם שלאָף, און

אויסגעכאַפּט ווערן צו אַן אַרבעט: „ווי אַזוי קען מען זיין אַזאַ גזלן, צוצרויבן די צוויי־דריי מינוט שלאָף פון זייערע אויגן?" כאַפּט מען זיך דאָ אַרונטער מיט פולע מיילער, דאָס ריכטיק צו צעקייען. זיי ברויכן גאָרנישט, ביים איינקויפן, זאָגן יידלען, דעם גראָסערימאַן זייערן, וואָס זיי ווילן? און אפשר אויך גאָר איינגאַנצן נישט אַראָפּ־קומען נאָך דעם אַלעם, ווי ס'איז מיט אַנדערע, — נאָר דאָס איז בלויז אַ תירוץ אויף צו קומען רעדן, ווייל ס'בייסט זיי אונטער דער צונג... דער גראָסערימאַן ווייסט זייער „ברעקפעסט" אויפן קאָפּ. וואָרן ער נעמט גלייך און פאַר יעדע איינע, אַזוי ווי זי טרעט נאָר אַריבער די שוועל פון זיין קראָם, — אויפשטעלן דאָס אייגענע וואָס נעכטן, אייערנעכטן, און אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר: צוויי־דריי „באָטעלס" מילך (אַזוי פיל, געווינטלעך, ווי די יידענע ברענגט אַרונ־טער ליידיקע „באָטעלס!"). אַ האַלב פונט פּאַרמער־קעז, אַ פערטל קרים־קעז, אַ פערטל מינסטער־קעז אין רייפטלעך, אַ „דאָזן" בראָנע „יוז"־אייער, אַ האַלב „דאָזן" ווייסע קאָך־אייער... דער גראָסערימאַן זוכט, געווינטלעך, אויפצוהייבן ביי יעדן מין פון אַ פערטל אויף אַ האַלב פונט, און פון אַ פונט אויף צוויי, פון איין „קען" אויף מער „קענס", — דער „ברעקפעסט" זאָל זיין וואָס גרעסער. נאָר די ווייבער, וואָס שטייען און וואָרגן זיך מיט גאַנצע גאַסן, למשל: וואָס צו סילוויע אויפן „טאָפּ־פלאָר" האָט מען שוין באַלד מער ווי אַ חודש נישט געזען אַרויפגיין דעם באָי־פרענד אירן (זיי האַלטן קאָפּ!); און אַז די מיסעס פלאַמפּייער האָט זיך שוין ווידער אָפּגעקאָכט ביים איטאַליענער, און זיך געלאָזט אָפּטרייבן (זיי האַלטן קאָפּ!); האָבן זיי, פונדעסטוועגן, אַזאַ שמעקער אין דער נאָז, וואָס דערשמעקט גלייך דעם גראָסערימאַנס שטיקלעך, און ווי פאַרקאָכט זיי זאָלן נישט זיין אין דעם אַלעם, — ווייסן זיי זיך נישט צו לאָזן פון אים:

— כ'וויל נישט היינט מער ווי איין פערטל לאָקס, ר' יידל, — גיט אים די מיסעס פלעכט איבער די הענט, — און פאַרן אַנדערן פערטל, לייגט מיר צו אַ באָטער־פישל; די קליינע ממזרת מיינע איז אָפּגעמאַוסט געוואָרן לאָקס, אפשר וועט איר באָטער־פיש בעסער שמעקן...

— גיט מען איר באָטער־פיש, — רופט זיך אָן די מיסעס פלאַכט, — וואָס זאָל איך טאָן, ווען די קליינע ממזורת מיינע האָט זיך ס׳גאַנצע עסן אָפגעמאוסט, און זי וויל צו גאָרנישט צושמעקן?

— אפשר צוויי באָטער־פישלעך? — נעמט זיך דער גראָסערימאַן צו איר, — כ׳האָב היינט אריינגעקריגן באָטער־פישלעך פון בלויז פוטער, אָן פיש, — און מיינט דערמיט שווערער צו מאַכן דעם „אָרדער" אירן...

און די מיסעס פלעכט ווערט זיך נישט:

— אדרבא, אויב ס׳איז פון בלויז פוטער, אָן פיש, — זאָל זיין מיט א באָטער־פישל מער...

אזוי אויך ביי עפּעס אנדערש: איז מיט א האלב פונט פוטער מער, קעז מער, שפּראָטן מער, אייער מער, — זיי ווערן זיך נישט דערפאַר, די ווייבער; נאָר אז ס׳קומט צו ברויט, אז דער גראָסערימאַן וויל זיי אריינרוקן א גרעסער ברייטל, — דאָ שטעלן זיי זיך אים אנטקעגן און צעשרייען זיך אלע ווי די געגנדז:

— סאַ רײין אומגליק מיט דעם ברויט... צו וואָס דאַרפן זיי ס׳ברויט?... אַז מ׳נעמט, קיין עין־הרע, אריין אין שטוב אזוי פיל קעז, שפּראָטן, סאַרדינען, אייער, פוטער; און מ׳כאַפּט פון דעם אלעם בלויז אויפן שפּיץ־מעסער, — איז שוין נאָכן ברויט; און ווען מ׳זאָל יאָ ווענלן צושמעקן דערצו, און זיך פאַרקוקן דאַרויף, — נעמט מען דען פון דעם אלעם נישט־צו מער כח ווי פונעם ברויט? (חוץ, וואָס זיי ווייסן: ברויט האָט אַ סך קראַכמאַל, גיט פעטס...)

— זיי ווייסן גאָרנישט, צו וואָס מ׳דאַרף נאָך האָבן בעקערס? סיי, צו קייק, דאָס לייגט זיך נאָך אויפן שכל: מ׳קען די קליינע חברה אַמאָל דערמיט פאַרבלענדן די אויגן, אז מ׳זאָל אַראָפּנעמען א שטיקל... אָבער, ברויט? אויף ברויט צו באַקן? מ׳דאַרף עס נישט מער... ס׳איז אינגאַנצן אַן איבעריקע זאַך...

— און וויפיל מ׳זאָל דאָס נישט אריינבעמען אין שטוב (אויס מורא פאר גאָט, ס׳זאָל זיך נישט פאַרזינדיקן דערין!), — מוז מע נאָכמער דערפון ארויסוואַרפן מיט די גארבעדזש...

אַז די דריי ווייבער פון אונטערן „רוף", הייבן זיך צוריק ארויף צום העכסטן שטאַפּל, — גיט יעדע פון זיי, אַזוי גיט די יינגסטע, די דינסטע, די מיסעס פליכט, ווי די שווערסטע: מיסעס פּלאַכט, — א פאַל־אַוועק פון די פיס, און נעמען פרייכן ווי די שטאָפּ־געגנדז. וואָס איז דער חידוש? אז פון בלויזן ארויפגיין קען מען בלייבן אָן א האַרץ, אָן אָטעם, און ווי זאָל זיין, — אז זיי האָבן נאָך אזוינע שווערע „בעסקעטס" ארויפצוטראָגן? זיי קענען זיך אָבער נישט פאַרגינען לאַנג אַזוי צו פרייכן, ווייל די שטיבן, וואָס האָבן נאָך האַלב געדרימלט ביי זייער ארויסגיין, — זענען שוין איצט נישט בלויז אויף, נאָר אויך ברייט אויף די פיס; די ערשטע וואָס גיט זיך א נעם, איז די מיסעס פלעכט, צו איר טעכטערל שייני, דעם זיבעצן יעריקן מיידל, וואָס ארבעט אויף זיך אין שפּיגל, מאכט צערעכט די הערעלעך, פאַרבט זיך אויף העל־רויט די דינע ליפּעלעך, און וועלכע האָט דעם עול צו זיין אויף אַכט אזייגער, צו דער מינוט און צו דער רגע, ערגעץ ארום דער זיבעטער עוועניו, אין א שאפּקע, וואו זי איז א פינישערן ביי דרעסעס.

די מוטער:

— זאָל איך דיר אויסקאָכן צוויי שיטערע אייעלעך?

וואַרפט זיך שייני פון זיי אָפּ:

— איינס נאָר.

— דיר אפשר צעשניידן א באַנאַנע אויף סוויט־קרים?

וואַרפט זיך שייני דערפון אָפּ:

— אָ באַנאַנע נאָר אָן סוויט־קרים.

פאַרנעמט זיך די מוטער אויף איר אין א ווײלע ארום:

— פאַר דיר אויפמאַכן א באקסל טאָמייטע־הערינג? באָמבל־בי סעמען? ערשט נעכטן אַרויסגעכאַפּט פון די וואַסערן פון אַלאַסקע... ענדזשאָוועס? שפּראָטן?

— בלויז אַ שטיקל טאָוסט, מאַ, מיט קאַפי.

— און פון קאַפי מיט טאָוסט וועסטו האָבן כח צו ארבעטן? — קוקט אויף איר קרום די מוטער.

— כ'נעם אויף זיך צופּיל, — וואַרפט דאָס מיידל דער מוטער אין פּנים אריין, — כ'בין לעצטע וואָך ארויף אויף א פונט מיט דריי־פערטל, — און כ'מוז דאָס זען אראָפּצוואַרפן פון זיך...

— די מיסע פלאַכטס זינדעלע, הערי, וועט נישט וועלן שטיין ביינאַכט מיט דיר אין דער האַל, אז דו וועסט זיין שווערער מיט א פונטל צי דרייפערטל? דו מוזט דורכאויס זיין אזוי דין, אַז דער ווינט זאָל דיך קענען אוועקבלאָזן? — זוכט איר די מוטער צו שטעכן.

אויף דעם האָט דאָס שוין זיבעצן יעריקע מיידל, שייני, גאָר נישט צו זאָגן, נאָר טרינקט אויס, ווי זי האָט געזאָגט, דאָס שעלכל קאווע, טוט צוויי־דריי ביס אריין אין דעם שטיקל טאָוסט, און גייט ארויס פון שטוב, אפילו אָן „א גוטן טאָג, מאַ."

און אַזוי ווי ביי דער מיסעס פלעכט מיט דער גרויסער טאָכטער, שייני, נישט אַנדערש אויך ווי אזוי: אין דער צווייטער טיר, דערנעבן, — ביי דער מיסעס פלאַכט, מיט דער קליינער שוירלי; צוזעענדיק ווי יענע האָט געהאַט א ביטערן אָפּשניט ביי דער גרויסער טאָכטער אירער, — גייט זי שוין פאַרדאָס צו צו דעם ניין יעריקן סקול־מיידעלע, מיט אַן אייזערנע האנט; און זי פרעגט איר נישט איבער אזוי לאַקאָנע ווי יענע, ביי דער גרויסער טאָכטער אירער: „זאָל איך דיר געבן דאָס? זאָל איך דיר געבן יענץ?" (זי צאָלט שוין דען אריין אין שטוב, אַז זי זאָל פאר איר ציטערן?), נאָר שטופּט איר גלייך אין מויל אריין:

— נאַ, עס־אויף דאָס אייעלע...

די קליינע שוירלי פאַרוואָרפט ס'קעפל ווי א טויב, און אז די מוטער זאָל נישט זען, גיט זי א קיי און א שפיי...

— נאַ, עס אביסל פאַרינע מיט מילך.

און אַז דאָס קינד האלט פעסט פאַרמאַכט דאָס מיילכל, לאָזט נישט אריין אין זיך דעם בייזן לעפל פאַרינע מיט מילך, — אזוי גיט עס שוין די מוטער אָן רחמנות א זעץ אין זייטל:

— אַזאַ קליין ממזרת! כ'האָב נאָך דערוויל נישט פאַר דיר וואָס צו ציטערן, — אַז דו וועסט דיך פאַרדרייען צו מיר מיטן היגטן; וואָרן, ביז דו וועסט מיר ברויכן אריינגעבן אין צושטייער, — וועל איך שוין אָנשפּאָרן אין ברוקלין (אז מ'זאָגט: ברוקלין, מיינט דאָס, — בית־עולם).

שוירלי פֿאַרגייט זיך אין וויינען. פֿון די אייגעלעך לויפֿן געדיכטע ריטשקעלעך טרערן, און עס שלינגט די לעפֿל פֿאַרינע מיט וואַרימע מילך, ביז ס׳גיט איר אַ פֿאַרקלעם ערגעץ ביים האַרצעלע, און, בוך, — אַראָפּגעבראָכן אַלץ און אויף אַמאָל צוריק אין טעלער אריין; דער טעלער ווערט צוריק פֿול און ס׳בייכלע ביי איר ליידיק. דעמאָלט שטילט זיך שוין די גוטע מאַמע איין: „אויסברעכן זאָל זי נאָר דאָס אַראָפּגענומען!", און בעט איר איבער צום אוועקגיין אין סקול מיט אַ ניקל:

— נאַ דיר אַ ניקל אויף אייזקרים, נאָר זאָלסט אים ניט פֿאַר־שפּאַנדירן אויף עפּעס אַנדערש...

די קליינע שוירלי איז נאָך נישט אַרונטער פֿון די שטיגן, — כאַפּט זי שוין אַ קוק אין דער אינוויינינקסטער שטוב, וואו איר קדיש, הערילע, ליגט פֿון אַ גוטע מינוט אויף, פֿאַרגראָבן אין עפּעס אַ בוך, — און נעמט זיך צו אים:

— וועסט אַראָפּגיין עסן, הערי; כ׳וויל מיך וואָס פֿריער אָפּקומען מיט׳ן ברעקפֿעסט, — כ׳ברויך צוגיין אַ קוק טאָן אין דער רעליף...

גיט ער זיך אַ וואָרף אַרויס, דער בחור, אַ שפּרונג אין דעם באַד צימער, אַ וואַש און אַ שפּריץ איבערן קאָפּ, און זיצט איבער אַ מינוט אין דער קיך: אין די בלויזע הויזן, שטעק־שיך, מיטן העמדל אויפֿן לייב, אַ נאַסן אָפּגעצוואָגענעם קאָפּ, און הייבט זיך אָן אויסביטן ביי דער מוטער:

— עפּעס אַ פּעט שטיקל לאָקס פֿאַר מיר, מאַ?

— עס שטייט דאָך דיר פֿאַר די אויגן, הערילע, — ווערט זי אויפֿגערוימט, וואָס ער מאָנט זיך דאָס ביי איר, — גלייך פֿון בויך אַוועק...

— און אַ גרינעם פּעפּער? אַ שטיקל קיו־קאָמבער, אַ טאָמייטע, און...

— כ׳גיב עס דיר שוין, הערילע, אַרויס פֿונעם אייזבאָקס... ער ברעכט זיך דערמיט... דאַ־אַ, האָסטו אַ גאַנצן פּלייט מיט וועדזש־טייבלס... זאָל איך דיר אויך מאַכן אַ גריג־סאַלאַד?

— יע, נאָר מיט אַ סך מאַיענעיז...

— כ׳וועל דיר זשאַלעווען מאַיעניעז? און שפּראָטן? און סאַר־דינען? פֿאַר וועמען האָב איך עס אַרויפֿגענומען, פֿאַר זיך? וויל נאָר אַזוי פֿיל...

און די גדולה וואָס ער עסט, — צעפּאַלט זיך איבער איר פּנים, ווי זי וואָלט ביי אים געהאַט אַ באַצאָלונג פאַר דעם קליינעם מיידעלע אירן, פאַר שוירלי (זי געדענקט נישט, — דאָס הערילע אין אירע יאָרן, איז נאָך ביטערער געווען, און זיך אויך נישט געלאָזט שטאָפּן!). נאָר פאַר דער האַנט ברויך זי זיך דעריבער נישט קעפּן מיט אים, — ער עסט.

אויפגעמונטערט פון אים, נעמט זי זיך צום אלטן אירן: (אלט — עפּעס אריבער די פּערציק).

— וואָס וועט זיין מיט דיר, פלאַכט? דו וועסט עפּעס היינט עסן?

באַווייזט זיך דער אַלטער אירער אויף דער שוועל, א צעקנייטשטער:

— אַ לויז איי... אַ פריש שטיקל קענטעלאופּ... אַביסל קאָרנ־פלעקס מיט מילך...

— האָסט נאָך אלץ א שווער טראָגן? — קוקט זי צו אים, — מ׳ברויך דיך צוזען ווי א קינפּעטאָרן?

לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ:

— כ׳וואָלט אַלץ געגעסן, נאָר כ׳האָב מורא פאַרן מאָגן, ער זאָל מיר נישט דערציילן א מעשה...

— כ׳האָב נישט געזען גאָר, אז דו האָסט געזאָלט האָבן צו טאָן ביינאכט מיטן מאָגן, — הייבט זי די אקסלען, — ביסט געשלאָפן ווי א טויטער.

— אַז כ׳נעם נישט אַראָפּ גאָר, איידער כ׳גיי אין בעט אריין, — לאָזט ער מיך שלאָפן; און לאָמיך עפּעס פּרוואוון ארייננצולייגן אין אים איידער כ׳מאַך צו די אויגן — נעמט ער זיך גלייך וואַרפן, צאַפּלען ווי אַ געבונדענער, אז כ׳קום אום ביי אים...

— דו גייסט דאָך איצט נישט שלאָפן, נאָר ביסט ערשט אויפ־געשטאַנען... נו, מעגסטו דיר פאַרגינען אביסל געדיכטע סמעטענע מיט סטראָבעריס, אַ שטיקעלע לאָקס אויפן שפּיץ מעסער...

שטייט ער ווי איינער וואָס קען זיך נישט אוועקרייסן פון דעם אַלעם גוטן:

— בייטאָג, מיינסטו, וועט ער מיך שוינען? און אז כ׳וועל אים דאָס ווייזן, וואָס דו ווילסט מיר געבן, — וועט ער מיך נישט אָנכאַפּן ביים גאָרגל? און א סך קוקן, וואָס ס׳איז בייטאָג?

לאָזט זי אַראָפּ דעם קאָפּ אירן:

— מילא, דו גייסט שוין עפּעס אזוי לאנג אינעם גאָווערניר האָס־פּיטאל... געגומען פּיקטשעס.... וואָס קלערן זיי צו טאָן מיט אים?...

לאַכט ער:

— אים אָפּשפּרעכן אן עין הרע... וואָס קענען זיי טאָן מיט אים?...

— האָבן גאָרנישט קיין שום רפואה? — קוקט זי מיט אָפענע אויגן אין אים אריין.

— שניידן! כ'זאָל מיך קומען לאָזן צעשניידן פון זיי, דאָס וואָס זיי ווילן...

— און אזוי, איז דען אַ לעבן? — קרעכצט זי אָפּ, — א לויז איי, קאָרנפלעקס מיט מילך... פאַר א מאַן אין דיינע יאָרן... ביסט דאָך נישט קיין אַלטער מענטש נאָך... ס'פעלט דיר נאָך היבש צו די פופציק... דהיינטיקע ציטן הייסט דאָס נאָך יונג... און אז דו זאָלסט דיך נישט קענען צוזען מיט א לעבעדיק שטיקל סטייק, — דהאָסט דאָך געפּלעגט צו ווערן די כפּרה פאַר א רויען סטייק; אויפ־הערן זיין א שאָטן הינטער די ווענט, און אויך פאַרבלאָנדזשען אויף צוויי־דריי טעג אינעם שאָפּ אריין, אויף וויפיל ער קען דיך ברויכן, — אויף וואָס ווידער איז דאָס גאַנצע ארומדרייען זיך?

שפּעטער, אַז די דריי ווייבער זענען זיך שוין מיט אַלעם אָפּגעקומען, און זיך אליין אויך גוט צוגעזען, אָרנטלעך אונ־טערגעטליקעט, — נעמען זיי פאַרוימען דאָס איבערבלייבעכטס פון די טישן, זיך האלטנדיק דערביי צווישן די אָפענע טירן. און אזוי ווי עס רייסט ביים הארץ: ס'זאָל א סך פון דעם, וואָס מ'האָט ארויפ־געגומען פון דער גראָסערי, — ברויכן גיין פאַרן מיסטבאַרל, מוזן זיי (ווי פאַרענטפערנדיק זיך דערמיט וואָס זיי זענען מעלה־גירה ווי די בהמות) דאָס אליין, אויף וויפיל זיי קענען, — אויפעסן. און ווידער נישט ארויפנעמען פון דער גראָסערי, פון די פושקאַרטס, — ווי אזוי זאָל מען דאָס נישט, אז ס'איז אויף אַלעם אזא זול: א פעני אַן אָראַנדזש! דריי מאַנדארינקעס פאַר איין פעני! צוויי „גרעי־פרוטס״

— א ניקל! דריי סענט א פונט „גרייפס!", פינף סענט א „פיינאַפּל!" אַ גאַנץ „דאָזן" באַנאַנעס, וואָס מ׳קען מיט איטלעכע באזונדער פאַר־שטאָפּן א „סוער", — א דיים! ס׳איז נאָר א שאָד, וואָס מ׳האָט נישט מער ווי צוויי הענט, און מ׳וואוינט אזוי הויך; ווען מ׳זאָל האָבן מער הענט, און אויך וואוינען אביסל נידעריקער, — אזוי וואָלט מען זיכער געזען נאָכמער אריינצונעמען!... און אזוי ווי ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל צוגיין צום טיש... די מענער, — נישט; די קינדער, — מ׳זאָל זיי דערהרגענען, ווילן נישט צושמעקן צו גאָר; און אליין דאָס אלץ אויפעסן, מ׳זאָל אפילו וועלן, קען מען נישט, — אזוי ווערט דאָס באַרל פאַר דער טיר אין דרויסן, געשוואָלן; און די קעץ האָבן א טייער לעבן... פויזען ארום אזוינע פעטלייביקע, אויף די בייכער... און אויב מ׳לייגט דאָס נאָך לכתחילה אריין אין אייזבאקס, איז עס בלויז פאַר הארצווייטיק, — מ׳זאָל עס כאָטש נישט באלד, ווי מ׳האָט עס ארויפגענומען פון דער גראָסערי, און עס פאַרשמעקט נאָך די שטיבן, — ארויסוואַרפן; נאָר דערנאָך ערשט, ווען ס׳וועט אביסל צוגעלעגן ווערן, שוין זיין קאַליע, באקומען א טראַנטש, ווערן עטוואָס טוכלע און נישט מער אזוי פאַרייסן...

— מילא, מיר מוזן טאָן ס׳אונדזעריקע, — באוויינען דאָס די ווייבער אויף דער קופּע, אויס מורא, זיי זאָלן זיך נישט פאַרזינדיקן, — און אויף וויפיל מ׳קען, זעט מען אוועקצורייסן ביים באַרל, מיט דעם וואָס מ׳עסט אליין אויף... איי, וואָס ס׳גייט אין די פּיס אריין, און זיי ווערן ווי די פלעקער?... איז אלץ בעסער, ווי ס׳זאָל גיין אין די קעפּ אריין, און זיי זאָלן, באַהיט ווערן, — ברויכן ווערן ווי די פּיס!

— די קליינע וויל נישט צושמעקן דערצו, און דער אלטער מיינער, וואָס וואָלט עס נעבעך איינגעשלונגען, — קען ער דאָס בלויז מיט די אויגן, אָבער צורירן זיך?... — באוויינט די מיסעס פלעכט איר מאַן.

— וואָסי, אייער מאַן איז אויך אין דר׳ערד מיטן מאָגן? — קוקט אויף איר די מיסעס פלאָכט.

— נאָר וואו דען איז ער מיט אים, אויב נישט אין דר׳ערד? בלויז אייער מאַן האָט אים דאָרט?...

— און אויב מיינער האָט אים נאָך נישט, — מישט זיך אריין די דריטע, די מיסעס פליכט, אויך אַזאַ חכמה, — וועט ער אים האָבן; ער האָט נאָך נישט אויסגעלעבט זיינע יאָרן...

— וואָס האָט איר אים אזוי אויסצולייגן? — באַפאַלן איר די אַנדערע צוויי ווייבער, — איר מיינט, ס'אַזאַ באַ'טעמטע זאַך? מ'זאָל יעדן טאָג ברויכן אַרויפברענגען א פולן בעסקעט, און א האַלבן אריינוואַרפן אין דער גארבעדזש־קען? (נישט די לעבער זייערע אין מאָגען, נאָר וואָס זיי באַווינען!)

— הלואי זאָל ער אים אזוי נישט האָבן, — וויל זי זיך נישט אונטערגעבן, די יינגסטע און די דינסטע צווישן זיי, די מיסעס פליכט, — ווי ער וועט אים יאָ האָבן. א מאָגן, אז מ'לייגט אין אים, קיין עין הרע, אזוי פיל אריין, — מיט וואָס איז ער מער פון א בעסקעט? אַז אַ בעסקעט רייבט זיך אויס, ערשט ווען ער איז „געווייערט" און פון „אוילקלאָוט," — זאָל זיך א מאָגן נישט אויסרייבן? וועט א מאָגן זיין שטאַרקער פון „אוילקלאָוט?"... מיינער איז, אָן שום נ'האָרע, אַן עסער... ביי א סטייק פון א פונט מיט א פערטל, — פאַרקרימט ער זיך: „כ'האָב אים גאָרנישט געגעבן!" א האַלב עוף האָט ער אויף איין צאָן...

— באַרעדט נישט אייער מאַן, — ווערט אויף איר די מיסעס פלאָכט אָנגעצויגן, — ער איז נישט אזוי שלעכט צו אייך... א מאַן, וואָס האָט איר צו אים?... וואָס ער ברויך א סך אריינ־לייגן?... ס'איז דאָך אייך וואויל!... אַ מאַן, וואָס גרעסער ס'איז ביי אים דער עסער, איז פאַרן ווייב אַלץ בעסער...

— אַ שווערער ארבעטאָרער, — וויל איר די מיסעס פלעכט אויפטאָן, — אז ער קומט אַהיים, — איז ער אויסגעהונגערט; ברויך מען פאַר אים ארויפלייגן אויפן טעלער...

— ווען ארבעט ער? — לאכט די מיסעס פליכט פון זיי, — אז ס'רעגנט; וויפיל טעג אין חודש רעגנט? דריי? און סטייקס הייסט ער זיך פרייען יעדן צווייטן און דריטן טאָג... און אין דעם טאָג וואָס כ'גיב אים נישט קיין סטייק, — מוז זיין טשיקן, זופּן־פליייש, — אַ שטיק פלאַק מוז ער אלץ האָבן!... און געלט דערויף?... נאָכדעם זאָל איך גיין וואו איר גייט, וואו אלע גייען, — צו דער רעליף... די רעליף, זאָגט ער, האָט גענוג געלט...

— נו, איז וואָס? — האַלטן דאָס די צוויי ווייבער נישט פאַר קיין עולה, — ס'איז דאָך נישט אויף פלאָרידע... און אפילו נישט אויף צו פאָרן אין די מאָונטענס... נאָר אויף פלייש... אויף פיש... אויף אָראַנדזשעס... זאָלט איר אים דערפאַר אָפּשפּאָרן דערפון, ווייל ער ארבעט קנאַפּ?...

II

די אַלע הייזער אויף דעם שפּיץ ערד, וואָס אינעם „איסט־ריווער" ארייך, — אזוי ווי זיי האָבן זיך געבויט, געפלויגן אונטער די הענט; ווען די אַנקומענדיקע מענטשן פון אלע עקן־וועלט, זענען געלעגן אויף די בלויז אָ נ ג ע צ י י כ נ ט ע גאַסן, געהיט זייערע פעק און זעק, און ווי אָפּגעוואַרט, — ביז ס'וועט ז י י זיין וואו אריינצוטראָגן; אין דער גרויסער פאַרכאָפּעניש פון יעדער אייל ערד, — פאַר הייזער, פאַר הייזער און פאַר הייזער, האָבן יענע, וואָס האָבן געהאַט אן אויג פאַר דער אַנקומענדיקער שטאָט, וואָס איז געקומען פון אלע אָפּגרונטן, — זיך צווישן זיי אריינצושטופּן, ווי שווער אָדער גרינג ס'האָט זיי נישט געזאָלט אָנקומען, — מיט א סקול, און נ אָ ך מיט א סקול, און נ אָ ך מיט אַ סקול, ווי זיי וואָלטן געפילט, אז לא על הלחם לבדו יחיה האדם! און אז צום וואוינען, און צום עסן וואָס די מענטשן וועלן זיך איינשאַפן, — וועלן זיי אויך וועלן אַ שמעק טאָן צו א ספרל... און אזוי ווי עס זענען דאָ פאַראַן, ווי אומעטום, נישט צו פאַרזינדיקן, — סקולס, אפילו נישט אזוינע שיינע, באַשמעקטע און ליכטיקע ווי אין דעם יינגערן ניו־יאָרק, וואָס האָט זיך שוין געבויט דערנאָך, פיל רואיקער און געזעצטער, — זענען זיי דאָ אָבער אויך נישט ווייניקער ווי יענע, און דעם שיינעם פנימל, פול מיט תורה.

און אויך דאָס האָט מען, אפנים, געוואוסט: דאָס וואו א סך מענטשן קומען זיך צונויף אויף איין אָרט, ס'ווערט א קיבוץ, איז נישט מעגלעך, — ס'זאָל נישט וועמען אָנעמען א חשק צו גנבענען, צו גזלענען, רצחענען, הרגענען, עפּעס ארויסרייסן ביים אנדערן פון דער האַנט (פון מויל, מאכט נישט אויס. — דאָס איז מותר!), אזוי האָבן זיך איבער דעם אריינגאַנג פון איין הויז אָנגעצונדן צוויי בלאָליכצע

לאַמטערן, און אויגן פון שלאַע פּאַליסלייט גענומען פאַרבעטן צו זיך מיטן קוק דעם און יענעם, וואָס ס'איז זיי נישט געפעלן: „קאום היער, זיי מוחל, און מיר וועלן דיר געבן א לעקציע (ווער ווייסט, אויב נישט קיין „טוירד דיגרי?") אין הלכות אָרנטלעכקייט, — זאָלסט דיך וויסן ווי צו באַנעמען קעגן דעם אנדערן"... מ'האָט אויך אויסגערעכנט: דאָס אזוי ווי צווישן לעבעדיקע באַשעפענישן קען מען זיך אָן פייער נישט באגיין, — און ס'קען זיך נאָך צעבלאָזן א פונק אין אזוינע דהעלישע פלאַמען, וואָס ווייסן נישט צו שאַנעווען דאָס אָנגעקליבענע גוטס, און איבערהויפּט, — די מענטשן אליין, און זיי פאַרברענען ווי סנאָפּעס שטרוי, — האָט זיך אויף א צווייט אָרט אוועקגעשטעלט א פייערוואָגן מיט פייערלייט: „ס'מעג שוין איצט אויך ברענען!"; און אזוי ווי דאָרט, וואו דער זינדיקער בשר־ודם קומט און ס'ווערט א ישוב, ווייסט מען דאָך, — אז ס'קומען מיט־אים מיט אלערליי בייזע קרענקען (נאָר ווי דען, זיי וועלן אויסבלייבן אין אלע פוסטע וועלדער?), וואָס לויערן אויף אים און אויף זיין שטיקל געזונט, — מיט ווינטן, מיט קעלטן, היצן, און זוכן אים נישט בלויז צו לייגן שטיינער אויפן וועג (דאָס וואָלט שוין נישט אויסגעמאכט!), — נאָר אים אינגאנצן אומברענגען; איז נאַטירלעך, אז ס'האָט זיך געזאָלט פאַרנעמען א גרויס שטיק ערד מיט א בנין; און וואָס די שטאָט האָט אלץ מער אויף זיך גענומען, — מער בנינים, וואָס האָבן זיך צום סוף אָנגעלייגט ווי איינע אויף דער אַנדערער, אין א קופּע, מיט דורכגענגען, געדרייטע קאָרידאָרן, שטיגן און שטאָקן, און זיי אָנגעפילט מיט אַזאַ זיסלעך טערפּקען ריח פון קאַרבאָל, יאָד, כלאָראָפאָרם, — דער גאַווערניר־שפּיטאָל.

נאָר איין זאך, וואָס מ'האָט נישט געקענט פאַלן דערויף, און דאָס אויסרעכענען בשעת־מעשה, אויף דער הייסער מינוט, ווען ס'האָט אלץ געפלאַמט און געברענט; הייזער אָנגעלאָפן מיט אלע וועגן; ווענט געפלויגן פון אונטער די הענט; גאַסן זיך פאַרמירט און ברוקירט; און ס'האָט זיך באַזעצט ווי א מאַמע, א שפּיטאָל; זיך פאַרנומען ווי א שטרענגער טאַטע, — א פּאָליס־סטיישן; אריינגעקליבן א פייער־דעפּאַרטמענט, אַ „העלט־סטיישן", א דעי־נוירסערי, — אָנגעקומען נאַטירלעך, איינע ביי די אַנדערע און טריט ביי טריט מיטן ברויט און מעסער. עפּעס אזוינס, וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט אויף

גאַנצע צוויי הונדערט יאָר, און ס׳האָט, אפנים, פריער נישט געקענט געבוירן ווערן, ביז מ׳האָט זיך שוין געהאט איבערגעפרעסן מיט די אַלע הייזער, מיט די באַנען, מיט די ראָודס, אויטאָמאָבילן, און אָנגעהויבן צוריק אָפּגעבן, — ברעכן דערמיט; ס׳איז געוואָרן א צייט פון קוימענס אָן רויך, פון שטייענדיקע פאַראַנקערטע שיפן, פון צוגעשמידטע צום אָרט — רעדער. און א טיפע, געדריקטע שווערקייט (דעפרעשן, בלע״ז), האָט אַלץ נידעריק אראָפּגעבויגן, ביז צו דער סאַמע פלאַך, אז ס׳זאָל זיך קענען גלייכן מיט דער ערד... דאָס הויז, — גלייך מיט דער ערד; די פאַבריק, — גלייך מיט דער ערד; די באַן, — גלייך מיט דער ערד; און ס׳איז נישט געבליבן גאָר מער וואָס זאָל זיין העכער פון איר... איז אזוי נייטיק ווי דאָס שפּיטאָל פאַר די מענטשן, און אפשר נאָך נייטיקער; ווי דער פּאָליס־סטיישן, ווי דער „העלט־סטיישן", די „דעי־נוירסערי", דער פייער־דעפּאַרטמענט, — געוואָרן, דער צוגעקומענער, מיט צוויי הונדערט יאָר שפּעטער, — רעליף־סטיישן, ווי דאָס ערשטע געבאָט: „די מענטשן ברויכן לעבן!" און דערנאָך, אז זיי ווילן לעבן, — זיי לייגן פייגעלעך אין בוזים; זיי פאַרהיטן פון חולאתן, פון פייער, פון וואַסער, פון גנבות און פון היישעריקן... און דער זעלביקער געשטרייפטער פאָן פון פאַסן און שטערן, וואָס וויגט זיך הויך, מלוכהש, איבער יענע אַלע סקול־געביידעס, געריכטן, — האָט זיך אויך פאַנאַנדערגעוויקלט הויך איבער אַ פּראָסט, אָפּגעריסן הויז; דער זעלביקער „קאָפּ" פאַר דער טיר; און פון אינווייניק האָט עס גערופן צו זיך: „מיר, — פאַר דיר!", וואָס האָט, אלצאיינס, אויסגעמאַכט ווי כל דכפין ייתי וייכל...

ס׳האָט א קלונג געטאָן ווי א גלאָק אין איטלעכנס האַרץ, און פאַר דעם פּראָסטן, אָפּגעריסענעם הויז, וואָס איז אזוי דערהויבן געוואָרן אין אלעמענס אויגן, צוליב דער ליכטיקער פאָן, די פאָן איבער אלע פענער, — האָבן זיך גענומען אויסשטעלן די אלע „בלאַקס": העברי, טשערי, גאַרעק, — אין געשוואָלענע רייען, אין צווייען, אין דרייען; זיי האָבן פאַרוואָרפן דעם בישן, און זיך נישט אוועקגעשטעלט כעני בפתח, נאָר טאַקע משה גרויס, ס׳האַרץ ארויס, דעם קאָפּ פאַריסן אין דער הויך: „מי ידמה לך!" און מיט א סך ליכט און זון אין קול: „נישט מ י ר זענען קראַנק נאָר די ק אָ נ ט ר י; נישט מ י ר זענען אָרעם, נאָר די ק אָ נ ט ר י; נישט מ י ר זענען

געשלאָגן, נאָר די קאָנטרי: מיר זענען די זעל־ביקע, נאָר דאָס לאַנד איז נישט דאָס זעלביקע..." און דאָס ברייטע לאַנד האָט אויפגעמאַכט מויל און אויערן, זיך געלאָזט הערן פון אלע אירע טיפסטע אָפּגרונטן, פּרע־ריעס, וועלדער, טייכן, קוילן־מיינס, מינען פון גאָלד, פון זילבער, קופּער, אייזן, האָלץ: „די מענטשן ברויכן לעבן! אין אַ לאַנד וואָס טראָגט דאָס אַלץ אין איר אינגעווייד, אין אירע געדערים, און קען דאָס געבוירן, — איז אַ פאַרברעכן אז ס׳זאָל עמיץ הונגערן"...

אינווייניק זיצט דאָס פאָלק, ווי די ריכטער פונעם לאַנד, אויף לאַנגע, הילצערנע בענק, — „עסן גייט נישט פאַר קיין טאַנץ!", — און די רעליף, דאָס יונגע, פּאַרפּוצטע, ציכטיקע מיידל, מיט אויס־געוואַשענע לעקעלעך, בלאָע אייגעלעך, קוקט אַזוי ליכטיק צו יעדן איינעם, אין זיין פאַרשווערט האַרץ אַריין:

— ווי לאַנג אַרבעטסטו נישט? און וואָס האָסטו דיר אָפּגעשפּאָרט פון דיין אַרבעט? (חוץ קרענקלעך, וואָס רעכענען זיך נישט...), וויפיל געלט דהאָסטו ליגן אין די בענק? אויף וויפיל טראָגסטו פּאָליסעס?...

אַרום איינס אַזייגער, אז די צוויי ווייבער קומען זיך אָפּ מיט די שטיקלעך שטיבלעך: און אין די קליינע מיידעלעך האָט מען שוין אַריינגעשטופּט, מיט טויט־שוויס און אַנגסטן, — אַ שטיקל זעמל מיט פּוטער, אַ שיטער אַ אייעלע (דאָס באַרימטע שיטערע אייעלע!), אַ קיילעכדיק פּעט שטיקעלע געררייכערטן קאַרפּ, אַ גלאָז מילך מיט טשאָקאָלאַד; און ביז מ׳וועט זיי פריש ברויכן קעכלען נאָך דריי, ווען זיי וועלן זיך מיט אלעם אומקערן אהיים פון סקול, — און ווידער מיט טויט־שוויס און אַנגסטן, — בלייבן איבעריק גוטע צוויי שעה; אזוי גייען זיי אַוועק, און מיט זיי אויך די ייִנגסטע, די גרינגסטע און דינסטע, די מיסעס פּליכט, כאָטש זי דאַרף עס לעת־עתה נישט, — נאָר מ׳קען דען וויסן וועמענס מאָרגן ס׳איז, — צו דער רעליף. ווי געניטע ענדלערקעס האָבן זיי אלעמאָל, אפילו אין גילדערנעם גוטן, — זיך מיט איר אויסצורעכענען: עפּעס, ווי ס׳געשיקט זיך, צו פּאַ־ריכטן, עפּעס פאַרמינערן פון דעם וואָס מ׳זוכט זיך צו זיי, און דאָס מאַכן צו קליין געלט, אָדער נאָך ווייניקער פון דעם, — צו אַש, צו

שטויב, צו דעם וואָס איז אזוי זעלטן דאָ פאַראַן, און געדענקען עס נאָך פון דאָרט, פון וואַנעט זיי קומען, — בלאָטע!

דאָס מאָל האָט מען ביי דער מיסעס פלאַכט אָראָפּגענומען אַ „קאָפּ", אָראָפּנעמען זאָל מען אים נישט אפילו ביי איר ערגסטן שונא, — הערילע; ס'איז דערגאַנגען צו איר, צו דער רעליף, אז ער גייט שוין מיט מזל אריין ארבעטן אויפן פאַטערס אָרט, אין שאַפּ אריין... אזוי וויל זי איר דורכאויס באַווייזן, דער רעליף,—אז גיין גייט ער טאַקע אריין, אָבער פון ארבעטן איז נאָך ווייט... ווייל דער שאַפּ איז אַ מת און נישט קיין שאַפּ... און אַז נישט ער האָט אין אים עפּעס אָפּצו־נייען, נאָר די אַנדערע, וואָס זענען נישט אריין אויף זייערע טאַטעס ערטער; די טאַטעס אַליין, — האָבן דאָס אויך נישט... און זי, די רעליף, האָט זיך שוין אונטערגעאיילט, און אויף דעם וואָס ער גייט בלויז אריין אינעם שאַפּ, — געוואָרן אויס בעל־הבית איבער אים; דער באָס האָט זיך נאָך ריכטיק, צו אים, נישט באַקענט, און זי האָט אים שוין צוגעוואָרפן דעם גט צו די פיס, ווייל פון אים נישט מער הערן און אים נישט מער זען...

ביי דער מיסעס פלעכט איז פאַרלויפיק אַלץ גלאַט און אויסגע־פרעסט (מ'האָט, אפנים, נישט געדהאַט גאָר אָפּצוטראָגן!), און ביי איר נישט קיין קאָפּ, נאָר אפילו קיין פיס נישט לעת־עתה נאָך ארונטערגענומען. נאָר אזוי ווי זי איז שוין מיטגעקומען מיט יענע, — טאָמער ברויך יענע דורך איר עפּעס אויסווייזן אַ גבית־עדות, זיך אָנשווערן, צי וואָס? און אז זאָל זי זיך נישט האָבן אָנגעגאַנגען בחנם, פרעגט זי זיך פאר איינוועגס נאָך אויף אַ צעטל אריינצוגיין אין סטאָר נאָך עפּעס אַ ריכטיקן „קאָוט": „אויב ער קען נישט זיין אינ־גאַנצן פון „פאָר", זאָל כאָטש זיין מיט „פאָר־טרימינגס"; וואָרן, נישט קיין ריכטיגן „קאָוט" וועט זי אויפן לייב נישט נעמען, מ'זאָל איר נאָך צוצאָלן צו אים"...

די רעליף גיט איר צו פאַרשטיין:

— אָז זי קען נאָך פריער גיין אריינכאַפּן אביסל פרישע לופט אין די שטאָטישע פאַרקס, און אויך גוטע לופט, אָן געזאָלין; זי ברויך עס נייטיק האָבן צו איר פנים, וואָס איז אזוי אויסגעבלייכט; האָט נישט קיין נאַטירלעכן קאָליר; און טאַקע אינאיינוועגס דאָרט הערן אַ גוטן סימפאָנישן אָרקעסטער, — עס איז זייער געזונט פאר

די נערדון! וואָרן, ביז צום ווינטער איז נאָך עוד היום גדול, און האָט זיך נאָך א ברירה אליין צו פארדינען אויף א „קאָוט״; און טאָקע אויף אזעלכן, וואָס זי זאָל קענען נעמען אויפן לייב, — און די רעליף זאָל איר דאָס אינגאנצן נישט ברויכן צו געבן...

די מיסעס פלעכט באַשטייט אבער נישט: זי זאָל זיך אליין פאַרדינען אויף אים, נאָר וויל דורכאויס — די רעליף זאָל איר ברויכן געבן אויף אים:

— ווי אזוי, — צעלייגט זי פאר איר א טענה, — אז ס׳מיידל אירס, שייני, מאַכט אפילו נישט גענוג אויף ליפסטיק, אויף פּאודער מיט די אַנדערע שמירעכצער, — וועט זי קענען אוועקרייסן פאַר איר אויף א קאָוט?... און אויב יאָ, וואו איז זי, ס׳מיידל אליין? איז זי נישט בילכער?... און אויף צוויי קאוטס: פאר זיך און פאר איר, — קען זי זיך אפילו נישט נעמען אין זינען אריין... אויפן מאַן אירן האָט זי קנאַפּ וואָס צו דיפּענדען, — ער איז קיין מאַן נישט; ס׳הייסט, ער איז יאָ אַ מאַן נאָר נישט צו דער ארבעט... ער טראָגט זיך ארום מיט א מאָגן, און דער הויז־דאָקטאָר פון גאָווערנער־שפּיטאָל האָט פאר אים איין רפואה: דאָס מעסערל...

לאָזט דאָס שיינע יונגע מיידל, די רעליף, אראָפּ דעם קאָפּ, נישט אזוי ווייט פאר איר, און אויך נישט פארן מאַן מיטן מאָגן, ווי פאַרן דאָקטאָרס מעסערל, — און זוכט דאָס צו מאַכן פלאַטשיק אין אירע אויגן:

— דאָס מעסערל איז פון גאָט, און איז דאָך, לכתחילה, נאָר געמאכט געוואָרן פארן מענטש...

און זי, די מיסעס פלעכט, וואָס איז ביי זיך אזוי תקיף צוליב דעם מאַנס מאָגן און דעם דאָקטאָרס מעסערל, — זאָגט אָפּ דער רעליף ס׳לעבן:

— למען השם, אזוי ווי זי וועט נאָר טראַכטן פון קאָוטס פארן ווינטער, — זאָל זי איר אומבאדינגט דהאָבן אויפן קאָפּ מיט א קאָוט, און טאָקע אויך מיט א רעכטן; כאָטש מיט „פאָר־טרימינגס״, א „סילק־ליינינג״, — אויב ער קען נישט זיין אינגאנצן פון „פאָר״; אזוי, ס׳זאָל זיך האָבן וואָס אָנצוזען אויף איר; און אז זי וועט גיין צו א מיטינג פון די שוועסטערן, זאָלן זיך די ווייבער נישט קענען אויסשטעכן די ציין מיט אים: „סאַ רעליף־קאוט!״

נאָך איידער זיי האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט, רוקט זיך אונטער עפּעס א יידענע, א דזשעניטאָרן, איינע פון די ערשטע וואָס האָט זיך איינגעמאָלדן ביי דער רעליף, אזוי ווי יענע האָט נאָר אויפגעמאכט די אויגן, — און זי קלאָגט ס'חורבן; ס'געוויין קישעט אין איר אזוי שטארק, אז וואָס זי רעדט ארויס, — ווערט דאָס ווי פארפלייצט פון דעם; די רעליף קען איר גראָד נישט פאר אזוינע וואָס זאָל אָפּרייסן די פּאָלעס; און וויפיל מ'בעט ביי איר, — זי זאָל זיך איינשטילן, מ'זאָל וויסן: וואָס עס צעברעכט איר הארץ אויף שטיקער? קען זי זיך אלץ נישט אויסרעדן... נאָר אז די גאַנצע רעליף פאַרלייגט זיך אויף א מענטש, און נאָך אויף אן עלטערע יידענע דערצו, — „וואָס ס'זאָל נישט זיין! זי איז גרייט צו גיין פאר איר אין דר'ערד אריין... פאַר איר אויפמאַכן אלע אירע שאַנץ־קאַמערן, אַלע שפּייכלער, — עד חצי המלכות!", — קריגט מען ערשט ביי איר ארויס, און מיט אַ זאַק טרערן: „די רעליף זאָל איר געבן א דאָקטאָר!" שטעלט זיך די גאַנצע רעליף פאר איר אוועק אויף די פיס: „נאָר איינעם?... אפילו צען... און נישט בלויז דאָקטוירים נאָר אויך מיט א פּראָפעסאָר... ווער איז דער חולה?" אויב אזוי, ענטפערט זי שוין מער מענטש: „דאָס הינטל אירס!" כאַפּט זיך שוין די גאַנצע רעליף צוריק: „דאָס הינ־טל?" און זי נעמט אויסוואקסן פון אן איסט־סיידער דזשעניטאָרקע ביז צו א פאַרליבטע פּרינצעסן, ווען איר פּרינץ איז פאַרשוואכט געוואָרן: „סאַ הינטל? אַ מלאכל! דער טאַטע, — אַ פּאַמעראַניע, און פון א מאַמע, — אַ פּיקאַניז; האָט עס די מאַמעס קעפּל, — פּלאַטשיק, די אויגן, — אין דרויסן, און דעם טאַטנס שאַרפן ווידל"... וויל שוין די רעליף דערגיין: „וואָס ס'איז דעם הינטל אזעלכעס צוגעקומען?" ענטפערט זי: „עס האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן צו ברעכן, און קען נישט מער גאָר אראָפּנעמען... ס'האָט אודאי געמוזט כאַפּן ביי איר א שלעכטן ביסן... כאָטש זי ווייסט אפילו נישט ווי אזוי? אז ארויס פאר דער טיר קומט עס נישט... און זי קאָרמעט עס מיט בלויז טשיקענע לעבערלעך, יונגע קאַליפאָרניער מערעלעך, און מיט די ווייסלעך פון גרייד עי דזשוירזי בייבי אייער"...

III

אַזוי ווי די ביידע ווייבער זענען פֿאַרטאָן מיט דער רעליף, וואָס איז ביי זיי אויפֿן סדר היום פּונקט ווי דער „ברעק־פֿעסט״, דער „סאַפּער״, און ווייסן זיך צו גיין „באַרגענען״ מיט איר, — ווייסן ווידער די מענער זייערע, מיסטער פּלאָכט און מיסטער פּלעכט, — אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען ז י י ע ר „דיוטי״, — צו גיין אין גאָווערנער שפּיטאָל אריין. ווי לאַנג קען מען זיך דאָס אַזוי אַרומטראָגן מיטן מאָגן, ווי מיט אַליידיקן זאַק אויף די פּלייצעס, — מ׳זאָל נישט קענען גאָר דהאָבן פֿון אים? די פֿיס גייען, די הענט טוען, די אויגן קוקן, און קאָפּ איז אויך קאָפּ... אַלע האָרכן זיי, קוקן אין פּנים אריין: מ׳זאָל זיי נאָר זאָגן וואָס צו טאָן, און זענען גרייט צו גיין אין פֿייער און אין וואַסער, נאָר דער איינער מאָגן — איז ווי די וואַנט! רעד צו אים, רעד אויס זיך אַרויס די קישקעס מיט די געדערים... אַ מער: אַ פֿוס, אַ האַנט, אַן אויג, אַן אויער, — איז אויף דעם אַלעם פֿאַראַן צוויי; און אויב איינס נעמט זיך בונ־טעווען, איז, — אין דר׳ערד אַריין מיטן קאָפּ! גייט מען אויף איין פֿוס, און מ׳שלעפּט אונטער דעם צווייטן, — ווי ער זאָל זיך נישט לאָזן... טוט מען מיט איין האַנט... איי, ס׳איז אָך און ווי, — בעסער אַלץ ווי אָן ביידע הענט!... איז איין נאָזלעכל פֿאַרשטאָפּט, — בלאָזט מען מיטן צווייטן, און מ׳קען חלילה ביי איין נאָזלעכל אויך נישט דערשטיקט ווערן... אַז מ׳דערהערט קנאַפּ אויף איין אויער, — איז ס׳צווייטע פֿאַר דאָס מער אָפֿן; אַז אין איין אויג ווערט טונקל, — איז ס׳אַנדערע מער ליכטיק... און ווען מ׳זאָל אויך האָבן צוויי מאָגנס, וואָלט מען דאָך, ראשית, — געקענט מער עסן (איי, ווען מ׳קען מער עסן!), ס׳זאָל נישט דאַרפֿן זיין אַזאַ זול אויף אַלעם; און דאָס איז דאָך אַ גרויסע זאַך! און, צווייטנס, וואָלט זיך דער איינער מאָגן נישט אַזוי געבלאָזן, און אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק געפּיעשטשעט: דאָ, נ אָ ך אַביסל אימפּאָרטירטן עכט־רוסישן מינעראַל אייל, צי גאָר קעלי־מעל פּאָודערס, רעבאַרבערע... וואָס אַ מאָגן קען אַלץ פֿאַרשמעקן?... סך־הכל: איין מאָגן, — האָבן ערשט די דאָקטוירים גרויסע אויגן אויף אים, און ווילן פֿון אים אָפּשניידן אַ שטיקל: „איר וועט אַזוי אויך קענען גענוג אין אים אַריינלייגן, ווען אפילו ער זאָל

נישט זיין אזוי צעפּלאַשעט״... מילא, זאָל זיין מיט א שטיקל קלענער... צי, אפילו מיט א ש ט י ק קלענער... עפּעס וועלן זיי דאָך פון אים אלץ איבערלאָזן, און אויף אזוי פיל, — ס׳זאָל נאָך זיין וואו אריינצוואוואַרפן א סטייק מיט א זויערע אוגערקע און א פלעשל ביר; וואָס קען שוין זיין וויניקער פון א סטייק מיט א זויערע אוגערקע און א פלעשל ביר? אָבער, דאָס אוועקגעבן דאָס שטיקל מאָגן, איז שוין גאָרנישט אזוי ווי ס׳רעדט זיך... ווען מ׳זאָל אים, למשל, קענען צונייען ווי עפּעס א בייטל, פאַרשמעלן, און תוך כדי דיבור, „ווייל יו ווייט״, איז, מהיכא תיתי... ברויך מען זיך אָבער צו דעם ערשט גיין אויפגעבן אויף צוויי וואָכן אין שפּיטאָל, און עמיצער זיך פאַר דיר אונטערשרייבן: אז, על כל צרה שלא תבוא, ווי ס׳וועט זיך דערנאָך נישט מאַכן, — זאָל מען זיך נישט אָנהענגען ביי קיינעם אויף דער נאָז!... דאָס אליין פאַרטרייבט דאָך שוין אויף מיילן פון שפּיטאָל!... אויך דאָס ליגן איז שוין גאָרנישט... וואָרן, אזוי ווי מ׳קען זיך אמאָל גאַנץ גוט אויסליגן די צייט ווי קיינמאָל גאָרנישט, קען מען אמאָל, ד׳הו־הו, גאָר נישט אויסליגן אויך (מ׳דאַרף דאָך נישט רעפּערירן א בייטל נאָר א מאָגן!). און זיך דערזען מיט די עלטער־באָבע, אויב מ׳ווייסט נישט ווי זי זעט אויס... און ווידער: נישט איינגיין דערויף, — ווערט פאַרמיאוסט ביי אים ס׳לעבן... אָפּגערעדט: פון דעם קיצלען זיינעם, וואָס איז ווי מיט שאַרפע קלינגלעך פון א מעסערל... מילא: האלט מען זיך צוריק פון שווערע און שאַרפע מאכלים, און מ׳פּויעט אים מיט וואסער און מילך, — אז ער זאָל נישט אזוי דעם טויט מאַכן; איז אבער די צרה, וואָס מיט דעם פאַרענדיקט זיך דאָס נישט, ווייל ער איז מיט אלעם געקניפּט און געבונדן... אז איין פוס, למשל, טוט וויי, — קען זיך דער אנדערער פוס זיין כדבעי; און דאָס זעלביקע אויך מיט אן אויג, מיט אן אויער, מיט א ניר, מיט אן איי, נאָר דער מאָגן, — א רוח אין זיין גנב אריין: לאַ די וואָס ער אליין איז אין דר׳ערד, איז, דורכ־דעם וואָס מ׳קען אים נישט געבן ס׳זייניקע: דעם פּולבלוטיקן סטייק, דאָס געפילטע העלדזל, נאָר וואסער מיט מילך, — הייבט ער אָן אָפּצורעדן די פיס, זיי זאָלן נישט גיין; די הענט, — קנאַפּער צו טאָן; די אויגן קנאַפּער צו זען, די אויערן קנאַפּער צו הערן, ביז מ׳ווערט מיט אלעם לאַ־עליכמדיק... וואָס ברויך מען מער?... אפילו

ס׳האַרץ, וואָס ברויך מען מער ווי ס׳האַרץ, דער געקריינטער מלך אַליין, — ער דערשרעקט זיך אויף פאַר אים, און הייבט־אָן צי־טערן... וואָס א מאַגן איז?... זעסט: ביסט אויף צרות, — ליג איינגעלייגט, וואָס שלעפּסטו זיי נאָך מיט אויף דער חתונה? דו אליין ביסט א קנאַפּער טויט־מאַכער? און מוזט זיי אלע צונעמען פאַר שותפים?

אינעם שפּיטאָל וואו זיי קומען נישט צום ערשטן און אויך נישט צום צענטן מאָל, — קען מען זיי שוין ווי א בייזן שילגער. און דער הויז־דאָקטאָר, וועלכן זיי ווילן נאָך אלץ פאַרדרייען דעם קאָפּ, — צענעמט גלייך די הענט, הייבט־אונטער איין זייט אָקסל: „אלץ וואָס ער האָט געקענט — דהאָט ער פאַר זיי געטאָן! די עקס־רעיס ווייזן אויף א געשוויר, און דאָס וואָס ער האָט נאָך פאַר זיי, איז דאָס זעלביקע ביסל דאוּפ! אויב זיי ווילן זיין געזונטע מענטשן, — מוז מען אים אויסשניידן; קיין שום אנדערע רפואה איז פאַר אים נישטאָ... אָבער ווי לאַנג ער לאָזט זיך נאָך פאַרטויבן מיט דאָוּפּ, פאַרנעמט ד ע ם שלאָפגעטראַנק, — קענען זיי זיך נ אָ ך אָפּנאַרן פונעם מעסער; און קוים וועט דאָס אים אויפהערן צו באַרואיקן, און אלצאיינס, מיטן דאָוּפּ ווי אָן אים, — דערקוטשעך, איז די גלייכסטע זאַך: דאָס מעסער... דאָס שפּיטאָל האָט א מעסער... און ווען זיי וועלן ביי זיך אָפּמאַכן, — וועט דאָס בעטל זיין גרייט"...

און אזוי ווי דאָס איז געזאָגט מער דאָקטאָריש ווי מענטשלעך, אָן א הויך ווארימקייט, — ווערטער געשליפענע, באַר קאַלטע, טויטע, צווישן ווענט פון א שפּיטאָל, וואָס אָטעמט מיט חולאת, מיט יאָד און כלאָראָפאָרם: א גרויסע זאַך דאָ, צו צעשניידן א מענטש? ער ברויך זיך נאָר לאָזן... און זיי ווייסן, אז מ׳גייט צו שניידן, נישט ווייל מ׳וויל עפּעס א „קאַמפּלישן" דערמיט, — דער מענטש אליין איז דאָך א פּראָכעלע . . . און דער עיקר איז דאָס שניידן . . . א חולאת אָזאַ ביי א סך דאָקטוירים... א יצר הרע... נו, איז, ווי לאַנג דער מאָגן כאַפּט נישט אָן ביים האַלדז, און מ׳קען אים נאָך פאַרשלעפּערן מיט דאָוּפּ, ווי דער הויז־דאָקטאָר אליין זאָגט, — ברויך מען זיין פריש, געזונט און משוגע (דאָס זאָגן ז י י), פלאַכט

און פלעכט, — זיך צו גיין אָנקוקן מיטן מעסערל... נאָכצוקומען זייער אַמביציע... כאָטש זיי ווייסן, אז ס׳וועט זיי נישט מיידן...

און הייסן זיך געבן דאָופ.

ביים נעמען אָבער דאָס קאָפּיטשקע דאָופ, גיט דאָרט עפּעס א טיאָכקע אינגווייניק, און זיי קערן זיך אום צום הויז־דאָקטאָר:

— שטעלט מען נישט ביי דעם אין קאָן אויך ד אָ ס שטיקל מאָגן, וואָס מ׳ברויך „דיפּענדן״ דערויף, אז ס׳וועט איבערבלייבן?... זיי וועלן שיין לייט זיין, אז זיי זאָלן אינגאַנצן בלייבן אָן א מאָגן... און פון א גאָלדענעם מאָגן, — דאָס האָט זיך נאָר איין ראָקעפעלער געקענט איינרעדן! סיי, די רעליף זאָל זיך וועלן צובייגן?... הילצערנע פּיס האָט זי דאָך שוין אויסגעטיילט!... איי, וואָס זיי זענען נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען ווי ס׳רעדט זיך, און מ׳האָט זיי געמוזט ארויסרייסן ווי ביי א קאַץ א שטיק פלייש פון מויל ארויס... און איר פּיקעטן... נו, אז ס׳האָט געלוינט צו פּיקעטן פאַר אַ הילצערנעם פוס, — פאַרוואָס זאָל זיך דאָס נישט לוינען פאַר א גאָלדענעם מאָגן?... ס׳וואָלט דאָך פון א י ר געברויכט זיין א שרעקלעכע אכזריות, אז ז י זאָל לאָזן ארומגיין אָן א מאָגן, ווען זי איז ביכולת אים צו פאַרשאַפן?...

דער הויז־דאָקטאָר, וועמענס קאָפּ עס פליט ארום איבער די וואָרדס מיט חולאים, — שענקט נאָך אוועק א ברעקעלע פון א י ם צו די אַלע „אוטסיידערס״, וואָס עקשענען זיך, ווילן זיך לעת־עתה נישט אונטערגעבן צום שפּיטאָל זיינעם, און זוכט זיי אויסצורעדן:

— וואָרן איר נעמט דען דאָופ, ווייל ס׳איז א שיכרות ביי אייך?... איר ווילט זיך בלויז אָפּנאַרן דורך אים פונעם מעסער...

— איז נישט קיין מעגלעכע זאַך זיך אָפּצונאַרן פון ביידע? — קוקן זיי אים אין די אויגן אריין.

— פון דאָופ, — יאָ; איר וועט זיך בלויז ברויכן לאָזן אויפעסן א לעבעדיקן פון די יסורים; אָבער פון מעסער, — נישט; צוריקשטעלן, ווי איר זענט געווען, — אויף די פּיס, איז אייך בלויז אימשטאַנד דאָס איין־איינציקע מעסער...

און רעדענדיק מיט זיי, — קומט ביי אים אויס, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַנדערע; דעסגלייכן: ווען ער רעדט צו אַנדערע, איז נישט אויסגעשלאָסן, — אז זיי זאָלן אויך הערן... די מעגענער זענען

פאראַן אין די טויזנטער, — ווער האָט עס דאָ נישט צו טאָן מיטן מאָגן? און אזוי ווי דאָס שפיטאָל דאָ איז דאָס שפיטאָל פון דער גאַנצער נידעריקער איסט־סייד, איז דער הויז־דאָקטאָר כסדר מיט זיי פאַרוואַרפן, און רעדט, כאָטש ס׳איז בלויז צו פלאַכטן און פלעכטן, — אויך פאַר העכטן און פרוכטן; אמאָל צו העכט און פרוכט, — אַז פלעכט און פלאַכט זאָלן הערן, און פארקערט; ס׳איז נאָר געווענדט: ווער ס׳כאַפּט־אָן, העכט אדער פלעכט, — און הינטער זייערע פלייצעס זאָלן שטיין די אנדערע, אין א גאנצע האַרמע... און אז זיי הערן ווי דער הויז־דאָקטאָר זאָגט: „אז פונעם דאָפּ קענען זיי זיך אָפּנאַרן, נאָר פונעם מעסער נישט". — שפּראָצט ארויס אזא האַרטע פאַרביטערטקייט צווישן אלע ארומשטייענדיקע, אריין־און־ארויסגייענדיקע, ווי ס׳וואָלט אויסגעבראָכן צווישן זיי עפּעס א מרידה קעגן אים, דעם אייגענעם מאָגן: „מ׳דאַרף זיך נישט אזוי לאָזן טרעטן פון אים און אים געבן איבערן קאָפּ!" די אויגן צעפלאמען זיך, די באַקן, — ביי מאנכע אפילו דער האלדז און נאַקן, און ס׳דהייבן־אָן פליען קולות, הענט צו גראָדזשען, ווי מ׳וואָלט פאר זיך דאָ געהאַט דעם ביטערן בעל־דבר אליין אויג אויף אויג:

— וואָס איז ער מער יחסן, דער כאָלערדיקער מאָגן, לאָמיר זאָגן, פאר די אויגן? מ׳גיט זיך מ ע ר מיט ז י י אָפּ און מ׳נוצט ז י י אויך מער אָפּ, — און זיי נעמען זיך, פונדעסטוועגן, נישט אזוי איבער ווי ע ר ? . . .

— זיך אזוי איינצוקשענען און נישט וועלן פאַרנעמען קיין עסן, וואָס א פייגעלע קען עס פאַרדייען?...

— מיט קאָרנפלעקס, פאַרבראָקט אין וואַרימע מילך, — ברעקלט ער זיך; פון א גלאָז אָראַנדזש־דזשוס, — וויל ער זיך צערייסן; ביי א שטיקל הון גיט ער דעם טעם פון טויט אין מויל אריין; אפילו ביי „ספרינג־טשיקן" מאכט ער געוואלטן, און מ׳קען אים דאָס מויל נישט פארשטאָפּן...

— נישט קיין חילוק: וואָס מ׳זאָל נישט ארונטער נעמען, — בלייבט ליגן אין אים, א שטיין, — ווי ער וואָלט אוועקגענומען די הענט דערפון; אזוי ווי ס׳וואָלט באַדאַרפט ליגן אין אן אייזנבאָקס; זיך גאָרנישט איבערקאָכן... א קאלטער מאָגן, וואָס האָט, די כאָלערע ווייסט אים, אויפגעהערט קאָכן...

— אָט, — שטעלט זיך איינער ארויס, — האָב איך נישט קיין געשווירן, נישט קיין לעכער, נישט קיין ווילד־פלייש, נישט קיין קרעץ, אפילו נישט קיין עין הרע, — און לאָמיך קענען נעמען א ביסן, כ׳זאָל מיך פאַרלאָזן מיט אלעם אויפן מאָגן, — אז ער וועט זיך אַן עצה געבן מיט אים? א טויטע זאַך! נאָר מ׳ברויך אים וועקן, אונ־טערשטופן פילן איידער מ׳גייט־צו עסן, פאודערס אז מ׳האָט אָפּגע־געסן, פארן שלאָפן־גיין אָנפּאָמפּען מיט ראָשיען מינעראל אייל... באלד אין דערפרי, נאָך אויפן ניכטערן, אדורשווענקען מיט א פּאָר גלעזער הייסע וואַסער... און צו דעם אלעם וועט ער זיך נישט רירן, דער פוילער, פון דאַנעט, — אהער...

און אלע אויף דער קופּע, מיט א הימל־געשריי אין די אויגן:

— וואָס טוט זיך עפּעס מיטן מאָגן, וואָס ער איז געוואָרן קידער־ווידער?

קוקט דער הויז־דאקטאר — ס׳זענען אלץ די זעלביקע וואָס גייען צו אים א טאָג איבער א טאָג, זוכן זיך אָפּצוגאַרן פונעם מעסער דורכן ביסעלע דאָופּ, און האַלטן אים רק אין פאַרשלעפּערן; און אז זיי האָבן זיך שוין געקענט אזוי אויפקאָכן, — קען מען שוין צו זיי נישט רעדן אויף איין פוס, ווי־ווען ער האָט דעם „וואָרד” חולאים אויף זיין קאָפּ, — נאָר פאַרגינט זיך שוין אוועקצוזעצן, זיי קוקן גלייך אין די אויגן אריין, און ווי פאר אן אודיטאָריע אזוינע, וואַס זאָל אים נישט בלויז הערן נאָר אויך זען:

— ס׳איז דערפאר, אויב איר ווילט וויסן, ווייל קיין שום אבר מוטשעט איר נישט אזוי פיל אויס ווי דעם מאָגן...

— מ׳ברויך מער ווי די הענט, — גיבן זיך אלע א וויג איבער אים, — וואָס מיר ארבעטן מיט זיי אויס, און זיי מאכן, פונדעסטוועגן, נישט אזוי פיל דעם טויט?...

— פאַר די הענט האָט איר א מאָס, — זאָגט צו זיי דער הויז־דאקטאר, — איר האָט אויך א מאָס פאר די אויגן; אויב איר זאָלט קוקן מער מיט זיי ווי מ׳באַדאַרף, — וועלן זיי זיך נעמען קלעפּן, פאַרמאַכן, און אויפהערן זען... איר ג י י ט אויך מיט א מאָס... און קוים זאָלט איר וועלן באלעסטיקן צופיל די פיס, — שטייען זיי אָפּ, און איר זאָלט זיי אפילו אונטערהאקן, — וועלן זיי ווייטער נישט גיין... אז מ׳באשווערט די נאָז, — נעמט זי רינען... און אז

ס׳קומט צום מאָגן, איז ער נישט אַזאַ גרויסער זולל־וסובא, ווי ער האָט גרויסע אויגן; און אַלץ וואָס זיי זען, וויל ער, — אַז מע זאָל אים געבן... איז, ווער ס׳איז בעל־הבית איבער אים, — גיט ער אים אַ מכה; און איבער וועמען דער מאָגן איז בעל־הבית, און ער גיט אים דאָס אַלץ נאָך, — מוז ער נעמען ברעכן מיט דער גרינער גאַל... און וואָס טוט איר? כאַפּט אויף אים די בייטש, און שלאָגט אים מיט קאַלי־מעל, מיט פּאודערס, מיט מינעראַל־אוילן, שינדט פון אים די הויט, טרענט זיינע אָדערן, רייסט פון אים לעבעדיקע שטי־קער... די פיס נעמען זיך אויך נישט ווייניקער איבער פאַר אים, — אָבער ווען אירווילט גיין מיט זיי איבער די כחות, — ווערן זיי געשוואָלן ווי די קישנס, באַקומען געשווירן, גראָבע אָדערן; נאָר מיט די פיס, אַז איר זעט, — איר זענט פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע, לאָזט איר זיי, ווייניקסטנס, אָפּדעכען; אָבער דעם מאָגן, אַז איר פאַרדאַרבט, איז ווייניק וואָס איר טרייבט אים אַדורך מיט קעסטאָר־אויל, וואָס ער האָט נישט זייער ליב; מיט מילך אָף מאַגנעזיע, מיט קאַלי־מעל, און לאָזט אים נישט אָפּאָטעמען; נאָר א י ר טראָגט אים נאָכ־דעם גלייך אונטער אַ רוי שטיק צוגעפרעגלט פלייש, וואָס איז פאַר אים סם, סם־המות. — נו, זאָל ער זיך נישט איבעררייסן? און ס׳זאָלן אין אים נישט אַריינקומען קיין לעבעדיקע לעכער?

IV

מיסטער פלאָכט און מיסטער פלעכט קענען זיך אַזוי לאַנג דערנערן מיט קי־בעבע, ווי לאַנג זיי שאַרן זיך הינטער די ווענט פון די הייזער אויף ברום, אויף הענרי, אויף מעדיסאָן און אויף טשערי סטריט, וועלכע האָבן נישט מיט גאָר אויפצורייסן די אויגן: אַ מילכיק לאָונטשל, אַ פּאַרעווע רעסטאָראַנדל, קאַפּי־פּאַט, צי סתם אַ סענדוויטש־שאַפּ ביי אַ דראָגיסט אויפן קאָרנער... קוים קומען זיי אָבער אַרויס אויף דילענסי סטריט, און די אַלע פרעסאַרניעס אַירע נעמען זיי אַרום; און וואו מ׳זאָל זיך נישט פאַרדרייען, — קומט אַלץ אויף די אויגן אָן אויסגעפרוירן פענצטער מיט רויע שטיקער רויט־פלייש, וואָס זענען גרייט, אויפן וואונק, — פאַר זיי זיך צו לייגן אויפן פייער; אָדער געבראָטענע אויסגעשטאָפּטע קאַטשקעלעך, אויסגע־

קאַכטע הינער, פּיל־מיסקעס פיש, טעפּ יוך, געהירלעך, צעריבענע ברוינע לעבערס... און זעען ווי מענטשן זיצן נישט נאָר ליגן איבער די טישלעך, און עסן נישט נאָר פרעסן דאָס אין זיך אריין, ארבעטן געשיקט מיט די גאָפּל־מעסער, ווי דזשאָנגלערס אין א צירק... שטייען זיי דערהרגעט: א סך פון די מענטשן זענען נישט יונג... אין די מיטעלע יאָרן... און ווי געשיקט זיך, אז זיי זאָלן נישט האָבן געלעגן אזוי גוט ווי זיי, מיט זייערע מעגענער, — ניין איילן טיף אין דר׳ערד?... וואָרן, וועלכער מענטש אין די פערציקער יאָרן, האָט דאָ נאָך א געזונטן מאָגן?... און אויב זיי זיצן און האקן אזא סעודה, — מוז דאָך דאָס אודאי זיין נאָכדעם ווי זיי זענען שוין צוריקגעקומען פון דאָרטן, וואו זיי ברויכן ערשט גיין! וואָס דרייען זיי זיך ווידער דאָ נאָך ארום, און גייען אויך נישט?... איי, וואָס מ׳ברויך זיך אויך פארקוקן אויף יענע וואָס זענען געגאנגען, און פארשפּאָרן שוין אינגאנצן צו אכלען? רוען זיך אויס די ביינער? און אפשר איז שוין בעסער דער טויט, איידער מ׳זאָל ברויכן צוקוקן ווי י ע נ ע ר עסט, און א ל י י ן נישט טאָרן צושמעקן צו גאָר? אזוי ווי מ׳וואָלט נישט געבאקן פאר זיי, און פאר זיי נישט געקאָכט?

און אז דער שליים ווערט ביי זיי געדיכט אין מויל, ער נעמט אריבער רינען איבער די ברעגעס פון די ליפּן, אזוי זוכן זיי זיך וואָס גיכער אויפצורוימען. נאָר אז זיי אנטלויפן פון פייער, — באַגעגנט זיי דאָס וואַסער: וואָרן, מיט וואָס זענען די אייזבאקסעס ביי זייערע אייגענע ווייבער, אויפן פינפטן שטאָק, צו דער „בעק״, — קנאָפּער פארן אויסגעפרוירענעם פענצטער אויף דילענסי סטריט? ס׳ליגן נישט אין זיי די זעלביקע סטייקס? גראָשעלעך? שאַכטלעך סאַרדינען? שפּראָטן? קאַוויאר? מיט סעלערי, מיט שווארצע און רויטע רעטעכלעך, געקענטע בינס, רויע ספּאַראַגען, אחוץ פון מיל־כעדיקייטן: זיסע פּוטער, קעז ווייסן און האַרטן, קעז געלן מיט לעכער, קעז, — ס׳האָט דען א שיעור, וויפיל ערליי קעזן ס׳זענען פאַראַן ביי דער מיסעס פלאַכט און ביי דער מיסעס פלעכט אין די אייזבאקסעס אויפן פינפטן שטאָק, צו דער „בעק״?... הערילע, דער מיסעס פלאַכטס זינדעלע, — נעמט נישט קיין אנדערן קעז צום מויל, מ׳זאָל אים דערשטיקן, — ווי דעם ריכטיקן און מיט די אימפּאָרטירטע לעכער. שייני, דער מיסעס פלעכטס טעכטערל, ווען זי זאָל וויסן,

אַז מ׳וועט איר צעהאַקן אויף שטיקער, — וועט זי זיך נישט צורירן צום טיש, אַז ס׳וועלן נישט ליגן אויף אים עפּעס אַזוינע ווייסלעכע צעפּאַלענע שטיקלעך, וואָס, אַז מ׳וויל, — איז עס יאָ קעז, און אַז מ׳וויל, איז עס כמו קעז: נישט מער קיין געזייערטע מילך, און אויך נישט קיין קעז, — צווישן־קעז... מידי, די מיסעס פלעכטס מיידעלע, ווי אויך שוירלי, — דער מיסעס פלאַכטס מיידעלע,ביידע, — סקול־קינדער, שטאָפּן די מאַמעס, ווי געוויינטלעך, מיט ווייסן פעטן קרים־קעז, וואָס טריפט פון אים איבער די פינגער... און זיי אליין, די אַלטע ווייבער האַלטן זיך ביים אַלטן, היימישן, ווייסן, אויסגע־קנעטעטעם קעז, וואָס דאָ הייסט ער: פאַרמערישער קעז, און קענען ביידע נישט אָנקוקן די אַלע געלע, פאַרגרינטע, ווי זשאַווער, — איטאַליענישע, כינעזישע, שווייצאַרישע, בעלגישע קעזן, ווי חזיר. און מער ווי קעז איז שוין גאָרנישטאָ צו עסן? אויף וואָס זענען אייער? בלויז, מ׳זאָל אויף זיי באַזעצן הינער? ס׳פעלן אויס די הינער, און מ׳ברויך נאָך? און אויף וואָס איז גרינפּיס, טאָמייטאָס, אוגער־קעס, לעטאָס, האָנידיוס, — ווייסע, גרויסע; קענטעלאָופּס, — געלע, קליינע און שמאָלע; אַרבוזן, — גראָב־בייכיקע, בלוט־רויטע, — מ׳זאָל מיט זיי פאַשען חזרים? די קי? ראשית, ברענגט מען דאָס אַלץ ערשט אין מאַרקעט אריין, — זאָגט מען, — ווען די קי מיט די חזרים קענען זיך שוין דערמיט קיין עצה נישט געבן, און ס׳גייט זיי שוין איבערן לב; צווייטנס, וואָס ווייסט מען אויף גאָרעק סטריט פון קי? פון חזרים? דאָ איז רעכט, אַז מילך קומט פון די „באַטעלס!“ און פון וואַנעט עס דערנעמט זיך קעז? וואָס דאַרפן זיי זיך ברעכן די קעפּ, פון וואַנעט קעז דערנעמט זיך? פון אַ בוים, צי פון הינטערן בעט? אַ מאכל איז עס? און נאָך אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע מאכלים? פאַרנוצט מען דאָס געזונטערהייט און אויף אַ גוטן אופן... ווי דען? און דאָס אַלץ, קען מען מיינען, איז נאָר ביי דער מיסעס פלאַכט און ביי דער מיסעס פלעכט, אויפן פינפטן שטאָק, צו דער „בעק“. — אַזוי ווי מען וואָלט זיי ערשט דערצו געברויכט האָבן אויפגעשפּילט? און זיצן צעשפּרייט מיטן פולן אונטערשטן אויף דער רעליף? לאָמע נאָר אַ טאַפּ־טאָן דעם בויך ביי וועלכן ס׳איז אייזבאַקס אויף וועלכן ס׳איז שטאָק: אויפן פערטן, אויפן דריטן, צווייטן, ערשטן, — מעג ער זיין צו דער „בעק“, צו דער פראָנט, און אויך אויף וועלכע גאַס

ס׳איז: אויף מאַנראָו, אויף הענרי, אויף קאָלאָמביע, אויף קענאַן, אויף לואיס, וואָס קען נאָך זיין אָרימער? און אויך אין מיטן דער־נאַכט, — אויב ער ברעכט זיך נישט און גייט איבער? און מ׳׳וועט האָבן אַרויסצולייגן אויפן טיש א פלעשל מילך (און דוקא באַרדענס, נאָר וואָס דען, — וואָסער וועלן זיי געבן די קינדער זייערע צו טרינ־קען?), א פיצעניוקע פלעשעלע זיסע קרים, א „מעדזשער" זויערע קרים, א פריש שטיקל זיסע פוטער, קעז (קעז איז דאָך זייער חולאת!) א פערטל הון, א פאָר פאַרמאַכטע שאַכטלעך סאַרדינען... און ארום, ארונטער, אַרויף: אין „קיטשען־קלאָזעט" — א קאָרג פונט טיי, וואָס פאָר אַ צימעס איז דאָ טיי? צוויי־דריי פונט קאַווע: בראַזיליאַנישע, סאַנטאָס, „זיבן א זייגערדיקע, אכט א זייגערדיקע", און וואָס פאר א „זייגערדיקע" מ׳וויל נאָר; אָדער גאָר צעמאָלענעם „מאַקסוועל", — וואָס פאַר אַ גרויסע מציאה איז קאַווע? דאָס האָט זיך אויך מיט וואָס איבערצונעמען? א פאָר פונט לויזן צוקער, אַ שאַכטל־צוויי קבצנישע שטיקלעך (קבצניש רופט מען די שטיקלעך, ווייל מ׳נוצט זיי, ווי אַן איבערבלייבעכצס פון דער אלטער היים, — אויף צו־צובייסן; מ׳האַלט א שטיקל אין מויל, און מ׳נאָגט אזוי לאַנג ביז מ׳נאָגט דאָס אויס מיטן צוטרינקען די טיי). דאָס אַלץ, און צו דעם אלעם נאָך, וואָס קער זיך גאָרנישט אָן מיטן אייזבאַקס, וואָס שטייט ווי א מאָנסטער, אַ געשפענסט, מיט א געשוואָלענעם בויך ווי ביי אַ באָס וואָס האָט עטלעכע הונדערט אַרבעטאָרער אַרבעטן אויף זיך (אויב אַ באָס,—מוז ער אומבאַדינגט זיין גראָב, און מ׳קען אים אָנ־דערש ווי גראָב נישט זען; אלמאי, פאַרד? וואָס איז גאָרנישט גראָב און אויך אָן א בויך? און אונדזער דזשאָן די, עליו האַשאָלעכטס, וואָס איז געווען טרוקן ווי א קאַרט און דאַר ווי א שפּאָן? און ס׳וועט דאָך קיינעם נישט איינפאַלן צוליב דעם צו פאַרלייקענען דאָס גבֿי־רישקייט זייערס? און בכלל וואָס דאָקטוירים זאָגן: אז גראָב איז גאָרנישט אזא מעלה... און די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן גייען נאָך ווייטער: אַז גראָב איז א רעגעלע קרענק, רחמנא ליצלן, און ווילן אזוינעם גאָרנישט אָנקוקן...) און נאָך אנדערע זאַכן, אזוינע וואָס מ׳ברויך זיי נישט קילן און אָפּהיטן פון דער היץ, אז ס׳זאָל קאַליע ווערן, פאַרלירן דעם טעם; און ס׳איז גוט פאר זיי דער אויסגעי־מויערטער „קיטשן־קלאָזעט" אין דער וואַנט, צי אפילו אן אנדער

וואַרים אָרט, וואו עס ראַיעט, געוויינטלעך, מיט קאַקרוטשעס... ווי: רוקחס א געשוואָלענעם „דזשאַר" מיט האָניק, א קען קאָקאָנאָט־אויל, איטאַליענישן בוימל, תל־א־ביב פינאַט־איל, א פינף־זעקס שטיקלעך פּאַלמאָליוו זייף, אָקטאַגאַן זייף, לאַיף־באָי, פּאַודערס צו וואַשן דעם סינק, די כלים...

און זיי, די צוויי פאַרלאָרענע מענטשן, פּלאָנטען און פלעכט, קוקן ערגעץ צו א לאָך, א הונגעריקן, — וואו די היימישע אָרימקייט זאָל זיך האָבן איינגעגעסן, און פיליכט נאָך מיט ציין און נעגל: (ברויט מיט קאַרטאָפל!), — נאָר וואו קריגט מען דאָ אַזאַ אַנטיק? אז מענטשן זאָלן זיך דערנערן בלויז אויף ברויט מיט קאַרטאָפל, און זיך נאָך פרייען, אז זיי האָבן דאָס? אזוי לויפן זיי אָן קעפּ, דאָ: פון דילענסי סטריט, אויפן פינפטן שטאָק, דאָ: פון זייער אייגענעם פינפטן שטאָק ערגעץ אַנדערש, — און האָבן זיך נישט וואו צו באַהאַלטן! אין גאָס איז נישט גוט, און אין שטוב, — נאָך ערגער; אין גאָס, אז מ'שטעקט אַרויס א פוס, — קען מען דעם פּיפּיטש קריגן: די אַלע מיתה־משונה רעסטאָראַנען, לאָנטש־רומס, קאָפי־הייזער, סאָדע־פאָונ־טעינס, סטענדס, אייזקרים פּאַרלאָרס... און אין שטוב, — דער אייזבאָקס, און ווי זיי זען אים־צו, די ווייבער זייערע, — באַשטייט ער נאָך מער פאַר די אַלע פרעסערייען וואָס אין דרויסן, און וועגט דאָס אַלץ איבער... א וועלט מענטשן פרעסט (אוי, ווי ס'פרעסט!), זול־ל־וסובאַט, און זיי זאָלן ברויכן שלינגען ניכטערע שפּייעכטס? שטענדיק ניכטערן שפּייעכטס... בייטאָג — ניכטערן שפּייעכטס, נאָך מיטאָג, — ניכטערן שפּייעכטס, פאַרנאַכט, און אַמאָל נאָך טיף אין דער נאַכט, פאַרן שלאָפנגיין, — אויך ניכטערן שפּייעכטס? אזוי לויפן זיי צום שפּיטאָל, פאַרפאַלן:

— אָדער עסן גלייך מיט אַלע, אָדער קייען די ערד? א טומטום? אן אנדרוגינוס? נישט פאַר גאָט און נישט פאַר לייט? נישט פאַרן ווייב און נישט פאַרן טייוול, ס'הייסט, פאַר דעם אייזבאָקס?

דער הויז־דאָקטאָר, וואָס דערמיט מיינט ער, האַלט ער זיך פאַר א גאַנצן חכם, שפּילט זיי נאָך אונטער:

— ווער שטאַרבט דאָס היינט פון אַן אָפּעראַציע? ער איז א בעלן, — זאָגט ער, זיך א דורכצוגיין מיט זיי אַלע איבער די וואָרדס פונעם האָספּיטאַל זיינעם, זיי זאָלן אים אָנווייזן אויף איינעם פון די אַלע,

וואָס ליגן אין זיי, — אַז ער זאָל הימלען דערפֿאַר וואָס מ׳האָט אים צעשניטן? ער איז אַ בעלן צו גיין נאָך ווייטער: פֿאַר זיי אויפֿמישן די ביכער וואו די געשטאָרבענע זענען פֿאַרשריבן, און אויב צווישן יענע אַלע וואָס זענען נעבעך נישט אויסגעלעגן זייער צייט, און זיך געגאַנגען זייער וועג, — זענען נישט געווען מער פֿון ניומאָניע, פֿון דייעביטיס, הויכן בלוט־דרוק, בראָנכייטיס, און טויזנט אַנדערע ערלייאַייטיס, ווי פֿון דעם וואָס זיי זענען צעשניטן געוואָרן? אַז דאָס איז היינט, אַזוי אַרונטערגעבראַכט געוואָרן (רעדוצירט, בלע״ז), ביז צו אַ קיצל אין דער פּיאַטע... און אַז מ׳זאָל לכתחילה אויפֿמאַכן אַ מענטש בלויז צוליבן אַפּענדיק, און אין איין גאַנג ביי אים אוועקכאַפּן אַ שטיקל מאָגן, אַ פּאָר יאַרד קישקע, אויסטרייסלען דעם גאַל־בלאָדער פֿון די שטיינער, — איז גרינגער ווי פֿאַרצייטנס אַויפֿצושטעכן אַ בלאָטער... מ׳שטאַרבט איצט נישט: מ׳זאָל אַרונטערנעמען די שאָל פֿונעם קאָפּ און איבערלופֿטערן די געהירן; איבערשטעלן דאָס האַרץ פֿון דער לינקער אויף דער רעכטער זייט, נישט נאַר, — פֿון אַ גראַבל־טאָן זיך ביי יענעם אין מאָגן? און ווען אַפֿילו מ׳זאָל פֿון אים אַראָפּנעמען אַ גרעסער שטיקל, נאַטירלעך: אויף אַזוי פֿיל ווי מ׳ברויך... מ׳וועט דאָך נישט גיין נעמען מער, אַז מ׳ברויך נישט? נו? איז וואָס איז ס׳געוואָלט?

זיי שטייען און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ:

— ס׳איז טאַקע נישט אַזאַ טייערע מציאה אַ שטיקל מאָגן, מי יודע? נאָר מ׳קריגט דען באַלד צו קויפֿן אַן אַנדער שטיקל אין דער וואַזולוואַירט צי, ביי מייסיס?

ער קען גאָרנישט פֿאַרשטיין, דער הויז־דאָקטאָר פֿונעם שפּיטאָל:

— וואָס מ׳טראָגט זיך אַרום מיט אים, און מ׳ציטערט אַזוי פֿאַרן האָספּיטאַל? אַ מענטש, אַז „מ׳טשעקט" אים אָפּ: קיין הויכן בלוט־דרוק האָט ער נישט; קיין דייעביטיס אויך נישט; ס׳האַרץ איז ביי אים נישט צופֿיל משוגע, און גייט נאָך ווי ס׳איז, ווי אַ סאָלידע פֿערדל, טריט ביי טריט, — ברויך ער גיין צום מעסער ווי צום טאַנץ! וואָס האָט ער דאָ צו ציטערן אין די הויזן?

און זיי וואָלטן זיך פון לאַנג שוין אונטערגעגעבן, ווי אַ סך אַנדערע, צו דעם הויז־דאָקטאָר, זיך געהייסן מאַכן דאָס בעטל: „ווי לאַנג מ׳קען זיך דערפון נישט אָפּנאַרן!״, — האָט אָבער אין דעם געדהאט שטעקן אַ האַנט, וואָס האָט זיי צוריקגעהאַלטן, פּלאַי פּלאַים, וואָס פריער וואָלט עס גאָר קיינמאָל נישט מעגלעך געווען, — טאַקע די אייגענע רעליף, וואָס האָט זיי געשפּייזט, געהאַלטן אויף די פּיס... וואָרן, דאָס וואָס מ׳האָט נישט געקענט עסן, איז דאָך, סוף־כל־סוף, נישט מער אויסגעגאַנגען ווי צום אייגענעם קאָפּ, צו די אייגענע פּיס און צום אייגענעם לייב און לעבן... ערגער: וואָס, אַז מ׳האָט אויפגעהערט צו עסן, האָט מען אויך געמוזט אויפהערן אַרבעטן... ווי דען, אַנדערש? (אַז מ׳ליגט נישט אַריין, נעמט מען נישט אַרויס), — און מה־דאָך, אַז מ׳אַרבעט נישט ווען מ׳איז געזונט, גיט די רעליף אויף ברויט (נאָר ווער, צו אַלדי גוטע יאָר דאַרף דאָס ברויט?), אויף פּוטער, אויף קעז (גוואַל־ט, קעז!), אויף סאַרדינען, אויף פיש, אויף פלייש, אויף אָראַנדזשעס, באַנאַנעס, און אויף וואָס נישט? באַצאָלט די רענט, די געז, עלעקטריק... מכל־שכן, אַז מ׳אַרבעט נישט, ווייל מ׳איז לאַ־עליכמדיק?... האָבן זיי דאָך אוודאי געמעגט צעפּאָרן מיט די הענט פאַר דער רעליף, די מיסעס פלאָכט און די מיסעס פלעכט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען זייער: אַז זייערע מענער טראָגן זיך נעבעך אַרום מיטן מאָגן אין די הענט, ווי אַנדערע מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, — ברויך מען זיי פאַר דאָס כאָטש אוועקצוגעבן אַ האַלבע רעליף!... ווען זייערע מענער זאָלן זיך נישט אַרומטראָגן מיטן מאָגן אין די הענט, — וואָלטן זיי זיך געברויכט מיאוסן ביי דער רעליף, און אָנקוקן איר פּנים? און זי זאָל זיי צוטיילן פון דעם אַלעם? אויסוועגן דעם ביסן וואָס מ׳שלינגט אַרונטער? אָפּניגלען אַזוי פיל און אַזוי פיל אונצעס טיי, אַזוי פיל און אַזוי פיל מילך, קאַווע, — אַז די אויגן זאָלן איר נאָר אַרויס, — און מער נישט?... כאָטש מ׳האָרכט איר ווי די קאַץ... מ׳לערנט זיך ווייניק־אָפּ פון איר ווי צו פירן די בעל־הבית־ישקייט, און מ׳עסט און מ׳טרינקט נאָכן אייגענעם שכל נאָך... איי, ווען זייערע מענער וואָלטן זיך נאָר געקענט אַרונטערזעצן צום מאַשינדל... כאָטש ס׳האָט זיי דענסטמאָל, ווען זייערע מענער זענען געזעסן אַרונטערגעזעצט הינטער דער מאַשין און גענייט, געטריבן דאָס רעדל, — אויך נישט

נאָכגעהאָנגען קיין גאָלדענע צויטן! און די רעליף וואָלט זיי א געשמאַקע טובה געטאָן, ווען זי שטופּט זיי אונטער א מאָנאַט רענט, למשל, — אז מ׳זאָל נישט האָבן אזא ביטער געיעג מיטן לענדלאָרד... צי, אויף א בגד... און זיי האָבן אין גילדענעם־גוטן זיך גענייטיקט אין אַ רעליף!... נאָר אזוי ווי אמאָל האָבן זיי דאָך פּאָרט עפּעס אויסגעעמאַכט אין דעם שאָפּ, וואו זיי האָבן גענייט... לכל הפחות: אויף דער דירה וואָס אויפן פינפטן שטאָק און צו דער „בעק“ (דער זכר פון די ג ו ט ע ציַיטן, משטיינס געזאָגט!)... מעג מען דאָך איצט, אז מ׳נעמט דאָס אין מויל אריין, — זיך עס באַטעמט מאַכן דער־מיט, און ד אָ ס צעבלאָזן; זיך שטעלן מיט זיי אין פּאַסאַן אריין פאר דער רעליף:

— פּיש־פּיש... וואָס זייערע מענער זענען געווען? וואָס פּאָר אַ שיסעורס? דאָס מאַשינדל פלעגט זיך דאָך אָנצינדן ביי זיי אונטער די הענט, אַז מ׳האָט נישט אײנמאָל געמוזט אָפּרופן דעם פייער־דעפּאַרט־מענט; אַ נישט, — וואָלטן פון זייערע שעפער פארבליבן לויטער האָלעוועשקעס; און די פּיידעס וואָס זיי האָבן אהיים געברענגט? פּיש־פּיש, מ׳האָט דאָך זיי געמוזט שיקן מיט א פּאָליסמאַן אהיים, — מ׳זאָל זיי נישט אָפּהאַלטן אויפן וועג...

ביִמים ההם, ווען ס׳איז נאָך קיין רעליף נישט געווען, און ביי אזא מעשׂה־: אז דער מאַן, דער פּרנסה־געבער, האָט זיך אוועקגעלייגט קראַנק, און ווען אפילו זיך נישט אַוועקגעלייגט נאָר ארומגעגאַנגען קראַנק, האָט מען זיך געמוזט לאָזן ו ו אָ ש ן א י ן ד ע ר ס אָ ט י י ע ט י ב י י ד י ב ר י ד ע ר א י ן ד י א ו י ג ן, — פּאָר א פּאָר צוגעצייילטע טאָלער, און ס׳זאָל אויף זייער כח און לייב ארויפקומען, וואָס דאָס האָט געקענט אויסטראָגן אויף א הויז, נישט קיין חילוק: א רייכס, א פּאַראָרימטס, וואו מ׳ברויך, אלצאיינס, עסן, נישט לייגן דהינטערן אויער (וואו און אין וועלכן הויז פון דעם גרויסן ניו־יאָרק, לייגט מען דאָס הינטערן אויער? וואָס־וואָס, אָבער דעם אלמעכטיקן פּרעס, — אים וועט מען אין דעם אָרימסטן הויז נישט פארשעמען!), און אויך פאַרשטאָפּן ס׳מויל ביים לענדלאָרד, — מ׳זאָל זיך נישט ברויכן ארויספּעקלען מיטן ביסל בעביכעס אויף דער גאַס, איבער וועלכע דער הימל זאָל זיך לייגן צוגלייך ווי איבער

די שטיינער פון ברוק. אין יענע יאָרן, אזא מעשה: האָט מען ז י ך, ז י ך א ל י י ן געמוזט ארויסנעמען פון קאָן, — אַהין אָדער אהער: זיך גיין אוועקלייגן אין דר׳ערד אריין אויף לצמיתות, — אָן אנדערער זאָל קומען אונטערשטעלן א פּלייצע אונטערן הויז, ווי דען? און אויב אליין, נאָך ווען אליין שטיין ווי פריער, — א שטאָלענער סלופּ אונטער דער בריק פון עלעוויטער (א הויז איז א גאנץ גוטער עלעוויטער!); ווידער נישט קוקן אויף די דייעביטיס, הויכן בלוט־דרוק, און וואָס ס׳האַרץ גיט זיך אלץ איינאיינעם א צעלויף, אז מ׳קען עס נישט דערכאַפּן, — און גיין, גיך, שטיין אין נעקסט פאַר אַ בעטל אין שפּיטאָל (אז דער חלף ליגט אויפן האלדז)... אָפּזיצן דאָרט טעג און נעכט, ביז ס׳וועט עמיץ דערויף אָפּשטארבן, און זיך לויפן ארייַנלייגן אין דעם, — איידער מ׳דהאָט עס נאָך באוויזן אויסצולופּטערן; זיך אַנוואַרימען אין דעם ליילעך פון דעם טויטן בשר־ודם, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעכאפּט, איידער ער האָט זיך נאָך אָפּגעקילט; און נאָכקוקן מיט תחנונים יעדע ברעקל נוירס, יעדן שטיקל אינטאָירן, יעדן אויסקער־רער, „טשעמבער״־טרעגער, — וואָס אין ווייסע הויזן מיט א ווייס רעקל: „נו? מ׳האָט מיך שוין פארשריבן? און כאָטש מאָרגן נעמען אויפן טיש ארויף?״ און דערביי זיך פאַרקרימען פון יסורים, — נישט וואָס דער מאָגן קאָרטשעט זיך איין אין דרייען, ווי מ׳וואָלט אים ארומגעדרייט מיט אייזערנע קייטן, און אין אים אריינגעשלאָגן טשוועקעס... דער מאָגן איז בלאָטע... די יסורים נאָך וויניקער פון בלאָטע... נאָר, כע־כע, וואָס אין דער היים גייט אויס ביים גאַנצן געזונט דאָס חיות (יאָ, דאָס חיות...), און ס׳קומט זיי אויס צו הונגערן, ווי אזוי וואָלט ניו־יאָרק געווען דאָס וואָס זי איז, — מ׳זאָל אין איר אויך נישט הונגערן?... און וואָס א חברה, א צדקה תציל ממות חברה וועט זיך מרחם זיין, און שיקן אָפּצאָלן פאַר דער געז מיט דער עלעקטריע, — מ׳זאָל זיך נישט גאנץ שיין מיט דעם פארנעמען פון שטוב ארויס...

איצט, אין דעם יאָרהונדערט פון רעליף, ווען מיט ז י י און אָ ן ז י י, — איז ס׳הויז אלצאיינס הויז; און דער באַלקן וועט נישט אַראָפּפאַלן איבערן קאָפּ, — ווען זיי, די פּרנסה־געבער, זאָלן אפילו קריינקען יאָרן... און ס׳שטייט אלץ אויף די זעלביקע היינערשע פּיס־לעך: די געז פלאַטערט און רוישט ווי א זגריי בינען אונטער די

טעפלעך אויף דער פליטע; די עלעקטריע באהעלט די ווענט מיט די אפּבלאַקירטע שטיקלעך מעבל; און דער אייזבאַקס (אוי, דער אייז־באַקס!), איז אויפגעלאָפן ווי א מעוברתע יידענע אין ניינטן חודש. עס רינט פון אים מיט מילך און האָניק (זיי האָבן דאָ אזא פּנים: חלב ודבש, — ווי א היימישער אָרימאַן וואָס גייט איבער די טירן). — און ער יערט אריבער, ווערט צעשפּארט... (די רעליף שלאָפט נישט!), בלייבט נישט מער אין קאָן ווי דאָס אייגענע נפש... כע־כע... און וואָס מ׳קען נישט טועם זיין גאָר... נו, קריינקט מען טאַקע אויס יעדן ביסן וואָס א צווייטער שלינגט ארונטער... אָבער גיין דעריבער, לויפן, און מרעיש עולמות זיין, שטיין אין דער רייע פאַר א בעטל אין שפּיטאָל?... ברויך מען זיין משוגע־מעטאָרע כי לעולם חסדו!... מען וועט בעסער איינדאַרן די געדערים אויף מילך מיט וואַסער און קרעקערס. וואָסי? נאָך וויניק געגעסן? **קעגן דעם וואָס מ׳עסט אויף אין דער אַלטער היים, — וואָלט מען זיך שוין פון לאַנגבאָ־דאַרפט האָבן אויסגעגלייכט!... וואָרן, מ׳האָט דען דאָ נישט, פאַר די קנאַפּע דרייסיק יאָר, קיין עין־הרע, מער אַראָפּגעלאָזט, ווי אין דער אַלטער היים, — צוויי הונדערט יאָר מ׳זאָל לעבן, און די גאַנצע צוויי הונדערט יאָר עסן? אַז מ׳עסט דאָ נאָך די פופציק, איז עס פונקט ווי מ׳לעבט נאָך די זיבעציק, — געשענקטע זאַכן; און אַז מ׳שטאַרבט נאָך די זיבעציק, מ׳קען נישט עסן נאָך די פופציק, — קען מען צו קיינעם גאָרנישט האָבן... ס׳זיי־ניקע האָט מען זיך אָפּגענומען...**

V

זעקס פאַרטאָג,—ווינטער רירט עס נאָך אפילו אָן די נאַכט, נאָר זומער איז שוין דענסטמאָל א שטיק אויפן טאָג, — זענען הערי פלאַכט, מיסטער פלאַכטס זינדעלע, און שייני פלעכט,

מיסטער פלעכטס טעכטערל, — די ערשטע איצט אויפן פינפטן שטאָק, ארויסצושפּרינגען פון די בעטן; פריער פלעגן דאָס טאָן די טאַטעס. נאָר זינט דער מאָגן האָט איבער זיי געקריגן כוח והרשאה, און זיי שטייען מיט אלעם איין ביי אים אין דער האַנט, — האָט זיך דאָס איבערגעדרייט; האָבן די ביידע טאַטעס אָנגעהויבן לענגער צו בלייבן אין בעט, און די עלטסטע קינדער פון שטוב, — פּאָר ז י י אויפשטיין. כדבעי, און ווי ס'פירט זיך מקדמונים, אז א קינד איז אונטערגעוואקסן, — האָט עס אזוי אייגן באַדאַרפט אריין אין שפּאַן, ווי דער טאַטע; און אין א סך הייזער, — ווי דער טאַטע מיט דער מאַמע צוגלייך; און ווי זיי ביידע, — אויך אויפשטיין צו דער עבודה. נאָר בעוונותינו הרבים, אז ס'רעדעלע האָט זיך אָנגעהויבן דרייען צוריק, אָדער גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט דרייען, — האָט מען אָנגעהויבן בלייבן ליגן אין די בעטן און זיך צו ביקעווען. מיט גאָר נישט לאַנג צוריק, עטלעכע חדשים אינגאַנצן, זענען זיי אויך, די הערילע און שייני, —אין ד ע ר ציים געבליבן שלאָפן געשמאַק, ווי זייערע טאַטעס; נישט געהאט קיין שום עול אויפצושטיין, — ווי נאָר צום איבערגעכאַלעוועטן טיש. און נישט נאָר ז י י, און א י ן ד ע ם ה ו י ז, — נאָר א ו י ך אין די שכנישע הייזער, אויף די ארומיקע גאַסן: אויף גרענד, אויף מאָנראָו, אויף העגרי, אויף שעריף, אויף קאָלאַמביע, אויף קענאָן, — האָבן די אלע אונטערגעוואקסענע קינדער פון זיבעצן, פון אכטצן, ניינצן, און פון די עלטערע יאָרן, — אָנגעהויבן צו בלייבן ליגן אין די בעטן, און נישט געהאט צו וואָס מער אויפצושטיין; נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אויסגעקייטעלט פון די סקולס: פון דער פּאָבליק־סקול, דזשוניאָר־הײַ, הײַ־סקול, קאַלעדזש, — ערשט אָנגעהויבן, און מיט דעם אלעם, ברייט צו פּאָר־בלייבן אין די שטיבן: „ס'איז נישטאָ וואו ווייטער צו גיין, און וואָס אין דער האַנט אריין צו נעמען!" . . . און דאָס וואָס זיי האָבן זיך, געוויינטלעך, געבראָכט אָנהייבן ארויסשיטן פּאַרנאַכט פּאַר די טירן, אויפן בלאָק, ארום די קענדי־סטאָרס, ביליאַרד־רומס, — האָט זיך דאָס, א נאַרישקייט, אָנגעהויבן, — מיט א פּאָר שעה פריער, ארום האַלבן טאָג. . . וואָס פּאַר א מלער?. . . זיי שטייען אויף די „קאָר־נערס" מיט פולע קעפּ הײַ־סקול, קאַלעדזש, און נאָך אפשר מיט שטיקלעך דאָקטערס־דעגרי אויך, — מיט דעם איינאיינציקן וואָס

זיי האָבן פון דעם גאַנצן זיסן יוגנטלעכן ברען, — די באַל . . .
מיט די קולות . . . מיטן איבערקליגן זיך אין גראָבע רייד . . .
עפּעס ייִנגערס זוכט זיך ארויפצוכאַפּן אויף די טראַקס, און עפּעס עלטערס, און אויך מיט מער וויסן, — אויסצומענטשלען זיך אין די גאַראַדזשעס, משטיינס־געזאָגט; זיין די ערשטע ארויסצופירן אַ קאַר, אַז מ׳קומט נאָך איר, — מ׳זאָל האָבן פאַרוואָס צו כאַפּן אַ ציגאַרעטל (אַ שיינע מלאכה פאַר קאַלעדזש־באָיס, און נאָך פאַר אזוינע וואָס האָבן שוין שטיקלעך דאָקטערס דעגרי אין קעשענע, — מ׳קען נישט זאָגן!). זיי וואָלטן אפשר אויך, ווען זיי זאָלן זיך נישט שעמען, גע־גאַנגען אראָפּרופן עמיצן פון דריטן און פון פערטן שטאָק, צום טעלעפאָן, אין קענדי סטאָר אריין, — זענען זיי, ראשית, שוין צו גרויס פאַר דעם, און, אגב, ווי קענען זיי גיין די קליינע ייִנגלעך אין דער וועג אריין? פע! און אין ארויספירן אַ קאַר אָבער, זיך געבן אַ וואָרף צום רעדל, און מיטן קוק איר אריבערנעמען אין דרויסן ארויס, — שטעקט עפּעס אַזאַ ספּריט, וואָס פּאַסט זיך גראָד פאַר אזוינע ייִנגע באָיס; און אז מ׳קריגט נאָך דערפאַר אַ טשעסטער־פיעלד, אַ קעמל, וואָס קען שוין זיין בעסער? אַ טשעסטערפיעלד, אַ קעמל, אַ לאַקי־סטרייק, — גייט אויך נישט צו פוס! נאָר וואו קען מען נעמען גאַראַדזשעס פאַר אזוי פיל, קיין עין הרע, קאַלעדזש־באָיס, — ווי ס׳זענען דאָ אויף גרענד, אויף מאַנראָו, אויף טשערי און גאַרעק סטריט? (קעגן אנדערע מקומות, איז דאָס אָרט גאָר געבוג מזלדיק, און מ׳איז זיי מקנא, וואָס אין זכות פון דעם וואַסער דאָ, — האָבן זיי זיך צעלייגט ווי ביים טאָטן אין ווייַנגאָרטן, איבער די גאַנצע לענג פונעם ברעג). סיי, מ׳זאָל זיי אריבערפירן פון די העכערע שטאָט־טיילן, פון דער וועסט, פון לאָנג־איילאַנד, — נו, זענען דאָרט קנאַפּ קאַלעדזש באָיס פאַראַן? און זיי דאַרפן נישט קיין „סמוק”?...
און אַ קעמל קריגט מען דאָרט בחנם? . . . וואָס הייסט: מ׳וועט ביי זיי צונעמען די גאַראַדזשעס? . . . און זיי וועלן דאָס אזוי לאָזן? . . . און זיך נישט אוועקשטעלן, ווי יונגע באָיס, מיט דראָאינג אין די אויגן, אויפשטייַן אלע ווי איינער:

— אָן וואָס דען וועלן זיי זיך אָנהאַלטן? זיי זענען שוין פאַר־זאָרגט מיט די גוטע דזשאָבס, און ברויכן נישט מער דאגהן פאַר אַ ציגאַרעטל? . . .

ערשט דעם טאַטענס מאַגן, אַ דאַנק און אַ לויב צו דעם וואָס לעבט אייביק, האָט געמאכט, — מ׳זאָל ברויכן אָפּהאַקן מיטן „קאַר־נער״, און זיך צוגעזעגענען מיט אים.

אַז ביי פלאכטן האָט זיך, יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיך ארונ־טערגעזעצט צום מאַשינדל, — דער מאַגן צונויפגענומען, איינגעצויגן ווי א רייף ארום דעם בויך, און נאָך אפילו העכער, — ביי די ריפּן; אזוי, דאָס ער ד׳האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן די יסורים (ווען דען גיט א ייד נאָך, נישט: אז דער חלף ליגט אים שוין אויפן האַלז?), — און ער איז געבליבן שטיין פאַרקלעמט, מיט בלוט אין די אויגן:

— כ׳קען נישט . . . כ׳קען מיך מער נישט אוועקזעצן צום מאַ־שינדל . . .

האָט דער בעל־הבית (מ׳מעג אויף א בעל־הבית אויך אמאָל מגין זיין; בפרט: היינטיקע צייטן, ווען צווישן ארבעטאָרער זענען פאַראַן אזוינע הינט, רשעים, און א סך יוניעס, — בליאַדעס!), אים געפּרוּווט גרינגער מאַכן ס׳האַרץ:

— וואָס האָסטו צו שטיין און וויינען, אז דו קענסט נישט אר־בעטן? ווארן, דו וועסט שוין דאָס אויף אייביק נישט קענען? ס׳וועט דיר נאָכלאָזן, און זיך צוריק אוועקזעצן צום מאַשינדל; דאָס מאַ־שינדל וועט אלעמאָל זיין דיין . . .

און נישט וואָס ס׳האָט אזוי גיך נאָכגעלאָזן, נאָר פאַרקערט, — זיך גענומען פארציען אין דער לאַנגער באַנק אריין . . . און אלץ מער פאַרשנירן ביים הויזגעזינט דעם האַלז, — ווי לאַנג קען דאָס א הויז אויסהאַלטן (ווען אפילו די רעליף האלט שוין איבער דעם אָפּן די אויגן, אָך און ווי!), אפילו אויף גאַרעק־סטריט,—אז ס׳קומט נישט אריין? . . . האָט ער זיך אָפּטער גענומען אריינוויזן איגעם שאָפּ, און צעגעמען די הענט:

— וואָס קומט מיר ארויס, וואָס ס׳מאַשינדל איז מיין, — אז איך בין נישט דעם מאַשינדלס? . . .

ד׳האָט זיך אָנגערופן דער בעל־הבית (אלץ דער בעל־הבית):

— ווייסטו וואָס? דו האָסט דאָך א דערוואַקסענעם זון!

האָט ער אויפגעמאַכט מויל און אויערן, פלאַכט, און פון גרויס פרייד זיך געגעבן א פלאַסק איגעם שטערן:

— איר וועט אים צולאָזן אויף מיין אָרט?

— פאַרוואָס נישט? — האָט אים דער בעל־הבית דערביי אונ־טערגעשטעלט א פיסל, — נאָר ווי דען? אזוי ווי ער איז א חצי בעל־מלאכה, און קען נאָך דערווייל נישט אזוי אריינשיסן ווי דער טאַטע (טוב שבגויים, א באָס, מעג ער זיין דער בעסטער, — הרוג!), וועל איך אים פאַר דאָס ווייניקער אריינמאַכן אין דער האַנט אריין...

— און די יוניע? — איז ביי פלאַכטן געוואָרן טונקל דאָס פנים.

— האָסט א קלער, אז דו די יוניע וועט נישט צולאָזן? פאַרוואָס זאָל זי אים דאָס נישט צולאָזן? ס'איז דאָך דיין מאַשינדל!

— כ'ווייס, אויב זי האָט נישט קיין אויג אויף עפּעס א שוואַרץ יאָר, די כאָלערע ווייסט, — וואָס זי וועט וועלן אוועקזעצן? און קוקט נישט ארויס, אז איך זאָל צומאַכן די אויגן?

— אזוי, — האָט ער געלאַכט, — וועסט דו דאָך אים נישט אוועקזעצן, נאָר דער בעל־הבית; און אַז דער בעל־הבית וויל עמיצן אוועקזעצן — זעצט ער אוועק; אַלצאיינס ווי די יוניע וואָלט אוועקגעזעצט — גישט אַנדערש; ס'איז ווי אין האַנט...

———————————————————

אזויערנאָך האָט אויך מיסטער פלעכט צוגענומען דעם „קאַר־נער" ביי זיין טאָכטער, ביי שייני, — זיך אויסגעביטן אויף איר אינעם שאַפּ. נאָר אזוי ווי א מיידל איז דאָך נישט קיין באָי (כאָטש מיידלעך טוען איצט אין די שעפּער די זעלביקע עבודה־פרך וואָס די מענער, נאָר פאַר ווייניקער געלט, פאַרשטייט זיך; א נישט, — וואָלטן זיי דאָך איר נישט געטאָן!), האָט פלעכט דעריבער נישט געקענט קריגן פאַר איר זיין מאַשינדל, ווי ער, פלאַכט, האָט עס געקריגן פאַר זיין זינדעלע, כאָטש ער האָט נישט ווייניקער פאַר אים געד־האָט א „מאַרגעדזש" דערויף (מער ווי צוואַנציק יאָר ביי דעם אָפּגעאַרבעט); און אפשר טאָקע דערפאַר ווייל די יוניע האָט עס באַדאַרפט פאַר אירס א חברה־מאַן, — און אָפּגעשניטן מיט חסד, אז

דער בעל־הבית מיט דער יוניע זיינע האָבן איר צוגעלאָזט אויפן „פלאָר", — זיין א פינישערן.

דאָס יונגע פּאָרל פונעם פינפטן שטאָק איז מיט אמאָל אויסגעכאַפּט געוואָרן פון דער זיבעטער עוועניו, וועלכע האָט אויף זיך דעם שווערן עול צו באַקליידן גאַנץ ניו־יאָרק, און נאָך א סך שטעט אחוץ איר, — מיט דרעסעס און מאַנטלען (קלאָוקס, בלעי"ז). זיי זענען איר געקומען אַרויסהעלפן, די עוועניו, זי זאָל זיך חלילה נישט איבעראַרבעטן, — מיט זייער יונג בלוט, יונג געמיט, וואָס די עוועניו ווי אויך די יוניע, ווי ז י זאָגט, — דאַרף אזוי נייטיק האָבן.

זיי פלעגן אַרויסלויפן, — נישט אַרויסגיין, — פונעם הויז (צו דער אַרבעט דאַרף לויפט מען!), און זיין אַריינגעקלעמט א גאַנצן טאָג אין זייערע שעפּער. און דאָס וואָס זיי האָבן געאַרבעט, דאָס האָט זיי געמאַכט פילן מיט אַלע — גלייך: יענער נייט, — זיי נייען אויך; יענע פּאָרן, — זיי פּאָרן אויך; יענע עסן, — זיי ווילן אויך עסן. איי, וואָס זיי האָבן פון זייער גאַנץ אַרבעטן אויפן שפּיץ מעסער? אָבער וויפיל זיי זאָלן נישט האָבן, און פּאָר ד ע ם נישט שווער אַרבעטן, — האָט זיך דאָס אויף אזוי פיל נישט גערעכנט, און זיך שוין מיט דעם אליין באַצאָלט, וואָס זיי האָבן זיך איינגעקויפט אין דער משפחה: „שטייט־אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן"... זיך דערשלאָגן, מיט מזל, צו ווערן אַרבעטגעבער, און נישט מער זיין קיין ליידיקגייער.

נאָכן ערשטן „סטאַפּ", „לאָנטש־טיים", — האָבן זיי זיך צונויפגעטראָפן אויפן „קאָרנער", וואו זיי האָבן אַריינגעכאַפּט א געלעכטער אויף איין פוס, און נאָכן טאָג אַרבעט שוין געוואוסט, ווי פון אויסוויניק, זיך צונויפצוגיין, — טריט ביי טריט (נאָך דער אַרבעט גייט מען פּאַמעלעך, — זאָל מען וועלן זיין א חכם, און לויפן? כע־כע...), און אויף נאָך פינף א זייגער זיך דערזען מיטן „בלאָק".

און ער איז זיי באַפאַלן, דער „בלאָק", באַזעצט ווי די בינען:

— הע? מ'איז דאָך ביי אונדז געבליבן שטיין, און ס'גייט נישט ווייטער; זיך ביי אונדז אַלץ אויסגעלאָזט, ווי די גאַס

ביים ים, — און וואו האָט זיך גענומען גאָס פאַר איך, איר זאָלט קענען אויף איר ווייטער גיין?

און זיי ביידע האָבן פאַרשעמט געקוקט דעם „בלאַק״ אין די אויגן אַריין:

— מ׳האָט פאַר זיי די גאַס נישט ווייטער געצויגן... די גאַס האָט נישט קיין ווייטער... ס׳איז דער זעלביקער „דעד־ענד״... דאָס רויטע פּלעמל טיקט, פאַרגייט און קומט, אַלצאײנס, אויף; און פאַר יעדן טריט ווייטער איז ים... ס׳האָט זיך גאָרנישט געביטן... נישט מער, — זיי האָבן פאַרנומען זייערע טאַטעס ערטער...

— וואָס איז, — וויל פריער פאַר אַלעם דער „בלאַק״ וויסן, — מיט אײַערע טאַטעס?

— זיך אָפּגעשפּאַרט אַ מאָגן . . .

— אַ מאָגן, פון וואָס?

— מ׳זאָל גלייבן דעם הויז־דאָקטאָר פונעם גאָווערניר־האָספּיטאַל,

— איז דאָס פון איבערעסן זיך...

קען דאָס דעם „בלאַק״, ווי נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, — נישט אין קאָפּ אַריין: הע? זיי זענען קראַנק געוואָרן פון צופיל עסן, — איינמאָל אַוועק; און צוליב דעם געמוזט אַרויספאַלן פונעם שאָפּ, — צוויי מאָל אַוועק; און אַז זיי זענען געגאַנגען אַרבעטן אויפן טאַטנס אָרט, — דריי מאָל אַוועק . . . נאָר ווי זאָל זיי דאָס אין קאָפּ אַרייַן, אַז דער „בלאַק״ איז יונג, — כאָטש ער הייבט שוין אָן פּאָקן און מאָזלען, און האָט דערפילט דעם טעם פון אַרויספאָרן אויף אַ גאַס, וואָס האָט אַ „דעד־ענד״; פון אַ שטאָרץ מיט אַ טונקל אונטערגעהאַקט רויט אויג, — מ׳קען נישט ווייטער; מיט יעדן טריט ווייטער און פאָראויס איז ים . . .

איז דאָס אַלץ פאַר אים נאָך אַן אומגעהייער רעטעניש:

— אַז די קאָנטרי ברעכט זיך, איז פיל שפּע, אָנגעלאָדן מיט אַזוי פיל גוטס, אַז ס׳פּלאַצט אויף איר אויף די הויט, — פון וואַנעט האָבן זיך גענומען די ריזיקע לעכער אין איר, — די אַרבעט זאָל דורך

זיי אויסרינען?... פאַרוואָס פאַרשטאָפּט מען נישט די לעכער ביי דער קאָנטרי?... און מיט וועלכע סוערס לויפט זי אָפּ? און פון וואָס פאַר אַ מבול ווערט זי אָפּגעשווענקט? און אַז מ׳זאָל קוקן דעם הויז־דאָקטאָר פונעם גאָווערניר־האָספּיטאַל אין מויל אַריין, — אַז זיי ווערן קראַנק אויפן מאָגן נישט פון קיין פאַסטן תעניתים, — פון וואַנעט האָט מען אַזוי פיל צו עסן, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו טאָן? און אפשר, ווערן זיי דאָ קראַנק אויפן מאָגן, ווייל די אָרימעלייט עסן אין זיך אַריין פּויזן? סם־המות? די זעלביקע באָרדנס מילך וואָס אויף פּאַרק עוועניו און אויף גאָרעק סטריט... באָרדנס איז אַ צו־רייכע און אויך אַ צו רעספּעקטאַבל קאָמפּאַני, — אַז זי זאָל גיין מאַכן אַ חילוק צווישן די ביידע קאָסטומערס! און פאַרוואָס זאָל זי עס אויך טאָן? די דרייצן סענט, צי וויפיל דאָרט, וואָס זי נעמט ביי דער מיסעס פלאַכט אויף גאָרעק סטריט, זענען נישט די זעלביקע וואָס אויף פּאַרק עוועניו?... יעדע מטבעה איז ביי איר זייער אָנגעלייגט, — פון וועמען זי זאָל איר נישט קריגן, ס׳מעג אפילו זיין פון פּוטיפרע... דעם שבח קען מען איר גראָד יאָ נאָכזאָגן... און אַזוי אויך די ביישאָנעל סאָסעדזש, הייַנז בינס, פּאַרק און טילפאָרד טשאָקאָלאַד, מאַנישעוויץ מצה פּראָדוקט, האָרטאָנס אייז־קרים, אַרמאָר און סוויפט פּעקינג... קיין איינע פון זיי פאַרקויפט נישט קיין צווייערליי ברענדס... און די קאַליפאָרניער אָראַנדזשעס מיט די פלאָרידער פרוכטן, זענען אודאי פאַר אַלע די זעלביקע... און פּאַקטיש עסן מיר דאָ אַלע, אָרעם און

ר י י ך — פ ו ן א י י ן ש י ס ל... היינט, ווי אזוי ווידער פאַרט זיך עס ?... מוז זיך דאָך דער דאָקטאָר פונעם גאָווערניר־האָס־פיטאַל האָבן אריינגעהאַקט א קלין אין קאָפּ...

— ווען מען ליגט אין קאָפּ דער הויז־דאָקטאָר פונעם גאָווערניר־האָספּיטאַל, — האָט זיך אָפּגעריסן א שטיק פונעם „בלאַק", און יענעם גלייך פאַרוקט אין „קאָרנער", — אבי מ'האָט זיך געפרייט, מ'האָט אייך געזען גיין ארבעטן, — אז מ'איז שוין מיט מזל ארויף אויף א גאַס, וואָס מ'קען אויף איר פאָרן; און אויב נישט פון „קאָוסט טו קאָוסט", ווי מ'איז אמאָל געפאָרן, איז כאָטש אזוי ווייט ווי קיין אָמאַהא, אין „טהי מידל אָף די קאַנטרי"... קיין שיקאַגע, זאָל זיין... און דאָס רויטע פלעמל פון „דעד־ענד" האָט זיך ארויפגערוקט דהע־כער... כע־כע: גיי ווייס, אַ ז א ו י ף צ ו ק ר י ג ן א ד ז ש א ב, — מ ו ז ז י ך ד ע ר ט אַ ט ע פ ר י ע ר אָ פּ־ש פּ אָ ר ן א מ אָ ג ן, אָ ד ע ר א ל ו נ ג ן־פ ע ל ע ר. ע ר ז אָ ל מ ו ז ן א ר ו י ס פּ אַ ל ן פ ו נ ע ם ש אָ פּ... אַ מ ע נ ט ש פ אַ ר א מ ע נ ט ש ?... ו ו א ר ו ם נ י ש ט. — א מ ע נ ט ש, א ו ן צ ו א י ם נ אָ ך א מ ע נ ט ש ?... ניין... ס'גייט נישט ווייטער... ס'איז „דעד־ענד"... דאָס רויטע פלעמל... און דער „בלאַק" קען נישט פריער אויפגעריכט ווערן, ביז די אלע וואָס זענען ביי דער ארבעט, זאָלן קראַנק ווערן, אויס־שטאַרבן, און דאַן ערשט פאַרבייטן מיט זיי יענעס ערטער... אָ ד ע ר מ'ז אָ ל צ ו ל י ב ז י י מ אַ כ ן א מ ל ח מ ה, ו ו אָ ס ז אָ ל ז י י ב ר ו י כ ן נ ע מ ע ן א י ן ד ע ר א ר ב ע ט א ר י י ן... ב ר ו י ך מ ע ן נ י ש ט מ ע ר ב ו י ע ן ק י י ן ה י י ז ע ר ? ק י י ן ש ט ע ט ? ק י י ן ב ר י ק ן ? ק י י ן ר אָ ו ד ס ? ק י י ן ק אַ ר ס ? ק י י ן נ י י ע פ אַ ב ר י ק ן ? אַ ז מ'ז אָ ל צ ו ד ע ם א ל ע ם א ו י ך פ אַ ר ב ע ט ן ד ע ם „ב ל א ק", — ע ר ז אָ ל ז י ך פ אַ ר ש א ר צ ן ד י א ר ב ל א ו ן נ ע מ ע ן צ ו ד י כ ל י ם ? נ אָ ר ס'א י ז „ד ע ד־ע נ ד"... ס'גייט נישט ווייטער... מ'איז געבליבן ביי דעם וואָס ס'איז, און שוין... דאָ וועט מען שוין האלטן שבת... ס'וועט פריער קיינער נישט קריגן קיין ביין צוגעוואָרפן, ביז א צווייטער וועט אויסציען די

קאַפּיטעס... און מ'ברויך בעטן, אויב מ'וויל אליין לעבן, — אויף יענעמס טויט?...

VI

העדי און שייני זענען פון דעם, וואָס זיי זענען ארויס־געפאַלן פונעם „בלאַק", און ארויף אויפן ברייטן שליאַך פון דער זיבעטער עוועניו, — געוואָרן נענטער צווישן זיך. אזוי פלעגן זיי אויך שטיין און גיין צוזאַמען, און זיך עסן פון די פּיסקלעך. נאָר די שעפּער האָבן זיי, אויף וויפיל זיי האָבן זיי באַדאַרפט, — ווי געמאכט פאַר איין מענטש. ארויסגענומען אינאיינעם פונעם פינפטן שטאָק, און אינאיינעם אויך צוריקגעברענגט. די ארבעט האָט זיי צונויפגע־בונדן ווי מיט א קייטל ביי די הענט. איינעמס בליק האָט גלייך געטראָפן דעם צווייטן אויפן ריכטיקן אָרט: צי דאָס איז געווען ביי א „קאַר־פעיר" אין סאָבוועי, אָדער ביים ארייגגיין אין א „מואווינג־פיקטשור" הויז. דאָס ארבעטן אירס האָט אויך מיטגעברענגט,— זי זאָל זיך אָנהייבן בעסער קליידן. פאַרוואָס טאָקע נישט? אז מ'פאַרדינט אליין, און מ'ברויך נישט מער אָנקומען צום טאַטן און אפילו נישט צו דער מאַמען, — קען מען זיך, כאָטש מ'ברויך ארייגצאָלן אין שטוב א פאָר טאָלער, — יעדע וואָך עפּעס אנדערש אוועקרייסן, און זיך באווייזן אויפן „רוף", פארשטייט זיך, אז הערילע זאָל זען, — דאָ אין א פּאָר נייע זיידענע פּידזשאַמעס, א ניי סקוירטעלע, בייטן שיכעלעך, — יעדע וואָך אנדערע, וואָס די מיסעס פלעכט, איר מאַמע, כאָטש זי פלעגט אָנקוועלן, — האָט דאָס באַטראַכט נישט מיט ווייניק האַרץ־קלעמעניש:

— אמער וואָלסטו זיך פריער אדורכגערעדט מיט דער מאַמען, — אז דו גייסט דיר קויפן א פּאָר נייע פּידזשאַמעס, שייני?

— כ'ברויך, זיי זאָלן דיר פריער געפעלן, מאַ? — קוקט איר לאַכנדיק אָן שייני.

— אַז איך וואָלט געוואוסט, — באַדויערט די מאַמע, — וואָלט איך געזען, דו זאָלסט **זיי קריגן אויף א קוויטל פון דער רעליף**; און די פּאָר טאָלער אָפּגעשפּאָרט אויף עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס די רעליף גיט נישט...

— אויף וואָס אזעלכעס קען איך אָפּשפּאָרן, וואָס די רעליף גיט נישט? אויף אַ קאַר? אַ פאַרם? אַ סקיי־סקרייפּער?

— אויף עפּעס אַ רעכט שטיינדל, — מיינט די מוטער און גאַנץ ערנסט, — אַז דו זאָלסט האָבן וואָס צו נעמען אויפן פינגער.

— און וואָס וועט מיר שוין העלפן גיבן, אַז כ׳וועל אים פאַרלויפן דעם וועג מיט אַ שטיינדל?

— —

ביי די פלעכטס און די פלאַכטס האָבן די מאַמעס, די ערשטע, — זיי געגומען נאָכוואַרפן גנבשע קוקעלעך. און וואָס מער ליבשאַפט זיי האָבן ארויסגעוויזן צום יונגן פּאָרל, ווי אויף צו להכעיס, — זיך מער געגומען ארומקריגן, זיין אין אַלעם קידער־ווידער, ווי איינע וואָלט נישט פאַרגינען די אַנדערע, — וואָס איר קינד נאַרט זיך אָפּ אין אַנדערן, און כאַפּט אַיין דעם אַ קלענערן „באַרגעין"; און אַזוי ווי קיין איינע האָט נישט געקענט דערמיט ארויס פאַר דער אַנדערע, און דאָס געשטיקט אין זיך, — האָט זי דאָס, געוויינטלעך, אויסגעלייגט, צו דער צווייטערס לאַנדסמאַנשאַפט; די: וואָס זי, די מיסעס פלעכט, למשל, איז אַ רומענישע, — און ס׳שמעקט איר, דער מיסעס פלאַכט, נישט זייער; און יענער, די מיסעס פלעכט, ווידער, וואָס זי, די מיסעס פלאַכט, צום ביישפּיל, איז אַ גאַליציאַנערן: „שטאַינער און באַינער מיט מאַמעליגע זאָל זיך ברויכן אויסקאָכן אין איין טעפּל, — וועט עס קיין ידישן טעם נישט האָבן!"... אַזוי האָט איין מאַמע די אַנדערע געזוכט אומזיסט און אומנישט צו פאַרצאַפּן ס׳בלוט, לייגן שטיינער אויפן הארץ... נאָר די מיסעס פליכט, די דריטע וואָס אויפן פינפטן שטאָק, און אַן אונגאַרישע האָט ד אָ ס געוואָלט אדורכאַרבעטן (אויב ס׳איז נאָר געווען ד א ס):

— אַז, אייגנטלעך, זענען זיי גאָר שכנים פון דער היים נאָך... טיף גאַליציע און אריבער דער גרעניץ פון רומעניע, — האָט אַ ברירה צו זיין ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער; ס׳וועגדט זיך נאָר, וואו ס׳כאַפּט; און דאָ, וואו לענטשנע איז זיך משדך מיט קאַזאַטיק, איז אַזאַ שידוך וואָס פּירט זיך אפילו אין דער היים אויס, — אוודאי אויף די ריכטיקע טרעקס...

די אַנדערע, נאָך די מאַמעס, און אפשר אויך אַזוינע נאָנטע ווי זיי צו די קינדער, — די טאַטעס, האָבן גלייך צוגעקלאַפּט: „אויב

ס׳פֿאָר פֿאָלק גלייכט זיך,—ווועט ע ר איין טאָג עסן ווי ז י וויל: מאַמע־ליגע, און דעם אנדערן טאָג וועט ז י עסן ווי ע ר וויל, — קליס־קעלעך מיט פֿיש אדער באָבעלעך מיט פֿלעצעלעך!", כאַטש זיי האָבן דאָס שוין לאַנג אויסגעביטן אויף העם־און־אייגס, ביפֿ־סטו, מאַצאָ־פֿענ־קייק, געפֿרייטע קלעמס, אויסטערס, און נאָך ענלעכע צו אזוינע היגע מאכלים; און דאָס וואָס ס׳איז די ווייבער נישט אָנגעשטאַנען, ווי זיי האָבן עס אויסגעלייגט: לאַנדמאַנשאַפֿט (אינווייניק וואָס ס׳האָט געבורעט, — האָט מען דאָך נישט געקענט ארויסזאָגן), — איז ביי זיי, ביי די שער און נאָדל יידן, — וואָס ביי זיי איז דאָס אודאי געווען איינס, ווי צונויפֿגעגאָסן אינאיינעם (וואָס פֿאר אַן אונטערשיד קען זיין צווישן א דרעס־אָפּערייטאָר ביז א קלאָוק־אַפּערייטאָר, אז די נאָדל איז די זעלביקע, דאָס מאַשינדל איז דאָס זעלביקע, — און די יוניע ביי זייביידן האָט אויך דאָס זעלביקע פּנים?), — זיי האָבן גלייך צוגעקלאַפּט, און ס׳איז נאָר אַ שאָד געווען, וואָס צוליב דעם כאָלערע־דיקן מאָגן קען מען נישט אריינגיין ערגעץ אין א ווײַנקעלער, זיך הייסן צוטראָגן דעם ריכטיקן מאָש־סטייק, און אים פֿאַרגיסן מיט די ריכטיקע זעקס־זיבן גלעזער טרוקענעם וויין פֿון אייז אַראָפּ... אפֿילו אָן דעם האָבן זיי זיך אויך ארומגעכאַפּט, ווען אפֿילו ביי א גלאָז פּוטער־מילך, און די זעלביקע גדולה האָט גלייך און אלצאיינס געשיינט אויף ביידנס פּנימער: „בעטשע, ס׳וועט פֿון דעם קאָרן נאָך זיין באַטעמט ברויט!" ס׳העכסטע, וואָס ס׳האָט געקענט זיין א רייד, איז, ווי אין דער אלטער ד־היים, צווישן צוויי מחותנים, וואָס קענען זיך נישט אייניקן: וואו דער חתן־בחור וועט דערנאָכדעם פֿאָרן? צי מיטן טאַטן קיין גער, אָדער מיטן שווער, — קיין אלעקסאַנדער צום רבין? אזוי האָבן זיי זיך דאָ אויך געשאַרפֿט די ציין און געאַמפּערט: צי ער וועט דער נאָכדעם גיין מ י ט ע ן מיטן טאַטן ביי די פֿוירסט ריישער בענעוואָלענט, אינקאָאָפּאָרייטעד; בשם פֿראַנץ יאָזעף, זכר צדיק לברכה, דעם אַלטן עסטרייכישן קייסער, וואָס מיט ביידע באַקן־בערד, — זיין זכות זאָל אונדז באַשטיין (קירע מאָק וועט זיך נאָך אפֿילו איצט לאַזן אַן אויג ארויסנעמען פֿאַרן קייסער זיינעם, און מ׳איז נישט זיכער מיטן לעבן, — מ׳זאָל חלילה לאָזן פֿאַלן אויף אים א שטויבעלע... געב אים א קייסער, געב אים!)... אָדער מיטן שווער: ביי די אנשי יאס, אויפֿן כשרן נאָמען פֿון דער גרויסער

צדקניות, די רומענישע קעניגין, מאריא, זי זאָל זיין א גוטע בע־טערן ביי דער מוטער רחל (אויך די רומענישע יידלעך זענען נישט ווייניקער משוגע פון די גאַליציאַנער, — פאַר די קעניגן זייע־רע; קעניגענס גיטס זיי!)... און וואָס ס׳קער זיך אָן צום בחור מיטן מיידל, —ביידע גלייך און אלצאיינס פון זיי געלעקט די פינ־גער. ס׳קען זיין, אז ס׳האָט אויך ביי זיי אינווייניק געטיאָכקעט די זעלביקע קנאה־שנאה, וואָס ביי די ווייבער: וואָס דאָס פאָרל איז נישט זאין גלייכן געלט (אין גלייכן ווערט זאָגט זיך אפילו דאָ...), נאָר אַזוי ווי זיי זענען דאָך עפעס מאַנסלייט, האָבן זיי כאָטש באַ־וויזן, וואָס ווייבער קענען נישט באַווייזן, זיי זאָלן זיך אפילו צערייסן, — אָז זיי לעקן פון זיי די פינגער; און יעדעס מאָל וואָס דער בחור איז געגאַנגען מיטן מיידל, גלאַט אזוי, לשם גיין, האָט זיך פלאָכט, דער גאַליציאַנער פלאָכט נישט געקענט איינהאַלטן, — און זיך געמוזט אוועקשטעלן ווי א יידענע, מיט די הענט פאַד־באָקאָם, און רומען זיין שטיקל סחורה:

— שוין איינמאָל אָ באָי, הערילע...

און פלעכט, מיט דעם זעלביקן, א האָר נישט אנדערש, — אויף איר:

— שוין איינמאָל אָ מיידל, שייני.

זוכט א י ם דאָן פלאָכט, אויב ס׳צער פון טראָגן איז יאָ אזוי גרויס, — נאָך גרעסער צו מאַכן:

— ער איז אזוי גוט ביי דער ארבעט, אז דער באָס וועט אים רייזן די ווידזשעס נאָך דער חתונה, — ווען די יוניע זאָל דאָס אפילו נישט וועלן...

פלעכט, פאַרקערט, זוכט דאָ, אויב ס׳איז יאָ אזוי, — איר קלענער צו מאַכן:

— ביי א מיידל איז נישט קיין גרויסע מעלה, אז זי איז א האָסלערקע; אז א ווייב ברענגט א היים א גוטע פיידע, — פירט זי איבער דעם מאַן, און ער ווערט ביי איר א פוילער... א מיידל ברויך זיין א גוט ווייב, און ארבעטן זאָל דאָס פערד, דער מאַן...

בײ בײדע: בײ פלאָכטן און פלעכטן, האָט זיך עפּעס, קוקנדיק אויפן באָי מיטן מײדל, — צעשראָקן אינעם בלוט; דאָס בלוט וואָס האָט געקלאַפּט ווי א זײגער, — נישט צערודערט, און, לעצטנס, צוליב דעם מאָגן, שוין א היבש ביסל פאַרשלעפּערט,—האָט באַדאַרפט עפּעס האָבן, אז ס'זאָל זיך צעלויפן און גאָר אויף א נײעם אופן. איז דאָס דערנענטערן זיך פון דעם בחור מיטן מײדל, זײער גײן, לאַכן אויפן „רוף", — פאַר זײ געווען ווי אן אומפאַרשריבענע רפואה... ס'האָבן זיך אויף זײ קוקנדיק, ראשית, אָפּגערופן זײערע אײגענע יונגע יאָרן, ווי עפּעס א ווײטע דערמאָנונג, וואָס האָט גערײצט ווי מיט יונגינקן קנאָבל אין די נאָז־לעכער; והשנית, זיך גענומען דערוועקן א שפּאָגל נײער חשק, וואָס איז געוואָרן מיט יעדן טאָג מער פלײשיק, מער גלוסטענדיק, און ס'האָט בײ זײ אויסגעזען ווי אויף א פאַרשלאָפן טײכל, — אז א קיל ווינטל כאַפּט זיך צו דערצו און צעבלעזעלט עס; ס'האָט פון ערגעץ און מיט אמאָל אָנגעהויבן אָנקומען ברען, הײסער אָטעם, וואָס האָט געברויזט קריגעריש און אַרויסרופעריש, — *אַז מיט דעם וואָס מ'האָט אויפגעצויגן א קינד, איז מען נאָך לחלוטין נישט אַלט* (חתן מאַך דיר א לב!); און אז מיט זײער גרויס ווערן ברויך מען זיך בכלל נישט צוריקציען און אָפּשטײן, פאַרגײן אין א ווינקעלע: „*נאַט אײַך אָפּ די וועלט, און צעטרעט איר מיט אײערע יונגע פיס, ווי מיר האָבן איר אַמאָל, אין אונדזערע יאָרן, געטרעטן!*". נאָר, דאָס מיט זײער גרויס ווערן, — ברויך ערשט גרעסער ווערן בײ זײ די אמביציע, זיך שטאַרקן דער אימפּעט, און נישט אַרויסלאָזן די וועלט פון די הענט, — ביז זי וועט נישט אלײן און מיט אלעם אַרויספאַלן... נאָר גײ, האַלט די וועלט, אז דאָ האָט זיך גאָר אַרײנגעלײגט א וואָרים, דער מאָגן, — וואָס האלט דיך בײם האלדז!... און וואָס פאר א טעם קען האָבן די וועלט, אַז דו קענסט אויף אלעם קוקן, די אויגן זאָלן איבערגײן, — און זיך נישט טאָרן צורירן צו גאָר... מילא: אז מ'נעמט נישט גאָר אַראָפּ, — ברויך מען ליגן א לעבעדיקער צו גאָרנישט, אָדער ארומגײן א מת; אז מ'האָט אָבער א קינד אויסצוגעבן, — קען מען זיך נישט פאַרגינען בײדע... אז מ'ארבעט נישט, — שטופּט די רעליף

אונטער; און אז מ׳קען נישט ארונטערנעמען, — וואָס קען מען טאָן? זיך גיין לאָזן דערהרגענען צוליבן פרעס? אויסגעבן א קינד, — דאָס וועגט אלץ אריבער: אי דאָס עסן, אי דאָס ארבעטן, און מ׳דאַרף ערשט דערצו שטיין אויף די פיס... ערשט אָנהויבן לעבן... אז דאָס גרויסוואָרג גייט פאר זיך, דעמאָלט איז דאָך ערשט דאָ צו וואָס צו לעבן... ווען דען קען מען אָנרופן געלעבט, — ווען זיי זענען געווען קליינע דרעקלעך? און אלץ אינאיינעם געהאט צו טאָן מיט די גריפּ, קייכהוסט, סקאַרלאַט-פיבער... און אָן דעם אלעם איינגעפאַלן יעדן צווייטן און דריטן טאָג, וואָס מ׳האָט גאַרנישט געקענט דער־גיין אויף וואָס? ס׳איז דאָך צוקער זיס, אז דאָס באַוויזט צו האָבן א קינד, און ס׳נעמט זיך דראַפּען אויף די גלייכע ווענט; קומט אלע ווײַלע נישט טויט און נישט לעבעדיק: „אוי, מאַמע, דאָס קינד איז היינט ארויסגעגאנגען גרין ווי גראָז"... „אוי, מאַמע, דאָס קינד האָט געבראָכן ווייס ווי א מילך"... און מ׳רייבט זיך די הענט, קוקענדיק אויף די יונגע לעקישלעך: „ווי אזוי דען האָט עס געזאָלט ברעכן, שווארץ ווי טינט? כע־כע־כע"...

באַזונדער שטאַרק האָט דאָס אָנגענומען פלאַכטן, און ווי מיט ביידע הענט פארן האַלדז: „ער מוז זיין, וואָס ס׳זאָל נישט זיין, — אַ געזונטער טאַטע!" און וואָס פלעכט האָט אים צוריקגעהאַלטן, ער זאָל נישט ארייננכאַפּן דאָס מעסער אויף איין פוס: „באשר־ובכן, אז הערי און שייני גייען אינאיינעם אויס, — ברויך ער זיך דערפאַר לאָזן שנײַדן? און אזוי, וועלן זיי זיך אפשר נישט קענען אָפּקאָכן אין איין טעפּל? ע ר, — זיין אַ מחותן?" האָט אבער פלאַכט, צו דעם אלעם וואָס ער האָט געחלשט ארויפצונעמען אויף זיך א ניי פּעל, — נאָך עפּעס געהאט אויפן קאָפּ, וואָס ר׳האָט נישט געוואָלט ארויסברענגען פאר קיינעמען, אפילו נישט פאַר פלעכטן, כאָטש ער איז שוין געווען א שטיק מחותן זיינער: און דאָס, — וואָס הערילע ארבעט... און אז ער וועט ד אָ ס איבערקומען, — זיך געטראַכט, — וועט ער זיך אויך אוועקזעצן, א מאַשין קעגן איבער אַ מאַשין, און ביידע צוזאַמען ארבעטן... ווי וואויל וועט אים זיין?... וואָסי, דער בעל־הבית וועט אים נישט לאָזן?... ערשטנס, וואו איז די יוניע?... און באַזונדער, איז ער אַזאַ בעל־הבית, וואָס, אז ס׳זאָלן זיין א סך אזוינע בעלי־הבתים, — וואָלט מען גאַר אינגאַנצן קיין יוניע נישט

באַדאַרפט (איי, וואָס די אַלע ביזנעס־אײדזשענטס מיט די אָרגאַניי־ זערס וואָלטן נישט געהאַט פון וואָס קיין לעבן צו מאַכן, — אַז ס׳זאָלן קיין יוניעס נישט זיין? וואָלטן זיי אָנגעהאַלטן הייזלעך! געהאַט אַרומ־ גיין נקבות! זיך איינגעבראָכן אין בענק! ס׳איז דען נישט ביי זיי דאָס־ זעלביקע ברויט?)... אַז דער בעל־הבית האָט געקענט לאָזן אַוועקזעצן הערילען אויף זיין אָרט,—וועט ע ר א י ם דאָס נישט לאָזן? ביי אים וועט דאָך אַפילו די יוניע נישט קענען אויפמאַכן ס׳מויל, און זיך זוכן אַריינצורוקן מיט עפּעס אַ שטאַרקן, ווי ביי זיין זון, — ס׳איז דאָך ז י י ן מאַשינדל! כע־כע־כע... זיך גיין לאָזן שניידן? בלויז צוליב דעם אַליין, אַז הערילע זאָל קענען קריגן דעם דזשאָב, — האָט זיך דאָך עס שוין באַלד געלוינט! אודאי וואָלט געווען בעסער: ווען הערילע וואָלט געקריגן דעם דזשאָב, — אַז ער זאָל נישט ברויכן קראַנק ווערן, און נאָך אַזוי קראַנק, — מ׳זאָל אים ברויכן צעשניידן! נאָר אַז ס׳איז קיין אַנדערער אויסוועג נישטאָ?... ער איז דאָך נישט איינער... ס׳איז דאָך מיט יעדן אַזוי... מ׳ברויך באַצאָלן פאַר אַ דזשאָב, און מיט בלוט... אַצינד, אַז הערילע אַרבעט... און אויך ער, אַז ער וועט איבערקומען, — וועט אַרבעטן, ביידע זיין ביי דער מלאכה, יאָ: און די רעליף אויך אונטערשטופּן... ווער וועט נאָך זיין גלייך צו אים?... און ווען אים נאָך דהאָבן אַזוי גוט געווען?... ער וועט זיך טאַקע קענען (דער חלום פון אַן אָרימאַן!) אַרונטערקלייבן פונעם פינפטן שטאָק, — כאָטש אויפן דריטן; אייביק וועט ער אַזוי קענען גיין שטאָק־איין, שטאָק־אויס, — ביז אונטערן „רוף”? ס׳האַרץ הייבט שוין אָן מורד זיין... ע ר גייט, און ס׳האַרץ — בענג... בענג... זעצט... איי, די רעליף! — ווי זאָל גאָרנישט אונטערגיין... אין די פריערדיקע יאָרן, אַז מ׳האָט נישט געאַרבעט, האָט דער גראָסערימאַן זיך פאַרדרייט ס׳היטל און נישט געוואָלט קענען; דער בוטשער גע־ טריבן פון זיך; דער קלינער טאַקע אויך נישט געפּרעסט די הויזן... דער לענדלאָרד געווען אָנגעדרודלט, און די געז מיט עלעקטריק־קאָמ־ פּאַני, ד י צוויי גראָבע חזרים, — זיך גאָרנישט געשעמט אַרויס־ צוציען מיטן ביסל קאָפּיטש, און לאָזן אין דער פינצטער... איצט פרעגט זיך גאָרנישט דער לענדלאָרד, אויב מ׳האָט אַ דזשאָב?... ס׳פּנים זיינס שמייכלט, און דער גוטמאָרגן ליגט אים כסדר אויף די ליפּן... מ׳וואַרפט נישט מער די בעביכעס פונעם הויז... מ׳זעט

נישט מער פאַר ד ע ר טיר און י ע נ ע ר טיר, ליגן א הויפן גראַטעס אויף דער קופּע... אויך די חורישע עלעקטריק קאָמפּאַני ווייסט, אז מ׳וועט איר אָפּצאָלן פארן ביסל געז מיט עלעקטריק... דער קלינער פּרעסט די הויזן, און די לאָנדרי וואַשט, אלצאַיינס, צי מ׳ארבעט אדער מ׳אַר־בעט נישט... דער בוטשער־מאן שרייט נאָר צו דער מיסעס: זי זאָל, למען השם, געבן די קינדער לעם־טשאָפּס (א גוטער געוואָרן!), און נאָך בייבי־ריפּלעך דערצו, — כאָטש זיי זענען נישט שפּאָרעוודיק... וואָס אַרט אים, אז דער מאַן ארבעט נישט?... זי וועט אים סיי־ווי סיי האָבן צו געבן אויפן „ביל", ווייסט ער... און דער גראָסערימאַן, יידל, דער גראָסערימאַן, וואָס אויף אים שטייט דאָך, אויב נישט די וועלט, אמעריקע פאר געוויס, — האלט אָפּן די טירן פון זיין גראָסערי פאר יעדן לאָמן, קרומען און הינקעדיקן: „נאָר קום און נעם!"... וואָס די רעליף האָט אָנגעמאכט?... אז מ׳גייט ארויס פאַרטאָגס אויף גאָרעק סטריט, וואָס ברויך מען שוין מער ווי גאָרעק סטריט?... און מ׳זעט צופאָרן צו יידלס גראָסערי שעפּילדס און באָרדנס צאַצקע־דיקע וועגענער מיט מילך; און ווי מעסינג און פעכטער וואָרפן אריין זייערע ספּעציעל יידישע ברויטן; חוץ די אנדערע, די גויאישע: ווארדס ווייסע, פּיערעקעכדיקע, ווי ארומגעשיילטע, אָן הויטן, — אין ווייסן סעלאָפין געפּאַקט; צעשניטן אין רייפּטלעך, — גלייך אין מויל אריין צו ליגן: האָם־האָם, און ארונטערשלינגען... סילווער־קאָפּ, טיפּ־טאָפּ, דיוגענס־האָל־וויט. סטימערס פריש ביזן לעצטן רייפטל, שוואַרצע פּאָמפּערניקל (ס׳רייסט נאָר ביים הארץ, אז דאָס זאָל נעבעך ברויכן אונ־טערגיין)... מיט די בעסטע טעם־גן־עדנדיקע (ווי זיי רעקלאַמירן דאָס) קייקס: פּיינאַפּל פּייס, ראַזבערי פּייס, סטראָבערי פּייס, און וואָס נאָך אלץ פאר א פּייס?... און די אנדערע, קליינע כלערליי משונהדיקע טראָקלעך און פאָרדלעך, — פארוואָרפן איר מיט רויטע, שמאַלציקע, אויפגעשפּאָלטענע אין צווייען, — לאָקסן; געשמאָקע זיסע שמעטאַנקע, און אויך זויערע שטייפע סמעטענע, — וואָס מ׳קען שניידן מיט א מעסער; ווייסע גערייכערטע פיש, שוואַרצע גערייכערטע, ברוינע גערייכערטע, סאַרדינען, כלערליי קענ־גודס, און היינט: קעז, וויפיל ערליי קעזן? און מ׳פרעגט אים, מיט א פינגער ביי דער גאָמבע: „ר׳ יידל, ווער וועט דאָס אלץ אויפעסן?" קוקט ער אייך אָן מיט א קלוג שמייכעלע: „וואָס הייסט, ווער? קיין גבירים וואוינען דאָ נישט

אויף דעם בלאק; און א העלפט פון מיינע קאַסטאָמערס שטייען אויף רעליף!״

VII

זיי זענען ביידע געגאנגען, אָנגעלאָדן, און אָנגענומען מיט כח וואָס כח הייסט, — צום שפּיטאָל: „שניידט! טרייבערט!״, איבערהויפּט: פלאָכט, וואָס האָט זיך דאָס אַלץ אַזוי זיס אויסגעלייגט, און אַזוי גלייך ווי אויף א טעלער: „הערי ארבעט, און אַז ער וועט איבערקומען, — אויך גיין ארבעטן; די רעליף, — אונטערשטופּן״... נאָר אַז ס׳איז געקומען צו דער טיר, איז ער געבליבן שטיין ווי א שטיין, — ער וועט נישט אריינגיין! דאָס ווייב, וואָס האָט אים, נאַטירלעך, באַגלייט (שייני און הערי האָבן געמוזט זיין אין שאַפּ; ארבעט גייט נישט פאר קיין טאַנץ!), — האָט זיך מיט גאָרנישט אָפּגערופן צו אים. ווער קען דאָ עפּעס זאָגן, ביי אַן אָפּעראַציע, יאָ צו ניין? אפילו אַן אייגן ווייב קען אויך נישט צורעדן, און מוז דאָס איבערלאָזן צום חולה אליין, — ווי ער וועט וועלן. וואָרן, ווי ס׳זאָל נישט זיין, — זאָל זי דערנאָך נישט האָבן די דהויט פון זיך אראָפּצוועסן: „ז י ה אָ ט א י ם ג ע פ י ר ט צ ו ד ע ר ש ח י ט ה!״. און אַז פלאָכט איז געבליבן שטיין האַרט הינטער דער טיר, גענומען גלאָצן מיט די אויגן ווי אַן אָקס, ס׳האַרץ אים איינגעפאַלן, נישט געקלאַפּט ווי קיין הארץ, — האָבן אלע געהאלטן פאַרשלאָסן זייערע מיילער; און דאָס אייגענע ווייב האָט אים, אנשטאָט צוצורעדן, אים אריינגעבן חשק (וואָס פאר א חשק, משטיינס געזאָגט, מ׳קען אין יענעם אריינגעבן, — ער זאָל זיך לאָזן צעשניידן?), — גאָר גענומען אָפּוועגדן:

— ווי לאַנג דו ביסט נישט אינווייניק, און ליגסט נישט ביי זיי אויפן טיש, — קענסטו נאָך אַלץ צוריקגיין; דער זעלביקער וועג וואָס דו ביזט מיט אים אהער, גייט נאָך אַלץ, ווי לאַנג מ׳האָט דיך נישט צעשניטן, — צוריק...

איין מיסטער פלעכט, וואָס האָט געשטעקט אין דער זעלביקער הויט, — ער האָט זיך געקענט וואַרפן אויף אים, און אויף אים ארויפּכאַפּן:

— אויב אַזאַ לעבן, איז נישטאָ וואָס צו פאַרלירן...

— קען איך נאָך באַשטיין צו וואַרטן, — האָט זיך פלאַכט דער־כאַפּט, — ס׳וואָלגערט זיך אפילו אַזאַ לעבן אויך נישט אויף דער סטריט; אַז זיי וועלן עס ביי מיר אַוועקנעמען, — וועט דען זיין עמיץ, וואָס זאָל עס מיר צוריק־געבן? מ׳זאָל אפילו ווי וועלן, — מיר עס דען קענען צוריקגעבן?

— וואָרן, דו ביסט דען אליין, זאָלסט אזוי ציטערן אין די דהויזן?... — ארבעט מיט אים פלעכט, — האָלט זיך אָן ביי מיר אינעם רעקל... וועסט זען, ווי מ׳וועט מיך האָבן אויסגעשטעלט, — וועסטו דיך אויך הייסן אזוי אויסשטעלן . . . פארקוק דיך אויף מיר...

— האָב איך צייט זיך צו פארקוקן דערנאָך, אז כ׳וועל זען ווי דו וועסט אָפּשניידן . . .

אַזוי גיט ער אַ מאַך אויף אים מיט דער האַנט:

— ס׳וועט שוין פון אים קיין לייט נישט זיין, פון פלאַכטן.

און גיט זיך אליין איבער צום שפּיטאָל:

— איצט בין איך אייער מענטש!

דאָס שפּיטאָל ענטפערט אים ליבלעך, מיט א פרומען גלעטנדיקן שמייכל:

— מיט השם יתברכס הילף, וועסטו צוריק זיין א מענטש פאר זיך, און אויך א געזונטער מענטש...

דאָס ווייב פלעכטס, קריגט דאָס אַנטועכטס זיינס, וואָס זיי דאַרפן נישט צו גאָר, — מיט א „רעסיט" און א נומער: אז זיי האָבן אים דערהאַלטן פון איר, און קען אזוי גוט זיין אים קומען אָפּנעמען אין צוויי וואָכן ארום; יאָ: דורך די צוויי וואָכן, אויב זי וויל, קען זי אים אויך קומען, צוויי מאָל אין דער וואָך, צווישן זעקס און זיבן, זען... זי האָט איינגעלייגט דאָס קוויטל אין צווייען, דערנאָך אין פירן, און זיך גענומען פארבינדן דאָס אַנטועכטס אין א פעקל, צו וואָס זי האָט זיך געמוזט אראָפּבייגן, און מ׳האָט נישט געקענט זען איר פנים; נאָר אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן, און אויפגעהויבן די אויגן, זענען זיי געווען רויט און אדורכגעווייקט מיט טרערן: „מיט א שאָפּ און

אַ ז אַ שאָפּ, — פאַרט אַ מאַן! ס׳קען עס ביי אים קיינער נישט אָוועקנעמען! זיבן און צוואַנציק יאָר ווי מ׳האָט זיי די קעפּ פאַרבונדן, און מיט זיי שוין נישט איינמאָל געהאַקט אין וואַנט!״... און אַז זי האָט געוואָלט, ווי געוויינטלעך, עפּעס רעדן צו אים, — האָט זי דאָס נישט געקענט; איז ס׳לשון ביי איר געווען ווי אָפּגענומען, אָדער ערגעץ אַזוי טיף פאַרוקט, אין דער קעל, אַז ס׳האָט נישט געקענט פון דאָרט אַרויס; און בלויז באַוויזן צו מאַכן מיט די הענט, אונטער־הייבן ס׳פּעקל אַנטוּעכטס, ווי דערמיט אַנדייטן דערויף:

— כ׳נעם מיך מיט דיר אויס, פלעכט, דאָס אין צוויי וואָכן אַרום זאָלסטו עס ברויכן צוריק אָנטאָן, הערסט?

דער עקשנותדיקער פלעכט, וואָס האָט דאָס ביז אַהער ביי איר נישט געזען, און מער ווי אַ קללה פון איר נישט געהערט, — איז געוואָרן מבולבל; די צונג זיך שווער, ווי געליימט, גענומען רירן אין מויל: „ביסט דאָך טאַקע אַ יידענע!״, און זיך פונדעסטוועגן אומגעקוקט מיט אַנגסט צו פלאַכטן, ווי מ׳וואָלט אים טאַקע דאָ אַריינ־געקראָגן אין אַ פּאַסקטע, אויף וועלכע ער איז בלויז געווען אַ מבין... און איידער וואָס, ער האָט נאָך געקענט דערפילן דאָס שטעכעניש פון די האָר אויפן קאָפּ, — האָט זי (דאָך אַ ווייב!), וועלכע מ׳האָט שוין געבעטן זיך פאַרנעמען מיטן פּעקל, — פאַרגעסן, אָדער גאָר אינגאַנצן נישט געזען פאַר אירע אויגן די צוויי לאַנגע שורות בעטלעך מיט חולאים, וואָס זייער גאַנצע דערנערונג און אויפהאַלט איז אַ קאַ־פּעלע רו, — אַ ריטש געטאָן, און נישט ווי קיין יידענע, בכלל נישט ווי קיין מענטש, נאָר עפּעס ווי אַ קו אין פעלד; אַ רויען ריטש פון אַ אַ קו אין פעלד, ווען ס׳ווערט איר שוואַרץ אין די אויגן פון די וואָלקנס אויפן הימל און דעם אָנקומענדיקן רעגן, — אַזעלכער האָט זיך אַרויסגעריסן ביי איר אָן איר וויסן, און אפשר אויך קעגן איר אינגאַנצן... און ווען זי האָט זיך דערהערט וויינען, סאָליד און הויך וויינען, — איז זי שוין געשטאַנען אין דרויסן, הינטער דער טיר; מיט איר, — די מיסעס פלאַכט, אויך פלאַכט אַליין, און ווי דערטייטענט; אַ יונג מיידל, אָנגעטאָן אין ווייסן, אַ שפּיטאָל־נוירס, האָט איר געזוכט ווייך אויסצורעדן:

— ס׳איז נישטאָ וואָס צו וויינען... ס׳ש פּ י ט אָ ל א י ז

דאָך נישט געמאַכט געוואָרן פאַר קיין אַנדערן, ווי פאַרן מענטש...

אָבער זי האָט זיך נישט געקענט שטילן. האָבנדיק ליגן דעם קאָפּ אויף דער קאַלטער מויער פונעם שפּיטאָל, — אין זיך אַריינגעוויינט; און אַזוי ווי ס'האָט פריער געהאַט אויסגעבראָכן ביי איר ווי אַ וואָלקנבראָך, — איז עס זיך איצט פאַרגאַנגען אין אַזאַ מין נענטשען, וואָס האָט איר ווי באַדאַרפט אָפּענטפערן:

— וואָרן, פון אַלעם וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרן פאַרן מענטש אויף דער ערד, געניסט זי, — אַז זי מוז אויך פאַרזוכן דאָס שפּיטאָל?

אַז דאָס שפּיטאָל האָט פאַרנומען הינטער זיינע טירן דעם מיסטער פלעכט, אַ טאַטן פון אַזאַ גרויסע טאָכטער, קיין עין הרע, און אַ מיידל פון ניין יאָר, זאָל לעבן און געזונט זיין, — און אַן אַלעם: אַ מענטש פון פינפטן שטאָק, — איז עפּעס ווי אָנגעפאַלן אַ מרה־שחורה אויף דעם הויז דאָ. די שאָטנס פונעם שפּיטאָל זענען דאָ געפאַלן געדיכט, און ס'איז יעדן ווי נאָכגעגאַנגען דער גערוך זיינער, דער גערוך פון קאַרבאָל, יאָדינע, גאַז און כלאָראָפאָרם... דער דאָרטיקער שטילער געגיי אויף די שפּיץ־פינגער, און דאָס ווייסע אויסאָטעמען זיך, — איז געוואָרן דאָ נאָנט, ווי צו דערלאַנגען מיט דער האַנט...

ס'האָבן זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבן יאַוועז ווייבער פון די אונטערשטע שטאָקן, וואָס אַזוי קומען זיי זעלטן, זיך נאָכפרעגן וואַס־און־ווען, — און זי האָט געהויבן די אַקסלען:

— וואָס ווייסט זי? מ'האָט ביי איר צוגענומען דעם מאַן, און איר אַרויסגעגעבן אויף אים אַ „רעסיט" מיט אַ „נאָמבער", — זי זאָל דהאָבן מיט וואָס צו קומען אין שפּיטאָל אַריין אין צוויי וואָכן אַרום, און אויף וואָס אים אָפּצונעמען.

— און ביז די צוויי וואָכן? וואָרן, זי וועט זיך דען קענען איינהאַלטן אַזוי לאַנג, — זי זאָל אים נישט זען?

— פאַרוואָס זאָל זי זיך דאָס ברויכן איינהאַלטן? מ׳וועט איר צולאָזן יעדן דריטן טאָג אים אָנקוקן.

און דערביי שאַרן זיך די אַנדערע צוויי ווייבער, די מיסעס פלאַכט און די מיסעס פליכט, ארויס מיט איין פוס איבער דער שוועל, — און צערעדן זיך ווי גאַנצע מבינטעס:

— מ׳ווייסט דאָך, אַז מ׳גייט אין אַ סיטי האָספּיטאַל, ווי ס׳איז...

די ווייבער פון די אונטערשטע שטאָקן צערודערן זיך:

— אודאי איז בעסער, אַז מ׳קען גיין פּריוואַט... נעמען אַן איי־גענעם דאָקטאָר, און אים באַצאָלן פאַרן שטיקל ארבעט... אָנשטעלן אַ נוירס פאַר די ערשטע דריי טעג... אַזוי ווייסט מע דען עפּעס.

— ווער ס׳וועט אים דאָרט צעשניידן?... וועלכער שוסטער זיך אויף אים לערנען?

די מיסעס פלעכט האָט געמיינט, אַז זי ווערט דערדריקט; מיט בהמהשע אויגן אָנגעקוקט די צוויי שכנישע ווייבער, וואָס זענען איר געווען ווי די אייגענע הענט:

— אַזוי? אַז איר האָט דאָס פריער געוואוסט, — וואָס האָט איר דאָס ארומגעטראָגן אינעם בויך, און נישט פריער ארויסגעקומען דער־מיט?

— וואָס וואָלט געווען, אַז מ׳וואָלט פריער ארויסגעקומען דערמיט?

— ווילן איר די צוויי ווייבער פאַרגרינגערן, — וואָלט איר אוועק אין דער באַנק אריין, און זיך געהייסן געבן די עטלעכע הונדערט טאָלער וואָס איר האָט ליגן אויפן ביכל, איינצוצאָלן פאַר אים? צי, ארייננגעטראָגן די בריליאַנטן אינעם פאַן־שאָפּ?

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז נישט? — קוקט אויף זיי די מיסעס פלעכט, — מילא: אין דער באַנק אריין, דאָס בין איך אייך מוחל; אָבער דאָס בריליאַנטענע רינגל, וואָס כ׳האָב דערויף געצאָלט זעקס מיט אַ האַלב יאָר דעם פּעדלער, וואָלט איך דען נישט אוועקגעטראָגן, — אים אָפּצוראַטעווען?

— אַז מ׳דאַרף דאָס גאָר אינגאַנצן נישט באַדאַרפט, — קנייטשן די ווייבער פון די אונטערשטע שטאָקן מיט זייערע שטערנס, — אַז מ׳האָט אַזאַ אייגענעם מענטש ווי די רעליף איז, — ווי טוט מע אָפּ אַזאַ זאַך, מ׳זאָל זיך פריער נישט קיין עצה האַלטן מיט איר? אַ ז די ר ע ל י ף ק ע ן ג ע ב ן צ ו ע ס ן, ק ע ן ז י

אויך געבן צום עסן... און וועט זשאַלעווען אויף אַ דאָקטאָר, א נוירס, מיט די אלע אַנדערע זיבן גליקן?

דאָס דערהרגעט איר שוין צום איבריקן, די מיסעס פלעכט: „הע? זי, וואָס זי איז א בריה ארויסצוציען ביי דער רעליף פון א פּאָר־קאָוט ביז א נאָדל־פאָדעם, — האָט דאָס געזאָלט פאַרזען? איז זי דאָך ווערט: מ'זאָל איר נישט בלויז געבן קלעפּ, נאָר ממיתן דערפאַר"... נאָר די מיסעס פלאָכט און די מיסעס פליכט, וואָס האָבן אויף איר אָנגעברענגט די מרה־שחורה, — פאַרטרייבן דאָס גלייך פון איר און מיט אלעמען:

— אַז מ'האָט יאָרן צום לעבן, — מעג צעשניידן אפילו אַ שוסטער; לאָזן ליגן אין אַ לאָנדרי, נישט אין א וואָרד, — און מ'קומט אַהיים; וואָס איז דאָ צו רעדן?... מ'האָט שוין געזען: ווי מ'איז געגאַנגען פּרייוועט, — זיך גענומען א דאָקטאָר, אַ נוירס, און... (שפּייען דערביי אויס) אַז דער קראַנקער האָט נישט געהאַט קיין יאָרן, — איז ער נישט מער אהיים געקומען... וואָס איז דאָ צו רעדן?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָכאַלעם, האָט זיך ביי די דריי ווייבער אין די טעג, גאָרנישט אומגעביטן; שפּיטאָל איז שפּיטאָל און גראָסערי, — גראָסערי; איינס מיטן אנדערן קער זיך נישט אָן. און אויב זיי ברויכן נישט גיין נאָכן „ברעקפעסט" זיך אויסרעכענען מיט דער רעליף: „מ'האָט דאָ פּאַרזען א קאָפּיטשקע, אָדער דאָרט נישט דערלייגט א ברעקל!", גייען זיי אַלע דריי אינאיינעם אַוועק אויף דער העסטער אַרום סאָפּאָלק, אָדער הינטן־ארומעט, — אונטער דער דילענסי סטריט בריק, — אויף ריווינגטאָן, ארום פּיט סטריט, — עס איז כמעט דער זעלביקער וועג, — איינהאַנדלען פון די פּושקאַרדס (אין דער גראָסערי איז, ראשית, אלץ סטאַביליזירט: ניין סענט טאָמייטע הערינג, — נישט בילליקער; צוויי קענס לאַיענס סטערעליזירטע מילך, — פופצן סענט; א צוויי פונטיק שאַכטל דאָמינאָ צוקער — צען סענט; אַ באָקס קריסטאָל זאַלץ, — זעקס סענט; צוויי שטיקלעך פּאַמאָלי זייף, — ניין סענט; און נאָך

פרוכט מיט גרינס, — אויף וויפיל די גראָסערי זאָל זיך נישט פלייסן זיי אָנטקעגן צו קומען מיט די פרייזן, — וועלן יידישע בעל־הביתטעס דערפון קיין הנאה נישט האָבן, אז זיי וועלן דאָס נעמען אין איר). געווײנטלעך, גייט דאָס נישט־צו אזוי ווי ס׳רעדט זיך. זיי טאַפּן פריער גוט אויס די באַנאַנעס, פּרוּאוון־אויס די שווערקייט פון די אָראַנדזשעס אין דער האַנט, הייסן זיך אויסשניידן שטיקלעך האָני־דיו, צו פאַרזוכן, אויב זיי זענען גענוג זיס; און נאָכאַלעם, מאַכט זיך, און נאָך ווי? אז ס׳לאָזט זיך זיי נישט קויפן ווי זיי ווילן, — לאָזן זיי די ריווינגטאָנער פּעדלער אַלץ איבערן האַלדז, און שניידן זיך אדורך מיט ריט אָדער אטוירני סטריט אויף ברום, וואו זיי גייען א קאַפּויר צו סאָפאָלק, צי פאַרקערט, — קושענירן. נאָכן איינקויפן לאָזט מען זיך אַראָפּ מיט גרענד, מיט איסט־בראָדוועי, מיט הענרי סטריט, — די אַלע גאַסן, נישט קיין חילוק, גייען אויס אויף דער נאָז פון גאָרעק סטריט, — טראָגנדיק די שווערע, איבערגעפילטע, פּאַפּירענע „בעגס״, — ביי וועלכע די אויערן זענען כסדר אין סכנה זיך אָפּצורייסן. זיי רעכענען, געווײנטלעך, אויס, צו קומען אהיים ארום דריי, אינ־איינעם מיט די קינדער פון סקול, — וועלכע זאָלן זיך נישט קענען ארויסדרייען פון דעם גלאָז מילך מיט טשאָקאָלאַד... און הארט אויפן בלאַק, אז זיי קומען־אָן, און די קינדער זענען נאָך נישטאָ, — שטעלן זיי זיך אוועק אָפּאָטעמען פון דער משא כבדה, וואָס רייסט זיי אָפּ די הענט; און גלייך ווערן זיי ארומגענומען פון די אנדערע ווייבער וואָס פון פערטן, פון דריטן און פונעם צווייטן שטאָק (מען וואוינט דען בלויז אויפן פינפטן?), וועלכע קלויבן זיך ערשט צו גיין אָנקוקן די פּעדלערס מיט די פושקאַרדס, — און ווילן ביי זיי אָנטאַפּן דעם דופק: ווי טייער זיי האָבן געצאָלט פאַר פּיקלס? און צי ס׳לאָזט זיך קויפן גרינע פּעפּערס, וואָס זיי ווילן אָנפילן מיט האַק־פלייש; און צי מ׳פאַרקויפט שוין טאָמעיטעס אויפן פונט, אָדער נאָך אַלץ צוגעציילט אויפן שטיק: פּענעדיקע, און צוויי פאַר דריי סענט, דריי פאַר א ניקל... און נאָך וועגן אזוינע זאַכן, וואָס ס׳באַרירט זיי זייער, די ווייבער, אונטן: אויף גרענד, אויף הענרי, אויף קענאַל, אויף לואיס, קאָלאָמביע, גאָרעק, און אויף וועלכע גאַסן נישט?

די דריי ווייבער מיט די אָנגעפילטע „בעגס״, באַווייזן זייער „רוב גדלו ורוב עשרו״: ווי גרויס די באַנאַנעס זענען, — פיר א

ניקל, — דער פעדלער האָט זיך געזאָלט אויסציען, — האָט ער מער נישט געקענט קריגן! און ווי שווער די אָראַנדזשעס זענען, אויס־צודריקן אויף דזשוס, וואָס מ׳קען מיט איטלעכע פון זיי לעכערן דעם קאָפּ, — צוויי א ניקל, דער פעדלער האָט זיך געזאָלט אויסציען! נאָר ביי די „לעדערס״, — אז ס׳קומט צום באַטראַכטן, גיבן אַלע צו, — האָט דער פעדלער זיי צוגעבונדן די קעפּ (ערגעץ האָט ער זיך דאָך געמוזט ביי זיי אָפּזוכן), „און אויף טויטע קאַרפּן, אָפּגע־שטאַנענע, איז א זול, — א ניקעלע א פונט, נאָר דאָס איינע, וואָס ס׳קלענסטע קאַרפּעלע (זי זאָגט: „קאַרפּעלע״, — פאַר אן עין הרע!) האָט זיבן פונט, — באַווייזט זיך מיט אים די מיסעס פליכט, — נו, האָט זי דעריבער נישט געזאָלט קויפן, ווייל ס׳האָט אביסל מער אויף דער וואָג? און אויב דער מאָגן זיינער קען נאָך, ברוך השם, פאַר־נעמען, — זאָל ער האָבן א פעט שטיקל קאַרפּ צום סאַפּער, וואָס איז?״

VIII

אַרום פינף, א פאָר מינוט אַהין, אַהער (מ׳ארבעט שוין היינט נישט ביז זיבן־אַכט־ניין, אפילו נישט ביז זעקס; פינף, פיר דרייסיק, מ׳זאָל זיך צערייסן, — איז שבת! ר ו ז ־ וועלטן אַ קניפּ אין בעקל, און נישט, חלילה, דער יוניע: די יוניע האָט, העכסטנס, דער־ביי געקענט אָפּלעקן ביים ביסל ארבע־טאָרער א פעט ביינדל), — באַווייזן זיך הערי און שייני אויפן בלאָק. דאָס ערשטע, נאַטירלעך, איז: „וואָס טוט דער טאַטע?״ (ער איז שוין נישט טאַטע בלויז ביי איר נאָר אויך ביי אים!). נאָר וואָס ווייסט זי, אז ס׳איז נאָך פאַר דעם פערטן טאָג? דערנאָך וואַשט מען זיך אַרום און מ׳גייט צום טיש. וואָס נישט, — פאַר דעם האָבן שוין די מאַמעס, ווי מ׳ווייסט, זיך געמיט אין די גאַטקעס: אז ס׳זאָל זיין וואָס אויף אים ארויפצולייגן; און אז דער כבוד פונעם טיש, נישט ווייניקער ווי פון א מזבח, — זאָל חלילה נישט פאַרשוועכט ווערן; און ס׳זאָלן אויף אים ליגן שפּראָטן, סאַרדינען, קעז, גרינס, סאַלאַדס, איין־עורליי ברויט, א צווייטערליי (איין שאַד: וואָס דאָס ברויט גייט

נעבעך אונטער, און מ׳עסט דאָס ווי כמעט נישט מער; און אויב מ׳לייגט עס נאָך וואו ארויף אויפן טיש, איז דאָס בלויז פארן אויג, — מ׳זאָל מער קוקן דערויף ווי דאָס עסן!). מיט זיי זעצט זיך קיינער נישט צום טיש, — ווער זאָל זיך מיט זיי זעצן? די מאַמעס, — זיי עסן אלעמאָל נאָכן בענטשן! די צווי קליינע מיידעלעך: שוירלי און מידי, — זענען נישט אהין און נישט אהער; נישט גענוג לאַנג פונעם גלאָז מילך מיט טשאָקאָלאַד, און צופרי, — מ׳זאָל זיי פאַרבעטן צום טיש. און ווייל די קליינע סקול־מיידעלעך ווייסן (שפּילט זיך מיט זיי), אַז זיי זענען איבערגעקומען די באַנאַנע, די מילך מיט דעם שטיק קייק, און מ׳וועט זיי נישט זוכן צו שטאָפּן מיט גאַר, — זענען זיי ע ר ש ט אין שטוב. עס איז הייס, און די מאַמעס שרייען איבער זיי:

— וואָס גייט איר נישט אַביסל ארונטער אויף דער סטריט? א גאַנצן טאָג ליגן זיי אונטן, און איצט, פאַרנאַכט, אַז ס׳גיהנום איז אין שטוב, — ווילן זיי זיך נישט ארויסרירן...

די קינדער האָבן זיך דערביי זייער שכל. זיי היטן־אָפּ, ווען די מאַמעס פארדרייען זיך מיטן פּנים צום געז־רענדזש, — און זוכן ארויסצוקריגן ביים ברודער הערי, אזוי גוט ווי ביי דער שוועסטער שייני, — א ניקל; די מאַמעס, וואָס זענען געריכט מיט די פּנימער צום געז־רענדזש, זעען אָבער פונקט אזוי גוט, — שפּילט זיך מיט מאַמעס, — ווי זיי וואָלטן געהאט די אויגן פון הינטן... און רייסן זיך אָפּ אויף זיי:

— וואָס דאָס האָט שוין היינט ארויסגעצויגן געלט? אזוי ווי זיי מאַכן נאָר אויף די אויגן, און ביז זיי מאַכן זיי צו, — האַלטן זיי אין איין ציען פּעניס, ניקלס, ווי דעם קליי פון די ביינער... דרייסיק סענט אַ טאָג איז פאַר זיי קנאַפּ... טראָגן דאָס אוועק אין קענדי־סטאָר, אַז דער קענדי־סטאָרקיפּער זאָל זיך האָבן פאַרוואָס צו קויפן אַ בילדינג! ס׳וואָלט זיי שוין נישט געאַרט, וואָס די קינדער מאַכן רייך די קענדי־סטאָרס, ווען זיי וואָלטן אויך געקענט, צו די לאָלי־פּאָפּס און פּאָפּסיקלס, — נעמען א טראָפּן מילך צו די ליפּן?...

די קליינע מיידעלעך: שוירלי, מידי, וואָס זענען אויך נישט קיין שטומע נפשות, — מענטשלען זיך ווי גרויסע, און ווייסן קלוג אָפּצוּ־ענטפערן:

— אַז ס׳איז נישט פארן קענדי־סטאָר.

— נאַר ?
— פאַר סטיפּלטשיז...
האָבן שוין די ביידע מאַמעס נישט פון װעמען צו לאַכן ; איבער־הויפּט די מיסעס פּלעכט ; און װען דער פּאַטער אירער זאָל נישט ליגן א צעשניטענער אין שפּיטאָל, — װאָלטן זיי זיך געװיס אראָפּ־געקאַטשעט פון אלע שטיגן, ביז אין בייסמענט אריין, הינטערן „בוילער״ הייס װאַסער... די מיסעס פּלאַכט, װעלכע ס׳געפעלט גראָד די גאַנצע זאַך, — שטעלט אויף דעם קאָפּ, און װיל אויסשמעקן :
— מי ומי, װער זענען זיי דאָס, װאָס סייפן געלט פאר סטיפּל־טשיז ?
און די קליינע מיידעלעך, װאָס זענען שוין נישט קיין שטומע נפשות, — ציילן אויס אויף די פינגער :
— פּעשי, סנופּי, נעני, טאָבי, בלענטשי, העלן, בארני, דזשעקי, סעמי, סאלי...
— באַיעס גייען אויך ארויף אויפן צעטל ? — שטעלט זיך פּאָד־באָקאָם די מיסעס פּלאַכט, — אױ, כ׳שטאַרב אװעק ! און זיך נאָך אודאי אינאײנעם אדורכפאָרן אין לאָװ־טונעל ? אויף לופ־דע־לופּ ?
— אָל טהי טהוירדי טו רייטס, — באַשטייען אויף זיי די צװיי באַשעפעניש.
— אלע צװיי און דרייסיק רייטס ? — ס׳זענען דאָך צװישן זיי דאָ אזוינע, װאָס א גרויסער מענטש קען ביי זיי ברעכן דעם קאָפּ...
— גרויסע מענטשן שרעקן זיך טאַקע, נאָר נישט ז י י, — לאַכן די קליינע מיידעלעך פון די גרויסע שװערע מאַמעס.
— און װען קלערט מען זיך דאָס ארויסצולאָזן, אויפן רייט ?
— אזוי װי יעדער װעט נאָר האָבן אָפּגעסייפט דעם האַלבן טאָלער אויפן טיקעט, און אויף קאָר־פעיר, האָט־דאָגס, אייזקרים...
שייני און הערי האָבן, צוגערנדיק זיך מיט קאָפּ, — זיי גלייך אריינגערוקט צו גאַנצע קוואָדערס :
— באָט, נישט אװעקצוטראָגן אין קענדי־סטאָר ; פאַר סייװינגס אָנלי !
די צװיי קליינע מיידעלעך, װאָס האָבן אריינגעכאַפּט די קװאָ־דערס, זענען געבליבן צעטומלט, און דורכאויס געװאָלט אראָפּרייסן איין ניקעלע פון אים, — אויף קענדי ; שייני און הערי האָבן זיך

אָבער געהאַלטן ביי ס׳זייעריקע, און פאַרשטייט זיך, אויף א גע־לעכטער:

— סטיפּלטשיז איז סטיפּלטשיז.

אַז זיי עסן ביידע אָפּ, שייני און הערי, — שאַרן זיי זיך ארויס פון שטוב. די זון האָט גוט אָנגעבאַקן איבערן טאָג, — און אַז ס׳קומט אין דער צייט, בלייבט די געדיכטקייט פון דער היץ שטיין אויפן פינפטן שטאָק, אומבאַוועגלעך, אַז מ׳קען פון איר שניידן שטיקער, און ס׳לייב ווערט ווי אויפגעזאָטן... וואָסער נעמט ארויס־שלאָגן אויף דעם ווי פון אַ קוואַל, און מ׳גייט־אָפּ פון די כחות. און איידער צו גיין אַראָפּ, אויפן בלאַק, — איז אויפן „רוף״ ארויף נענטער. די זון פאַרגייט איצט, און מ׳קען זיך נאָך אויבן אָנכאַפּן אָן א ווינטל, וואָס בלאָזט... ס׳איז אויך אויף פאַראַן אויף וואָס צו קוקן: דאָ, אויף דעם פּלאַנטער דאון־טאַונער וואָלקן־קראַצערס ארום דער בעטערי, וואו, סך הכל, מיט צוויי־דריי הונדערט יאָר צוריק האָבן די ערשטע סעטלער אויפגעקלאַפּט זייערע ביידלעך אויפן ברעג ים; ביז צו דעם צווייטן פּלאַנטער, דעם שפּעטערדיקן, וואָס איז דער שוואונג פון שטאָט, דער הימל־אָנלענער, פון פיר־און־דרייסיקסטער גאַס ביז דער צוויי־און־פערציקסטער, — נישט בלויז איר מיטן־פונקט, דאָס האַרץ אירס, נאָר אויך פון גאַנצן לאַנד, און אויב מ׳וויל, — אויך פון דער גאַנצער וועלט; ביז העט צום סענטראַל־פּאַרק, ווי זיי ווערן אָפּגע־שניטן פון זייער גרויס און פאַרנעם. און כאַפּן זיך בלויז מיט די לענגען פון פינפטער עוועניו און סענטראַל־פּאַרק וועסט, — און שוין נישט מער יענע פּאַריסענע וואָלקן־קראַצער, די פּאַרשייטע, מיט אַפּיסעס, קאָרפּאָריישאַנס, וואָס פאַרבינדן ביי גאַנצע לענדער, מלוכות, די קעפּ, — נאָר מער סאָלידערע, אויסגעבעט מיט פּערסישע און יאַפּאַנעזישע טעפּיכער, אין וועלכע די זעלביקע קעפּ־פאַרבינדער, מלחמה־צינדער, ווירקליכע וועלט־רעגירער, — רוען זיך אָפּ, דהאָבן זייער קאָפּ־געלעגער, פאַרשפּילן זיך מיט ווייב און קינד, — נאָכ־דעם ווי זיי האָבן פאַרטראַכט אלדאָס בייז און אפשר אויך אלדאָס גוטס פאַר דער וועלט... זיי שטייען מיט די פּנימער צום פּאַרק, און די קעפּ היפּש פאַריסן ערגעץ אין די וואָלקנס, גדלותדיק: „א

קלייניקייט, ווען זיי האָבן ביי זיך?" אויף זיי אַלע, סיי יענע פון דער בעטערי, סיי די פון אַפּטאַון, — ליגט דער הימל, אַ רויט צעצונדענער, און פּרייכט, שטאָפּט זיך מיט רויך, מיט צעלאָזענעם שוועבל, מיט, דער רוח ווייסט, וואָס, און עס שרפהעט אַזוי ווי אין אַ קאַלך־אויוון, הערט נישט אויף בריען און אָפּצוקאָכן די מענטשן אויף דער ערד, ווי פּשוט פליייש אין צוגעשטעלטע טעפּ... דאָ, אָן דעם הויז, וואו זיי שטייען, האָט זיך אַנגעשפּאַרט, מיט איין אַקסל, די דילענסי־סטריט בריק, וועלכע מ׳קען כמעט אָנעמען מיט דער האַנט. און זיי האָבן, אויף דער צעפלאַקערטער היץ, נישט מער באַדאַרפט ווי אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס אָנטועכץ, געבן אַ גיי ווי אַ פיש, — אויסגעבויגן, שלאַנק, ביידע הענט צוזאַמען און פאַראויס צום הימל, די פיס אויף אַרונטער ווי צענויפגעוואַקסן, — אין איסט־ריווער אַריין; סך־הכל: פון פינפטן־זעקסטן שטאָק אַרונטער (שוין מיטן „רוף"), וואָס דאָס מיינט זיבן־אַכט־ניין אָדער גאָר צוועלף־דרייצן, ביז צום וואַסער. זיך, ראשית, אָפּקילן פון דעם מערדערלעכן פייער, און נאָכדעם זיך אַרויסלאָזן, צעשניידנדיק די וואַסערן ווי מיט מעסערס פון אַן אייזנברעכער, — אונטער די אַנדערע צוויי בריקן, אויפן אָפענעם ים אַרויס, צו דער מעכטיקער געטן פון דער געשענקטער „פרייהייט", וואָס האָט געקענט זיין אַזוי מעכטיק, ווען ניו־יאָרק איז נאָך געלעגן אין די וויקעלעך, נישט געהאַט קיין „קרייזלער"־וואָלקנקראַצער, קיין „עמפּייער־סטייט" און נאָך אַנדערע קראַצערס, און וואָלט שוין אויך, ווי אַ פּאַר־שפּיל צו זיי, — באַדאַרפט זיין אַביסל מער מעכטיקער און גרעסער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ שעה דערנאָך, און אין די שטובן וואָס אויפן פינפטן שטאָק, נישט קוקנדיק וואָס די היץ האָט זיי אויסגעברענט ווי אַ באַק־אויוון, — נעמען זיך די מאַמעס שטאָפּן די צוויי ניין־צען יעריקע סקול־מיידלעך זייערע, אַזוי אַז אין זיי אַריינייטן אויף כח דעם סאַפּער. פאַר די צוויי מיידלעך איז דאָס דער טויט. אָבער די קלוגע מאַמעס, וואָס זענען שוין דערמיט גאָרנישט קלוג, — קוקן ווייניק: וואָס די היץ דערשטיקט, — „דערשטיקט זאָלן זיי ווערן, און דעם סאַפּער אויפעסן!" און אויב נישט מיט אַמאָל, — ס׳גיסן דאָך אַראָפּ קוואַלן גאַנצע, — איז, פּאַמעלעך... צוערשט: דאָס באַרימטע לויזע אייעלע.

— בלויז דאָס גלעט, — בעטן זיך די קליינע שטומע עופעלעך, וואָס זענען ביי זיי אין דער קלעם.

— דאָס געלעכטס איז טאקע גוט פארן שכל, — גיבן צו די מאַמעס, — אָבער דאָס ווייסלעכטס מוז מען האָבן פאר די ביינער (פון וואַנעט דאָס נעמט זיך צו זיי — ווייסט נאָר איין גאָט!), — שכל איז זייער אַ גוטע זאך, אויב מ׳האָט ס׳געזונט דערצו... און פון עסן סיריעל, וואַקסן די ציין (?).

און אויב ביים אייעלע, וואָס איז דער אריינפאר צום סאָפער, האָבן זיי שווער אָפגעזיפצט, די קליינע נפשות, — האָט שוין, ביי די באַנאַנעס מיט דער זיסער קרים, — גערונען טרערן פון זייערע קלאָרע אייגעלעך; ביי די רייז מיט מילך נישט געקענט מער דערהאַלטן אין זיך דאָס געוויין, און געמוזט אָפן דערמיט ארויס... און אז די מאַמעס האָבן ווייניק־וואָס דערויף געקוקט, און אלצאיינס געדרוקט די לעפל אין זייערע מיילכעלעך: „איר זאָלט עס אַפילו אָפברעכן, נאָר אויפ־עסן"... האָבן זיך די קינדער אזוי צעריסן, אז דאָס געוויין האָט אָנגע־פילט דעם גאַנצן פינפטן שטאָק ביז אָן דער בין, און אויך געכומען פלייצן איבערן „רוף", אין אויר העולם... אויפגעוועקט הערי און שייני, וואָס האָבן געדרימלט זייער זיסן דרימל פון די שיינע, ליכטיקע, יונגע יאָרן, זיצנדיק דאָ נאָך אַ שווערן טאָג ארבעט אינעם שאַפּ, — איינע אין דער אנדערער אריין, צוגויפגעדריקט; און זיי האָבן אויפ־געשטעלט מויל און אויערן:

— הע? וואָס קען דאָס געוויין פון דער שטוב זיין אזוי גרויס? זיך עפּעס דאָ נישט אַ מאַך געטאָן מיטן טאָטן אין שפּיטאָל?

און דערהערן באַלד די קלוגע מאַמעס, שרייען:

— קינדער זאָלן נישט וועלן עסן? סוף וועלט! טאָקע נאָר אין אַמעריקע קען זיך עס פּאַרלויפן... ז י י, אין דער היים, האָט מען געשלאָגן, — ווייל זיי האָבן געוואָלט עסן, און דאָ איז פּאַרקערט: ברויך מען שלאָגן די קינדער, — זיי זאָלן וועלן אראָפּ־נעמען אַ שיטער אייעלע (דאָס באַרימטע שיטערע אייעלע!), אַביסל ספּינאַטש! און ביי אביסל סיריעל איז ארץ בוידעם! וואו האָבן ז י י דאָס קליינערהייט געזען פאַר די אויגן? ז י י האָבן דאָך געלעקט די פינגער פון אַ געבאַקענעם פּאַפּלאַנעק...

צערודערן זיך שייני און הערי, אזוי גרויס און יונג ווי זיי זענען,
— פונעם „רוף״:

— וויניק: די היץ, וואָס זיי האָבן אויף זיך, — שטאָפּט איר זיי
נאָך מיט אייער? מיט ספּינאַטש? באַנאַנעס מיט קרים?

אָבער אויף די צוויי ווייבער קוקנדיק, — כאַפּט זיך אויף דער
פּערטער שטאָק, דער דריטער, דער גאַנצער יאַרד; עס צעעפענען זיך
די פענצטער פון אונטן, פון אויבן, פון אַרום, — און אנדערע מאַמעס,
וואָס מוטשען זיך נישט וויניקער ביי זייערע קינדער, ווי די צוויי
ווייבער אויפן פינפטן שטאָק, — שטעקן ארויס די קעפּ, און ס׳ווערט
א גערעדעריי; אַלץ רעדט: ס׳גאַנצע הויז, דער גאַנצער בלאָק הייזער,
— דורך די פענצטער פון דער יאַרד, פון די „רופס״, דורך די סקיי־
לייטס, ס׳איז הימל געשריי:

— וואָס טוט מען מיט די קינדער, זיי זאָלן וועלן עסן?

— אזוי פיל גוטס, קיין עין הרע, עס רינט איבערן מויל, און
זיי ווילן דערצו נישט צושמעקן...

און איינע, אַ גראָבע צעפּלאַכטענע יידענע, וואָס האָט אפּנים
געברויכט זיין זייער פאַרביטערט, — קומט ארויס מיט די הענט און
מיטן מויל:

— וואָס ס׳איז איר, משטיינס געזאָגט, איינגאַנצן אוועקגעגאַנגען
איבער דער וואָך? פיר פונט פּוטער, פיר דאָזן וויסע קאָך אייער;
צוויי דאָזן ברוינע יוז־אייער; פיר פינף־פונטיקע טשיקנס מיט צוויי
קליינע ספּרינגלעך; אחוץ די צוויי באָטלס מילך, וואָס מ׳שטעלט אוועק
יעדן אין דער פרי ביי דער טיר; עטלעכע „מעדזשערס״ זויערע קרים,
וואָס ס׳איז נישט כדאי אפילו צו נעמען אין מויל אריין. פּרוכט,
גרינס, צוויי פונט קאַפי, האָני־דיוס, א וואָדאָמעלאָן... און צוקער?
וואָס ברויך זי שוין האָבן צוקער?... ווייגעשריגן: עלף פונט איינ־
גאַנצן... וואָס איז עלף פונט צוקער א וואָך, וואָס איז אזוי לאַנג
ווי דער יידישער גלות... זיבן גרויסע זומערדיקע טעג... אויף א
פאַמיליע פון זעקס מענטשן?... אפילו ווען מ׳ברענגט שוין ארויף
„דזשעם״ פון דער גראָסערי, און נאָך „מאַלטעדס״ גייט מען אין קענדי־
סטאָר?

IX

אין דעם טאָג וואָס איז געווען דער פערטער, ווי מיסטער פלעכט איז געבליבן אין שפּיטאָל, אַז מ׳זאָל אים צעשניידן, — האָט זיך שוין אין דערפרי אומגעדולדיק געגרייט דאָס ווייב, און מיט איר, — די מיסעס פלאַכט מיטן מאַן, וואָס זענען שוין מיטגעגאַנגען אי ווי שטיקלעך מחותנים און אי וואָס ער האָט זיך, סוף כל סוף, באַדאַרפט אויך לאָזן אויף דעם זעלביקן... און ווי געוואָלט אויף זיין באָרד לערנען שערן... ריכטיקער: דאָס פריער לאָזן אויספּרואוון אויף אים, אויף פלעכטן, און זען ווי ער וועט אָפּשניידן.

אַ פּאָר מינוט צו איינס זענען זיי שוין געשטאַנען אין דער „לאַבי״ פונעם שפּיטאָל, אַריינגעטאָן אין אַ קופּקעלע מענטשן, אויך אַזוינע, וואָס האָבן אויבן, אין די וואָרדס, געהאַט מיט וועמען זיך צו גיין זען יעדן דריטן און פערטן טאָג; נאָר מיט דעם איינעם אונטערשיד, וואָס ביי יענע, ביי וועלכע ס׳איז שוין מסתמא געווען נישט דער ערשטער, דריטער און פערטער טאָג, און האָבן פון פריער אויס גוט געוואוסט, ווי זיי וועלן טרעפן דעם קראַנקן, — איז דאָס נישט מער געווען ווי אַ חוב צום חולה, — ער זאָל עמיצן זען קומען; עמיצן, וואָס ער האָט געלאָזט אין דרויסן, — און ס׳האָט דעריבער אויף אַזוינע נישט גע־ברענט די הויט... ביי די פלאַכטס, און איבערהויפּט ביי דער מיסעס פלעכט, איז דאָס שטיין געווען אַ מינוט אַ יאָר. די קעפּ זייערע זענען געווען פאַריסן אַרויף, אַרויף, וואו מ׳האָט מיט פיר טאָג צוריק אַרויס־געקריגן אַ „רעסיט״ מיט אַ נומער, — אויף פלעכטן, און אים אי־בערגעלאָזט פאַר די דאָקטוירים, זיי זאָלן אים צעשניידן... ס׳האָט זיי געצויגן, געצויגן אין אַלע זייערע רמ״ח אברים, אַ קוק צו טאָן, — ווי ער קען איצט אַ שטייגער אויסזען, אויפן פערטן טאָג, נאָכדעם ווי מ׳האָט אים צעשניטן?... צי ער האָט נאָך עפּעס אַ שטיקל צורה פון אַ מענטש? און צי ס׳איז בכלל נאָך עפּעס פאַרבליבן פון אים, וואָס מ׳זאָגט, אַ מענטש? און אַזוי ווי מ׳האָט דאָ נישט געברויכט שטיין אין דער ריי, נאָר אויף דער קופּע, — זענען אַלע געלעגן אויף דער טיר, און אַריינגעפאַלן אינעם עלעוויטער, דעמאָלט ווען מ׳האָט שוין געמעגט, צו זיין פון די ערשטע אַרויפצוקומען אויפן וואָרד; די ערשטע, וואָס האָבן זיך צוגעלאָזט, ווי אונטערלויפנדיק, און אַרומגע־

רינגלט דאָס בעט; איין מינוט אים אדורכגענומען, ווי ער איז געלעגן בהרחבה: „ער לעבט? ס׳איז דאָ אויף וועמען צו קוקן?" און ווער שמועסט, אז אויף זיין טויטלעך בלייך פּנים האָט זיך פאַרצויגן א גרינג שמייכעלע, — האָט זי, דאָס ווייב, ערשט גרינגער אָפּגעדעכעט, און אים גענומען אָנקוקן גאָר אַנדערש:

— נו, וואָס מאכסטו עפּעס, קראנקער דאטש? וועסט כאָטש אויסליגן אויף עפּעס?

פלעכט, וואָס האָט ערשט געהאַט, אויב מ׳קען אזוי זאָגן, די ערשטע נאַכט, א גוטע, נאָך די צוויי און זיבעציק שעה וואָס אָן אָפּעראציע ברויך האָבן פאַר זיך, — אז זי זאָל דעם מענטש ארויסלאָזן פון אירע נעגל, און זיך אָנהייבן צו דערכאַפּן, קומען צו זיך; פלעכט, וואָס האָט ערשט די ערשטע נאַכט רעכט געשלאָפן פון זיך אליין, אָן אָפּיום, אָן דאָופ, אָן שום פאַרשיכורן און ארייננוואַרפן אין הינער־פּלעט; ער איז געלעגן מאַט, א שטיק ליים, נאָכדעם ווי ס׳ביסל כח איז פון אים אויסגערונען... און אָנקוקענדיק נאָך דערצו דאָס ווייב, וועלכע ער האָט מיט א טאָג צוויי צוריק נישט גערעכנט מער אָנצוקוקן, — איר נעבעך איצט נישט געקענט גאָר אָפּענטפערן אויף דעם:

— צי ער וועט אויף עפּעס אויסליגן, אָדער נישט?

נאָר פון דעם אופן ווי ער האָט געקוקט, — איז איר אריבער א קעלט איבערן לייב; און ווי זי וואָלט איבער א רגע באנומען, אז די ליצנות האָט נישט קיין אָרט, — האָבן אירע אויגן גענומען שווימען, דער קאָפּ זיך בייגן ארויף און אראָפּ ווי ביי אויסנעמען אין דער ווייבערשער שול:

— ס׳איז דיר שווער צו רעדן, א?

— שווער צי גרינג, — האָט ער קוים ארויסגעבעלעבעט, — מ׳האָט עס דאָך געברויכט איבערקומען...

פון אירע אויגן איז שוין איצט געלאָפן... אין גריבל עפּעס גע־קלעמט... און דער קאָפּ זיך אלץ נישט אָפּגעשטעלט פון גיין ארויף און אראָפּ ווי ביי אויסנעמען אין דער ווייבערשער שול:

— וויי איז מיר... ער האָט געמוזט זיין גוט באַקליידט... זיי זענען גרויסע חכמים, וואָס זיי האָבן מיך געוואוסט אָפּצולייגן אויף פיר טאָג... מיינע אויגן זאָלן דאָס נישט האָבן צוגעזען... ס׳וואָלט זיי שוין מער נישט געפעלט... כ׳וואָלט זיי געוועזן אוועקגעטראָגן דאָס

שפּיטאָל בלויז אויף מיינע קולות, קיין ברוקלין... (ס'איז נאָך נישט, מאָלט אייך, ווי זי זאָגט; נישט איינע פון זיי, וואָס מ'האָט גראָד צוגעלאָזט, האָט שוין דאָס געזאָגט, — און דאָס שפּיטאָל נאָך אַלץ נישט אוועקגעטראָגן, ווי הויך זי האָט נישט געזאָלט שרייען; און עס געפינט זיך נאָך אַלץ אויף גאָווערניר סטריט, אונטן ביים וואַסער)...

— מילא, אַז כ'בין שוין דאָ, וועל איך שוין מסתמא זיין, — האָט ער זיך מער צערעדט, — וואָס איז זיך איצט דאָ אוועקצובערענגען? דעם שווערערן ביסן האָב איך שוין אַרונטערגעשלונגען...

פלאָכט, וועלכער האָט זיך באַדאַרפט אויף זיין באָרד לערנען שערן, — האָט דאָס אַלץ אין זיך אריינגעזויגן, און ס'האָט אָנגעהויבן יערן אין אים, ווערן און געבערן עפּעס אָפּשטויסנדיקס, סיי צו דעם ביטערן גערוך, ווי צום שאַרכנדיקן סלוך פון די אַרומיקע חולאים, וואָס ליגן הינטער די פאַרשטעלטע ווענטלעך ווי באַהאַלטענע סודות, וואָס וועלן מער קיינמאָל נישט דאַרפן אַנטפּלעקט ווערן; און ס'האָט אָנגעהויבן אויפצוגיין אין אים דער ווייי־חכם זיינער, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבערן שפּיטאָל, איבערן מעסער, כלאָראָפאָרם, און זיך נישט געלאָזט אָנקריגן פון דעם אַלעם: „כע־כע... דו, פלאָכט, וועסט שוין אויף דעם ברויט נישט קומען... נישט זיין אַזאַ למך ווי פלעכט, און זיך לאָזן פאַרדינען... אָ, ניין... איידער צו ליגן אין אַזאַ מעמד, — איז שוין בעסער זיך אַרומצוטראָגן מיטן מאָגן ווי לאַנג ס'וועט נאָך באַשערט זיין צו ציען"... נאָר אַ שטן, דהאָט זיך גראָד עמיץ געברויכט צו לאָזן גיין איבער דעם וואָרד, און צעשטעלן ביי די חולאים אונטער דער נאָז, — אַזוינע קליינע בענקע־לעך אָדער טישלעך, און אויף אַזאַ בענקל אָדער טישל, וואָס מ'האָט אויך אוועקגעשטעלט פאַר אים, פאַר פלעכטן, איז מיט אַמאָל ווי אַראָפּגעפאַלן פונעם באַלקן אַ טעלער, — אויף וועלכן ס'איז געלעגן אַ שטיקל קאַלב־פליייש, עטלעכע ספּאַראַגן, און אַ ביסל גרינער ספּינאַטש... איז אים מיט אַמאָל אויסגעקומען, אַז דאָס גאַנצע קרעכצן זיינס, איז נישט מער געווען ווי אַ פּיעשטשען זיך פאַר דער יידענע, — און אַ מבולבלער ברייט אויפגעריסן די אויגן:

— נעכטן האָט ער געזאָלט, ווי ער זאָגט, זיין פאַרביי, און היינט גיט מען אים שוין ברוסטל פון קאַלב־פליייש? דאָס קען ער נאָר די יידינע פאַרבאָרען, און נישט אים, פלאָכטן...

פלעכט האָט זיך אביסל צערודערט:

— אַז דו גלייבסט נישט, וואָס זאָל איך דיר טאָן? זיך אויפ־שניידן ס'האַרץ? אזוי איז אַן אָפּעראַציע: מיט איין שעה פריער איז מען אויף יענער זייט און איין שעה שפּעטער אויף דער... מ'באַגראָבט, אָדער מ'גיט צו עסן...

— און דער מאָגן? — איז אים דאָס אַלץ נישט איינגעגאַנגען,

— ע ר זאָגט גאָרנישט דערצו?

ער האָט זיך גענומען מכין זיין צו דער סעודה, פלעכט, און אונטערגעקרעכצט:

— אים צוגעמאַכט ס'מויל, ער זאָל נישט קענען זאָגן גאָר...

און ס'ווייב, זעענדיק דאָס,—א שטראַלנדיקע איז אונטערגעהאַלטן:

— הייב דיך נישט אונטער, פלעכטעלע, — וואָס ברויכסטו דיך דערצו אונטערהייבן?... איך וועל דיר, אַז כ'בין גראָד דאָ, — דאָס צוגעבן צום מויל... נאָ: צעקיי גוט דאָס שטיקעלע קעלבעלע... שלינג אַרונטער דאָס מערעלע... כ'זע, סאַי גוט אויסגעקאָכט...

דעגסטמאַל איז שוין ביי פלאָכטן געפלויגן פייער פאַר די אויגן, ס'פּנים געוואָרן צעפלאַמט העט איבער די אויערן, און אונטער דער צונג אים געבריט די סלינע, ווי זי וואָלט אויפגעקאָכט: „הע? פיר יאָר האָט דער מענטש דאָס נישט גענומען אויף די ליפּן... געלעבט אויף וואַסער מיט מילך... צעמאַלענע קוקערייזי... פּלעוועס... אויפגעבלאָזענעם קאָרן... פּאָפּד רייז, ווי זיי רופן דאָס... און נאָך ביי דעם אויך געהאַט פּלענטי צו זאָגן... און דאָ, אויפן פערטן טאָג זעט ער זיך שוין מיט א שטיקל קאַלב־ברוסטל, און דער מאָגן מוז מילטשען? איז ער דאָך נישט אין קיין שפּיטאָל נאָר אין א גן־עדן!״ און זיך געלאָזט לויפן, א משוגענער:

— וואו איז דער הויז־דאָקטאָר? מ'זאָל אים שוין געבן דעם הויז־דאָקטאָר אין דער האַנט אריין...

האָט אים ס'ווייב אָנגעכאַפּט ביים אָרעם:

— צעדרייטער, וואָס דאַרפסטו דעם הויז־דאָקטאָר?

— ער וויל, מע זאָל אים שוין אָפּערירן! ער גייט נישט מער אַוועק פונעם האָספּיטאַל... ער בלייבט דאָ איבער... און זי זאָל גלייך אהיים נעמען ס'אַנטועכטס פון אים...

אודאי האָט מען אים צוגענומען אין שפּיטאָל, און נאָך מיט ביידע הענט; אויב מ׳ברויך, פאַרשטייט זיך, — זענען פאַר יעדן די טירן פון שפּיטאָל ברייט אויפגעפּראַלט; אויב ס׳לעבן איז אין סכנה, און דו ביזט איינגעשטעלט, — וואָס מיר געלט, מ׳האָט דאָס טיף טייער אין דר׳ערד; דער עיקר איז ס׳נפש; און אויב נישט, — גיט מען א קאָפּע אין הינטן אריין און א וואָרף ארויס. מ׳האָט אים צוגענומען, פלאָכטן, נאָר ניט דעמאָלט ווען ער האָט געחלשט, געציטערט און געפּלאָטערט, געוועז גרייט זיך אוועקצולייגן פאַרן הויז־דאָקטאָר, אויפן דיל, — יענער זאָל אים צעשניידן; ווער ס׳וויל זיך לאָזן שניידן, — יענעם שניידט מען, פאַרשטייט זיך, אויב מ׳ברויך; נאָר דאָס מאָל איז ער נאָך, כאָטש מ׳האָט געברויכט, יאָ אהיים געגאַנגען, פלאָכט, געמוזט אהיים גיין, און אָן א קאָפּע און א וואָרף ארויס.

— נאָר וויל מ׳האָט אים מענטשלעך דאָס געגעבן צו פאַרשטיין:

— דאָס זיי האָבן נישט אויף דער מינוט קיין בעטל, וואו אים צו לייגן; און אים צעשניידן אויף דער ערד, ווי ע ר וויל, — דאָס ווילן ז י י נישט, מ׳זאָל זיי אפילו צושטעלן פּיסטאָלעטן צו די קעפּ!

און אים ערשט צוגעזאָגט צו צונעמען מיט ניינצן טעג שפּע־טער, ווען פלעכט האָט זיך שוין געהאַט אומגעקערט מיט א בייכל, קיין עין הרע, פון דער „קאָנוואַלעסענט־האָום״, וואו דאָס שפּיטאָל האָט אים אוועקגעשיקט, גלייך ווי מ׳האָט אים אויסגעשריבן, אויף צוויי וואָכן, און ווי מיטן עטאָפּ; און ער האָט נאָך זען, פלאָכט, ווי יענער קייעט א שטיק געבראָטענע לעבער אויף ביידע זייטן באַק־ציין, שלינגט און בריט זיך ביים שלינגען א טעלער הייסע לאָקשן, — ווי אים אויף צו להכעיס:

— נו, פלאָכטעלע, אז מ׳איז פויל האָט מען נישט אין מויל!

אַזוי איז ער געלאָפן איבערן שפּיטאָל: ראשית, וואָס מ׳האָט אים אָפּגעלייגט אויף גאַנצע ניינצן טאָג?... און, והשנית, מ׳זאָל אים געבן זיין בעטל, פלעכטס... ער חלשט און וויל דורכאויס זיין בעטל... ס׳זעט זיך אים אויס צו זיין מזלדיק...

האָבן זיי אים געגעבן צו פאַרשטיין, און אלץ אויך מענטשלעך:

— אַז ער מוז נאָך א טראָפּעלע צוואַרטן, וויל ס׳גייט ביי זיי אין נעקסט; דאָס, ביז ער איז צוגעפאלן און באַשטאַנען, — האָט

זיך א צוווייטער פאר אים מיישב געווען, און מ׳האָט יענעם, וואָס שטייט אין לייץ — פריער דערויף פארשריבן; און מכח דעם, וואָס יענץ בעטל זאָל זיין מזלדיק, — געלאכט, — זענען אלע בעטלעך ביי זיי מזלדיק; אויף אלע בעטלעך זענען מענטשן געזונט געוואָרן, און פאַרקערט, — זיך מער פון זיי נישט אויפגעהויבן; דאָס בעטל איז קיינמאָל נישט מער ווי א בעטל...

און אויפן ניינצענטן טאָג, ווי זיי האָבן דאָס געהאט אויסגערעכנט, — אים פארבעטן אויף דער חתונה: „קום, לייג דיך אוועק!", און נישט אויפן זעלביקן בעטל נאָר אפילו נישט אויפן זעלביקן וואָרד. אזוי אייגן און אויף א דהאָר נישט אנדערש ווי ביי פלעכטן, — צוגענומען פון אים ס׳אָנטועכטס, און ארויסגעגעבן אויף אים א געשריבענעם „רעסיט" מיט א נומער: „מ׳זאָל אים, ראשית, האָבן אין פערצן טאָג ארום אויף וואָס אָפצונעמען אהיים (טאָמער פאַרלירט זי אזוי דאָס פייפערל, וועט זי קריגן א פייג, — נישט קיין מאָן!); און דערויף אים אויך קענען, פארשטייט זיך, קומען זען... נאָר דאָס איז אלץ געזאָגט געוואָרן, אז ס׳גייט כשורה ווי די שורה; ס׳איז אזוי און אזוי; נאָר טאָמער גייט עס אבער נישט גלייך, — און ס׳איז נישט אזוי און אזוי? מעג מען זיך מיטן צעטל, פאַרשטייט זיך, אונטערווישן... און אזוי ווי איין קראנקער צום אנדערן איז נישט גלייך, ווען ער האָט אפילו די זעלביקע קרענק (די קרענק קען טאקע זיין די זעלביקע, אָבער דער מענטש, — נישט דער זעלביער!), — האָט זיך דעריבער אויפצומאָרגנס עמיצער פון שפּיטאָל ארויפגעדראפּעט צו דער מיסעס פלאָכט, כאָטש זי האָט געוואוינט אויפן פינפטן שטאָק, און צו איר געזאָגט: „אז זי ברויך נישט, אויב זי וויל, אויסווארטן די גאַנצע דריי־פיר טעג, — און קען אים גלייך קומען זען... ס׳הייסט: זיי האָבן ווי חרטה אויפן צעטל... דער צעטל איז מער קיין צעטל נישט... און קען זיך מיט אים אונטערווישן"... און אזוי ווי זי האָט זיך נישט געריכט אויף אזא באַגעגעניש (די אלע זאַכן קומען אומגעריכט), און געבליבן מיט אויפגעריסענע אויגן קוקן אויף דעם מענטש פון שפּיטאָל, האָט ער, מיינענדיק: אז זי פארשטייט אים נישט, — דאָס צעקייעט און איר ארייגעלייגט אינעם מויל:

— אז דאָס שפּיטאָל איז פאַר איר אָפן... די טיר קיין טיר נישט... און זי קען קומען ווען זי וויל... זיך נעמען דעם עלעוויי־

טער און הייסן פירן... זיין ווי ביי זיך אין דערהיים... דאָס שפּיטאָל איז אירס, ווי מ׳וואָלט עס איר מיט אלעם, אזוי ווי עס גייט און שטייט — אוועקגעגעבן... און מ׳וועט איר אפילו נישט ארויסטרייבן דער־פון ביינאכט...

די מיסעס פלאַכט, וואָס האָט גראָד נישט געברויכט, מ׳זאָל איר דאָס צעקייען און לייגן אין מויל אריין, — נאָר בלויז געוועזן צע־טומלט פון דעם אומגעריכטן ברוך־הבא, — האָט זיך א כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ, און מיט אזא גוואלט, אז דער גאַנצער פינפטער שטאָק האָט זיך א שאָקל געטאָן: „געוואָלט, יידישע קינדער! געוואלט, וואָס מיך דהאָט געטראָפן!" און די מיסעס פלעכט, די מיסעס פליכט, און נאָך אנדערע ווייבער פון די נידעריקערע שטאָקן, וואָס, אזוי פלעגן זיי זעלטן ארויפקומען, — האָבן זיך גלייך געשטעלט אויף דער קופּע, וויינען... וואָס נישט, נאָר דאָס האָבן זיי אלע געוואוסט, די ווייבער:

— אַז מ׳הייסט קומען פון שפּיטאָל, מ׳זאָל באַהיט ווערן, ווי צו זיך אהיים, און דאָרטן וואוינען, — האָט מען די קלאָג אויף דער האנט, און ס׳איז דאָ אויף וואָס צו וויינען...

— ווי לאנג קען מען דאָ אזוי שטיין און קלאָגן? אז מ׳הייסט קומען, ברויך מען זיך נישט לאָזן בעטן, און גיין, — ווי לאנג ס׳איז נאָך דאָ צו וועמען צו גיין; ווארן, אז מ׳וועט זיך לאנג אויפהאַלטן און אַזוי שטיין, האָט מען א ברירה נישט צו האָבן צו וועמען מער צו גיין...

דאָס האָט גוט פאַרשטאַנען, און זיך געקענט דערין אָפּגעבן א חשבון, דער איינציקער מאנספּערשוין צווישן די ווייבער, פלעכט, וועלכער האָט אליין געשטעקט אין דער זעלביקער הויט, און נישט גערעדט פון הוילן קאָפּ.

— קומטס, — האָט ער געזאָגט, — אויב וויינען, וואָס פאר א טעם דהאָט דאָס וויינען, וואָס מ׳וויינט אין דער שטוב? אויף וואָס איז ס׳שפּיטאָל? אין א שפּיטאָל, — קען ער זיי פאַרזיכערן, — וויינט זיך א סך בעסער און אויך געשמאַקער...

און די ווייבער האָבן זיך אוועקגעלאָזט צום שפּיטאָל, פון וועלכן די מויערן זענען אָנגעזאָפּט און פול מיט געוויין, — אז ס׳וויינט פון זיי, אָן אלעם, ארויס, — נאָך אביסל זיי באַנעצן מיט זייערע טרערן...

די מיסעס פלאָכט האָט שוין איצט געוואוינט אינעם שפּיטאָל. זיך צעלייגט דאָ, — אויף די שטיגן, דאָ אין ד ע ם דורכגאַנג, אין י ע נ ע ם, — ס׳האָט זיך איר קיינער נישט, ווי אין א שפּיטאָל, וואו מ׳איז אַלעמאָל שטרענג און כמעט בייז צו מענטשן, — אנטקעגנגעשטעלט. „זאָל זי זיך אפילו שטעלן אויפן קאָפּ!״ וואָס קומט אבער ארויס, אז זי האָט דאָס אין ערגעץ נישט געקענט, און וואָס זי האָט טאַקע געוואָלט, — זיך אויפן קאָפּ שטעלן. און דאָס איינציקע אָרט: אין דער וואָרד, וואו פלאָכט איז געלעגן, — האָט מען איר גראָד נישט געלאָזט שטיין; שטייק יאָ, וויפיל זי וויל, — נאָר געלאָסן, און קוקן... נאָר ווער האָט דאָס אַזאַ טאָטעריש האַרץ, אז מ׳זאָל דאָס קענען, — ווען א מאַן, וואָס קען נאָך זיין בעטער, געפינט זיך, מ׳זאָל באַהיט ווערן, אין אַזאַ מעמד? און וויפיל זי האָט זיך נישט געפּלייסט, און געוואָלט שטיין ווי זיי האָבן איר געבעטן, — געלאָסן, און קוקן, האָט זי דאָס, ביים בעסטן ווילן, נישט געקענט; ווייל פון זיין קוקן, פון זיין שטום קוקן צו איר: „אויף ווענעמס באראָט לאָזו איך דיך דאָ איבער?״, האָט זיך ביי איר אַלץ אָפּגעריסן אינווייניק, די לונג מיט די לעבער, און אפשר אויך ס׳האַרץ, אז זי האָט זיך נישט געקענט איינהאלטן, זי זאָל אים נישט געבן אַ כאַפּ ארום מיטן בעט: „דו גייסט נישט אוועק, פלאָכט; כ׳וועל דיך נישט לאָזן אוועקגיין!״ אַ נישט, — געבן א פאַרייס דעם קאָפּ, א פאַרדריי די אויגן אַרויף ארויף, און א גיי אין דער לופטן: „טאַ־טע, וואָס האָט מען אים געטאָן?״ און ווי אויף צו לדהכעיס זאָל גראָד עמיץ אין אַזאַ רגע אונטערקומען, ווי יענער וואָלט עפּעס אנדערש נישט געהאט צו טאָן, נאָר אָפּצוהיטן ביי איר די דאָזיקע רגעס, — און גלייך נעמען אונטערן אָרעם, זי ארויספירן אין דרויסן, ערגעץ אין א דורכגאַנג אָדער אויף די שטיגן; אפילו גאַנץ דעליקאַט, איידל, אָבער דאָך ארויספירן: „אומעטום קען זי דאָס טאָן, — הייבן די הענט אַרויף, זיך ארונטערלאָזן אויף געבראָכענע קניען, נאָר נישט אין דער וואָרד, וואו ס׳ליגן, אחוץ איר מאַן, וואָס זי דאַרף פאַרשטיין, נאָך קראנקע, — און זיי קענען זיך חלילה דערשרעקן״...

זי האָט זיך דאָ ארומגעוואָלגערט, אינעם שפּיטאָל, די פלאָכ־טשינע, דאָ געטאָגט און גענעכטיקט, און נישט אויך איינע אַליין. וואָס איז זי פון א שטיין ארויס? חוץ הערילע, איר זון, וואָס, ס׳איז

דאָך נאַטירלעך, — ער האָט געוואָלט זיין מיט דער מאַמע (און אפשר נאָך אַלץ מער ווי מיטן חרובדיקן טאַטן), — איז דאָ אויך געווען דער גאַנצער פינפטער שטאָק, וואָס האָט געלעבט אינאיינעם, זיך געגעסן אינאיינעם פון די מיילער, שטילערהייט זיך געשאָלטן, געטריבן רכילות, אויסגערעדט וואָס אין דער קאַרט, און אַז די צווייי קינדער זענען זיך אויסגעוואַקסן, — זיך אויך משדך געווען... זיי זענען איצט, ווען דער שוואַרצער וואָלקן האָט זיך אויף זיי אַראָפּ־געלאָזט, — נאָכמער דאָ געווען ווי אינאיינעם. דאָס מיידל, — שייני, איר מאַמע, די מיסעס פלעכט, מיסטער פלעכט, מיסעס פליכט, און אפילו מיסטער פליכט, וואָס איז פון זיי אַלע געווען צום ווייטסטן פון אים, און מער פון אַלע אָפּגעפרעמדט פונעם פינפטן שטאָק, — האָט זיך אויך איצטער דערנענטערט, און ער איז געשטאַנען, גע־גאַנגען, געהאַנגען גלייך מיט אַלע, — דאָ, וואו מ׳האָט נאָר געלאָזט און געקענט שטיין, און אפילו וואו מ׳האָט נישט געלאָזט און נישט געקענט שטיין...

מיסטער פלעכט, דער בקי, וועלכן דאָס שפּיטאָל האָט געמאַכט פאַר אַ גאַנצן מבין און אַ פילאָזאָף; און דערצו נאָך געד־האָט דעם טעם פונעם שנײדן אין מויל — האָט דאָס רואיק, ווי דער כירורג מיט זיין מעסער, אַלע ווילע צעגלידערט:

— ער ברויך נאָר איבערקומען די ערשטע דריי טאָג... ער ווייסט דאָך ביי זיך... סאַי דען ביי אים אויף צומאָרגנס בעסער געווען?... ווער עס טרעט אָפּ אינעם לעבעדיקן גאָט!... איי, וואָס מ׳האָט אויף צומאָרגנס צו אים נישט גערופן די יידענע?... זיי האָבן איר טאָקע אויך געוואָלט רופן... ער האָט דאָס אַליין פון זיי געהערט... נאָר זיי האָבן זיך, אפנים, איבערגעלייגט... איז, אמאָל לייגן זיי זיך איבער, און אמאָל, — הייסן זיי צוגיין אהיים נאָך די קרובים, — זאָלן זיי אויך פאַרפינצטערט ווערן די ערשטע דריי טעג!... אין וועלכן ספר פּראַלניק שטייט עס געשריבן, אַז בלויז דער קראַנקער איז זיך מחויב צו מאָרדעווען, און די געזונטע נישט?... זאָלן זיי אויך טאַפּן אַ וואַנט... און גלייך מיט אים... אָבער, ס׳וועט נישט מער אויסגיין ווי צו דעם... ער איז אין אים אזוי בטוח ווי אין זיך... זיין ווייב איז געווען מער מזלדיק (נישט ער!), און מ׳האָט פאַר איר נישט אויסגעזאָגט גאָר... צוגעלאָזט ערשט אויפן

פערטן טאָג, נאָך אלעם, ווען מ׳האָט אים שוין צוגעטראָגן קאלב־פלייש... אָבער ביז צום קאלב־פלייש?... ווען ער איז אויך געווען אויף דער זעלבער מצידה, און אזוי ווי ער באַקליידט?... און נישט בלויז ער, נאָר יעדן איינעם וואָס מ׳צעשניידט, — זעט אויפצומאָרגנס נישט בעסער אויס... ער ווייסט עס דאָך פון זיך... און אַז ער קוקט אויף אים, זעט ער, — ז י ך, אויפן צווייטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע...

אַז מען איז איבערגעקומען נאָך א מעת־לעת, און יעדעס מאָל וואָס דער הויז־דאָקטאָר, צי עפּעס גרעסערס און בילכערס פון אים, — האָט זיי אויסגערעדט: „ס׳האָט נאָך א ברירה אלץ צו זיין גוט!“, האָט פלעגט באַקומען פליי אין נאָז, און אלץ מער געשטעלט אויף זיין בקיאות: „וואָרן, וואָס האָב איך געזאָגט? ס׳גייט דען מער ווי אין די ערשטע דריי טעג?“ אזוי האָט דער פינפטער שטאָק, וואָס איז זיך דאָן אויך נישט צעקראָכן, — געקענט, אלנפאלס, פריי אָפּאָטעמען, ווען אפילו ס׳האַרץ האָט זיך געוואָרפן: „ער ברויך נאָך אלץ גרויס רחמים“... ווי לאַנג קען מען דאָס פאַנעווען, זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, — אפילו ווען ס׳איז שלעכט? א טאָג! צוויי טעג! און ס׳ווערט ווי ברויט, אלטגעבאַקן ברויט! פאַרשטייט זיך, אַז אויף צומאָרגנס, ווען מ׳האָט שוין פאַר זיך נישט מער געהאַט ווי נאָך איין טאָג איבער־צוקומען, אז ס׳זאָלן שוין מיט מזל זיין גאַנצע דריי טעג, — האָבן זיי זיך ארומגעקוקט און דערזען, אז זיי זענען נעבעך נישט די איינ־ציקע אינעם שפּיטאָל, וואָס מ׳האָט פאַר זיי אויפגעמאכט די טירן, זיי זאָלן מעגן גיין אריין און ארויס ווי ביי זיך אין דער היים; ס׳שפּיטאָל איז נישט בלויז זייערס אליין... זיי האָבן שותפים דער־צו... און אז ס׳איז ד אָ נאָך עפּעס ב ע ס ע ר ס ווי זייער פלאָכט... און האָבן זיך גאָרנישט וואָס אזוי מתיחס צו זיין מיט אים... אזוי, למשל, דרייט זיך, נעבעך, ארום א ייד, ארום א זיבעצן יעריק מיידל, וואָס ליגט אויף אַן אָפּגענומענעם רוקן, — דרייט זיך אריין און ארויס ווי ביי זיך אין דער היים, שיינע וואָכן, און ס׳האַרץ פאַלט אים יעדע רגע ארויס, — אויב ס׳נעמט נישט נאָך עפּעס אָפּ ביי איר, אחוצן רוקן... איז אויך דאָ אויף עפּעס צו וויינען?... און אַ מאַמע מיט אַ ניינצן יעריקן זון, וואָס ליגט, ווייי און ווינד איז איר, — אַן די פיס; און אויב ס׳זאָל זיך עפּעס נישט מאַכן

אַ שינוי, — וועט דאָס איבעריקע, וואָס ליגט נאָך אויפֿן בעטל, — אײַנגיכן אויך ליגן וואו די פּיס זײַנע ליגן... און אויב אויף דעם אַלעם איז ניט געווען בלויז צו וויינען נאָר אויך צו קלאָגן, — האָבן זיי אויך אָנגעטראָפֿן אויף חולאים, פֿון וועלכע זיי האָבן געמוזט לאַכן... און ווי ס'איז זיי ניט געווען אָנגעמאַכט אויפֿן האַרץ, און געפֿילט אַז זיי שטייען צוקאָפּנס פֿון אַ מענטש וואָס גייט שטאַרבן, און וואָס נאָך פֿאַר אַ מענטש: אַ טאַטע, אַ מאַן, אַ זייל פֿונעם פֿינפֿטן שטאָק, — האָבן זיי זיך אַלץ ניט געקענט צוריקגעהאַלטן, זיי זאָלן ניט לאַכן; זיי האָבן געשטוינט און געלאַכט; געקוקט, און זיך פֿאַרשטופּט יעדער אין אַן אַנדער ווינקל, וואו זיי האָבן געקראַכט פֿון לאַכן... און ווי האָבן זיי דאָס געקענט דערשטיקן אין זיך, אַז זיי האָבן אַרויפֿגעטראָפֿן אויף אַ בינטל ווײַבער, ווײַבער? גרענד־דאַמעס! פּרינצעסינס! וואָס האָבן פֿאַריסן און פֿאַרשמעקט דאָס שפּיטאָל, אַז דער כלאָראָפֿאָרם, יאָד, — איז ווי אויפֿגעפֿרעסן געוואָרן פֿון זייערע פּאַרפֿיומען... אָפּמאָלן?... איינע מיט אַ געבליטשטן קאָפּ האָר, אַזוי וואונדערלעך פֿאַרקעמט, — אַז מ'האָט פֿון איר די אויגן ניט געקענט אָפּרייסן; נאָך איינע, — ווי ס'וואָלט אַרום איר אַרומגעהאַנגען, ווי אַ דינער וואָאַל, דער אַראָמאַט פֿון ביודי־פּאַרלאָר... נאָך איינע, וואָס פֿאַר אַ חילוק, — יעדע פֿון זיי האָט געקענט צעגיין אין אַן אַנדער אבר... און וואָס האָבן אַזוינע בריליאַנטענע ווײַבער געהאַט צו טאָן אין אַ שפּיטאָל?... נאָך דערצו, ווען ס'הערט זיך, — אַז זיי זענען ניט געקומען וויזיטן קיינעמען, ס'הייסט: מבקר חולה זײַן, נאָר זענען, און מיט די געדיכטע פּנימער, פֿון וועלכע ס'בלוט שפּראָצט, — אַליין די פּאַציענטן? קען אויך געמאָלט זײַן, ביי הײַנטיקע קרײַנקען: מ'זאָל גאַנץ שיין אויסזען, זײַן, קיין עין הרע, דיק, ס'בלוט זאָל שפּראָצן, און צו דעם אויך, — אַ חולה מסוכן.

און מ'וויל ביי זיי אויספֿאָפֿן:

— חלילה, צוקער אין בלוט?

זאָגן זיי:

— ניין.

— אויך ניט אין די אורין?

— ניין.

— הויכער בלוט־דרוק?

— ניין.

— רומאַטיזם? אַרטריייטיס? לאַמבעגאָ? ניורייטיס? סאַיאַטיקאַ? ניוראַלדזשיאַ? לעבער? גאַלשטיינער? נירן־שטיינער? סאַינוס? בראַנ־קאַיטיס? שטייפער נאַקן? פאַרהאַרטעוועטע אָדערן? אויסגעטריקנטע ביינער? האַלדז־נערוון? פרויען־זאַכן?

און אויב נישט מיט קיין איינע פון די אַלע זאַכן, מיט וואָס דען האָבן אַזוינע שיינע ווייבער געקענט קומען אין אַ שפּיטאָל אַריין, און נאָך אויף דער איסט־סייד? מילא, פּריוואַט צו אַ דאָקטאָר, קען נאָך געמאָלט זיין, אַז שיינע ווייבער זאָלן גיין, ווען זיי זענען געזונט; אָבער אין אַ שפּיטאָל? היינט, גיי, האַלט דיך איין און לאַך נישט, ווען אפילו אין אַ שפּיטאָל, און צוקאַפּנס פון אַ מענטש וואָס גייט שטאַרבן; און וואָס נאָך פאַר אַ מענטש? אַ מאַן, אַ טאַטע, אַ זייד־פונעם פינפטן שטאָק, — אַז מ׳הערט פון די ווייבער, דאָס זיי זענען פאַרמאַכטע! פאַרמאַכטע ווייבער! זענען נאָך ערגעץ וואו פאַראַן, אויף דער וועלט, חוץ אין אַמעריקע, — פאַרמאַכטע ווייבער? זייער קרענק באַשטייט אין דעם, וואָס זיי קענען נישט זיין אָפן! אַז אַ מענטש עסט, מוז ער פיל־וויניק אַרויסגיין; און זיי ווידער עסן, און נאָך פון אַלעם גוטן, נאָר אַרויסגיין דערמיט גייען זיי נישט... ס׳בלייבט ביי זיי איבער... און וואו, אַ שטייגער, קען דאָס אַלץ אַהינקומען, וואָס זיי לייגן אַריין? אַז מ׳זאָל זיי גלייבן, קומט אויס, זיי זאָלן האָבן אין זיך קאַלד־אויוונס, — וואָס פאַרברענען דאָס איבערבלייבעכטס; און אויב מ׳זאָל זיי נישט גלייבן, מוזן זיי, וואָס פאַר אַ שיינע ווייבער זיי זאָלן נישט זיין, — אינגאַנצן זיין פול דערמיט! און וואָס זיי זאָלן נישט טאָן, — טרינקען רוסישן מינעראַל אייל, נעמען ענגליש זאַלץ, זיך מאַכן קאַנעס, באַנוצן מיט אַלע אָפּפירעכטסער אין דער וועלט, — בלייבן זיי אַלץ פאַרשטאָפּט, און קענען קיין גאַנג נישט האָבן; לכתחילה, אַז מ׳פאַלט עפּעס אויף אַ נייע און אַן אויפגעקומענע זאַך, — אַרבעט עס יאָ ווי ס׳איז; גיט עס אַ טרייסל אָדורך די געדע־רים; אָבער אַזוי גיך ווי די געדערים באַקענען זיך דערמיט, און ווערן מיט דעם גוטער־ברודער, — האַרכן זיי שוין דאָס ווי דעם קאַטער, און שטעלן דעם אַרויס אַ פייג... און די ווייבער, ווי זיי זאָגן, — האָבן שוין אַלץ אויסגענומען... און ס׳איז שוין פאַר זיי אויף דער וועלט נישט געבליבן מער גאָר צו נעמען... און דאָ איז

שוין פינף טאָג ביי איינע, זעקס ביי דער צווייטער, א וואָך ביי דער דריטער, — ווי זיי זענען נישט געווען אָפּן!... און ווי לאַנג קען זיך דאָס אַ יידינע אזוי ארומדרייען אויף אירע פיס, ווען אפילו זי האָט אויף זיך דעם אַראַמאָט פון ביוטי־פּאַרלאָר, — אז זי איז זיבן טאָג פאַרמאַכט?... נו, קען נישט אַנגיין קיין געווין, אז מ׳זעט דאָס צו?... נאָר, וואָס זאָל מען טאָן?... אז מ׳קוקט אויף די ווייבער, — אזוינע שיינע ווייבער, און ווי טויט זיי זענען אונטער די אויערן, איז, אנשטאָט, וואָס ס׳זאָל פארקלעמען, א שוויס ארויסזעצן אויפן שטערן, — כאַפּט גאָר אָן אַ קורטש, א ספּאַזם פון געלעכטער: כאַ־כאַ־כאַ! און: כאַ־כאַ־כאַ! און מען מוז זיך האַלטן ביי די זייטן; זיך נאָר וועלן צעשיטן ווי א פאַס אויף שטיקלעך, מ׳זאָל ברויכן א בעדנער עס צוריק צונויפצושטעלן:

— אוי, טאַטע, וואָס פאר א פורעניות דו דאָסט אלץ צוגע־טראַכט פאר דעם לעבעדיקן מענטש...

— —

אַפּנים, אז אין א שפּיטאָל ברויך יעדער גיין פ אַ ר ז י ך; און אויב מ׳וויל וויסן וואָס צרות זענען, — זאָל מען זיך ארײַנלאָזן מיט מענטשן; אָדער גאָר פאַרקערט: אין א שפּיטאָל, אז מ׳וויל ז י ך אויסרעדן, — זאָל מען זיך רק אָפּגעבן מיט מענטשן; וועט מען זען, אַז די מכה וואָס מ׳האָט איז א הונט קעגן יענער, וואָס א צווייטער האָט.

X

די שווערע שעהן, וואָס זענען אזוי שווער פאַרן גאַנצן פּינפּטן שטאָק, — זענען פאַר די צוויי סקול־מיידלעך אויפן בלאָק, ארײַנגערעכנט דעם זעלביקן פלאַכטס מיידעלע, שוירלי, — ג אָ ר נ י ש ט שווער געווען. און זי האָט, אלצאיינס, ווי אין אַלע אַנדערע טעג, — אין זיי נישט אָפּגעטרעטן אויף קיין איין מינוט פון דער סטריט. וויפיל די מוטער האָט אין איר נישט געזאָלט ארײַנ־רעדן: „דער טאַטע דיינער איז אין האָספּיטאל אזוי קראַנק!״ — האָט עס איר, דער צען יעריקער סקול־מיידעלע, וואָס איז געלאָפן אויף ערשטע מאַרקס אין סקול, — נישט געקענט ארײַן אין דעם

קלוגן קעפל, און זיך קינדיש געחידושט: „סאָ וואָט? אז פּאַ איז סיק, טאָר איך נישט שפּרינגען איבערן ראָופּ אויף דער סטריט?" גיין זאָגן: „ער איז נעבעך איינגעשטעלט, דער טאַטע אירער; און ברויך גרויס רחמים!", — איז, ערשטנס, בטחון? ווי לאַנג איין אָדער וואָרפט זיך נאָך, — ווי קען מען דאָס נעמען אויף דער צונג? און, צווייטנס, וואָס ברויך מען איבערשרעקן אַ קינד? און אז זי וועט עס שוין איבערשרעקן, — וועט אים דערפון בעסער ווערן? און זיך געפלייטט צו זיין צוריקגעהאלטן, מער דערצו רעדן מיטן שכל און מיט די אויגן, — נאָר וואָס ווייסט א קינד, אפילו ווען ס'קריגט די בעסטע „מאַרקס" אין סקול, — וואָס מ'רעדט דערצו מיטן שכל און מיט די אויגן? האָט דעריבער דאָס קליינע מיידעלע, אזוי ווי די מאמע האָט געמוזט קלעפּן אַן שפּיטאָל, — ערשט רעכט געקענט אויפמאכן אן אויג. אמרת: ס'איז נישט געווען ביי וועמען צו ציען קיין פּעניס, ניקלס און דיימס, — איז פּאַר דאָס אויך נישט געווען, ווער ס'זאָל אין איר איינברעננען דאָס שיטערע אייעלע, און זיך אפילו געקענט אָפּנארן, וואָס ס'האָט נישט געטאָרט, — פונעם גלאָז מילך... די ווייבער פון פערטן און פון דריטן שטאָק, וועלכע האָבן נישט געוואָרט ביז די מיסעס פלאָכט וועט זיי בעטן: „קוקט אייך אום, הארציקע, אויפן קינד, אז ס'זאָל נישט פארהונגערן!", — און אַן אלעם זיך דערויף אומגעקוקט; זיי האָבן, פאַרט פרעמדע ווייבער, אויף אזוי פיל קיין האַרץ נישט געהאַט ווי די אייגענע מאַמע, איר צו קאָרמענען אויף קלעפּ: „נעם א לעפל ספּינאָטש!", און א זעץ אין זייטעלע... און אז ס'קינד האָט ביים ערשטן לעפל פאַרינע, פאַרקרימט ס'נעזל, ווער שמועסט נאָך: געמאכט א וויינענדיק מינעלע, אין א צייט ווען איר טאַטע, כאָטש עס האָט גאָר קיין אנונג נישט געהאַט, — ליגט אויפן טויטן בעט, — האָבן זיי עס דאָך גע־וואוסט, — עס נאָך גיכער צורו געלאָזט, טראכטנדיק: „פאַסטן, פאַסט עס דאָך נישט! אַז דער טאַטע וועט בלייבן לעבן, און די מאַמע זיך דערמיט קענען אָפּגעבן, — וועט זי זיך אָפּנעמען ביי דעם איר עולה, וואָס עס האָט ביי זיי געהאַט; און אליין ארייניטן אין דעם דאָס שיטערע אייעלע מיט קלעפּ, — וועלן זיי נישט"...

און אז מ'האָט דאָס קינד געברענגט צום טאַטן אין שפּיטאָל אריין, ווייל דער הויז־דאָקטאָר האָט געזאָגט: אזוי ווי ע ר ז ע ט

ז ע ט ז י י אַ ל ע, ברויך ער דאָס יינגסטע נ אָ ך ג י כ ע ר זען", — האָט עס גאַנץ שיין געוואוסט, כאָטש אין דער וואָרד, און קוקענדיק אויפן טאַטן, אז מאָרגן איז דער טאָג ווען ס'פאַלט אויס: אַלע קינדער פונעם בלאָק זאָלן גיין אין סטיפּלטשיז, און זיך אָנגעהויבן פּיעשטשען קינדיש, מעלאַנכאָליש־זיס:

— סטיפּל־טשיז...

אַלע שטייען, האָבן דעם חולה פאַר די אויגן, ווי לאַנג מ'קען אים נאָך האָבן, און דאָס קינד פּישטשעט:

— סטיפּל־טשיז...

וויל איר די מאַמע אָפּוועַנדן, שוין אפשר נישט אַזוי צוליב דעם קראַנקן טאַטן, נאָר ווי אויס בושה פאַר אַלע ארום:

— דער טאַטע איז דאָך אַזוי קראַנק, קינד־לעב...

און שייני

(מיט דער מאַמען):

— ס'וועט דעם טאַטן נאָר בעסער ווערן, — וועל איך דיר אַליין געבן אַ „טריט", וועסט זען...

דאָס קינד, אַ שטן, לאָזט דאָס נישט אין זיך אריינבערענגען, און נעגעט, מאַנט זיך ס'איריקע:

— סטיפּל־טשיז...

— וואָס עפּעס איר גראָד אויף דער מינוט סטיפּלטשיז אָנגע־שפּאַרט? און אויף דער אַנדערער וואָך, טויג נישט? — נעמען זיך שוין צו איר די אַנדערע ווייבער, — סטיפּלטשיז מופּט אוועק פון קוני־איילאַנד?

דערציילט שוין ס'קינד די מעשה:

— אַז פּעשי גייט, סנופּי גייט, נעני גייט, אַלע האָבן שוין דעם האַלבן טאַלער אויפן טיקעט; און אויף קאַרפּעיר, אויף אייזקרים...

האָט זיך דער קראַנקער פלאַכט געמוזט אריינמישן, און ווי שווער ס'האָט אים נישט געזאָלט אָנקומען, — רירן מיט דער צונג:

— ער פאַרשטייט נישט (ע ר פאַרשטייט נישט, כע־כע!), וואָס מע האַלט צוריק ס'קינד פון איר פאַרגעניגן, — צוליב דעם וואָס ער איז קראַנק?

און ווי האָט מען אים געקענט זאָגן, אַז דער הויז־דאָקטאָר האָלט: דאָס אַזוי ווי זיי אַלע זענען ביי אים דאָ, ברויך דאָס יינגסטע קינד,

נאָך גיכער פון זיי אַלע ד אָ ז י י ן; וואָס די כונה דערפון איז, אַז ס'זאָל געדענקען, — ס'האָט אַמאָל געהאַט אַ טאַטן; זיך דאָס גוט איינקריצן ביי דעם אין קעפּל, — וואָס ס'וועט איר שפּעטער אַזוי צוניץ קומען, — ווי ער האָט אויסגעזען! און מ'האָט איר, פונדעסט־וועגן, געמוזט, כדי ע ר זאָל זיך נישט עסן, פּלאַכט, און דערפון ליידן, — דאָס צוליב טאָן; איר לאָזן גיין אינאיינעם מיט אַלע קינדער קיין קוני־איילאַנד; עס וואָלט נאָך, וואָס דוואַרעט, צוליב דעם וואָס ס'וועט אים אויסקומען צו ליידן, — נישט געגאַנגען, נאָר ווייל מ'האָט זיך באַרעכנט: אויב נישט שטיין מיט אַלע גלייך ביים בעט, וואו דער טאַטע ליגט (אַ קינד איז דאָך, נאָך אַלעם, נישט קיין גרויסער מענטש!), נאָר זיך אַרומפּאַניוועדען הינטער די ווענט פונעם שפּיטאָל, — זאָל שוין בעסער זיין קוני־איילאַנד!

און אַזוי ווי דער בלאַק קינדער האָט אונטערגענומען די רייזע ווי גרויסע, דערוואַקסענע מענטשן, שטעלנדיק אײנגאַנצן אויף ז י ך אַליין, — האָט די מאַמע, אַ צעפּייניקטע, דורכאויס נישט געוואָלט צולאָזן, אַז איר עלף יעריקע טאָכטער זאָל שוין פאָרן מיט זיי צו־גלייך ווי אַ גרויסער מענטש (ביי איר איז זי נאָך אַלץ געוועזן אַ קינד!)... און לויט איר שכל, כאָטש זי לערנט זיך אַזוי גוט אין סקול, — שוין אויסקלייבן די „ריידס" אין סטיפּלטשיז, גיין פאַר אַ „וואָרק" אויפן „באָרד־וואָרק"; און פונקט אין אַזאַ טאָג ווען דער טאַטע אירער ליגט מער אַהין ווי אַהער (דאָרט וואו ס'איז דין, — רייסט זיך), — האָט זי קוים איינגעבעטן די מיסעס פליכט, די יינגסטע און די דינסטע פונעם פינפטן שטאָק (די מיסעס פלעכט וואָלט זיך געוויס אַליין אָנגעבאָטן, — אויף אַ פערדל אין קוני־איילאַנד? נאָר זי איז דאָך געווען אַ מחותנתטע!), — אַז יענע זאָל איבערנעמען די גאַנצע פּאַרטיע, און ס'זאָל מיט דעם קליינוואַרג, וואָס ס'איז זיי אפילו נישט זייער אָנגעשטאַנען, און זיי דערמיט ווי פּוגע בכבוד געווען, — כאָטש זיין איינער, אַ גרויסער מענטש...

פּלאַכט איז געלעגן אויסגעלייגט אין בעט, — כמלך בגדוד, איבער זיינע הונדערט און זיבן און צוואַנציק שטעט. קיין ווייטאָקן האָט ער אין ערגעץ נישט געשפּירט, און דאָס האָט אים

פאַרמינערט זיין שרעק, און עפּעס ווי פאַרזיכערט אין זיך: „אַז ס'איז נישקשה מיט אים!" געוויינטלעך, אַז מ'איז קראַנק, מסוכן, — ברויך דאָס מסוכנע אַרומכאַפּן ס'גאַנצע לייב, שטעקן אין יעדן ביין, און ביי אים איז דער גוף, חוץ דעם וואָס ער קען זיך נישט רירן, און מיט אַלעם ווי געבונדן, אָפּגענומען, — גוף, באַשטענדיקער, מיט דעם זעלביקן ממשות, כמעט... נו, עפּעס מוז דאָך זיין מיט אַ מענטש, אַז מען צעשניידט אים... נישט ווייטאָן, און זיך קענען רירן אויך, — מיט וואָס ווערט אַ צעשניטענער זיין מער ווי אַ גאַנצער און אַן אומבאַריִרטער מענטש? ער קען זיך טאַקע נישט רירן, אָבער קוקן קען ער, די ראיה האָט ער; ער זעט קלאָר, — אויף אַלע זיינע ליבע געזאָגט! ביי אַלע אַרום זענען די פּנימער, — פּנימער, נישט צע־צויגן, פאַרקרימט, אָדער מיט עקסטרע גרימאַסן, וואָס, דאָס איז אַ טאָפּעלטער באַוויַיז, — אַז ס'איז נישט אַזוי שלעכט מיט אים; עס וואָלט דאָך פּשוט געווען אוממעגלעך, אַז מ'זאָל שטיין ביי אַ חרובדיקן טאָטן, ווען ער הויכט אויס זיין לעצטן אָטעם,—מיט אַזאַ קאַלטע לונג און לעבער. און טאַמער זענען טאַקע נישט מער די אויגן, ווי ס'איז? אָדער זיי האָבן אַן אָנזאָג פונעם הויז־דאָקטאָר, צו טראָגן די פּנימער? זיין קאָפּ, פּילט ער, אַרבעט אַביסל צו שאַרף, אויפ־געריִמט, פּונקט ווי ביי אַיינעם, וואָס גיסט אַריין אַ היבש אָרנטלעך ביסל... נאָר דאָס מוז אוודאי זיין פון די אומצייליקע פלעשלעך, וואָס מ'לאָזט אים אַרונטער מיט די נאָדלען, ס'זאָל אים האַלטן ווי אונטערן גלעזל... און אַזוי צערוישט... און אפשר, ס'זאָל אויך אוועק־נעמען די יסורים?... ווי אַזוי קען מען דאָס אָבער דערגיין?... וואָרן, אַז מ'קען צעשניידן און מ'זאָל נישט פּילן, קען דאָך אויך ווייטאָן, — מ'זאָל נישט פּילן! און אויב אַזוי, האָט דאָך טאַקע אַ ברירה נישט גוט צו זיין מיט אים?... דאָס שטיין פון פלעכטן, פון העריל־עך, פון שייני, פון זיין אייגענע יידענע, — יאָ פּנים, נישט פּנים, מיט גרימאַסן און אָן גרימאַסן, — דאָס בלויזע שטיין איז דאָך ווי אַ סימן דערויף; ווען נישט, וואָלט מען דאָך אים געלאָזט ליגן אין זיינע געדהאַקטע וואונדן; אַ סך האָט מען געלאָזט שטיין איבער פלעכטן, ווען יענער איז געווען אויף זיין מערכה? פאַרוואָס לאָזט מען זיי שטיין איבער אים?... ער זאָל זיך צוהאָרכן צו פלעכטן (די שמועה זיינע איז אַ גוטע...), וואָס טענהט מיט זיי איין: אַז ס'איז

מיט יעדן צעשניטענעם אזוי, ביז ער קומט איבער דעם דריטן טאָג, — איז, ווי ווייט איז דאָס נאָך ביי אים אינגאנצן ביז אויפן דריטן טאָג? מאָרגן, ארום צוועלף איז ער פּעליק. ווען פּונקט זיין די צוויי און זיבעציק שעה — ווי מ'האָט אים גענומען אויפשניידן... און ביז מאָרגן, צוועלף דעם זייגער, הייסט עס, — גייט דאָס אלץ אויף אים: דאָס בייזקייט פונעם בלוט, דער געשריי פונעם שניט, אלע שווערע כחות... און נאָך צוועלף, כע־כע, אז דאָס אלץ וועט אים נישט האָבן בייגעקומען — און ער וועט נאָך ד אָ זיין, — וועט דאָס אלץ אָנהייבן גיין אויף צוריק... אָפּטרעטן פון אים אין גרויס בהלה, ווי מ'טרעט־אָפּ אויף א שלאכטפעלד, מ'זוכט ארויס צו אנטלויפן מיטן לעבן... וועט ער, אפנים, דאָס אלץ האָבן אָפּגעשריגן מיט כח, מיט נצחון, מיט דער אומגעהייערע גבורה פון זיין לייב און לעבן, וואָס האָט דאָס אלץ געקענט איבערהאלטן: „אזוינע ווערים... און ווי זיי זענען מיך באַפאלן... און דאָ געוואָלט צעפליקן... אין דר'ערד אריין גייט איינס ביי ס'אנדערע, — וואָרן איך וועל אייך דאָ צע־קיילן און צעביילן... נישט ארויסלאָזן מיט קיין איין גאַנצן אבר"... און מ'וועט אים אויפהערן צו דהאַלטן פריילעך, אונטערן גלעזל, — מיט די אלע פלעשלעך וואָס מ'לאָזט אין אים אריין דורך די דינע, שפּיציקע נאָדלען, וואָס זענען אזוי דיק, שאַרף און שפּיציק, אז מען פילט אפילו נישט ווי זיי שטעכן זיך אריין אין לייב... ער וועט זיך, מסתמא, ווידער קענען אָנהייבן רירן... צענעמען די הענט... אויסשטרעקן אַ פוס... נישט זיין געבונדן... און אויך נישט אזוי שווער, געצעגטעוועט... דערנאָך, אז ער וועט זיך האָבן ארויסגע־הויבן, א כאָלערע, פון הינטער דער גאַנצער קופּע ווערים, קראָטן, שפּינען, עגדישן, שלאנגען, און נאָך אלערליי שקצים ורמשים, וואָס זענען אים באַפאַלן, נישט אנדערש ווי אין א געדיכטן חלום, און געזוכט צו צופרעסן א לעבעדיקן; וועט מען אים אויפן פערטן טאָג, סך־הכל מיט איין טאָג שפּעטער, — אויך, מסתמא, ווי פלעכטן, אריינגעבן אויף א „פּלייד" א שטיקעלע קאלב ברוסטל מיט א געבאַקענע, אויפגעבראָכענע קארטאָפלע, א מעליקע, אז ס'מעל וועט זיך פון איר שיטן; עטלעכע שטיקלעך גרינלעכע ספּאַראַגן... וויפיל יאָר זענען שוין דאָ אין דעם, אז ער האָט דאָס נישט געהאט אין זיין מויל?... נאָך מיט איין טאָג שפּעטער, אויפן פינפטן, — וועט

מען שוין אויפן „פלייד״ אויך ארויפלייגן א שטיקעלע רינדערן פלייש, און אפשר גאָר קאטשקע? איי, קאטשקע! (ס׳נעמט אים גאווערן פון מויל...), — ווארימע, פרישע צוגעברוינטע... און אזוי מיט יעדן טאָג אלץ מער, דאָס צום אהיים גיין, — וועט ער שוין קענען געבן א שמעק צו א שטיקל שווארצן רעטעך... אָדער צו אביסל צעריבענעם כריין... און אין דער היים, אז ער וועט זיין, — ווער מען וועט ער וועגן דעם עפּעס ברויכן פרעגן? אז ער וועט נאָר ארויס פון ד ע ר פּאַסטקע, — איז דאָך די וועלט צוריק זיינע! וועט ער אין די פרע־סאַרניעס אויף דילענסי סטריט און צווייטע עוועניו, — זיין א גאַנץ חשובער אורח! פון א סטייק רעדט מען שוין נישט... נאָר טאַקע אביסל רומענישע קאַרנאַצלעך... זיי אליין טויגן טאקע אין דר׳ערד אריין, די רומענישע, כאָטש ער האָט זיך משדך געווען מיט א רומע־נישן, — אָבער די קאַרנאַצלעך זייערע, כע־כע, קען מען מיט דער נישט אוועקמאכן... אצינד, א גראַשיצע... און וואָס מאכט אויס, אז ביידע?... מ׳ברויך נאָר אין צווישן אריינגיסן עטלעכע גלעזער וויסן, זויערן, טרוקענעם וויין... ער זאָל אָנהיצן דעם מאָגן ווי א קאַלך אויוון, אז ער זאָל וואָס גיכער דאָס פאַרברענען... ער ברויך נאָר בלויז צ ו צ י ע ן ביז מאָרגן צוועלף בייטאָג, צו וואָס ס׳איז נישט מער געבליבן כמעט ווי נאָך איין האלבער מעת־לעת איינגאנצן, — און ווער וועט דעמאָלט זיין זיינס גלייכן?... זיין זון הערילע וועט ער האָבן זיצן אויף א דזשאב... און ווי שלעכט ס׳זאָל נישט זיין אין טרייד, אז ער וועט נאָר ארומגיין אויף די פיס, — וועט ער זיך אויך צושלאָגן צו א שטיקל דזשאב... ער האָט דאָך אויפגעגעסן די ציין ביים פאַך... איי, וואָס מ׳זאָל צו אים קומען, און ער זאָל זיך ברויכן אויסביטן: א דזשאב, און דאָס נ אָ ך א מ אָ ל אָדורכ־מאַכן, — וואָלט ער זיך גענומען אויף א ישוב: א דזשאב איז טאַקע אַ דזשאָב, נאָר אזוינע דריי טעג, כע־כע, זענען אויך נישט אזוי גרינג ארונטערצושלינגען... שווערע דריי טעג... אז די נשמה שטייט נאָכאַנאַנד אויף דער שפּיץ־נאָז, ביז מ׳קומט זיי איבער... נאָר ס׳איז דען געגאַנגען אין אויסביטן זיך?... ער האָט דען דאָס געטאָן, ווייל ס׳האָט אויף אים געוואַרט א דזשאב?... א נישט, קען ער אויף אים נישט אָנקומען?... ער האָט דאָך, אָן אלעם, דאָס געמוזט טאָן... נאָר אז הערילע וועט ארבעטן, ע ר וועט ארבעטן, און א

רעליף, זאָל לעבן, איז אויך דאָ (ער פּילט זיך צו רייבן די הענט נאָר קען נישט!), — עס איז דאָך אים אין די גוטע צייטן, אפילו אין 26טן יאָר, אויף וועלכן מ׳זאָגט: געלט איז גערונען ווי וואַסער, — נישט אזוי וואויל געווען...

— —

ס׳האָבן טאַקע נישט מער געפעלט ווי עטלעכע שעה, אז דער דריטער טאָג זאָל ווערן פעליק, — ווי־ווייט איז פון זעקס אין דער פרי ביז צוועלף, מיטאָג? ס׳גאַנצע שטאַרבן נעמט אָבער נישט מער ווי א רגע, און דאָס אויך נישט; און אפשר געדויערט דאָס שטאַרבן שעהן, און אמאָל אויך טעג, — נאָר אָפּשיידן זיך און אוועקגיין פון דער וועלט, גייט מען אין א רגע? אין א הונדערטסל פון א רגע? ווי ס׳זאָל נישט זיין: די בייזע, פינצטערע כחות, די אלע ווערים, קראַטן, שפּינען, עגדישן, און כל־ערליי שקצים ורמשים, וואָס זענען געגאנגען אויף אים, האָבן, אפנים, זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, און דורכאויס נישט צוגעלאָזט צו דער מינוט, אז ער זאָל קענען קריגן די אויבערהאַנט איבער זיי, און זיך אויפ־כאַפּן ווי א פלאַמיקער גלוט, זיי נעמען אָפּטרייבן מיט א בלייערנע רוט: „א שאַ! אין אלדי גוטע יאָר גייט! שוין גענוג ד׳האָבן ארומגע־ארבעט אין מיר!“ — און אים פריער אוועקגעלייגט.

XI

שוין קעגן טאָג האָט דער גאַנצער פינפטער שטאָק איבער א גוואַלד אוועקגענומען די מיסעס פלאַכט פונעם שפּיטאָל, וועלכן זי האָט צוגעהאַלטן מיט ביידע ד׳הענט: „דאָ וויל איך זיין וואו ער איז!“... אָבער שייני און הערי, די ביידע יונגע קינדער האָבן מיט איר, האַלטנדיק איר אונטער די הענט, — שטייף ערגעץ אוועק־געשפּאַנט: „ס׳איז שוין דאָ מער נישטאָ מיט וועמען צו זיין!“; און ווי נישט פילנדיק, אז זי איז שוין אָפּגעגאַנגען אויף א מהלך, — אלצאיינס דאָס נישט ארויסגעלאָזט פון מויל, און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן: „דאָ לאָזט מיך זיין וואו ער איז!“... אזוי אייגן ווי זי וואָלט נאָך אלץ געהאלטן דאָס שפּיטאָל אין אירע הענט, ווי־ווען זי האָט עס פריער געהאט ארייַנגעכאַפּט.

ערשט ארום צוועלף בייטאָג האָט מען איר געברענגט אויף ברום־סטריט, צום אונדערטייקער. דאָ האָט זי שוין נישט אזוי ארומרע־גירט, און פונעם גאנצן כאַפּן, וועלן צעטראָגן דאָס שפּיטאָל, — איז עפּעס ביי איר ווי קיין לעק נישט געבליבן. ס׳האָט אויך נישט מער ארויסגעשריגן פון איר. מיטן קוק געוואָרן ווי איבערגעקערט. אלײן אפּילו, וואָס ס׳איז זיך נישט געווען משער צו זיין, — געגאנגען; אָבער שייני און הערי, וואָס זענען ביי איר געווען ווי גאָליקע קינדער, אויסגעטראָגן אין איר בויך און זיי געהאָט, — האָבן טאָקע דערפאַר נישט אראָפּגענומען פון איר קיין אויג, און אָפּגעהיטן איר יעדן טריט. ס׳האָט זיי אָפּגעשראָקן: וואָס, דאָס גיין איז ביי איר קיין גיין נישט, ס׳שטיין קיין שטיין, נאָר אַ מין פאַלן פון די הענט, פון די פיס, ווי ביי איינעמען וואָס שלאָפט שוין נישט צען נעכט און זיך נישט צוגעזעצט צען טעג...

שייני פּרואווט דאָס טאָקע אויסלייגן צו דעם:

— אַ מענטש האָט זיך נישט צוגעלייגט פאַר אזוי פיל טעג, ווי אזוי זאָל ער זיך קענען האלטן אויף די פיס?

אָבער הערילע, וואָס קען אביסל לענגער זיין מאַמע, ווי זי, זיין מיידל קען איר, — נעמט נישט אראָפּ קיין אויג פון איר, פון דער מוטער, און זאָגט איר אויפן אויער:

— ס׳איז נישט דאָס...

דאָ אויף ברום סטריט, ארום דעם אונדערטייקער, — איז נישט בלויז פאַראן דער פינפטער שטאָק, נאָר דאָס גאנצע הויז יידן מיט ווייבער, — פון אויבן ביז ארונטער — אַלע שטאָקן, אַחוץ דעם הויז ווארפט זיך אין די אויגן, אין סאמע אויבן־אָן, ווי ביי אלע לוויות, — די סאָסייעטי, די היגע ווירקלעכע באגרעבערן; די לאנדסלייט, וואָס קומען צונעמען דעם בר־מינן אויף זייער גוט־אָרט, ארייגלייגן אין דר׳ערד זייער קלמן יאנקל באשעס, ישראל לייזער דבורהס, הירשל ציפּעס; עס זענען אויך דאָ עטלעכע בעל־מלאכות פונעם שאַפּ, וואו דער ייד האָט אָפּגעבייט אלע זיינע יאָרן, — מאַנטלען (קלאָוקס, בלע״ז), און מ׳ווייסט ווידער נישט ביי די פון קיין הירשל ציפּעס, לייזער דבורהס, יאנקל באַשעס, נאָר פון מיסטער פלאַכט, מיסטער פליכט, מיסטער פלעכט, מיסטער העכט, אַ מיסטער... דער דריי־

ארטיקער עולם: פונעם שאָפּ, פון דער סאָסייעטי, און פונעם ד״הויז, — איז זיך, ווי ביי יעדן איינעם, צענויפגעקומען אינאיינעם, און יעדער באזונדער, — באגראָבן איר ייד; דאָס הויז, — דעם גוטן שכן, דער שאָפּ, — דעם אפּעריטאָר, מיסטער פלאָכט, און אחרון אחרון חביב: די לאַנדסלייט, — הירש בער פלאַכט, פון דער היים, ווי מ׳האָט אים געפלעגט אויפרופן צו עליות התורה: ר׳ הירש בער ברב יצחק (איטשע) מאיר (מיטן שלשלת!), אָדער גאָר הירש בער טריינעס, די מאַמעס קינד, א פראָכעלע פונעם היימישן געסל, פון דער איינגעפּאַלענער מקוה, קליינעם בית־המדרשל, אשר הלך לעולמו, אין דער נייער גרויסער וועלט... יעדער באַגראָבט און האלט פאר א מצוה ארויפצולייגן א שויפל ערד אויף זיין חלק ייד, וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן ערגעץ פון צווישן אזוי פיל שוועסטער און ברי־דער, פעטערס מיט מומעס, שוועסטערנ־קינדער, און ברויך דאָ אראָפּ־גיין אין קבר צומאָלט אָן א געשריי אין דער לופט: „ווער־וואָס בין איך?״... א שטיק יאָמערלעכער עלנט... בלויז וואָס א ייד פון דער היים אויס, וויל זיך איינהילן אין יחוס מיט א קדיש: „תהי נשמתו צרורה בצרור החיים!״, וואָס ער לאָזט פאַלן אויס דרך ארץ צו זיינע זיידעס, וואָס שטייען אים פאר די אויגן מיט זייערע לאנגע ווייסע בערד...

דער דרייערליידיקער עולם העגנט ארום די אָפענע טירן פונעם טויטנ־הויז, וואָס איז מיט דעם א טויט־הויז, וואָס מ׳האָט דערפון אָפּגעדונגען דאָס געוועלב אונטן, — מ׳זאָל האָבן וואו צונויפצו־ברענגען די אלע טויטע פון די שפּיטעלער (מילא: אויב ס׳שטארבט דאָ ווער זעלטן ביי זיך אין שטוב, און אויף זיין בעט, — נעמט מען נאָך זעלטענער ווען ארויס נאָכן טויט פון איר, און ס׳הייבט זיך אָן די לויה פון זיין טיר). דער לויה־עולם איז גאנץ געמיטלעך צעשיט איבערן טראָטואר, פאַר דעם געוועלב, וואָס איז נישט מער ווי דורך א צופאַל אן אָרט פאר טויטע, און האָט, אלצאיינס, אויך געקענט זיין א רעסטאָראַן; און ווער ווייסט, אויב מ׳וועט נישט מאָרגן־איבערמאָרגן דערפון ארויסוואַרפן די פּאַר בענקלעך, אראָפּקראַצן די געלע, בלאָע, גרינע פאַרב מיטן מגן־דוד פונעם פענצטערל, — און ס׳וועט מגולגל ווערן אין א „וועדזשטייבל מארקעט״ (עס ברויך זיך נאָך בעסער לוינען, וועט מען די טויטע האָבן אין דר׳ערד). פון דעם געוועלב־אָן,

העכער, איז עס מיט גאַרנישט אנדערש פון אלע שכנישע הייזער, וואָס זענען פארפלייצט מיט טונקעלע דירות, מיט „פּיפּס״ הייסע און קאַלטע וואַסער, מיט קאַקערוטשעס, מיט ראַטן, — ביז אונטערן „רוף״. אויפן דריטן שטאָק, אין אן אָפן פענצטער פון דעם זעל־ביקן הויז, — ליגט א גראָבע יידענע ארויסגעלייגט ווי א שטיק צעקנייטשט איבער־בעט, ביז אין דער העלפט, און קוקט, יעדעס מאָל, אַרונטער, — ווי צו א שאָו, וואָס מ׳ברויך ביי איר ווייגען און פאַרגיסן טרערן... אין אַ פענצטער, דערנעבן, — שטייען צוויי קליינע מיידעלעך הינטער דער שויב, וועלכע וויסן נאָך נישט פון קיין טויטע, נאָר אזוי ווי זיי זען פון צייט צו צייט א סך מענטשן אונטן, שטעלן זיי זיך צימבלען אין איר, פויקן, אז מ׳זאָל צו זיי ארויפקוקן... פוןביידע זייטן גייען ווייבער דורך סאָפּאָלק און נאָרפאָלק, אראָפּ פון העסטער סטריט, — זיי טראָגן פולע „בעגס״ מיט פיש, מיט גרינס, מיט אָראַנדזשעס, מיט לעם־טשאָפּס, מיט סטייקס, מיט טשיקן, — גייען אראָפּגעבויגן פון דער משא, אויף א זייט, — דאָס גוטסקייט אין די „בעגס״ שווערט זיי אראָפּ, אזוי, דאָס ווען זיי ווילן זיך אויסגלייכן, — מוזן זיי דאָס איבערנעמען אין דער צווייטער האנט; אביסל אין דער לינקער, אביסל אין דער רעכטער, — זיי זאָלן זיך האַלטן אין דער וואָג, גלייך... און אַז זיי זען, ס׳א געשטיי פאַרן אונדערטייקערס געוועלב, — גיט מען פאר נייגעריקייט א פרעג: „ווער ס׳איז געשטאָרבן?״ כאָטש דער נאָמען וואָס מ׳זאָגט זיי, איז פאַר זיי פונקט ווי א נאָמען פון דער הפטורה; וואָרן, ס׳ווייסט דען דאָ עמיץ איינער פונעם אנדערן, — אויפן דריטן און פערטן בלאָק אוועק? נישט נאָך, פונעם צוואַנציקסטן צי פונעם הונדערטסטן? און א סך מאָל אפילו פון דעם אייגענעם הויז, — אויב מ׳האָט נישט אָפּגעוואוינט צוזאַמען, ווי דער פינפטער שטאָק, — יאָרן? נאָר אז מ׳פרעגט, און דער עיקר, וואָס מ׳וויל וויסן: „ווי אלט יענער איז געווען?״ און מען באקומט די תשובה: „עפּעס אריבער די פערציק!״, גיט מען א מלאָסקע מיט די ליפּן, און מ׳לאָזט ארויס אַזאַ: צאַ־צאַ־צאַ״... ווי עס וואָלט זיי נישט זייער געשמעקט: „נעבעך, טאַקע... עפּעס אריבער די פערציק״... קען מען שוין נישט אָפּטרעטן, מ׳זאָל נישט וועלן וויסן אויך: „וואָס ס׳איז אים צוגעקומען?״ גיט מען א הייב מיט די אַקסלען, ווי אויף א זאך וואָס איז א דבר ידוע: „ער האָט געהאַט

צו טאָן מיטן מאָגן"... נעמען זיי זיך נישט אראָפּ קיין ראיה פון דעם געשטאָרבענעם, נאָר טראָגן, אלצאיינס, זייערע „בעגס", און טראַכטן ווי אלעמאָל פון די טעפּ, וואָס וועלן באלד קוואקערן אויפן געז־רענדזש, און פון די בוכטשעס (אוי, די בוכטשעס!) וואָס זיי וועלן אריינוואַרפן אין זייערע קינדער: „עס שוין היינט אמאָל אויף דאָס שטיקעלע קענטעלאָופּ, בענילע!... און דעם לעם־טשאָפּ... דעם פלייט זופּ... די פּאָר פלוימען פאר דעזוירט"... און צום פאר־דינער אירן: „וואָסי? דער סטייק זעט זיך דיר אויס צו זיין קליין? ער איז איינגעשרומפן געוואָרן אויפן פלאַם... א פונט מיט א פערטל אויף דער וואָג, — דאָס שטיקעלע פלייש... ס'איז נאָך געווען וואַרים, אז דער בוטשער האָט עס ארויסגענומען פונעם אייזבאָקס... און דער קאָפּ פיש נאָך געלעבט אין טאָפּ, אז ס'וואַסער האָט שוין געקאָכט... די „וועדזשטייבלס" געהאַט אויף זיך די ערד, פון וועלכע מ'האָט זיי ארויסגעגראָבן"...

— —

פארוקט אין א האָל, דהאָט די מיסעס פליכט, וועלכע האָט שפּעט נאָך דער האָלבער נאַכט צוריק געברענגט פון קוני־איילאנד די גאַס קינדער, — נישט ארויסגעלאָזט פון איר האנט, ווי דאָרטן אויפן „באָרד־וואָרק" און אין סטיפּלטשיז, — דאָס הענטל פון דער קליינער שוירלי; ס'האָט איר מער נישט געפעלט ווי, צו דעם וואָס דער פאָטער אירער איז געווען אזוי קראנק, — זאָל זי איר נאָך דאָרט פאַרלירן! עפּעס האָט זי זיך באַהאַלטן אין ארייִנגאנג פון דעם פרעמדן הויז, נישט געקענט קוקן קיינעמען אין די אויגן, ווי זי וואָלט זיך געפּילט דער גאַנצער חייב, וואָס אין אַזאַ טאָג, ווען דער פאָטער אירער איז געלעגן אויפן טויטן בעט, — האָט זי געברויכט ארויס־נעמען דאָס גאנצע דראַביאַזג פונעם בלאָק קיין קוני־איילאנד, און זיין זייער מורה דרך...

— קרוינענדיקע, — האָט זי זיך געקלאָגט פאר דער מיסעס פלעכט, — ווען ס'שטייט מיר צו פארלירן מיין מאנס גאַנצע פיידע, וואָס ער ברענגט מיר אהיים אויף די וואָך צו לעבן, — וואָלט עס מיך, אסור, אזוי פיל נישט געקרענקט...

די מיסעס פלעכט האָט איר אויסגערעדט:

— וואָרן, סאַי דען געווען א י י ע ר קאָפּ? ע ר, זאָל׳ס מוחל זיין, — האָט אליין געוואָלט, — זי זאָל זיך עס נאָכגעבן; ער האָט נעבעך נישט געוואוסט, ווי שמאָל ער האַלט...

— איך האָב דאָך אָבער, קרוינענדיקע, געוואסט...

— און אז איר זאָלט נישט געווען מיטפאָרן, — וואָלט זי גע־בליבן אין דער דהיים? וואָלט זיך נאָך אזוי געמאכט: מ׳זאָל איר ברויכן ארומזוכן אין קוני־איילאנד מיט א פּאָליסמאן! איר ווייסט נישט, ווי ס׳איז? דאָ געהאט ליגן איבער זיך א בר־מינן, און זי, פאַר זיכער, געווען פארלוירן געוואָרן... איר ווייסט נישט, ווי ס׳איז?...

— יא... עס קרענקט מיך און ביזן ביין, — וואָס איך אליין האָב מיך געהאט אזוי צוצעלאָזן... און זיך נאָכגעבן דעם געשמדטן האַלדז, — נישט מיך געוואָרן אויפצומאַכן די איינע האַנט (מיט דער אנדערער האָט זי געהאלטן שטאָל און אייזן די קליינע שוירלי) און איר צוצומאַכן, — א י ך בין דאָך ווערט דעם שטעקן...

— מיט וואָס אזוינס האָט איר זיך דאָס צעלאָזט? און זיך נאָכ־געגעבן דעם געשמדטן האלדז אייערן, מיט א געפּרוּוירענעם קאָס־טערד?

— מיט א פערדל, קרוינענדיקע... כ׳האָב דאָך מיך אליין מיט זיי מיטגעכאפּט אויפן פערדל... אזאַ אַלטע קו, אז עס זעט א פערד, — נעמט עס איר קיצלען... און זי ווערט פאַרנאַרט...

די מיסעס פלעכט, הערנדיק דאָס, הייבט שוין באלד אָן פאר־איבל צו האָבן אויף איר: „אויף א פערדל?״, — נאָר זי באלייגט זיך עס תוך כדי דיבור, „ווייל יו ווייט״, — און זוכט איר גרינגער צו מאַכן:

— איר האָט טאָקע געוואוסט, אז ער, זאָל׳ס מוחל זיין, האלט שמאָל; אָבער, אז ער זאָל זיך גראָד דענסטמאָל אָפּפּארטיקן?

— וואָלט מיך דער יצר־הרע געמעגט צעלייגן, — און נישט געקענט אָנקריגן... א מכה...

— דער גאַנצער בלאָק קינדער געמעגט גיין, און זי, שוירלי, — זיך געזאָלט שטעלן אויפן קאָפּ, — און א פייג ביי מיר אויסגעפירט; געמוזט בלייבן שטיין מיט אלע גלייך אין שפיטאָל, „סטיקן״ צום

טאַטן ביז אַרונטער, ווען ס׳איז שוין אפילו נישט געווען צו גאָר... נאָר, ווער־ווער זאָל וויסן?...

די קליינע שוירלי ווידער, אויף וויפיל זי איז נאָך צעשראָקן פון דער מאַמעס הויך יאָמערן, און הערילעס מיט שייניס וויינען, מיט וועלכן זיי האָבן אריינגעפּראַלט אין דער שטוב, באַלד נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, אהיים קומענדיק פון קוני־איילאַנד, — איז נאָך אַלץ פול מיט סטיפּל־טשיז; דער זאַפט פון די פערדלעך ליגט נאָך אין אירע ביינדלעך. ס׳הייבט זיך נאָך אַלץ אין איר פון דעם הויכן ראָד; און זי וואָלט נאָך אַזוי אייגן געקוויטשעט, ווען דער טאַטע אירער זאָל נישט שטאַרבן, — ווי אונטערן צוגע־דעקטן שליטל. ס׳איז איר נעבעך פאַרשטערט געוואָרן דער „בלאַק" קינדער אַרום סקול, וועלכער קומט איצט, צוועלף בייטאָג, אַרויס, — זי זאָל זיי דערציילן: ווי זי האָט זיך איבערגעקערט פאַרנדיק אין „לאָוו"־טונעל, זיך געהויבן מיט די בריטשקעס, געררייזט אויף די פערד פון דער קאַראָזעליע, ביז זי איז ענדלעך אַריין צום שוואַרצן טייוול אין מויל, זיך אָפּגעשפּילט ביי אים אין בויך, און אַרויס ביי אים פון הינטן, וואו ער דאַסט זיך אויס...

די שטייענדיקע אין דרויסן איז דערוויל נמאס געוואָרן צו שטיין: טאַקע פון איין שאַפּ, א גוטער שכן, און א לאַנדס־מאַן, אָבער דאָס קויפט אים נאָך אַלץ נישט אויס, — אַז מ׳זאָל צוליב דעם ברויכן פאַרשוואַרצט ווערן א גאַנצן טאָג! קיין רב איז ער דאָך נישט געווען! קיין שאלות נישט געפּסקנט! און אָנגעהויבן אַרויסצוקומען צווישן זיך מיטן אמת, אַזוי צו זאָגן, דעם טויטן אין די אויגן, איידער די ערד האָט אים נאָך צוגענומען: „וואָס פאַר א צימעט קלערט מען דאָס פון אים צו מאַכן? מ׳גייט אים איינפּעקלען אין זייערן? וואָס פאַר א שבחים מ׳זאָל אים נישט נאָכזאָגן, — וועט מען מער ווי אַן אַפּערייטאָר, אפילו נאָכן טויט, פון אים נישט מאַכן, — מ׳זאָל אים אפילו צערייסן אויף שטיקער... און צוליב דעם וואָס מ׳וויל אים איינרעדן א קריינק אין בויך: ער איז געווען גרינג אויף דער האַנט, זיך געוואָרפן מיט אַן איבעריקן האַלבן טאָלער, — ברויך מען מוטשען די וואָס לעבן נאָך? זיי האַלטן שעהן אויף

דער גאַס? ס׳וועט דאָך אויסקומען אַראָפּצוגיין פון דער סעמעטערי, גאָט דער לעבעדיקער, ווייס ווען״...

מיסטער פלעכט, אין אַ שוואַרץ פּאַפּירן קאַפּעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, — האָט זיי אַלץ געזוכט איינצוהאַלטן: „נאָך אַ רגע... און נאָך אַ רגע... מער ווי דאָס איינע וועט איר שוין פאַר אים נישט ברויכן טאָן... ס׳איז דאָס לעצטע״... און אַזוי ווי ער איז געווען געקניפּט און געבונדן: אי אַ גוטער שכן און אי אַ מחותן, — איז די גאַנצע לוויה כמעט געלעגן אין זיינע הענט. ער האָט געוואוסט אָפּצודרייען ביי דער אייגענער סאָסייעטי, וואָס איז אים געקומען מקבר זיין (האָט זי נישט געזאָלט קומען, — אז דער ביל זיינער איז געווען באַצאָלט!), — נ אָ ך אַ „קערידזש״, אַ בעסערן אָרון, עפּעס אַ לייטישע קרקע אויפן גוטן אָרט אירן... און כאָטש ער איז געווען אַ רומענישער, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז ער טויג זיך גאָר גוט אויס צו די גאַליציאַנער, נישט בלויז זיך איינצוקויפן אין יחוס זייערן, נאָר אויך צו דער לויה; אדער, ס׳קען גריילעך געמאָלט זיין, — אז די גאַליציאַנער האָבן ביי דער לויה פון דעם ברודער זייערן, וואָס, סאָ אפילו גאָרנישט משיג צו זיין, — איינגעפּאַקט דעם חזיר זייערן, און געקומען אויף איר ווי יידן, וואָס האָבן אַ ברירה געהאַט צו זיין פון אונגאָרן, פון ליטע, פון וואָלין, פון בעסעראַביע, און נישט דורכאויס פון דעם שנאָרערישן גאַליציע...

באַלד האָט זיך עפּעס, און ווי אַ כוואַליע, אָפּגעריסן פון דעם אונדערטייקערס געוועלב; יענע אַלע יידן וואָס האָבן, אפנים, נישט געוואָלט געטרויען אויף דעם וואָס מ׳האָט זיך וועגן אים אָנדערציילט, נאָר דאָס געוואָלט אינווייניק קריגן אין „מזומן, אויף דער האַנט״; יענע אַלע יידן, — מיט די קאַפּעליושן אויף די קעפּ, — האָבן צוזאַמען מיט יענע וואָס אין דרויסן, — געדיכט ארומגענומען די טויטן־קאַר (צווישן אונדז זאָל זי זיין!) און אנדערע האָבן געזוכט כאָטש צוצולייגן אַ האַנט צום, כמעט ווי פאַרשמעלטן, שוואַרץ־אַרומגעדעקטן אָרון, וואָס, ס׳איז גאָרנישט געווען צו פאַרשטיין: ווי אַזוי מ׳האָט דעם צעלאַבערטן פלאַכט אין אים אריינגעקוועטשט? ס׳אַזאַ בראַנד־יקרות אויף טויטן־קאַסטנס, דאָס, ווען ער זאָל זיין אַ קאַפּיטשקע ברייטער, — וואָלט זיך די סאָסייעטי, חלילה, ביי אים געברויכט אויסטאָן ביז צום העמד? בדיל הדל שטעלן אירע מעמבערס? די

טרעזשורי? אָדער ס׳זאָל ביי איר האָבן געווען א קרן די עטלעכע נאַרישע פּעניס, וואָס זי האָט געשפּאָרט אויף אים? (זי שאַצט דעם ברודער נאָך ביים לעבן די באָקס אין גדן אריין!). סיי, ס׳איז נישט דאָס און נישט יענץ, — נאָר ס׳האָט פון אים גאָרנישט געזאָלט ווערן אין די לעצטע דריי טעג אין שפּיטאָל, ליגנדיק אויפן בעטל? ס׳גאַנצע פלייש פון אים האָבן אראָפּגעפאַלן? געבליבן בלויז ביינער אפילו אָן א הויט? און ס׳איז פאַר אים געגנוג גערוים געווען אפילו אין דעם שמאָלן שטיקל קעסטל? און אזוי ווי ס׳האָט שפּאַר געגומען ביז מ׳האָט זיך מיט אים דאָרט אינווייניק אויסגעקראַצט, — האָט מען דאָ ווידער נישט געמאַכט קיין גרויסע שהיות מיט אים: טראָגן אויף די אַקסלען, אויף די קעפּ,—נאָר בלויז דערלאַנגט איבער דער שוועל פון טראַטואַר,—אין די אָפענע טירן פון דעם טויטן אויטאָמאָביל, וועלכע האָבן זיך איבער אים אויפגעמאַכט, בלע המות לנצח: צוערשט, דער טויט, אצינד, — דער טויטן־אויטאָמאָביל, און ס׳האָט נאָך בלויז געוואַרט די ערד, וואָס זאָל זיך איבער אים צומאַכן, און דאָס, אויף לעולם ועד...

די קליינע שווידלי האָט נישט געקענט כאַפּן, צי אין דער איבערגע־דעקטער שוואַרצער זאַך, איז געלעגן דער טאַטע אירער, ווי אזוי? און נאָכמער וואָס ביי דער קאַר, וואָס האָט אריינגעכאַפּט די שוואַרצע זאַך, — האָבן זיך די טירן אויפגעמאַכט פון הינטן, ווען ביי אלע אַנדערע קאַרס זענען די טירן ברייט געווען צעעפנט פון די זייטן, — סיי, וואָס ס׳האָט דורכדעם געזאָלט גרינגער זיין דאָס אין איר אריינ־צורוקן? זי האָט זיך א צאָפּל געטאָן ביי דער מיסעס פליכט אין דער האַנט, וועלכע האָט איר אלץ נישט ארויסגעלאָזט אזוי אייגן ווי נעכטן, גייענדיק אויפן „באָרד־וואָרק” — איבער די מאמע אירע; די מאַמע אירע, וואָס איז ארויס פון דעם געוועלב, כמעט ווי אוועק־געשטופּט פון די אלע יידן, ווי זי וואָלט געווען דאָס צווייטע, דאָס דריטע ווייב, — און נאָך אפשר צוליב א י ר פון דער וועלט געגאַנגען; פאַר איר האָבן זיך די אייגענע יידן, כמעט ווי אוועק־געדרוקט, ווען ס׳איז געקומען זיך אריינצוזעצן אין די קאַרס, — און דרך־ארצדיק איר אָפּגעגעבן אַן אָרט אין דער ערשטער קאַר, נאָכן טויטן־אויטאָמאָביל. און זי, וואָס איז געשטאַנען און געגאַנגען, לאָמיך געמאַך, — אז ס׳איז געקומען צום אריינזעצן זיך, — האָט זיך

געגעבן א האלט צוריק מיט אַזאַ אימפעט, אויסגעקרימט דאָס פּנים, איין אַקסל א לאָז אראָפּ, דעם אַנדערן, — ארויף, ווי ביי איינעם וואָס פאַרמעסט זיך נאָכצולאָזן א לאָפּ עמיצן, וואָס איז פיל העכער פאַר אים... אָנכאַפּן יענעם דאָרט אויבן, ווי הויך ער זאָל ניִשט זיין... און מיט א פול מויל...

— דו מיינסט, כ'וועל מיך פון דיר אזוי לאָזן?

נאָר הערילע, וואָס האָט פון פריער נאָך אָפּגעהיטן אירע טריט, גראָד ווייל זי איז אזוי שיין און שטיל געגאַנגען, — האָט איר א כאַפּ געטאָן אונטער די הענט: „שייני, דאָס איז עס!“, און צוזאַמען מיט שייני, איר איבער א רגע אריינגעקריגן, ווי עפּעס אן איינגע־שפּארטע קו, — אין דער קאַר אריין. גלייך אויף דערויף האָט דער אויטאָמאָביל, וואָס מיטן טויטן פלאָכט, זיך אָפּגעריסן פונעם אָרט, און זי , וואָס האָט נאָר געוואָלט זיין מיט אים, — האָט געשטילט איר געוויין דערמיט, וואָס די קאַר אין וועלכער זי זיצט, — לויפט יענע אזוי געהאָרכזאם נאָך, און זי איז מיט אים...

איינס און צוויי, האָבן די אייגענע שוואַרצע לימוזינען פון דעם אונדערטייקער, זיי צוריקגעברענגט אהיים אויף גאָרעק סטריט, אָן פלאָכטן. ווי לאַנג געדויערט עס איינגאנצן צו פארשיטן א גרוב איבער א מענטש?... האָט עס בלויז געהייסן: די נסיעה, — אים אָפּצושטעלן פון יענער זייט; א שעה אהין, כמעט אזוי פיל, — צוריק, און ש־כ־כ־ה, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געוועזן... גייענדיק ארויף, מיט די שטיגן, דהאָבן זיך איבער אלע שטאָקן, ווי פאר זייער כבוד וועגן אויפגעמאכט פון זיך אליין, די טירן, — און מ'האָט צו זיי צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: „איר זאָלט נישט וויסן מער פון קיין שלעכטס!“. אנדערע האָבן, נאָכמער: זיך געלאָזט נאָכגיין מיט געבויגענע קעפּ צו זיי אין שטוב אריין. דאָ זיי באַזעצט, ווי פאר מצוה־וועגן, אויף ווייסע אויסגעליידיקטע „באקס־לעך“ פון אָראנדזשעס, אָפּגעגאָסן די הענט און צוגעטראָגן בייגל מיט זאַלץ, — אויף איבערצובייסן. שייני, אויס ליבשאפט צו איר הערילע, און וואָס זיין טאַטע איז אים געשטאָרבן, האָט נאָר געפילט צוגלייך מיט אים זיך צו זעצן „שבעה“, — נאָר ווי זעצט מען זיך אראָפּ אויפן ליידיקן „באקסל“, פאַרן טאַטן מיט דער מאַמע אין די אויגן? און

פאַר דאָס זיי, ווי אָפּגעטאָן מיט דעם, וואָס זי האָט גלייך מיט אים אָפּגעפּאַסט אויף די זעלביקע בייגל מיט זאַלץ, און נישט געוואָלט נעמען עפּעס אָנדערש צום מויל, כאָטש גיב איר אכצן קריינק, — ווען אפילו אירע פאָטער און מוטער לעבן...

דער מיסעס פלאָכט איז גאָרנישט געגאַנגען איבערן האלדז; דער קאָפּ ביי איר האָט אראָפּגעהאנגען, און מיט אים ווי געבויערט אין דר׳ערד:

— ס׳האָט אים, נעבעך, נישט געלאָזט גיין... אים צוגעהאַלטן ווי מיט דער האַנט... נאָר אזוי ווי ער האָט געזען: מ׳טראָגט אים צו דאָס שטיקל פליש אויפן פּלייט, פּלעכטן, — האָט עס אים א כאַפּ געטאָן ווי אַן אָקס אויף די הערנער, און אין לופטן אוועקגעטראָגן...

— מילא, א מענטש האָט נישט געוואוסט דעם טעם פון א שטיקל פליש אין מויל קאַרגע פיר יאָר, — האָט עס אים נישט געזאָלט אַ כאַפּ טאָן ווי אַן אָקס פאַר די הערנער, און אוועקטראָגן אין לופטן?

די מיסעס פלאָכט האָט, ווי זי וואָלט זיך אלץ נישט געקענט שענקען, — געהאַלטן ביי ס׳איריקע:

— נאָר דאָס שטיק פליש האָט אים אריינגעלייגט אין דר׳ערד אריין, און נישט מער; דאָס שטיק פליש איז געוועזן זיין מלאך־המות.

דערויף האָבן זיך שוין די ווייבער פון די אונטערשטע שטאָקן, צערודערט, און איר ווי געוואָלט גרינגער מאַכן ס׳האַרץ:

— ס׳איז אים שוין ווילער... ער איז שוין זיינס איבערגעקומען... צו וואָס, משטיינס געזאָגט, ס׳איז זיך אינגאנצן דאָ אוועקצוברענ־גען?... פאַר די גריפ־פּרוטס מיט די אָראַנדזשעס?... זיי באַצאָלן גאַנץ גוט דערפאַר... ווייסן נישט מער ווי ארבעטן און עסן, עסן און קרענקען...

— נאָך אפילו קיין איין קינד נישט חתונה געמאכט, און צו עפּעס גוטס דערלעבט... — האָט זיך די מיסע פלאָכט פון זיי נישט גע־לאָזט, — נאָך געהאַט פאר זיך די גאַנצע וועלט...

— וואָס האָט ער געהאַט פון דער וועלט, אז ער האָט נישט געטאָרט גאָר נעמען פון איר צום מויל?...

— מ׳זאָל אים איצט קומען פרעגן, צי ער וויל צוריקגיין, —

וואָלט ער זיך אויסגעדרייט צו דער שיינער וועלט מיטן הינטן, און איר פּנים נישט געוואָלט מער אָנקוקן, אַזוי שיין ווי זי איז...

—אָבער אַזוי יונג, אַזוי יונג, — האָט די פלאַכטשינע זיך נישט אויפגעהערט שאָקלען.

ביז איינע, עפּעס אַ צעבראָכענע יידענע, הויט־און־ביינער, מיט אַ פּנים פון שפּינוועבס, — האָט איר נישט בלויז געמאַכט צו קליין געלט, נאָר צעריבן אויף שטויב:

— יונג, זאָגט איר?... כ׳בין אַרומגעקראָכן אויפן גוטן אָרט, פון איין שטיין צום אַנדערן: *זיבן און פערציק, דריי און פערציק, פיר און פערציק, — בלויז יונגע מענטשן; ס׳אַזוי גוט, — אַז מ׳דערלעבט גאָרנישט אַלט צו ווערן... צו עטלעכע פופציק יאָר, אַז מ׳זאָל האָבן דערצויגן, — ברויך מען זוכן איינעם אויף הונדערט... און אַז מ׳טרעפט אָן אויף עפּעס אַן אַלטן טאַטן, אַ מאַמע, — זענען זיי אַלט געוואָרן דאָרטן... אויף יענער זייט...*

XII

גליין אויף צו מאָרגנס האָט דער שאָפּ אויסגעכאַפּט הערילען צו דער אַרבעט. „טאַקע אַ טאַטע, אָבער אַז ס׳איז פאַראַן צו טאָן אין שאָפּ?״ און ביי זיך געטראַכט, — אַז ער וועט שוין ס׳איבעריקע צוזיצן אין דער סלעק־צייט. אויך די קליינע שוירלי האָט די סקול פאַרבעטן צו זיך. זי וואָלט אפילו יאָ געקענט זיצן צוויי־דריי טעג, און אפשר גאָר די גאַנצע זיבן טעג „שבעה״, — די סקול וואָלט איר גראָד דערפאַר קיין קאַרע נישט אָנגעשריבן; נאָר, ערשטנס, וועט זי דען נישט מער אַרומלויפן אויפן „קאָרנער״, ווי זיצן? און אויב אַרומלויפן אויפן „קאָרנער״, פאַלט פונקט אויס אין דער זעלביקער וואָך אַ „מיד־טוירם־טעסט״, — זאָל זי בעסער זיצן אין סקול, וועט, אינאיינוועגס, דער קאָפּ, וואָס איז אַזוי באַשווערט, — אויך מער זיין באַרוט, ווי זי זאָל אַרומלויפן אין דרויסן.

און געבליבן איז בלויז דאָס איינע וויב, נעבעך (פּאַרט אַ וויב), באַלד ווי אין דעם ערשטן טאָג נאָך איר מאַנס טויט, און אַ מערכה: דער פינפטער שטאָק, אַ נישט, — וואָלט זי נישט געהאַט מיט קיינעם אַ וואָרט אַרויסצורעדן. „אַזוי איז, אַז אַ מאַן שטאַרבט!". אָבער דער פינפטער שטאָק, איבערהויפּט פלעכט, וואָס איז איצט געווען דער קאָפּ פון אים, — אַז ער האָט זיך גענומען צוקוקן, ווי זי איז טויט אונטער די אויערן; של-אַפּיזעט אַרום נישט ווי קיין היגע, און ס'איז נישט אויף קיין געלעכטער מיט איר, — האָט ער זיך ברייט אַ נעם געטאָן:

— כ'האָב מיך דאָס אַזוי נישט אויסגענומען מיט אייך, מחותנתטע; כ'וויל אַ מחותנתטע, — אַ לעבעדיקע, און נישט מיט קיין נאַז, אַז ס'זאָל אויף איר וואַקסן גראָז...

דער אַנדערער מאַנספּערשוין, דער יינגסטער, דער דינסטער און אויך דער געזונטסטער, דער אונגאַרישער מיסטער פליכט, האָט פון איר גענומען טרייבן ליצנות, מיינענדיק: ס'בלוט איר אַריינצוטרייבן אין פּנים אַריין, און זי וועט אַזויערנאָך צוריק ווערן אַ יידענע:

— מנע... ס'זענען נאָך היינט דאָ אַזוינע ווייבער, וואָס זאָלן זיך וועלן אַוועקהרגענען צוליב אַ מאַן? מה דאַך, אַז דער מאַן לעבט, איז ער אין אירע אויגן נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי, נישט, — ווען ער לעבט נישט? איז טויט! און טויט איז ער שוין געווען, ער זאָלס מוחל זיין, נישט זינט ער איז געשטאָרבן, נאָר גלייך ווי ס'האָט זיך אים געמאַכט דאָס ערשטע לאָך אינעם מאָגן; אָדער פון דעם טאָג אָן ווי ער האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן, דער שאָפּ פאַר אים געוואָרן אויס שאָפּ... וועט וועלכע יידענע זאָגן אויף איר מאַן, — ווען ער אַרבעט נישט און פאַרדינט נישט, אַז ער לעבט?

דאָס האָט איר פאַרדראָסן, די מיסעס פלאַכט:

— אַלמאַי, פלעכט? זינט ווען דער שאָפּ האָט אים איינגעפּאַקט,

— איז דעם וויב נאָך איינגעפאַלן צו זאָגן, — אַז ער לעבט נישט?

האָט זיך פלעכט ברייט צעלאַכט:

— וואָרן, זי האָט דען פאַר מיר אַן אַנדער וואָרט, די מיסעס, — ווי דער טויטער מאַן מיינער? און איך ווייס: צי זי וואָלט זיך שטאַרק מצער געווען, אַז כ'זאָל נישט אהיים קומען פונעם האָספּיטאַל?

די מיסעס פלאַכט האָט אויסגעשפּיגן:

— גייט און פארדרייט אייך אייער שמויש; און אויב איר מיינט מיך צו קיצלען דערמיט, האָט איר, אסור, וואָס דערמיט אָן אלמנה צו קיצלען...

קוקענדיק אויף די מאַנסלייט, — האָבן זיך אויף איר אויך ארויפגעכאַפּט (אויף אַ פּאַרכאַטע פערד שטעלן זיך אלע פליגן), צו־ערשט: די צוויי ווייבער וואָס דער פינפטער שטאָק האָט פאַרמאָגט; און אויב ס'איז געווען ווייניק, — נאָך עטלעכע פון די נידעריקערע שטאָקן, וועלכע, די נאָז אירע האָט זייער נישט געשמעקט, ווייל מ'האָט בכלל נישט ליב קיין אַראָפּגעלאָזטע נאָז...

— ס'איז אייך פשיקרע אָן מאַן?... אודאי... מ'זאָל נאָר באַהיט ווערן... נאָר אָז ער האָט געלעבט (ווידער די אייגענע מעשה!), איז ער מער געווען אין שטוב מיט אייך, ווי ער איז איצט?

— מ'האָט דען אַ מאַן? דער שאָפּ האָט אים, — נו, האָט ער אים נישט; זאָל זיך דער שאָפּ זאָרגן, נישט איר...

— איצט האָבן איםביידע נישט: נישט דאָס ווייב און נישט דער שאָפּ, נאָר די גאַס, דער פּאַרק, דער בילאַרד... און איבערהויפּט: די קאָרטן...

— און אז ער, זאָלס מוחל זיין,—האָט נישט געאַרבעט און קיין פּידע נישט געברענגט, וואָס פאר אַ מאַן, משטיינס געזאָגט, האָט ער דאָס אינגאנצן געקענט זיין?... אין בעט אריין!... האָט אים, מסתמא, דער מאָגן גראָד געבאָדערט...

— און אז די פּידע איז אָפּגעשטאָרבן, צו וואָס איז אים נאָך געבליבן צו לעבן?...

די מיסעס פלאָכט האָט אַלץ צוגענומען, וואָס מ'האָט אין איר אריינגעלייגט: „ס'איז גוט צו האָבן א מכה ביי יענעם אונטערן אָרעם!", און זיך געשאָקלט אויף אירס, טרויעריק מיטן קאָפּ:

— כ'גלייב גאָרנישט, אז ס'ליגט שוין אויף אים א באַרג ערד; כ'קוק נאָר צו דער טיר, — ווי ער וואָלט איר געברויכט אויפמאַכן, און אריינקומען...

און אויב, ס'קען זיין, דאָס זי וואָלט זיך פּילייכט דערכאַפּט; און נישט דערפאר וואָס די ווייבער האָבן זיך אויף איר אָנגעזעצט, דער־גאַנגען די יאָרן, נאָר פון זיך אליין, מיט די גייענדיקע טעג, און מיט דעם „וואָס די ערד דעקט־צו מוז פאַרגעסן ווערן", — האָט עס איר

די רעליף גלייך דערמאָנט, ביי דעם ערשטן טשעק וואָס זי האָט איר אַזוי פּיין אונטערגעטראָגן: ס׳האָט געפעלט אויף אים אַ קאָפּ... ער איז געווען מיט אַ קאָפּ קלענער...

און זי האָט זיך צעוויינט:

— בחנם געווען ס׳קוקן מיינס אויף דער טיר, אַז ער וועט איר נאָך אַמאָל אויפמאַכן; אַצינד זע איך, אַז ער לעבט נישט מער; די רעליף האָט שוין נישט מער פאַר ווּעמען צו געבן...

די ווייבער האָבן זיך אוועקגערוקט, און נישט נאָר אויפגעהערט צו זיין קאָזאַקן, נאָר דאָס האָט נאָך אָנגעטריבן אויף זיי אַ טויטע אימה:

— ווען די רעליף גיט טאַקע ווייניקער, אַז מ׳שטאַרבט, — איז דאָך יאָ פאַראַן אויף וואָס צו וויינען....

צווייטע מאָנסלייט: פליכט און הערילע, וואָס איז נאָך רעכט קיין מאָן נישט געווען, האָבן, נאָך פלאַכטס טויט, — געגומען ווערן „קעפּ" אויפן פינפטן שטאָק. פליכט האָט דאָס, אייגענטלעך, גאָר נישט געברויכט ווערן אויך, — ער איז געווען אַ פאַרטיקער „קאָפּ", ווען פלאָכט האָט נאָך געלעבט; נאָר אַזוי ווי ער האָט אים איצט פאַריסן, געגומען שיטן מיט חכמהלעך, — איז שווער געווען צו פאַרשטיין, וואו ער איז געווען ביז אהער? צי פלאַכט האָט טאַקע פריער געמוזט שטאַרבן, אַז ער זאָל עס ווערן? אדער ס׳ווייב האָט אים, פאַר אַן עין הרע, — געהאַלטן אונטערן בעט! הערילע, ווידער, וואָס איז נאָך ווירקלעך געווען ווייניק מאָן, — „אַ בחור מאַכט קידוש איבער שפּענער!" — האָט, אפנים, יאָ באַדאַרפט וואַרטן ביז דער טאַטע זאָל שטאַרבן, — אַז ער זאָל זיך אַרויסרוקן פון די אייערשאַלן, ווערן זיין ממלא־מקומו, וואָס ר׳האָט אַזוי נייטיק באַדאַרפט ווערן נאָך ביי זיין לעבן, צוליב זיין קרענק, און דאָס אַלץ נישט געקענט, ביז יענער וועט זיך מיט אַלעם אָפּפאַרטיקן. אָבער דאָס אויפשטיין זיינס איז נישט געווען דער ריינער אינסטינקט, און אויך נישט ווייל ס׳איז אים געקומען, ווי אַ יורש עצר, נאָר ווייל ער האָט, אָנשטאָט די פינף טאָלער אַ וואָך, וואָס ער פלעגט פריער אריינצאָלן אין שטוב, — גלייך נאָכן פאָטערס טויט אוועקגעלייגט די גאַנצע פיידע אויפן טיש;

נישט אנדערש ווי ער אליין, פלאַכט, און פאַר זיך געבעטן ביי דער מוטער: זי זאָל אים געבן צוויי טאַלער אויף דער וואָך אויף „לאונ־טשעס", „ספּענדינג" און „קאַרפעיר"... און אַז ער האָט געגעבן, האָט ער אויך געוואָלט האָבן... אפנים, ווי ס'זאָל אויך זיין אין דער טבע, אַז מ'גיט, — זאָל מען מאָנען, אָנד־הייבן זאָגן דעות, און זיך מישן...

די מאַמע האָט ארויסגעבאַכעט מיט אַ זאַק טרערן: „זי וואָלט זיך גיכער געריכט ביי אים, ער זאָל אנטלויפן חתונה האָבן, ווי אויף דערויף"... און פלעכט, דער מחותן, אויף וויפיל ער האָט זיך גע־גלעט דעם אויסגעקראַכענעם קאָפּ פון די האָר: „אַ וואוילער בחור, הערילע... ער וואָלט דאָס אין זיין לעבן אויף אים נישט געגלייבט... ער זאָל זיין אַזאַ איבערגעגעבן קינד"... האָט עס אים, פונדעסטוועגן, געשטאָכן... און דער שמייכל אויף זיין פּנים איז געווען אַ צעקרימ־טער: „אַז ער גיט אוועק די גאַנצע פּיידע זיין מאַמען, אַ כאַלערע — האָט דאָך זיין קינד, שייני אַן עולה ביי אים"... און אַז ס'האָט א י ך בּאַרירט, האָט עס געמעגט זיין די גוטסקייט אליין, — האָט זי געטויגט אין דר'ערד אריין! און ער האָט זיך אָנגעד־האַנגען אין איר, גענומען ארבעטן אויף אַ תנאים:

— מחותנתטע, מ'ברויך זען, דאָס פון די צוויי זאָל ווערן איינס... דאָס וועט אייך, ראשית, מאַכן לעבעדיקער, און, והשנית, — אויך דערווייטערן פון אייער מאַן, ער זאָל זיין אויף מער אָפּגעשיידט פון אייך, און אויך ווייטער וואו ער איז...

האָט זי נעבעך טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— נאָך אַ בּאַרג ערד אויף אים ארויפלייגן, וועט ער זיין ווייטער...

— נו, וועט ער אים אפשר נישט פאַרטראָגן, — האָט פלעכט צוגעשמייכלט גראָבלעך, — אים צו שווער זיין?... — און כאַפּנדיק זיך, אַז ער איז שוין אביסל צו גראָב, אַזוי גוט צו איר ווי צום טויטן פלאַכט, געמאַכט אַ טריט צוריק, — אַ תנאים מאַכט לעבע־דיקער; און אַז מ'ווערט לעבעדיקער, פאַרגייט דער טויטער פון די מחשבות...

אום ס'זאָל זיין ריכטיק, איז אים דאָס אַפילו נישט געלעגן אין דער לינקער פּאה; און פאַרזיינעט וועגן, האָט זי אַפילו געמעגט אויסגיין ווי אַ ליכט; עס האָט אים גאָר געשטאָכן דעם בחורס „פּיידע",

וואָס זי פּאַלט אריין צו איר, און אונטער די אויגן א י ם געמאַכט אויסצודרייען:

— זינט ער לעבט... נישט דאָ, נאָר אפילו אין יוראָפּ, וואו א קינד איז דאָך רעכט צוגעפּלאָסן צו א מאַמע, — וועט עס גיין אָפּטאָן אַזאַ זאַך? ס׳איז דאָך ערגער ווי געשמדט, ווי געהאנגען... און אויב ער האָט קיין שכל נישט, מוז ער אים זען חתונה צו מאַכן; דאָס איז די איינציקע רפואה פאר א נאַר, — ער זאָל אביסל קליגער ווערן...

צו די צוויי וואָכן, האַלב וועג צו די שלושים, און צום טאָג וואָס פלאָכט האָט צוגעמאַכט די אויגן, — האָט מיסטער פלעכט ביי די אויערן ארויפגעברענגט צו שלעפּן די תנאים אויפן פינפּטן שטאָק; ער האָט נישט געקוקט, וואָס די מוטער האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט, און אים געטיקעט אין די אויגן אריין: „כ׳וויס גוט אויף וואָס איר ציט, מחותן; אָבער ס׳וועט אייך העלפן ווי א טויטן באנקעס; א תנאים איז נישט קיין חתונה, און ווי לאנג ער האָט נישט חתונה מיט איר, הערילע, איז מיין שטוב זיין שטוב; און ווי לאַנג ער גייט נישט וואוינען מיט איר, — אויך מיין מענטש!“...

דער פינפּטער שטאָק האָט אים יאָ און נישט געגעבן גערעכט:

— תנאים, ווי ער זאָגט, איז א גאַנץ גלייכע זאַך, עס צעטרייבט אָביסל די וואָלקנס און ס׳לייטערט זיך מיט איר אויס; אָבער ס׳וואָלט נישט אויסגעמאכט, ווען ער האלט זיך מיט איר איין כאָטש ביז איבער די שלושים, — אויב ער שטעכט זיך נישט בלויז אויס די ציין מיטן וויינען אירן... וואָרן, פאַר די שלושים מעג זי וויינען וויפיל זי וויל, ס׳איז איר צייט דערויף, און מ׳קען צו איר גאָרנישט האָבן... און אויב ער מיינט ווידער דערמיט איר צו בגזלענען מיט דער פיידע, — איז, צוויי וואָכן פיידע, מי־יודע, נישט קיין בער; און זי וועט זיך מיט זיי קיין בילדינג נישט אוועקרייסן; נאָך דערצו, אז ער פירט גאָרנישט אויס, — ווייל דער בחור בלייבט, אלצאיינס, מיט די תנאים צי אָן די תנאים, ווי זי האָט געזאָגט, די מאַמעס קינד, הערילע...

פלעכט, אז ער האָט דערשפּירט געלט, — האָט ער דעם פינפטן שטאָק פּארוקט אין א ווינקל. ער האָט זיך געמעגט שטעלן אויפן קאָפּ, דער פינפטער שטאָק, מיט דער מחותּנתטע אינאיינעם, — און געמאכט תנאים, אויף די קעפּ שטייענדיק. א פלעשל בראָנפן, קייק, אביסל פּרוכט, און אויב זיי ווילן מער, — זענען זיי נישט קליין אראָפּצוגיין אין דעם צי אין יענעם רעסטאָראַן, — ס'איז זיך אויף דילענסי סטריט געגוג דאָ וואו ס'האַרץ אונטערצולענען; און פון אים איז דאָס, וואָס ער שטעלט ארויף אויפן טיש, — שוין אויך צו שיין... ער האָט געוואוסט, דער כיטרער ייד, אז זי וועט זיך קיין „בילדינג" נישט אוועקרייסן מיט די צוויי־דריי וואָכן פּיידע; און דער עיקר, אז דאָס וואָס זי בלייבט מיטן בחור, — איז ער איר מענטש; ער האָט אָבער געוואָלט ארייננכאַפּן די תנאים, ווייל ווי ווייט איז פון תנאים צו א חתונה? (אזא רומענישע מאַמעליגע!), — אַ קאַצן־שפּרונג! און אויב ביי די תנאים בלייבט ער נאָך שטעקן ביי איר מיט איין פוס, — וועט ער זיך ביי דער חתונה ביי איר ארויס־דרייען מיטביידע פיס (ער האָט גוט אריינגעארבעט אין עסק אריין!)... נאָר אז ס'איז געקומען צו רייד מכח דער חתונה, — דאָ האָט ער געהאט א האַרטן ביין צו צעקנאקן; און שוין נישט געהאט צו טאָן מיטן פינפטן שטאָק, אפילו נישט מיט קיין אלמנה, א צעבראָ־כענע יידענע, וואָס מ'קען איר אויסטרייסלען פונעם ארבל, נאָר מיט דעם יונגן בלוט (היט זיך פאר יונג בלוט), — מיט דער חתן־כלה; ווען דער פּאָטער אירער איז דורכאויס באשטאנען אויף תנאים, — זענען זיי געגאנגען ווי צום טאַנץ; און זיי האָבן זיך דערביי געהאט זייער שכל: די מאמע זיינע אביסל צו דערפרייען... ס'קומט איר צו פארגרינגערן ס'האַרץ... פּאָרט באגראָבן א מאַן, כאָטש א קראנקן, און וואָס האָט שוין נישט געקענט ארבעטן; אָפּגערעדט: פון אויס־האַלטן דאָס הויז, צי אפילו עפּעס אונטערשטופּן, אָבער דאָך אלץ א מאַן, — איינמאָל אוועק; אצינד, — אז דער „אָלד־מען", איר פּאָ, וואָס האָט זיך אזוי פיל אָנגעליטן: נישט טועם געווען מער ווי פיר יאָר קיין ברעקל פליש, נאָר רק געקאָכטע פארינע מיט מילך, — און אז ס'האָט אים אָפּגעגליקט ארויסצוגיין גאנץ פון אונטערן מעסער, — איז צוויי מאָל אוועק; אָבער, — א חתונה? דאָ האָט ער געטראָפן מיט א פינגער אין דהימל אריין:

— אויף וואָס ארויף? אויף די עטלעכע צוואנציק טאָלער א וואָך, וואָס איך מאַך אינעם שאַפּ? — האָט דער יונגער הערי אים ארייַנגעקוקט אין פּנים, — און אַז דער שאַפּ וועט גאָר אינגאַנצן אויסציִען די פּיס? (יאָ: אַ שאַפּ, ־אַלצאיינס, ווי יעדעס לעבעדיקע באַשעפעניש, — ציט אויס די פּיס!), אָדער גאָר ארויסמופן פון דער שטאָט? דו פארגעסט: אז היינט איז ער דאָ, און מאָרגן א ברירה צו זיין אין ניו־העמפּשייר? וואו וועל איך מיך דענסטמאָל אהינ־טאָן?

— וואו טוען זיך אלע אַהין?

—אויך גיין אויף דער האָום־רעליף? ווערן א קעסט־קינד ביי דער שטאָט?

— ווּעסטו אריין צו די „סילק־סטאָקינגס", ס'הייסט: אין דער דאַבל־יו־פּי־עי...

— כ'וועל מיר גיין מאכן א היים אויף דעם, וואָס די דאַבל־יו־פּי־עי וועט מיר צוּוואַרפן א ביינדל? אויף איר בויען א הויז? סאַי נישט אלצאיינס ווי אויפן וואָסער?...

איז שוין פלעכט געוואָרן אַנגעצויגן אויף אים:

— דער שאַפּ ציט נאָך נישט אויס די פּיס; אנטלויפט נאָך נישט אוט־אָוו־טאָון; און אויב יאָ, — ביזטו שוין א פארלוירענער מענטש? און זיך נישט קענען העלפן מיט עפּעס א שטיקל דזשאָב? אן אנדערן שאַפּ?

נאָר הערילע האָט אים ביטער אויסגעלאַכט:

— ס'ליגט מיר נאָך גוט דער טעם אין מויל פונעם „בלאָק"; ווען כ'בין געשטאַנען אויפן „קאָרנער", — ביז דער טאַטע האָט פאר מיר געקענט קריגן זיין מאַשינדל אין שאַפּ; און מער קיין טאַטעס, וואָס זאָלן פאר מיר קראנק ווערן און אויך וועלן שטאַרבן, — איך זאָל קענען ירשענען זייערע מאַשינדלעך, — האָב איך נישט...

אויף דער גאַס וואו הערילע האָט זיך דערנאָך, ווי יעדן טאָג נאָך דער ארבעט, — אוועקגעשטעלט, האָט געהילכט מיט באַיס. ליכטיקע יונגען, אין קאָלירטע סוועטערס איבער די הויזן, זענען ווי אָלעמאָל, געדיכט געלעגן איבער די שמאָלע „בלאָקס", זיך געריסן,

אודאי נישט אנדערש ווי די פארצייטיקע אינדיאַנער אויפן מלחמה־פעלד, און מיט זייערע באַנומענע קולות געזוכט אויסצוכאַפּן איינערביים אנדערן, — די „באַל״, וואָס איז געוואָרן געוואָרפן מיט אזוי פיל פייער. הערילעס אויגן האָבן נישט ווינציק געגלאַנצט פאר דער פליענדיקער „באַל״, נאָר פון צופיל ערגערניש און עסעניש מיטן מחותן, — האָט ער זיך צוריקגעהאלטן פון דעם געווירבל און געדריי, און געשטאַנען לייטיש אויפן „קאַרנער״, ביים קענדי־סטאָר; דער קענדי־סטאָר, וואו מ׳האָט געשאָסן אויף די „סלאָט״־מאַשינען מיט פעניס און ניקעלס, — האָט שוין געברויכט זיין פאַר אים דאָס שטילע אָרט, וואו מ׳זאָל קענען רואיק שטיין. געוויס איז אויף דער סעמעטערי אדער אין פראָספעקט־פּארק שטילער, נאָר מ׳ברויך דאָך זיין פריש, געזונט און משוגע זיך דאָרט צו פארקריכן מיט שייני, זיין בעסט מיידל, — און געניצן? אָבער אין פארגלייך מיטן בלאָק, — איז דער קענדי־סטאָר געווען א בירת־עולם. און אויב מ׳זאָל אין אים נישט שיסן מיט די „באָלס״ אין די „סלאָט״־מאַשינען, — מיט וואָס וואָלט ער אנדערש געווען פון דער סעמעטערי, צי פונעם פּראָספעקט־פּאַרק? ער וויל דאָס מאָל זיין אין דער שטיל, הערי, נאָר אזוי ווי ער האָט מורא פאר געניצן, איז דער קענדי־סטאָר דערויף, — ער זאָל אים דאָס נישט לאָזן... נישט אלע באָיס זענען געכאַפּט פון דער „באָל־געים״. ס׳רוב, און יענע וואָס האָבן נישט געהאַט די זכיה, אז זייערע טאַטעס זאָלן שטאַרבן, — און דורכדעם אַריינכאַפּן זייערע, משטיינס געזאָגטע, דזשאָבס; אפילו זיי נישט געוואָלט צוליב־טאָן אזא קליניקייט: ווי קראַנק ווערן אויפן מאָגן, מיט וואָס כמעט אלע טראָגן זיך ארום; שוין אָפּגערעדט פון קריגן א קענסער, א „סטראָק״, — מ׳זאָל באַהיט ווערן, — וואָס קען שוין זיין ווייניקער? די דאָזיקע באָיס האָבן זיך צוגעכאַפּט צו הערין, און פּונקט ווי זיי וואָלטן אָנגעטראָפן אויף דער ריכטיקער מינוט ביי אים:

— ס׳איז נישט פונעם הוילן ארבל, וואָס מ׳רעדט אויפן בלאָק,

— אז דו קלייבסט דיך חתונה צו האָבן, הערי?

— ס׳איז נישט פונעם הוילן ארבל, וואָס מ׳רעדט אויפן בלאָק, אז דו קלייבסט דיך צו ווערן א חתן פאר מילדרעד פון ברום סטריט?

— האָט הערי אָנגעכאַפּט דעם פרעגער זיינעם, א הויכן איבערגע־וואַקסענעם באָי, ווי א בוים, מעקסי.

— איר טאַטע וויל תּנאָים... איך וויל אויך... באַט, ער וויל ניט שטאַרבן, — כ'זאָל קענען קריגן דעם דזשאָב זייַנעם... און אַז דעם דזשאָב, וואָס שעל איי דו ווהיט האַר?... איר פּאַרפּעיסטן ס'מויל, זי זאָל נישט וועלן עסן?...

האָט דער „בלאַק" געלאַכט מיט יאַשטשערקעס:

— אַ מאָגן האָט ער? ווער האָט דאָס נישט קיין מאָגן?... (קינ־דער אין די וויגן האָבן אים שוין!), — וועט ער זיך מער פונעם מעסער נישט אַרויסדרייען; און אויב ער ברויך זיך נאָר זען מיטן מעסערל, — איז זי שוין באַלד אין דרויסן...

— און דו מעגסט דיך שוין לאָזן צורעדן, מעקסי, — אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, — אַז הערי האָט זיך דערויף דער־וואַרט ביי זיין טאַטן, מיט וואָס איז איר טאַטע בעסער־אָפּ פאַר זיינעם? ער וועגט מער?... איז העכער געוואַקסן?.. און מער גבֿרן?... ס'וועט אים קנאַפּ העלפן... ער וועט מוזן שטאַרבן...

די יונגען האָבן געלאַכט, אָבער דאָס געלעכטער האָט זיי גע־שטאָכן. זייער בלייבן שטיין און נישט קענען אַרויס פונעם „בלאַק", האָט אויסגעזען, — ווי מ'וואָלט פאַר זייערטוועגן אויפגעשטעלט אַ באַריער'ע אַרום דער וועלט, מ'זאָל פון דאַנעט בלויז קענען אַריבער־קוקן אין איר: ווי זי שפּילט זיך אויס, טאַנצט זיך אויס, די וועלט, פאַר יענע אַלע וואָס זענען אין איר, ריכטיקער: האָבן זיך אַריינ־געכאַפּט אין איר, נישט קיין חילוק, דורך וואָס פאַר אַ הינטער־טיר, און שוין געבליבן בלויז פאַר יענע: פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל, צוגעציילט, נישט מער און נישט ווייניקער, — „קלאָוזד שאָפּ", אָדער „קלאָוזד וואָרלד", וואָס איז די נפקא־מינה? ערשט: ווען ס'פאַלט איינער אין דעם טאַנץ, אין דעם שפּיל, אינעם געווירבל, — מאַכט מען אוועק אַ שטאַנג פון דער באַריעדע, און מ'גיט אַ וואונק צו איינעמען (ווי ס'איז געווען מיט הערילען, אַז זיין פאָטער האָט זיך אוועקגערוקט), — „ס'איז דאָ אָן אָפּענינג!"... און ביז דאַן, ווי לאַנג ס'איז קיין עפענונג נישטאָ, — מוז מען שטיין הינטער דער באַריערע, אין דרויסן פון דער וועלט, און זיך צוקוקן, כאָטש מיט אַ טרער אין אויג, — ווי יענע אַלע טאַנצן, הוליען אין איר... און זיך טרייסטן מיט הארץ־חלשות: „וואָס זיי האָבן זיך דאָך נישט אויס־גענומען ביים רבונו של עולם אייביק צו לעבן, און ס'וועט דאָך ווער

פון זיי מוזן אמאָל גיין אַ גאַנג, — ס'זאָל זיך מאַכן פאַר עמיצן אַנדערש אַן עפּענונג"...

און אויב דאָס איז די יונגען נישט גרינג אָנגעקומען, איז עס אַ סך שווערער געווען צו שטיין אין דרויסן פון דער וועלט, און אַריבערקוקן צו איר פון איבער דער באַריערע, — פאַר די אונטער־געוואַקסענע מיידלעך; אַ יונג, ווי אַ יונג, — אויף אַ ציגאַרעטל צו פאַררייכערן, האָט מען בלויז געברויכט אַ שטופּ טאָן מיטן אַקסל אַ קאַר, אַז זי דהאָט נישט געוואָלט „סטאַרטן"; און אַז ער איז אַריין, אין די הויזן, — האָט ער שוין געקענט שטעקן אין זיי, אפילו ווען ס'איז שוין פון זיי געפאַלן שטיקער; און אַז ס'האָט אים אָנגעהויבן עפּעס אויפצואוועקן אין מיטן שלאָף, געבן אַ וואַרף מיטן בעט, אַ צינד־אָן זיך דער קאָפּ, — איז עס דאָך אַ יונג! שלעפּט ער זיך אַוועק מיט נאָך אַנדערע יונגען אינאיינעם, דאָ־דאָרט, וואָס איינער גיט איבער דעם אַנדערן, בסוד־סודות, מיט אַ ביטערע שמייכעלע, און מ'ברענט זיך אויס, באַהאַלטן, מ'שטופּט־אָפּ די צרות אונטער פיר אויגן; און מ'קומט צוריק אויפן „קאַרנער" אויסגעלאָדן, יונג, יעדער באַזונדער, — ווי אַ רינג פון אַ געפּלאַצטער קייט; און אַלע, — פאַרשייט צעוואָרפן איבער די בלאָקס, מיט ליכטיקע פּנימער, שפּראָ־צענדיקע אויגן, מיט פיס, — פייל פון בויגן, פולע מיילער זעט, און האַרטע קנאַכן, יערנדיקע... אָבער די מיידלעך? אַ בראָך צו זייער לעבן, — זיי זענען, אָרום און אָרום, ווי אָפּגעפּליקט, און האָבן נעבעך אָפּגעשניטענע יאָר... מיט אַ פּאָר הויזן, ביז ס'וועלן פון זיי אַראָפּפאַלן שטיקער, — קענען זיי נישט אויסקומען; און אַז מ'זאָל יעדן טאָג, יעדע שעה, אָדער כאָטש יעדעס מאָל וואָס מ'גייט אַרויס אויפן בלאָק, — נישט האָבן עפּעס אַנדערש צו נעמען אויף זיך, — וועט נישט בלויז ס'פּליִש פון די ביינער אַראָפּפאַלן, נאָר אויך פון די ביינער גאָרנישט ווערן; וועלן זיי אויסטריקענען מיט אַלעם... זייערע פּנימער זענען מיזערן, און גרינען ווי די שיינע לימענעס... כאָטש פון אויבן־אויף לייכטן זיי און שימערירן, אָבער ס'געלעכטערל זייערס, ווער ס'איז אַ מבין דערויף, — איז גאָל, גרינער, אָפּגעשטאָ־נענער, ווי אויף אַ דין הייטל פון אַ בוים; אַ צעבליטביימעלע, וואָס אַלע בלוטן אין דעם זענען אויפגערייצט, און ס'איז פאַרפּלייצט ביזן דינסטן אָדערל מיט זאַפטיקער, דערנערענדיקער פליסיקייט,

וואָס רינט אויס דורך טויזנטער מיילעכלעך, — נישט צו גאָר, און נישט האָבנדיק דערפון, מ׳זאָל דאָס זאָגן, אויף דער מינדסטער האָר.

— גיי מאַך אויף אַן אויג, — מ׳איז דאָך אַ מיידל!

XIII

מיט דער נאַכט צוגלייך, אַז ס׳ווערט שווערער צו אָטעמען אין די שטובן, זענען די ווייבער פון די לעצטע, וואָס מוזן, און בעל־כרחם, זיך ארויסלאָזן אויפן בלאָק. די ערשטע וואָס אַנט־לויפן פון שטוב, זענען, געוויינטלעך, די ערשטע וואָס קומען אין איר אהיים, — די סקול־קינדער; דערנאָך, — די עלטערע קינדער, וואָס קערן זיך אום פון אַן ארבעט, אויב ס׳איז דאָ עפּעס אַן ארבעט; צו־גלייך מיט זיי, — די טאַטעס, און דערנאָך ערשט, די צעפּאָרענע יידענע, ריכטיק אוועקגעשטעלטע מאַמע, — און ווייל זי איז די לעצטע, קומט דאָס אויס דהעט אינעם פארנאַכט אריין, ווען דער טאָג נייגט זיך שוין היבש אוועק, און די זון זעצט זיך... וואָרן, אַז זי האָט זיך שוין אָפּגעמוטשעט ביים איינקויפן, ביים אָפּקאָכן, און דאָס אויך אוועקגעגעבן אויפצועסן (דאָס איינקויפן ווי ס׳איינקויפן, ס׳אָפּקאָכן ווי ס׳אָפּקאָכן, נאָר אַ ווערטעלע אויסצורעדן, — אויפעסן? וויפיל בלוט ס׳ווערט ביי דעם פארגאַסן?), — קען זי זיך נאָך אלץ נישט ארויסרירן צוליב די „דישעס״, וואָס האַלטן איר צו; און אַז זי איז שוין דאָס אויך איבערגעקומען, און יעדעס שטיקל געפעס בלאַנקט, — גייט זי דענסטמאָל ארויס, און אויך נישט ווי ער, דער מאַן אירער, — צו די קינדער אירע, וואָס די שטיבן זענען ביי זיי אַן אָפּקומעניש, און די שטיקענדיקע היץ האָט, מחילה, ביי זיי געגומען ס׳אונטערפירן; נאָר זי גייט ווי אַ מאַמע, — מיט אַ גלאָז מילך אין דער האַנט, אָפּזוכן דאָס קינד; דאָס קינד איז דאָך עפּעס פון נאָך דריי־אַן אין גאַס, מוז מען, קודם־כל, זיך גיין זען דערמיט; און דאָס, ערשט נישט אויף טרוקן; אויב נישט פאַר דעם גלאָז מילך, וואָס עס מוז אויסטרינקען, — ס׳זאָל זיך באלד אויסציען, — איז כאָטש אַ „מאָלטעד״ פאַר זיבן סענט, מיט אַן אייעלע אריינגעשלאָגן (אזויערנאָך צי אזויערנאָך, — מען מוז דאָך זען דאָס איעלע אין דעם אריינ־

ברענגען!)... אז ס׳קינד געפינט זיך פון נאָך דריי־אָן אין דרויסן, קומט דאָך אויס, צו דער צייט, ארום אכט־ניין, ווי ס׳זאָל שוין זיין אויפן ניכטערן...

דעמאָלט בלייבן אלע הייזער בלויז מיט די מייז, וואָס קומען ארויס אויסשמעקן, — אויב ס׳איז נישט עפּעס אראָפּגעפאלן פון די רייכע טישן (אין זייערע אויגן און אין די אויגן פון יוראָפּישע, ברויכן עס זיין רייכע טישן, און נאָך ווי...), — מ׳זאָל זיך אויך האָבן מיט וואָס באטעמט צו מאכן ס׳מויל. און אָנהייבנדיק פון אן איבער־געעלטערטע באָבע ביז צו א זייגענדיק קינד, — געפינט זיך עס אין דרויסן; מילא, פון דעם זייגנדיקן קינד איז דאָך אָפּגערעדט, — דאָס איז כמעט נישט מער, אז ס׳איז שיין, — ווי בלויז אויף איבער א נאַכט אין שטוב... און אין די אויסגעלאטעטע שטיבן קען איצט, העכסטנס, בלייבן עמיץ וואָס האָט א קאַפּעלע ווארימקייט, און דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, ס׳לעבן: אז דער וואָס האָט עס טאָר נישט זעען די לופט פאר די אויגן; ווי אויך די צעשריגענע ראַדיאָס, וואָס רייסן זיך אויף די ציין מיט זיי און אָן זיי, — פאר די ליידיקע ווענט; אָבער די געזונטע, וואָס מעגן יאָ זען די לופט פאר די אויגן, — גייען נאָך איר אין גאַס, אויב זי איז דאָרטן יאָ דאָ; ווייל א סך מאָל איז די גאַס, כאָטש זי האָט א שפּאלט פון הימל אויבן, צווישן די צוויי שורות הייזער מיט אן אריינפאָר און ארויספאָר, און איז אויך נאָנט פונעם איסט־ריווער, — אויך אָן לופט; און אויב מ׳וויל איר, מוז מען נאָך איר פאָרן, אויב זי איז דאָרטן יאָ דאָ, — צום ים; און אויב נישט ביים ים, — וואו נאָך זאָל מען נאָך איר פאָרן? און וואָס קען מען שוין האָבן צו די שטיבן, אז זי איז אין זיי נישטאָ?...

די ווייבער צעלאָזן זיך מיט גלעזער מילך אין די אויסגע־שטרעקטע הענט, אָפּזוכען די פּיצלעך קינדער. צווישן זיי, די מיסעס פלאָכט, די מיסעס פלעכט, — זיי זענען קיין מאַמעס נישט? דער „בלאק״ איז פול מיט יונגען, וואָס יאָגן זיך נאָכ׳ן „באָל״; מיט היי־זעריקע געשרייען, מיט דעם געשיסעריי פון די „סלאט״־מאַשינען, און מער ווי פון דעם אלעם, — מיט שטילע, שטייענדיקע קאָרס; און גיי, כאַפּ אן דערכאַפּ צווישן דעם אלעם א ניין־צען יעריק מיידעלע... נישט, ווייל זיי ליגן פאַרשטעקט צווישן די קאָרס, און

ס'איז זיי שווער ארויסצוקריגן, נאָר ווען אפילו דאָס קינד איז בלויז אקעגנאיבער, אויפן אנדערן טראָטואַר, און די מאמע זעט עס, — וואָס, ס'איז בלויז מיט דער האנט צו דערלאַנגען; שטייען אָבער די קאָרס פון עק ביז עק, פון ביידע זייטן גאס, איבער דער גאנצער לענג פונעם בלאָק: אזוי געדיכט איינע אין דער אנדערער אריין, — אַז ס'קומט־אָן מיט קריעת ים־סוף, זיך אריבערצוכאַפּן; נעם כאַטש און לייג אויס א בריק איבער זיי, א נישט,—מוז מען, אין דער מידקייט, איינשפאנען די פיס, און מיט זיי אויסגיין די גאנצע לענג פונעם בלאק; און דאָ וואו ער לאָזט זיך אויס, לאָמיר זאָגן: ביי ברום סטריט, — ערשט איר אדורכגיין, און זיך לאָזן צום קינד, וואָס שטייט, סך־הכל, אנטקעגנאיבער, אויף דער אנדערער זייט, ווי־זאָ־ווי, מיט דער האנט צו דערלאַנגען? איז דאָס פאר וועמען אן עסק, און נאָך דערצו פאר ווייבער? ערשטנס, נאָך אזא שווערן טאָג ארבעט, און, צווייטנס, — ווען דער „סטופּ" קוקט זיי אויס מיט זייגע טויזנט אויגן, און מ'ברויך פארענדיקן דעם טאָג רכילות, וואָס האָט זיך נאָך גאַנץ פרי אָנגעהויבן אין דער גראָסערי? איז דאָך קיין חידוש נישט וואָס זיי פאַרשעלטן די קאָרס:

— ס'א ריין אומגליק מיט די קאָרס! פון וואנעט נעמען זיך דאָ אזויפיל קאָרס? וואָס א טאָג, — מער קאָרס; אלע זענען אויף רעליף, — און די גאָס ברעכט זיך מיט קאָרס; רעליפניקעס און, — קאָרס! וואו נעמען זיי ערגעץ אויף געזאָלין פאר זיי?...

אנדערע לייגן זיך אָפּ אויפן מעיאר פון שטאָט, און האָבן מיט אים צו טאָן:

— וואָס פאַר אַ בעל־הבית איז ער, אז ער זעט נישט אָפּצורייניקן אַ פּאָר בלאָקס פון די סלאָמס, — די אָרימעלייט זאָלן זיך האָבן וואו אַהינצוטאָן מיט זייערע קאָרס, און נישט ברויכן אזוי אויסגעריסן צו ווערן דורך זיי...

האָרט ביים קענדי־סטאָר, וואַקסט אויס אונטער די פיס פון איינעם, וואָס וואַגלט דאָ אַרום אין די פאַרנאַכטן, קאָרנער צו קאָרנער, ווי א פלעדערמויז, — אַ באָקסל, און ס'וויקלט זיך פאַנאַנדער א בלאָט די גרויס, דאָס אמעריקאנער פענדל, ווי א

מזוזהלע איבער א נפקא־בית, אז מ׳מעג אונטער דעם אויסרעדן, אסור לדבר, אנהייבנדיק פון א „קאָפּ“ ביז אויפן פּרעזידענט; איינער, וואָס קען, אפנים, נישט פארטראָגן קיין עולות, ס׳לאָזט אים נישט איינריען, דורכשלאָפן די נעכט, — און גייט מעורר זיין דעם „בלאָק“; זיך אָפּנעמען פאר די סטאַדעס בידנע שעפּעלעך, מ׳זאָל זיי נישט שערן... און מיט וואָס, טראַכט ער זיך, קען מען זיי דאָ אזוי נעמען? מיט דער היכער רענט? מיט די פּייער־פּאָסטקעס? מיט׳ן יקרות אויף פלייש? מיט דער טייערונג פון מילך? מיט דער קאַווע וואָס מ׳האַלט אין איין וואַרפן אין ים אריין, און דער ים וויל אלץ נישט פול ווערן מיט איר? און אז די היישעריקן, די מאַגנאַטן, זאָלן אויפהערן וואַרפן די קאַווע אין ים, — וואָלט שוין קאַווע דערגאנגען, אזוי זיכער ווי ס׳איז פארנאַכט איבער דער וועלט, ביז צו א ניקעלע א פונט, און נישט געווען אזוי הויך, ווי זיבעצן און זיבן־און־צוואנציק סענט? א קלייניקייט, זיבעצן סענט א פונט קאַווע! נאָר אזוי ווי ער האָט מורא צו שטעלן אויף די אלע קאָרטן, זיי זענען שוין אביסל אָפּגעריבן, — כאַפּט ער זיך אָן אין דער רעליף (דאָ וועט ער טרעפן אין פּינטל אריין!). די רעליף ברויך נאָך אלץ זיין א גוטע קאָרט... זיי מוזן זיך אודאי געבנוג האָבן, טראַכט ער, צו קאָפּען ביי איר... און באהאַנדלט זיי געוויס ווי א בייזע שטיפמאמע... און וואָלט ז י ך מיט גאָרנישט וויי געטאָן, ווען זי גיט זיי, פאר די מכות און בכורות, מיט וואָס זיי זענען באַשאָנקען, — כאָטש מיט צוויי דריטל מער; דורכדעם, חלילה, מיט גאָרנישט אָרימער געוואָרן... ס׳וואָלט פון איר אויך גאָרנישט אָפּגעקומען, ווען זי זאָל, למשל, דינגען עקסטרע מענטשן, די רעליף, און דאָס ביסל קוילן וואָס מ׳גיט זיי, — זיי אָפּשיקן אין דער שטוב אריין; און נישט לאָזן אזוינע בלוטיקע אָרימעלייט, לאָ די וואָס זיי זענען אזוי אָרעם און בלוטיק, — זיי זאָלן זיך נאָך ברויכן אונטעררייסן ביים אָפּטראָגן דאָס אהיים. זי איז נישט חולה זיי אָפּצושיקן די קוילן אהיים, די רעליף! (און אז ער ווערט היסטעריש): וואָרן, וועמענס געלט גיט זי אייך דען, די רעליף, אויב נישט אייער אייגן געלט, וואָס איר האָט געצאָלט ביים רייכערן, ביים זאַלצן דאָס פלייש, ביים פארזיסן די טיי, און וואָס נישט? אפילו פאַרן רויך וואָס גייט ביי אייך ארויס פונעם מויל! דאָס בלויזע פּראָצענט פון אייער געלט, זי זאָל אייך געבן, די רעליף, — וועט

איר זיך קענען קויפן אייגענע פראפערטיס, און זיצן איש תחת גפנו, די באָקסער מיט די טייטלען און פייגן, זאָלן אייך אריינוואקסן גלייך אין די מיילער אריין... (און אז ער זעט: זיי צאַפּלען זיך שוין ביי איבם ווי די פישעלעך אויפן שפּיץ דראָט, — לאָזט ער ארויס די קאָץ פונעם זאָק): און אויב די רעליף־נעמער זאָלן זיין קלוג, האָבן סמיקאָלקע, וואָלטן זיי זיך געברויכט פארשרייבן ביי אים אין א יוניע, אין א יוניע פון הונגעריקע, און זיי זאָלן, בלויז פאר איין דיים א חודש, — נישט אויסציען די קאָפּיטעס! זי זאָל זיי כאָטש נישט לאָזן באַראַבעווען! און געוואוסט, אז זיי האָבן פאָר דאָס זיצן א מליץ־יושר אין די הויכע ספערן, א מין דעמפּסי, למשל, א טאָני קאַרנערי, וואָס האַלט די רעליף ביים האַלדז און ווארגט איר:

— ווארף ארויס, האָב דיר אכציק גוטע יאָר, נ אָ ך א טאָלער אויף דער וואָך פאָר א קינד, פאר א קראנק, בלוטלאָז, מילכלאָז און ברויטלאָז קינד, — אז ס׳זאָל צו דעם נאָך, נישט געשוואָלן ווערן דאָס בייכל זיינס פון הונגער.

צערודערן זיך דאָ די ווייבער, אויף די „סטופּס״, — אז ס׳נעמט זייערע קינדער אין מויל אריין, — און קוקן אים אָן ווי א משוגענעם:

— וואָס דאָ טוט זיך אָפּ מיט די קינדער, — זיי זאָלן וועלן עסן? מ׳שטאָפּט אין זיי אריין די ספּינאטש, — און זיי ברעכן אים אָפּ; מ׳שטאָפּט אין זיי אריין דאָס שיטערע אייעלע, — און זיי ברעכן עס אָפּ; מ׳שטאָפּט אין זיי אריין דאָס ביסל סיריעל, — און זיי ברעכן עס אָפּ; אפשר ווייסט ער פון א רעליף, וואָס זאָל פועלן, — זיי זאָלן וועלן עסן? און מ׳זאָל זיי נישט ברויכן שטאָפּן ווי די גענדזלעך?...

אייבער, וואָס איז נישט לאַנג אריבערגעקומען, אַן אלטער טאַטע, וואָס ד׳האָט אריבער צוואַנציק יאָר נישט געזען קיין שטיקל פלייש מיט פיש פאר די אויגן, און זיך דערנערט אויפן הארטן שטיקל ברויט מיט א קאַרטאָפליע, — שפּרינגט פון דער הויט, און צערייסט זיך גאָר:

— ווי, גוואלט: וואָס טשיקן... קייק... פּרוכט... ווען מ׳הייבט אויף די בארלס אין דרויסן, און מ׳קערט זיי איבער איבער פוילן, רומעניע, כ׳ווייס וואו נאָך אלץ, אפילו רוסלאנד, — וואָלטן ערשט די מענטשן דאָרט אויפגעמאַכט אַן אויג!...

עפעס א מיטל־יעריקער ארבעטארער, א צוויטער פלאַכט, מסתמא, פאַלט אויף אים אָן:

—אַ גאַנצע מדינה האָט צו טאָן מיטן מאָגן: שלינגט פילן פארן עסן, טרינקט ראָשיען מינעראל איידער פארן שלאָפנגיין, וואַשט אים אין דער פרי מיט גלעזער הייס וואסער... און דער הויז־דאָקטאר פונעם גאָווערניר האָספּיטאל זאָגט: אז די אַרימעלייט עסן אזוי פיל, ביז זיי עסן זיך איבער און שטארבן... קומט ער מיט בייכלעך וואָס ווערן געשוואָלן פון הונגער?...

און די באָיס ארום קענדי־סטאָר, פאַרייסן צו אים די קעפּ:

— ער איז דאָך גאָר א פּאַרטאַטש, דער בחור...

— ווען דו זאָלסט זאָגן, אז די רעליף זאָל געבן קארס, אָ, וואָלט געווען אויף וואָס זיך צו פארשרייבן; אבער, עסן?

— אַזאַ דאָופּ ווי ער איז...

עטלעכע טריט פון קענדי־סטאָר: אין א רעדל יידן, איז געשטאַנען א מיטליעריקער ייד, אין א בלאָען סוועטער, א ברוין צעקאָרבט פּנים, — איינגעשניטן, הארט, און מיט אויגן, — שטייענדיקע, וואָס גייען נישט אהין, נישט אהער, איינאָרטיקע, און כמעט ווי עפּעס פאַרכטיקע; א ייד, וואָס האָט, אזוי ווי ער האָט געשטעלט זיין פוס אויף דער נייער ערד, — מיט זיינע הענט, מיט זיין קאָפּ, לייב־און־לעבן, און מיט וואָס נישט? געקנאָטן, ווי עס קנעט א בעקער אין דער בייט, — דאָס יידישע לעבן, ביז ס׳זענען זיך אויף דעם אויפגעגאַנגען די אַלע יוניעס, חברהס, סאָסייעטיס, און אנדערע מיתה־משונהס... ער שטייט איצט, אין דעם בלויען סוועטער, מיט די הענט אין די קעשענעס, נישט ווייל די ציין זענען אים ארויסגעפלויגן פונעם מויל, ביים צעקנאַקן די באָסעס; די האָר פונעם קאָפּ אויסגעפאלן ביי די סעמעטעריס פון די סאָסייעטיס, ביי די סטרייקס, פּיקניקס, נאָר ווייל ס׳האָט אים א שלאָג געטאָן אין פּנים א טוכלער ריח פון דעם אלעם; און ס׳האָט אים דאָ אוועקגעשטעלט אויפן „קאָרנער“ די סאָסייעטי, וואָס איז, ווי ער זאָגט: קיין סאָסייעטי נישט; די יוניע, ווי ער זאָגט: נישט קיין יוניע; חברות,—נישט קיין חברות; נאָר ווי ער זאָגט: אָפּטריטן מיט אָפּטריטן... און אז מ׳שמעקט־צו,

מוז מען פריער אויסגיסן מיט קארבאָל, אויסצוברענען דעם ריח, — מ׳זאָל נישט זאדכענט ווערן... און דאָס איז אַלץ, ווי ער זאָגט: פאַרזינקען ביז איבער די אויערן אין די מ״ט שערי־טומאה, ביי די סטרא אחרא אין די הענט, צווישן פינצטערע קליקעס, פאר וועלכע די רייכע זענען געוועזן צו קלוג, — זיי זאָלן זיך לאָזן פאַרנאַרן אין זאַק אריין... און האָט זיך פון דעם אלעם: פון דעם גאַנצן אוועקברענגען זיך, אויף־זיין נעכט, גיין אויף דער פּיקעט־ליין, אויסרייסן דעם האַלדז אויף מיטינגען, — זיך אָפּגעשטעלט ביי איינס: א מעמבער עט לאַרדזש... „כ׳וויל נישט גאָר פון קיינעם... בלויז פיר איילן ערד אויף צו באַגראָבן... און דאָס אויך נישט פאר מיין טרחה, וואָס כ׳האָב אוועקגעגעבן מיין געזונט, מיין כח, מיינע ציין, די האָר פונעם קאָפּ, דעם מאַרך פון די ביינער, נאָר, — ווי א חסד של אמת״...

און ער זאָגט אויך, קוקנדיק אויף דעם בחור ווי יענער היצט זיך, און דאָס, נ אָ ך די ערשטע פערציק יאָר וועלגערן און קנעטן יידיש לעבן ווי א שטיק טייג אין דער מולטער, — קלאָר, אזוי ווי זיין רעדן וואָלט אים נישט אָנגעהויבן צו אַרן אויף דער מינדסטער האָר:

— ע ר מ י י נ ט נ י ש ט מ י ך, נ י ש ט ד י ך, נ י ש ט ז י י, — נ אָ ר ב ל ו י ז ד ע ם ט אָ ל ע ר; ו ו י א ז ו י א ר י י נ צ ו ק ר י כ ן מ י ט ד ע ר ה אַ נ ט א י ן ק ע ש ע נ ע, א ו ן א י ם פ ו ן ד אָ ר ט א ר ו י ס צ ו ק ר י ג ן; א ו ן אַ ח ו ץ ד ע ם ט אָ ל ע ר, מ ע ג י ע ד ע ר פ ו ן ד י אַ ל ע ב י י א י ם א ו י ס צ י ע ן ד י ק אַ פּ י ט ע ס, פ אַ ל ן א ו י פ ן פּ נ י ם, ז י ך ל י י ג ן א ו ן ש ט אַ ר ב ן א י ן מ י ט ן ד ע ר ג אַ ס...

דאָס רעדל יידן, כאָטש שטיקלעך אפיקורסים, ווייסן אים, פונדעסטוועגן צו קוקן אין מויל אריין, און טראַכטן: פון זיין „לייג זיך און פגר״ — אז ער האָט זיך ערגעץ געמוזט גוט אָפּבריען, וואָס, ס׳האָט אים אוועקגעשטעלט „ריטייערט״ אויפן „קאָרנער״, — און זיי זוכן אים אביסל אראָפּצוקלאַפּן:

— וואָס מ׳קען דאָ משוגע רייך ווערן ביי א ניקל, צי אפילו ביי א דיים א חודש? און וואָס ס׳קען אויף אַזאַ בחורל איינגאַנצן אָנקומען? וואָרן, ער איז דען איינער צו דער שיסל? זעכצן־זיבעצן

טאָלער אַ וואָך! נו, וואָלט ער זיך דאָס נישט געקענט מאַכן מיט דעם ברענענדיקן מויל, מיט דעם קאָפּ האָר, פלאַם־פייערדיקע אויגן, — אין אַ גראָסערי? ביי אַ בוטשער? און דאַרף זיך פאַר זיי אויפרייסן די קעל ביי די קעלבער?

דאָס גיט שוין דעם ייד, דעם מעמבער־עט־לארדזש ייד, אפנים, עפּעס אין מויל אריין:

— פאַר די זעלביקע זעכצן־זיבעצן טאָלער אַ וואָך, און אפשר פאַר דעם אויך נישט; מיט די זעלביקע הויכע געקענדזשערטע קעפּ האָר, ברענענדיקע אויגן, פלאַם־פייערדיקע מיילער, אָפּגעטראָגענע שיך, — זענען מיט פערציק יאָר צוריק אויך יענע אַרויס אויף די קאָרנערס... און ער וויל זיך אויך אַדורכשלאָגן אין זייערע טריט... זיי האָבן אים פאַרשמעקט... כע־כע... ווארום נישט?... צען־פופצן טויזנט טאָלער אַ יאָר גייט נישט צופוס... און האָבן עפּעס אַ שטיקל מלוכהלע, אַ שניידערשע, אַ שוסטערשע, און מענטשן זאָלן ברויכן ציטערן אימת־מות, ווען דאָס זאָלן אפילו זיין אַרבעטאָרער, — איז אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט די הענט... איצט: זעכצן טאָלער, איבער אַ יאָר, — פופציק, און אין דריי יאָר אַרום, — שוין ערגעץ זיין אַ „קאָפּ״, די כאַלערע ווייסט וואו: אין אַ צדקה גדולה, אין אַ יוניע, צי עפּעס אין אַן אַנדער קלייזל, — און מ׳וועט שוין מער צו זיין קאָפּ נישט קענען צוטרעטן; ער ברויך בלויז קענען אַנכאַפּן פאַר די הערנער; און אויב ער וועט נאָך דערצו זיין אַן אכזר, אַ רשע, אַ בן סורר ומורה, דער ריכטיקער הורנזון, — וועט ער גיין אין גאָלד...

און אַז דאָס בחורל אויפֿן „קאָרנער" נעמט פּאָרט אַרום זיך ציִען מענטשן; ס'מאַכט זיך אַ רעדל אַרום אים, און אויגן גאַפֿן ווי זיי זאָלן טאַפּן אין דער פֿינצטער: „טאָמער און אפֿשר?" ס'קען דאָך אַמאָל געמאָלט זיין, ער זאָל יאָ האַלטן דעם רעליף ביים האַלדז? און ס'הייבן אָן פֿליִען דיימס, — לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ, דער ייִד אינעם בלויִען סוועטער:

— צו אַן אָרימאַן און אַן אַרבעטאָרער איז זיך גרינג אַריינצוגנבענען אין האַרץ: מ'זאָגט אים צו אַ שטיק ברויט, אַ שטיק פֿלייש, — צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט נישט; דעריבער קענען זיך צווישן זיי פֿלאָדיען אַזוי פֿיל מיאוסע ברואים.

עטוואָס מער רעכטס פֿון דעם גאַנצן קנויפּ הייזער, וואו מ'האָט אַזוי געמיטלעך געדרייט מיטן גראָבן פֿינגער, און מיט עטלעכע קורצע בלאַקלעך, וואָס דאָ, ביים וואַסער, וואו זיי לאָזן זיך אויס אָדער הייבן זיך אָן: מיט איינציקע הייזער, אַ בלאָק — אַ הויז, און נאָך דערצו אַ פֿאַרזעעניש פֿון אַ הויז, וואָס איז פֿון לכתחילה נישט מסוגל פֿאַר מענטשן, נאָר פֿאַר עפּעס אַן אַלטן שפּייכלער, אַ זאַמל־הויז פֿאַר זעק, פֿאַר קאַסטנס, מיט געדעקטע לאָדנס אויף די פֿענצטער פֿון די אויבערשטע שטאָקן: „ווער וועט קריכן אין אַ פֿענצטער פֿון פֿערטן שטאָק, — שלעפּן אַ קאַסטן?" עטלעכע אַזוינע בלאַקלעך אָפּגערוקט, וואָס אין דער היים וואָלט עס, סך־הכל, געהייסן: מיט עטלעכע הייזער; און וואו די גאַסן האָבן אָנגעהויבן אַ קאַפּריז צו גיין אָן נעמען, נאָר מיט נומערן: די ערשטע, צווייטע, דריטע, — האָבן זיך געטראָגן כאַפּטעס ווייבער, צעשריגענע, צעיאַכמערטע, ווי די כוואַליעס אויפֿן איסט־ריווער, אַז זיי הייבן־אָן געטריבן צו ווערן פֿון ווינטערדיקע כחות, — צום פּאָליס־סטיישאַן; דאָ, אינעם פּאָליס־סטיישאַן האָט עמיץ אָפּגעדאַנקט; נישט פֿון קיין קלעפּ, — צום טויט וועלן זיי דאָך, נאָך אַלעם, נישט דערהרגענען; זיי וועלן, געוויינטלעך, צופֿירן ביז צום טירל, און אָפּן לאָזן אַ קליין שפּעלטעלע, אַז דער „אינטאָירן"

פון אַמבולאַנס זאָל קענען אַנעמען ביי אַ האַנט, ביי א פוס, ביי וואָס ס׳וועט זיך לאָזן, און דורכדעם צוריק אדורכנעמען; נאָר דער וואָס האָט אַ־איצט ביי זיי אָפּגעדאנקט, — האָט קיין פליג אויף דער וואַנט נישט פארטשעפּעט; און די טיכטיקע פּאָליסלייט האָבן נישט געהאַט קיין שום סיבה אים מיט א פינגער אָנצורירן; אדרבא, זיי האָבן נאָך שווער און ביטער געארבעט ביי אים, אז דער שווייס האָט גערונען פון זייער שטערן, — אים צו דערהאלטן ביים לעבן... א סך האָבן אים געקענט, דעם מענטש: ער איז דאָ אָפּגעזעסן יאָרן הינטער די ווענט, — עפּעס א ייד, איינער פון אַ סך אזוינע יידן, וואָס האָט זיך אויפגעהאלטן ביי א מיסעס אין באָרד... און וואָס איז דאָ געקומען, גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, ווען?... אפשר געלאָזט, אין וועלכער טייל וועלט, עמיצן, — נאָר ווער עמען האָט געקענט קומען צו חלום, — וואו?... און דאָ געלעבט, פרעגט יעדן בחרם, פון וואָס?... נאָר געלעבט האָט ער... ארומגעגאנגען אויף די פיס, — דאָס וועט קיינער נישט אָפּלייקענען, ווייל אלע האָבן עס געזען; מ׳האָט אים געקענט פון זיינע מילדע אויגן, וואָס האָבן פאַר יעדן געהאַט אַ גוט־מאָרגן, א גוט־יאָר, א יידישן, א פּוילישן, אן אוקריינישן, וואָס, ס׳האָט אזוי גוט ווי געהייסן: אז ער ברויך קומען פון אַזאַ סלאַווישער געגנט, וואָס איז ערגעץ אויף דער גרעניץ צווישן אוקריינע, וואָלין און פּוילן; ס׳האָט קיינמאָל, אָדער ס׳איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאלן זיך נאָכצופרעגן: צי ער האָט זיין מאָלצייט אָפּצועסן? און מיט אַמאָל, וואָס ס׳איז געווען א שרעקלעכער קלאַפּ פאַר יעדן, — ווי דער פּאָליס־סטיישאָן, אליין א צעשראָקענער, האָט אויסגעשריגן: „ער איז ביי אים אונטער די הענט אָפּגעשטאָרבן!". דעמאָלט האָט מען זיך, ווי דער שכל וואָלט ביי יעדן אויפגעלויכטן אין קאָפּ, זיך צוגעכאַפּט צו דער מיסעס: „ווי אזוי האָט זיך דאָס געקענט טרעפן מיט אים? ער האָט נישט געהוסט דורך די נעכט? שווער אָפּגעדעכעט? געזעגט מיטן הארץ? געשנאָרכט פונעם שלאָף? ווי אזוי לייגט זיך דאָס א מענטש אוועק, אָן דעם אלעם, און שטארבט, אז ס׳זאָל עפּעס נישט האָבן ארומגעארבעט אין אים?" האָט זי זיך צעוויגט, ווי א צעשראָקענער בוים, די מיסעס, ווען ער האלט ביי אויסגעריסן ווערן: „וואָס ווייס יאָך? דער קאָפּ איז מיר אָן אים צעבראָכן אויף טויזנט שטיקער!" נאָר דער פּאָליס־סטיישאָן האָט

גאָרנישט בדעה געהאט צו מאַכן דערפון א סוד: אז די געדערים זענען אים איינגעטריקנט געוואָרן פון נישט עסן; און אז מ׳האָט אים געברענגט א פארחלשטן, האָט ער שוין פון זעקס־זיבן טעג, ווי דער אינטאָירן מיינט, — נישט געהאָט גאָר אראָפּגענומען...

און די לויפּנדיקע ווייבער: יידישע, איטאַליענישע, פּוילישע, איירישע, אין וועלכע ס׳ברענט א פייער צו דער רעליף, — צעבלאָזן עס איצט פאר אלע אין די אויגן.

— ווער איז נאָך מער שולדיק ווי זי, די כאָלערעדיקע רעליף, וואָס ער איז געשטאָרבן?

— געבראַנדיקט זאָל זי ווערן, די גאנצע רעליף... וואָרן, מ׳האָט אים דען נישט געזען אָפּזיצן אין איר טעג מיט וואָכן? גיין אַהין און צוריק: „קום מאָרגן, קום איבערמאָרגן”...

— זיי האָבן אַזוי לאַנג נישט געקענט אדורכקומען צווישן זיך, און אים אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן אנדערן, — ביז ער האָט זיך אוועקגערוקט...

— אין די ערשטע צייטן איז זי געווען אַזוי גוט און צוגעלאָזן ווי א יונג מיידל; מ׳האָט נאָר געברויכט מאַכן פאַר איר א אַ קרומע מינע, לאָזן פאַלן אַ וואָרט, א ריר טאָן מיט די ליפּן: מ׳זאָל ביי איר קריגן ס׳טעלערל פון הימל... און איצט, ווי גיך זי האָט זיך איבערגעקערט... געוואָרן אַן אַלטע שטשערווע... אַ מיאוסע בליאַד... און וואָס האָט נאָך ליב אַנצו־קוועלן, אַז מ׳צאַפּלט זיך פאַר איר אין די אויגן אויפן שטריקל...

אלע הייזער שטייען שטום, און טוליען זיך ווי איינע אָן דער אנדערער: די ראַדיאָס ליגן דערוואָרגענע, ווי עמיץ וואָלט איינגע־שלונגען אין דער לופטן די אלע קולות, און זיי זענען געבליבן מיט ליידיקע מיילער, פון וועלכע ס׳האָט נישט מער גאָר ארויסצוגיין... טויטע הייזער, אָנגעבויגענע אויף די קני, אָטעמלאָזע, — ווארטן עפּעס ווי אויף א פייער וואָס בושעוועט אין שכנות, און וואָס ברויך זיי קומען אויסכאַפּן ביי די קעפּ; אָדער אויפן וואסער הינטן, וואָס

גייט אזוי ריזיק פארביי דעם ברעג, וואָס איז ווי אַ גוליע הינטערן אויער פון דעם אינזל, מאַנהעטן,—עס זאָל ארויס פון ברעג, און זיי מיט־נעמען: „קומטס, אלטע מכשפות, — איר ברויכט שוין נייטיק מיטן לעבן א באָד... מיר וועלן אייך אַנעמען פאר די טשופרינעס, און ר י כ ט י ק אונטערטונקען"... אָדער גאָר אינגאנצן אָפּרייניקן ד אַ ס אָרט, וואָס איז אזוי געפעפערט און געזאלצן; פאר אנדערע, מער ליכטיקערע, מער שרייענדיקערע, און ווען אפילו מער גאוהדי־קערע, — הייזער...

דער איינער געשריי אין דער אומקומענדיקער שטילקייט, — זענען די ווייבער, וואָס טראָגן זיך: פון די נומערירטע גאַסן אזוי גוט ווי פון די נאָמען־געגעבענע, און אזוי הויך ווי פון עוועניו די, סי, בי און אפילו עי; עס רייסט איין מיט די ווייבער, וועלכע גייען מקבל־פנים זיין די אלטע ממזרת, די ליבע, גוטהארציקע רעליף, זייער ברויט־געבערן, און נישט מיט שרייען, מאכן קולות, ווארפן אויף איר שטיינער, — וואהאט טהי העל!... נאָר אונטערשפארן מיט א פלייצע פון הונדערט, פון טויזנט, און אפשר נאָך מער, — ווייבער, און, „הע־ע־עפּ!", ווי זי גייט און שטייט, מיט האָק און פּאָק, — איז איסט־ריוועד אריין:

— א י ן ד ר'ע ר ד מ י ט ן ק אָ פּ אַ ז אַ ר ע ל י ף, ב י י ו ו ע ל כ ע ר ס'ז אָ ל אָ נ ק ו מ ע ן מ י ט ן ט ו י ט, ע פּ ע ס א ר ו י ס צ ו ד ר י י ס ן! א ו ן פ אָ ר־צ אָ פּ ן ס'ב ל ו ט: „ק ו ם מ אָ ר ג ן, ק ו ם א י ב ע ר־מ אָ ר ג ן"...

XIV

אָז פלעכט האָט געמוזט צוזען ווי הערילע גיט אַפּ, אפילו נאָכדעם ווי ער האָט אים געמאכט פאר א חתן־בחור, — זיין פּידע צו דער מוטער; און קען אים נישט צונויפפּירן מיט זיין שייני אין צוויי־דריי רומקעלעד, אויפן דריטן צי אויפן פערטן שטאָק, אין איינע פון די ארומיקע הייזער, — האָט ער א קלאפּ געטאָן מיט דער טיר פונעם פינפטן שטאָק:

— זאָל זיך שוין טאָן וואָס ס'וויל; דער טאַטע זיינער איז געוועזן

אַ פּלאָכט, און ער איז נישט קיין קלענערער פּלאָכט פאַר אים, דער זון זיינער...

און זיך נאָך דערביי געזוכט אויסצופיינען פאַר דעם צווייטן מאַנס־פערשוין, פאַר פליכטן, — אַז ס׳זאָל נישט זיין אַזאַ געסראַכע:

— וואָס ער האָט דאָ אינגאַנצן געוואָלט? זיי ביידע חתונה מאַכן! וואָס קען מען דערפאַר האָבן צו אים? ברי לי, די מוטער וואָלט געהאַט אַן עולה, — נו, וועט איר די עולה דען מיידן? וואָס קלערט זי, זיך אייביק צו האַלטן מיט אים?... איז וואָס פריער, — בעסער... זי וועט חלילה פאַר הונגער נישט שטאַרבן, אַז ער וועט אַרויסגיין פונעם הויז... ס׳איז נישט פאַרצייטנס... און אויב פאַר־צייטנס איז אַ מאַמע נישט געשטאָרבן פון דעם וואָס איר זון האָט חתונה געהאַט, מכל שכן איצט, — אַז די רעליף בעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון קיינעם,און בעט זיך נאָר, מ׳זאָל איר קומען זאָגן: „וואו מ׳ברויך"...

פליכט האָט זיך אויסגעלאַכט:

— וואָס ברויכסטו זיך גערעכט צו מאַכן? דערפאַר וואָס זיי האָבן דיך געכאַפּט ביי דער האַנט? נו, זאָלן זיי דיך, פאַר דער מעשה־רע, פאַרשיקן אין פריזן, אויב זיי קענען...

און אים אינגאַנצן אַוועקגענומען פונעם הויז:

— סך־הכל, עטלעכע וואָכן נאָך אַן אָפּעראַציע, און אַזאַ אָפּעראַ־ציע וואָס פלאָכט איז געגאַנגען פון איר שלאָפן... אַלץ איז נאָך ביי דיר רוי, אָפּגעשוואַכט... קום אַרונטער אין אַ רומעניש וויילעדזש: מאַמעליגע, ברינדזע, קאַרנאַצלעך, אַ גראַשיצע... דו דאַרפסט דאָך אויך אָנהייבן קלערן וועגן זיך, ניין?... אַזוי פיל יאָרן ווי דו האָסט בלויז געקענט קוקן אויף דעם אַלעם... און איצט, אַז דו מעגסט שוין צושמעקן דערצו, איז דאָך דיר וואויל... ס׳וועט דיר שוין פון מאָגן נישט אַרויספאַלן מער... מ׳האָט דאָך פאַרנייט די לעכער אין אים...

אויף פלעכטן האָט אַלץ אַ ציטער געטאָן:

— וואָס מיינסטו, כ׳וועל מיך אַראָפּכאַפּן אין אַ רומעניש ווי־לעדזש? כ׳בין דען שוין מיט אַלעם?

— טאָקע דערפאַר דאַרפסטו אים ערשט האָבן, — אַז דו זאָלסט ווערן מיט אַלעמען; פון דער יידענעס מאכלים וועסטו דיר אָפּזוכן

דיינע פאַרלוירינע כּוחות, וואָס דו האָסט פיר יאָר נישט גענומען גאָר אין מויל אַריין? אָדער איבערגעלאָזט אין האָספּיטאַל אין די פערצן טעג, וואָס דו ביסט אין דעם אָפּגעלעגן?...

און גייענדיק אַזוי מיט אים צווישן פּושקאַרדס, אַלטע, קלאַ־גענדיקע הייזער, רויטע, משונה־פאַרבויטע, סטענדס, טומל, עלעגאַנ־טער לויף פון לוסטיקע אויטאָמאָבילן, — געבליבן שטיין אונטערן עלעווייטער, פאַר אַ מענגע אויסגעטוענע מיידן אויפן פּאַפּיר, צוגע־קלעפּט ווי לעבעדיק צו אַ פענצטער פון אַ געוועלב, ריכטיקער: אַ „לאָבי" פון אַ געוועלב, איבער וועלכן אַ שווערע, רויטע, הילצערנע טיר האָט זיך אָנגעלענט:

— האָסט דיר נישט געמאַכט קיין געלעכטער, פליכט, — האָט פלעכט אויף אַים אַ קוק געטאָן.

אַראָפּגייענדיק מיט אים פון דעם שטיקל „לאָבי" וואָס איז בלויז געוועזן אַ מקום אוועקצוגעבן דעם קאַפּעליוש פונעם קאָפּ, און האָט אויפן קוק, — ווי עפּעס אָפּגענאַרט קעגן דער צעפּראַלטער נאַקעטקייט פון די אויסגעטאָנענע מיידן אין פענצטער, — זיך אַלץ געהאַלטן ביי ס׳זייניקע:

— איך וועל בלויז קוקן, פליכט; און זאָלסט מיך נישט נייטן צו עסן...

— האָסט שוין גענוג געקוקט, פיר יאָר, — ווי אַנדערע עסן: איצט ו ו ע ס ט ו לייגן אַין מויל אַריין, — און אַ נ ד ע ר ע וועלן קוקן...

אַוועקזעצנדיק זיך ביים טישל, האָט אים דער קעלנער מיט די שפּיגלען, איבערהויפּט מיט די גענערעלער אויף די ווענט, ווי זיי זיצן צעלייגט מיט די ציגיינערטעס און טרינקען, — דערלאַנגט ווי מיט אַ פלאַש ווײַן איבערן קאָפּ: ר׳איז דאָך ביי זיך אין רומעניע! נישט אַנדערש, ווי ער האָט זיך, נאָך אַזוי פיל יאָרן און מי דערשלאָגן אַהיים... אין דער היימישער קרעטשמע... די גענערעלער זענען דאָ... די ציגיינערטעס אויך... דער רומענישער וואָלאַך ציט ביים נאַפּל... דער ווײַן פון טיש רעדט ווערטער... און ס׳ברויך זיך בלויז אָנגעהייבן אַדיינצוואַוויין די כאַליאַסטרע פון טאַטנס און פון דער מאַמעס צד, אַרומגעוויקלט מיט זעק און מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס... נאָר ווי דען, אין אַטלאַסענע יופּעס?... ער רופט יעדן

פון זיי באַזונדער צו צום טישל: קודם כל, א גלעזל... איידער דו מאַכסט נאָך אויף ס׳מויל, יאַנטשע, — קער איבער ס׳גלעזל אין האלדז אריין! און דערנאָך, אז ס׳האָט דיר וואוילגעטאָן באקומען, — מה בקשתך? ווילסט ראַטעווען א קראַנקן זון?... וואָס פעלט אים?... לונגען?... א הארץ?... דאָ האָסטו א הונדערטער, א לענגלעכדיקן, אַן אויסגעצויגענעם, פריש פונעם אויוון ארויס... און נעם אים קיין בוקארעסט אָדער קיין ווין, דאָ וואו מ׳נעמט מער, — צו א דאָקטאָר... כ׳וועל באַשטיין מיט וויפיל מ׳וועט ברויכן, און זע פאר אים צו קריגן פרישע לונגען. לאָז אים אריינשטעלן אן אנדער הארץ... און דו, ארמשע, מיט וואָס ביסטו געקומען, מיט א טאָכטער, א בוגרת?... כ׳האָב מיך געריכט אויף איר, כ׳זאָל אזוי געזונט זיין... פאַרוואָס האָט זי נישט געזאָלט אלט ווערן, אז דו ציסט דיין גאַנצע היונה פון קלייבן שמאַטעס מיט ביינער?... גיי אוועק מיט איר צום לאַנדשדכן, און לאָז איר שדכנען דעם בעסטן שידוך... פאר וויפיל נדן מ׳זאָל זיך נישט הייסן געבן: הונדערט טויזנט לעי... א מיליאָן... מ׳קען מיך דערמיט נישט אָפּשרעקן... זי האָט א פעטער אין אמעריקע אויף גארעק סטריט, און נאָך אויפן פינפטן שטאָק דערצו, צו די בעק... דו ווייסט, וואָס מ׳זעט דורכן פענצטער, אז מ׳קוקט ארויס, — אין יאס זעט מען דאָס געוויס נישט, — די וויליאמסבורג בריק!... צען טויזנט קאַרס אויף איר אדורכגיין אין איין שעה, און ס׳איז נישט אויסגעטראכט פונעם קאָפּ, — נאָר צוגעציילט: איינע ביי איינע, — איז שוין דאָ וואָס צו זען?... נאָר וועמען ליגן זיי אין קאָפּ... יאָ, און ער איז פון פאַך, — אַ קלאָוקס־אָפּערייטאָר... האָט אַ באָס, — וואָלט ער נאָר באַדארפט זיין אין ברוקלין... לעצטנס האָט ער צוגעקריגן נאָך א באָס, — די יוניע, זי האָט אויך געגומען באַסעווען איבער אים... און ס׳וואָלט גאָרנישט געשאָט, — ער זאָל איר אויך האָבן אין ברוקלין... נאָר ס׳מאַכט נישט אויס, — א קלאָוקמאַכער דאָט האָט ברייטע פלייצעס... ער קען פארטראָגן צוויי בעלי־הבתים אויך... ווייסט נישט וואָס א קלאָוקס אָפּערייטאָר איז?... פון וואַנען זאָלסטו וויסן?... אין יאס זענען קיין קלאָוק־אָפּערייטאָרס נישטאָ... אזא אָפּערייטאָר דרייט ביי א רעדל פון א מאַשין, און ס׳שיטן זיך פון איר רענדלעך, אימפּעריאַלן, גאָלדשטיקלעך... די צרה איז נאָר, וואָס ס׳רעדל דרייט זיך בלויז פיר וואָכן, און א גאַנץ

יאָר שטייט עס... אָ,ביים פעטער לייב גליען די אויגן, — אז כ׳גיב א נדן פאר ארטשיס טאָכטער ?... כ׳וועל דיך, לייבעניו, אויך נישט באַוולהנען... ביסט דאָך דער מאַמעס א פעטער, ניין ?... וואָס טוט דיר וויי, א פוס ?... ווילסט אויף א קוליע ?... פאַרוואָס האָסטו אויך נישט געזען צו האָבן א טאָכטער, א בוגרורת ?... וואָלט זי זיך אויך דערוואָרט אויף א מנה־יפה, און געקענט אָפּלעקן א ביינדל... ווי ?... זי האָט זיך נישט געקענט דערווארטן, און געוואָרן א הור ?... סארי, מאַי באַי... נישט געקענט קומען פריער... געהאט ביטערע סעזאָנען... קלאָוקס איז אויסגעשפּילט... מער־דערלעכע סלעקס... און סטרייקס... זיך כסדר געוואָרגן מיט שיקסעס פון אוט־אוו־טאַון... דער באָס מיר דערלאַנגט מיט א שיקסע איבערן קאָפּ... איך האָב אים, ס׳שטייט זיך, נישט געשוויגן: זי אים דערלאַנגט אין בויך אריין (אז אלע ווילן אים גראָב און מיט א בויך, — זאָל ער האָבן א בויך!) די יוניע אריינגעשטעקט די נאָז, און מיר געוואָלט א בערישע טובה טאָן: אביסל דאָ, אביסל דאָרט... זי וויל טאַנצן אויף ביידע חתונות... פאַרוואָס נישט ?... א שיקסע איז שלעכט ? און מ׳האָט איר געמוזט געבן איבער די הענט: „קיפּ אוט !״... נאָר וואָס גייט עס דיך אלץ אָן ?... גיי לאָז דיר מאַכן א קוליע... און די בעסטע... לאָז דיר מאַכן צוויי: איינע אויף אין דער וואָכן און איינע אויף שבת, — א שבתדיקע קוליע... אָ, דער פעטער טודרוס האָט תרעומות. — וואָס מ׳ברויך מיך קומען זען אין א שענק ?... און וואו דען ?... אז די מאַמע האָט זיך נישט געקענט דערווארטן אויף איר גליק פון אמעריקע, — וואו דען האָב איך מיך געזאָלט טרעפן מיט אייך, ביי איר אויפן בית־עולם ?... איז שוין גלייכער אין דער קרעטשמע... אייערע גענערעלער טרינקען מיט די ציגיינערטעס, מיט וואָס זענען זיי גרעסערע מיוחסים פון אייך ?... לאָזט אויך אראָפּ א גלעזל...

— —

— ביסט געקומען אהער זאָגן קדיש נאָך פלאָכטן ? — האָט אים פליכט א צי געטאָן, — ער האָט איבערגעלאָזט א זון, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר... נישט אזא גרויסער חכם, נאָר מיט דעם אליין, וואָס ער האָט זיך נישט געלאָזט חתונה מאַכן, זאָגט מען, ברויך ער זיין זייער קלוג... פאַרוואָס טרינקסטו נישט ?...

— כ׳האָב מורא פאַרן מאָגן, — האָט זיך פלעכט א טשוכע געטאָן ווי פון א בייזן חלום, — די הויט ציטערט אויף מיר, — אז ער זאָל מיר אויפסניי נישט נעמען דערציילן א מעשה... וואָס מיינסטו, אלעמאָל גליקט עס אָפּ?... האָסט געזען פלאַכטן?...

— דער גאַליציאַנער איז געווען א דרערדליגער, און איז עס פאַר־בליבן... וואָס איז דאָ צו רעדן?... גיס אריין... און פארבייס מיט א שטיקל ברינזע...

פלייכט האָט אין אים אריינגעברענגט, שווער אָבער אריינגע־ברענגט, — דאָס גלעזל קאַלווערט, דעם עכטן יידישן טרונק בראָנפן, ווי זיי זאָגן; און אז ער האָט זיך גע׳עקשנט ביים עסן, — אים גערייצט מיט דעם וואַרימען גערוך פון די טעלערס פלייש, — וואָס ער האָט געהאַט שטיין פאר זיך:

— אויב דו האָסט מורא צו שטעלן אויף א סטייק, דאָס ער וועט זיין צו שווער, — אָרדער דיר א גראַשיצע... א גראַשיצע האָט אן איינגעשאַפט, וואָס זי צעגייט זיך אין מויל, און ס׳קומט פון איר גאָר־נישט ארונטער; דו וועסט הנאה האָבן פונעם עסן א י ר, און דער מאָגן פון א י ר גאַרנישט זען פאר די אויגן...

פלעכט האָט א לעק געטאָן צו דער גראשיצע, און ביים ערשטן ביסן איז אים געקומען פאר די אויגן דאָס שפיטאָל, דער אָפּעראַציע־טיש, די ערשטע דריי טעג, די דאָקטוירים אין ווייסן מיט די מאַסקעס אויף די פנימער; ווי ער ליגט אן אָפענער, מיט אן אויפ־געעפנטן בויך, און הערט זיי רעדן צווישן זיך אויף כלי־זמר לשון, וואָס ער שטויסט זיך אומגעפער אָן: „ער האָט דאָס אים אביסל אויס־געמאַרדעוועט, דעם מאָגן זיינעם... אום־אום”... א נישט, ווייסט ער נישט? און ברויך זיך דערויף ערשט אָנשטויסן? ער פילט דאָס גלעטן פון זייערע הענט, גראַבלעך, ווי זיי וואָלטן געזוכט מיט עפּעס צו פאַריכטן, וואָס ער האָט בידים איבערגעפירט... און מיט וואָס, אויב נישט מיט די אלע סטייקס, לעבערס און גראשיצעס, — זאָל ער זיך איצט ווידער לאָזן פון זיי?... איינמאָל איז נישט גענוג געווען פאר אים, נאָר ער ברויך נאָך אמאָל פארזוכן דעם טעם דערפון?...

און שאָקלט זיך אָפּ:

— עפּעס איז עס ביי מיר, ווי ביי איינעם וואָס גייט אראָפּ פון א שיף; ער שטייט שוין מיטביידע פיס אויף דער ערד, און ס׳שאָקלט

זיך נאָך אלץ, ס׳דרייט זיך... שוין א שײנע פּאָר װאָכן, דאכט זיך, װי כ׳בין דאָס איבערגעקומען, און ביי יעדן ביסן גיב איך מיך נאָך אלץ א כאַפּ, א שטעל־אָן די אויערן: „צי ער לאָזט זיך נישט הערן, דער בחור״...

פליכט האָט נישט געקוקט קיין גליקן. דער פּרעסער האָט ביי אים געארבעט מיט די הענט און מיט די פיס; איינע האָט די אנדערע געזען ארויסצוהעלפן... ער איז געשטאנען איבער אים, דער זול־ל־וסובא, װי א הייצער מיט א שאָפל ביים צעגליטן אויװען פון א קעסל, אין א שיף, — און װאָס ס׳איז ארויפגעקומען אויפן טיש, — איז עס אריין! א סטייק! — אריין! א גראַשיצע, — אריין! אן אייטער, — אריין, געפילטע מילץ, — אריין! א פלעשל סאטוירן, װייס װי קרישטאָל, — אריין! ער האָט גאָרנישט געדאַט אזא גרויס מויל, און עס איז אויך נישט געװען אזוי ברייט צעעפנט; עס האָט זיך בלויז געזען א שמאָל שפּעלטעלע װי ביי א פיש, — פאר די ברעקלעך, װאָס ער האָט בנעימותדיק געשניטן, מיט א קאַלטע לונג־און־לעבער, פון די פליישן; זיי נישט געשלונגען און געכאַפּט, װי א הונגעריקער, געװויינטלעך: כאַפּ־לאַפּ, פּרעסעריש, װען עס אנטגייט אים אונטערן האַרץ; נאָר זיך גע׳עוסקט דערין װי א זאטער, אן אָנגעגעסענער, װאָס עסט בלויז, װייל ס׳איז דאָ אזאַ זאַך װי עסן; א מויל, — אריינ־צולייגן, ציין — װאָס צעקייען דאָס, צערייסן דאָס, צעפּעדימען; א װשט װאָס שלינגט, און א מאָגן ערגעץ, אדער א זאק, װאו דאָס לייגט זיך אלץ אָפּ... ער קייעט געלאסן: א שטיקל, א שטיקעלע, א קיקעלע, א ברייזעלע, אז ס׳זאָל גרינגער צוגיין, זיך נישט איבערפּאַקן דער־מיט, און נאָך חלילה בלייבן געשטעקט, נישט אהין און נישט אהער; נישט קוקנדיק צומאָל אין טעלער אריין, נאָר איבערן פּירעקעכדיקן ליידיקן אָרט װאָס אינעם מיטן, װאו אויף א שטיקל אָפּגעגלאָנצטן קוואַדראַט דרייען זיך מיידן, אנטבלויזטע; דרייען זיך ריטמיש, — זעכצן פיס ארויף און זעכצן הענט אראָפּ; זיי רינגלען זיך איין װי רינגען אין א קייט, און זעכצן קעפּ פאַלן מיט אמאָל אויף ארונטער, — זעכצן פארחלשטע קעפּ, ביי זעכצן לעבעדיק צעצאפּלטע יונגע, בלוט־און־מילך, מיידלשע קערפּערס, — כאַטש נעם און לאָז אויף זיי רעגענען מיט גאָלדענע רענדלעך, גיס זיי אָפּ מיטן װייסן װיין פון די גלעזער, זיי זאָלן זיך אָפּמינטערן, — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — א האָן קרייעט אריין, א צינערנער, ס׳דארף שוין, הייסט עס, ערגעץ טאָגן. די באַלייכטונג נעמט אָפּפאַלן, אָפּפאַלן, און די ליידיקייט זיך אויסלייגן איבער אלע צעראבירטע טישלעך; א געפלעקעלטע אַנגאָראַ־קאָץ מיט א קודלאַטע הינטישע פּעל אויף זיך,—לאָזט זיך אריין, ווי א בייזע אויסגעטראַכטע הערשערן, ווי אלץ וואָלט דאָ איצט געוואָרן אירס, און נאָך מיטן שלאָף אויף די אויגן; זי שטעלט זיך אָפּ מיט יעדן צווייטן און דריטן טריט, גיט זיך א לענגער מיט די גאַנצע לענג אירע, — — — פאר איר האָט דער קריי פון צינערנעם האָן באטייט, אז מ׳ברויך שוין אויפשטיין...

אַז די מיסעס פליכט האָט זיך קעגן טאָג איבער־געוועקט, איז איר עפּעס נישט געפעלן געוואָרן דער מאַן אירער: א קאַלטער מאַן... זומער, און אין וועלכן אייזבאָקס האָט ער געקענט אזוי אויסגעפרוירן ווערן? האָט זי א לאָז געטאָן ביי דעם לעמפּל וואָס אונטערן באלקן פאלן א ליכט אויף אים, און גלייך א ריס געטאָן דעם גאַנצן פינפטן שטאָק פאר די אויערן:

— גוואַלט, גוואלט און גוואַ־לט! ס׳האָט מיך שוין גוט גע־טראָפן מיט אים...

אָבער פון דעם שרייען האָט נישט בלויז דער פינפטער שטאָק זיך גענומען צאַפּלען, ווי זי האָט געמיינט, — נאָר אויך אלע אונטער־שטע שטאָקן, ביז ארונטער; און דער דאָקטאָר, וועלכן מ׳האָט ארויס־גענומען פון דעם דערבייאיקן הויז א נאַקעטן פון בעט, אז ער האָט אים א טאַפּ געטאָן ביים מאָגן, — איז ער געבליבן א פארציטערטער:

— ווי אזוי האָט ער דאָס געזאָלט קענען אויסהאלטן? א פערד, אז עס זאָל אזוי פיל אריינלייגן, — וואָלט זיך ביי דעם אויך דער מאָגן געמוזט צערייסן; אויף שטיקלעך זיך צערייסן...

און אונטן, ארום הויז, וואו די מענטשן פון אלע שטאָקן האָבן זיך געטוליעט, קיין הארץ נישט געהאט אין דעם אריינצוגיין, אָפּגע־רעדט: פון צוריקלייגן זיך אין די בעטן, — זענען אויפגעגאַנגען טענות:

— ע ר ה אָ ט ד אָ ס ג ע מ אַ כ ט ו ו י א ח כ ם:
ז י ך פ אַ ר ש פּ אָ ר ט ד ר י י ע ן אַ ק אָ פּ מ י ט א

האָספּיטאל, מיט שניידן, מיט א נאָמבער,
א רעסיט, מיט נאָדלען, מיט דאָופּ און
סתם מיט רפואות... האַלטן צעדרייט
דאָס הויז יאָרן...
— ער האָט עס געמאַכט ווי א חכם...

1938

אינהאלט:

דער שאָפּ,
עליע רבילע
און די יידלעך זיינע .... 9—48

דער באָס,
די יוניע
און די אַרבעטאָרער
ווי פון איין שטיק .... 51—72

דער טאַטע,
דעם טאַטנס קינדער
און די יוניעס שאָפּ .... 75—96

אויף צום ערשטן מאַי! .... 99—114

דער זייגער
און זיין מערכה .... 119—131

קאַרל מאַרקס
אויף דער אַנדערע זייט .... 135—148

דער סקעב .... 151—152

איסט־סייד .... 157—283

די ערשטע זיבן בענדער דערשינען אין פאַרלאַג
מ. צעשינסקי, שיקאַגע

1טער באַנד:

גנבים — דראַמע אין דריי אַקטן.
דעמבעס — דראַמע אין דריי אַקטן.
יונגען מיט מיידן — איינאַקטער.

2טער באַנד:

מויערן — דראַמע אין דריי אַקטן
מיט א פראָלאָג און עפּילאָג.
פאַרוועלקטע בלעטער — דראַמע אין דריי אַקטן.

3טער באַנד:

פראד — מיסטעריע אין פינף טיילן.

4טער באַנד:

אמעריקע גנב — קאָמעדיע אין פיר אַקטן.
קוידערוועלט — איינאַקטער.

5טער באַנד:

דר. פליעז — קאָמעדיע אין דריי אַקטן.
אויף דער פוקעטע — סצענקע.
די מאַמעס זונדעלע — קאָמעדיע אין צוויי אַקטן
מיט א פראָלאָג און עפּילאָג.
משה דרייקאָפּ — סצענע.
סאָסייעטיס, נעבעך! — מאָנאָלאָג.

6טער באַנד:

מאַרכביינער — טראַגעדיע אין דריי אַקטן
מיט א פראָלאָג און עפּילאָג.
קליינע טעג — טראַגעדיע אין דריי אַקטן.
דער זינדיקער — איינאַקטער.

7טער באַנד:

אויפן ברעג ווייסל — דראַמע אין דריי אַקטן
מיט א פראָלאָג און עפּילאָג.
ווינטן — דראַמע אין דריי אַקטן.
אין דער רייע — איינאַקטער.

אָנגעשריבענע דראַמען ביים מחבר:

פ י י ד ע —
דראַמע אין דריי אַקטן.

י אָ ס ל פ אַ נ צ ע ר —
קאָמעדיע אין דריי אַקטן.

ק אַ ר ל מ אַ ר ק ס א י י נ י ק ל ע ך —
טראַגי־קאָמעדיע אין פיר אַקטן.